STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06547

OYF TSEVORFENE VEGN

Noah Goldberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



געשאנק פון פארלאג
„יידבוך"
בוענאס איירעס

נח גאָלדבערג

אויף צעוואָרפענע וועגן

N. GOLDBERG

POR CAMINOS DISPERSOS

(OIF ZEWORFENE VEGN)

★

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1957

נח גאלדבערג

אויף צעוואָרפענע וועגן

דערציילונגען

פֿאַרלאַג "יידבוך"
ביי דער
"געזעלשאַפֿט פֿאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס
1957

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
N. GOLDBERG
Miami Beach

Hecho el Depósito que marca la ley

Industria Argentina

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 25 DE NOVIEMBRE DE 1957,
EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", SAN LUIS 3149, BS. AIRES

אינהאַלט:

ערשטער טייל

פון דער היים

זייט

ס'איז אויפגעגאַנגען די זון 11
אַ פורים־סעודה 19
אַ ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט 30
די פּאַדקאָווע 40
פאַרלוירן דעם חשבון 49
גרינע עפּל 57
אַ גאָלדן צענערל 68
אַ מאַנסביל 81
שטורעם 88

צווייטער טייל

אַמעריקע

פּיש אויף פּסח 101
אַ פאַרשניטן לעבן 109
אין פרעמדע קליידער 122
הונגער 131
געפונען אַ טרייסט 141
נגידים 150
אין איינעם אַ ביינאַכט 167
עלטערן 173
ברוך הבא 185
אויף דער עלטער 191
דער שטאָלצער טאַטע 198
מלחמה 207
דער רעדנער 218
דער איבערברוך פון עזרא פינקלשטיין 226

דערשינענע ביכער פון נח גאָלדבערג:

„פשוטע מענטשן" — קורצע דערציילונגען. אַרויסגעגעבן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, מיט אַ גרופּע פריינט אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, 1942.

„אַ ליכט גייט אויף" — נאָוועלע פון דעם אַמעריקאַנער יידישן פאַרמער־לעבן. אַרויסגעגעבן פון דעם דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד אין ניו־יאָרק, 1948.

„אויף צעוואָרפענע וועגן" — קורצע דערציילונגען. אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרלאַג יידבוך אין בוענאָס־איירעס, מיט דער הילף פון אַ גרופּע פריינט אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, 1957.

איך דאַנק דעם חשובן בוך־קאָמיטעט און איבערהויפּט דעם סעקרעטאַר פון קאָמיטעט — מיין פריינט דעם דיכ־טער **ז. בוניק**, וואָס האָט דערמעגלעכט, אַז דאָס דאָזיקע בוך, זאָל דערזען די ליכטיקע וועלט.

ערשטער טייל

פון דער היים

ס'איז אויפגעגאַנגען די זון

(לויט אַ לעגענדע וועגן דעם בעל־שם־טוב)

שמואל ניגערן — אין ליכטיקן אָנדענק.

שבת אינדערפרי. ווען דער שמש האָט פּאַרטרויט דעם סוד, איינעם פון די חסידים, אַז מוצא־שבת קלייבט זיך דער בעל־שם אין וועג אַריין צו באַזוכן דעם „אור־גדול", איז די אויפרודערונג אין קלויז געוואָרן נאָך גרעסער ווי אין די אינדערוואָכנדיקע טעג ביים דאַווענען.

אמת, אויפן רבינס פּנים איז נישט געווען צו מערקן, אַז די זאַך איז טאַקע אַזוי. שבת צו שחרית און אַפילו ביים מוסף — האָט ער וועגן דעם קיין אָנצוּ־הערעניש נישט געגעבן. אָן איינגעהילטער אין טלית איז ער געשטאַנען ביים מזרח־וואַנט, אַ בליק געגעבן דורכן פענצטער, געזען מחנות פייגעלעך אַרומפליען אין דער ריינער, בלויער לופט און אויך אים — האָט עס אַ צי געגעבן אין דער ווייטער, ברייטער וועלט.

נאָר באַלד האָט ער פאַרטריבן פון זיך דאָס געפיל און אָנגעהויבן דאַווענען מיט מער ברען און התפעלות ווי פריער. צוגעקנאַקט מיט די פינגער צום טאַקט פונעם ניגון, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן קלויז. נישט זעלטן אויסגעדרייט זיך צום געדיכטן עולם־מתפללים און אויף זיין פּנים איז אַ שטראַלנדיקע זע־ליקייט אויפגעגאַנגען, ווי דער רוח־הקודש וואָלט אויף אים גערוט.

אָבער פאַרנאַכט, אַז מען איז זיך צוזאַמענגעקומען צו מנחה און דער בעל־שם האָט זיך אין טיר באַוויזן, האָט מען גלייך געקאָנט זען, אַז ער איז פאַרזאָרגט. די באָרד איז ביי אים געווען אַ ביסל פאַרשאָרט אָן אַ זייט. מיט טויבע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו זיין „שטאָט", געבליבן שטיין אָן אומבאַוועגלעכער, אַ

שווייגנדיקער און אַריינגעוואָרפן די קלויז אין אַזאַ שטילקייט, וואָס איז פול מיט נישט אַרויסגערעדטע רייד.

סיי פון דער שטילקייט, וואָס איז דאָ געווען אַ זעלטנקייט, און סיי פונעם רבינס האַלטונג, זענען די חסידים אומרויִק געוואָרן און קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס מיט אים איז געשען, ווייל בייטאָג איז ער דאָך געווען פריילעך און שטראַלנדיק ווי די זון.

איז טאַקע איין חסיד, מיט אַ צעפלאָסענער באָרד און צעפליקטער קאַפּאָטע צוגעקומען צו אַ צווייטן און געפרעגט:

— האָט ער עמעצן עפּעס דערציילט? אפשר קלייבט ער זיך גאָר צו זאָגן מוסר דערפאַר, וואָס אינדערפרי האָבן זיך איניקע געשפּאַרט וועגן דעם, אַז אַ פּאַסטוך קאָן נישט זיין קיין „אור־גדול״?

די אומרויִקייט איז געוואַקסן מיט יעדע רגע, מיט יעדע מינוט, מיט איטלעכן אַרויסגעזאָגטן וואָרט ביי מנחה. נאָר פונעם ב״שמס נישט רעדן איז די חסידים קלאָר געוואָרן, אַז באַלד נאָך מעריב וועט זיין שוויגן צענומען ווערן, ווי עס ווערט צעשניטן אַ געדיכטער וואָלקן, ווען אַ בליץ צעפּאַלמעסט אים אויף שטיקער און דער רבי וועט געוויס זאָגן וואָס עס טוט זיך ביי אים אויפן האַרצן.

אומגערעכט איין חשבון זענען זיי נישט געווען. מחמת ווי נאָר מען האָט אָפּגעדאַוונט מעריב און דער לעצטער „אמן״ איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ יאָרצייטליכט, און דער בעל־שם האָט אָפּגעמאַכט הבדלה — האָט דער שמש אַ פּאַטש געטון אויף אַ טאָוול פון אַ פאַרמאַכטן ספר און דער רבי האָט אָנגעהויבן רעדן:

— אויף דער וועלט זענען פאַראַן צוויי סאָרטן מענטשן. צווייערליי צדיקים און למדנים. עס זענען דאָ אַזעלכע וואָס יחוסענען זיך מיט זייער לומדישקייט און מיינען, אַז מען קאָן אַביסל לערנען — איז מען שוין אויך אַ צדיק... פאַראַן אָבער פּשוטע ייִדן, בעל־מלאכות, בעל־עגלות, טרעגער און אַפילו פּאַסטעכער, וואָס קאָנען צומאָל נישט אַ וואָרט עברי און דאָך געפינען זיך צווישן זיי גרויסע צדיקים! אין אַ ווײַלע אַרום וועל איך אַרויספאָרן היִנטערן שטאָט. איז אויב עמעצער וויל — קאָן ער מיטפאָרן. דאָרטן וועל איך אייך ווייזן דעם „אור־גדול״...

מיט צעעפנטע מיילער זענען די חסידים געשטאַנען און די אייגענע אויערן נישט געגלייבט. דעם רבינס ווערטער זענען ווי בייטשן געפאַלן איבער די קעפּ. נאָר די צוויי כישוף־ווערטער „אור־גדול״ האָבן געררייצט די פאַנטאַזיע און איניקע האָבן געענטפערט: „מירן מיטפאָרן״...

אויף צעוואָרפענע וועגן

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר צעעפנט און מיטן בייטש־שטעקל פאַרוקט אין גאַרטל, האָט זיך אַריינגעשטעלט אַלעקסעי דעם רבינס און אַ זאָג־געטון:

— רבי, די פורן זענען גרייט!

אַפּריִער איז אַרויס דער רבי. הינטער אים זענען נאָכגעגאַנגען אַרום אַ מנין חסידים און אויפן בעל־שמס ווונק אָנגעהויבן אַריינקריכן אין די צוויי בוידן. ער אַליין איז נאָך אַ היבשע ווײַלע אַרומגעגאַנגען אַרום די פערד און געגלעט זייערע העלדזער, נאָכגעפרעגט זיך ביי די אָנטרייבער צי די געשפּאַנען זענען אין בעסטן אָרדענונג, צי עס איז פאַראַן גענוג קאָרמע פאַר די סוסים, און ווען אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן איז ער אַריין צו אַלעקסייען אין בויד און געהייסן פאָרן.

ווי דער שטייגער, האָט אַלעקסעי נישט איבערגעפרעגט וווהין. אַ שווייגנ־דיקער האָט ער אָנגעפראָפּט דעם ציבוק מיטן טיטון, אַרויסגעשלאָגן פייער פון אַ קרעמניצע, פאַרויכערט, גענומען די לייצעס אין די הענט, אַ קנאַל־געטון מיט דער בייטש איבערלופטן און די רעדער האָבן זיך אַ קייקל־געטון אַפּריִער פאַ־מעלעך און דערנאָך אַלץ גיכער און גיכער.

די צוויי בוידן האָבן ווי ווינטן געשניטן די שטאָט און כאָטש די בעל־עגלות האָבן די סוסים נישט געטריבן, האָבן זיך אָבער די רעדער געאײַלט אָנצויאָגן איינס די אַנדערע. אָט־אָט וועלן די הינטערשטע רעדער דעריאָגן די פאָדערשטע און זייערע שטאָלענע שינעס וועלן זיך צעקושן... דערווײַלע זענען הייזער נאָך הייזער און גאַסן נאָך גאַסן אַנטקעגן־געלאָפן די בוידן און אויף זייער שטייגער מקבל־פּנים געווען דעם רבין מיט זיינע חסידים.

דער וועג איז געווען אַ ווייטער און אַ שווערער. ווי נאָר מען איז אַרויס־געפאָרן הינטערן שטאָט און די רעדער האָבן אַ לעק־געטון די פעלדיקע קאַלייעס, איז דער זאַמד טיפער געוואָרן. די פערד האָבן איינגעהאַלטן די טריט, באַדעקט געוואָרן מיט אַ ווייסע פינע, שווער געסאָפּעט, געוואָרפן מיט די דעכוועס און האַרט געשפּאַרט זיך אויף די כאָמוטן.

דערזען, אַז די סוסים גייען נישט אין שפּאַן ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווי עס פּאַסט פאַר דעם הייליקן רבין מיט זיינע געהויבענע מקורבים, האָט אַלעקסעי פאַרהויבן די בייטש און מיטן גאַנצן כוח געוואָלט אַ קאַטעווע־טון די פערד איבער די פלייצעס. נאָר אין דער רגע האָט אים דער בעל־שם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און נישט דערלאָזט:

— ס׳טייטש! פון די פערד ציסטו דאָך חיונה, איז פאַרוואָס קומט זיי נאָך

צו ווערן געשלאָגן? אגב, איז נישטאָ וואָס צו איילן זיך. אַהין דאַרף מען אָנקומען ערשט אַ שפּראָץ אויף טאָג...

נאָכדעם האָט דער רבי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון בויד, באַטראַכט דעם וועג, אַ בליק געגעבן אויפן אויסגעשטערנטן הימל און געבליבן זיצן אַ פּאָר־קלערטער און ווי ער איז זיך אַזוי געזעסן אַ פאַרטראַגענער אין ווייטע מחשבות, האָט ער מיטאַמאָל פאַרצויגן אַ ניגון, וואָס האָט געפלייצט ביי אים פונעם האַרצן ווי אַלטער, גוטער ווייַן פון אַ דעמבענער כּלי... די חסידים זענען וואָך געוואָרן, אויפגעכאַפּט דעם רבינס ניגון און מיטגעהאָלפן, אַפריער שטילערהייט און דערנאָך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אַפילו אין דער אַנדער בויד האָט מען אָנגעהויבן זינגען און צוגעקנאַקט מיט די פינגער:

— „איידילידי־באָם! איידילידי־באָם! איידילידי, איידילידי, איידיליד־באָם!".

כאָטש דער זאַמד איז איצט אַ סך פליטקער געוואָרן, פונדעסטוועגן זענען די פערד נאָך אַלץ געגאַנגען פוס־טריט, פריילעכע געשמיסן מיט די עקן אויף רעכטס און אויף לינקס. די רעדער האָבן צוגעסקריפּעט צום טאַקט. אַפילו דאָס פעלד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון ביינאַכטיקן דרימל און אָפּגעענטפערט מיט טויזנטער קולות פון זשאַבעס, פון גראָז־שרייערס און עס איז אויסגעקומען ווי אַ גרויסע קאַפּעליע וואָלט געשפּילט אויף פאַרשידענע כּלים און באַגלייט דעם רבינס ניגון.

מיטן גאַנג פון די שעהן איז דאָס געזאַנג שטאַרקער, העכער און לעבעדיקער געוואָרן. די פאָרער האָבן געזונגען מיט ברען, מיט אימפּעט, פאַרגאַנגען זיך אויף די העכסטע טענער און שיעור נישט אונטערגעשפּרונגען אין די בוידן.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז פון ווייטן האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן דער סילועט פון אַ וואַלד און די פערד האָבן אַ פאַרכקע־געטון מיט די נאָזדרעס צום דערשמעקן צי אויפן וועג איז קיין געפאַר נישטאָ, דעמאָלט זענען די חסידים אַנטשוויגן געוואָרן. מיט ציטער אין די הערצער האָבן זיי געקוקט אויפן וואַלד און געזען, אַז וואָס אַ רגע, אַ מינוט שיילט ער זיך אַרויס אַלץ בולטער, ווערט קאָנטיקער און וואַרפט־אָן אַ פּחד.

געמיינט האָבן זיי, אַז דורכן וואַלד וועט מען נישט דורכפאָרן. ער וועט געוויס אָפּלויפן אָן אַ זייט, אַוודאי אויף רעכטס. דעריבער האָבן די חסידים דעם רבין גאָרנישט געפרעגט און טיף אין די הערצער געגלייבט, אַז דעם וואַלד וועלן זיי, סוף־כּל־סוף, אויסמיידן.

אָבער ווי איבעראַשט זענען זיי געוואָרן, ווען די פורן האָבן זיך צוגעקערעוועט האַרט צום וואַלד און די בעל־עגלות האָבן אָפּגעשטעלט די פערד. דעמאָלט

האָט זיך דער רבי אויפגעהויבן פונעם היי, אַרויסגעשטיגן פון בויד, אַ קוק־געטון אויפן האָריזאָנט און געזאָגט:

— פונדאַנען־אָן וועלן מיר גיין צופוס; שטילערהייט דאַרף מען דערגרייכן דעם אָרט ווו דער „אור־גדול" געפינט זיך. דאָרט וועלן מיר זיך באַהאַלטן הינ־טערביימער און פונוויטן זען וואָס ער וועט טון... איצט — קומט; שוין באַלד גרויסער טאָג; אָבער עס מוז זיין שטיל...

דורכן וואַלד זענען זיי געגאַנגען האַרט איינער נעבן אַנדערן און מיט מורא אין די הערצער איינגעהערט זיך צום וואָיען פון אַ וואָלף. אַראָפּגעפאַלענע בלע־טער און טרוקענע צווייגעלעך האָבן געשאָרשטשעט און געקנאַקט אונטער די טריט. פון צייט צו צייט איז דורכגעפלויגן אַ נאַכט־פויגל און מיט די געזונטע פליגלען צעפּאַטשט די פאַרטאָגיקע לופט.

ווען עס וואָלט ליכטיק געווען, וואָלטן מען געקאָנט זען ביי די חסידים אויף די פנימער, אַז אָן דעם בעל־שם וואָלטן זיי זיך נישט אַרויסגעלאָזט אויף אַזאַ „געפערלעכע" נסיעה... ווייל גייענדיק האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז פון יעדן קוסט וועט באַלד אַרויסקריכן אַ שלאַנג, אַרויסשפּרינגען אַ וואָלף. נאָר דעם בעל־שמס געשטאַלט, וואָס האָט זיך באַוועגט אַביסעלע פאָרויס האָט זיי אָנגעהויכט מיט זיכערקייט, אַז קיין בייז וועט נישט געשען.

און אָט איז אויפגעגאַנגען דער פאַרטאָג. צווישן די צווייגן האָט זיך באַוויזן דער הימל, ווי דורך אַ רעשעטע און עס איז ליכטיקער געוואָרן. דער וואַלד — שיטערער. די ביימער, וואָס זענען פריער געווען אַזעלכע מוראדיק הויכע און געדיכט פאַרצווייגטע, זענען איצט געשטאַנען קליינע, דאַרע און שיטערע, און קיין קוסטעס איז בכלל נישט געווען צו זען. דאָס וואָלפישע וואָיען איז אָפּגע־שטאָרבן. דערפאַר אָבער, האָבן זיך כאָרן־פייגעלעך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אָנ־געהויבן זינגען אַ שירה צום „אייביקן" און פאַר די חסידים איז דער וועג גרינגער געוואָרן.

אמת, גיין ווייט אין טאָג אַריין איז זיי נישט אויסגעקומען, מחמת באַלד זענען זיי צוגעקומען צו אַ פלאַכער לאָנקע, וואָס האָט אין דערמיט געהאַט אַ קליינע „סאַזשעלקע", אין וועלכער עס האָט אַריינגעבליקט דער פאַרטאָגיקער הימל און אָפּגעטובלט דעם גרינעם מאָרגן־שטערן און איבערגעקערט די אַרומיקע ביימער, — מיט די קעפּ אויף אַראָפּ...

נישט ווייט פונדאַנען זענען אַרומגעגאַנגען שעפּסן און געצופּט דאָס גראָז. דערפילט, אַז מענטשן זענען דערביי, האָבן אייניקע אויסגעדרייט די קעפּלעך

צום וואַלד, ווי זיי וואָלטן געפּרעגט: „ווער זענען דאָס די צוויי־פּיסיקע באַשע־פעניש, וואָס שפּילן זיך אין פאַרטאַגיקע באַהעלטענישן?“...

אויף אַ קליין בערגל, דערנעבן, איז געלעגן און געשלאָפן, משה־פּאַסטוך, אַ ייִד אין די פופציקער יאָרן, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד. אַן איינגעוויקל־טער אין אַ קאָלירלאָזן מלבוש, האָט ער אַפילו נישט געהערט דאָס מעקען פון זיינע שעפּסן, ווי קיין זאַך וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען אחוץ דעם שלאָף, וואָס האָט אים אין אַנדערע וועלטן אַוועקגעטראָגן. אין וועלטן אַזעלכע, ווו עס געפינען זיך גרויסע בתי־מדרשים מיט לאַנגע טישן, אַרום זיצן ייִדן און לערנען, און אויך ער, משה־פּאַסטוך, זיצט דאָס צוזאַמען מיט די צדיקים און לערנט תורה...

ווען חסידים האָבן דערגרייכט די לאָנקע, האָט זיך דער בעל־שם אָפּגע־שטעלט, אויפגעהויבן די האַנט, אַ צייכן־געגעבן אַז מען זאָל זיך באַהאַלטן הינ־טער ביימער און נישט רעדן, נישט נתפּעל ווערן פון דעם, וואָס זיי וועלן באַלד זען און בלויז קוקן אויפן שלאָפנדיקן פּאַסטוך.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און, צו זייער שטוינונג האָבן די חסידים דערזען: דער פּאַסטוך איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דער „סאַזשעלקע“, מיט אַ שטיקל אויסגעבויגענע קאָרע פון אַ בוים — אָנגעשעפּט אַביסל וואַסער, אָפּ־געגאָסן די נעגל, די הענט אָפּגעווישט אינעם גראָז, פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל און מיט אַ גראָבן קול אָנגעהויבן רעדן:

— „אַ גוט־מאָרגן דיר, טאַטע זיסער! דו ווייסט דאָך, רבונו־של־עולם, אַז דאַוונען קאָן איך נישט. נו? וועל איך עפּעס זינגען צוליב דיר... אוי, טאַטעניו האַרציקער, אוי, טאַטעניו קרוין! אוי, לאָז דיינע שעפּעלעך אין פעלד ניט אַליין!“...

אַז ער האָט פאַרענדיקט דאָס ליד איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ צווייטער, אין אַ דריטער. וואָס מער ער האָט געזונגען, אַלץ מחיהדיקער און נשמהדיקער זענען זיי אַרויסגעקומען. נאָר די חסידים הינטער די ביימער האָבן מיט די אַקס־לען געהויבן:

— וואָס איז דאָס?! אַזעלכע לידער זינגען דאָך, דאַכט זיך, דינסטמוידן אין שטאָט?!...

משה־פּאַסטוך האָט נעבעך נישט געוווּסט, אַז מענטשן באַהאַלטן זיך הינטער ביימער אין וואַלד, היטן יעדן ריר זיינעם און קוקן מיט ביטול אויף זיין תפילה טון צו גאָט. און ווען די לידער האָבן זיך ביי אים אויסגענומען, האָט ער ווידער פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל:

— „וואָס נאָך קאָן איך טון פונדיינעטוועגן?... דו ווייסט דאָך, טאַטע זיסער, אַז דאַוונען קאָן איך נישט! נו? — האָב איך דיר לידער געזונגען... איז האָב קיין

פאַר:בל נישט פאַר מיין פּראַסטקייט!... יאָ, גאַר פאַרגעסן, אַז איך קאָן אַבּיסל טאַנצן; איז אויב דו ווילסט — וועל איך טאַנצן פון דיין כבוד־וועגן...

און נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם בגד פון די פּלייצעס, אַראָפּגעצויגן די שטיוול, די פיס אָפּגעטובלט אינעם ריינעם וואַסערל, שטייפער פאַרצויגן דעם פּאַסיק אַרום די לענדן און אָנגעהויבן טאַנצן. און בשעת־מעשה האָט ער געמאַכט פאַרשיידענע העוויות. וואָס אַ רגע איז דער טאַנץ אַלץ פלאַמיקער געוואָרן. דער טענצער האָט זיך געדרייט גיך און גיכער און אַלץ געקוקט צום הימל...

די שעפּסן האָבּ זיך נישט אומגעקוקט אויפן טאַנצנדיקן פּאַסטוך און געצופּט דאָס גראָז, ווי פאַר זיי וואָלט דאָס קיין נייעס נישט געווען. דער טענצער איז געשפּרונגען, געשטעלט אַ פוס איבער אַ פוס, געטאַנצט מיט כוונה און ברען. נאָר אָט איז ער אַ פאַרמאַטערטער אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים אַרויף:

— מער, רבונו־של־עולם, קאָן איך גאָרנישט טון... איך האָב האָב דיר לידער געזונגען און געטאַנצט. איך ווייס, אַז אַזאַ סאָרט דאַוונען איז גאָרנישט ווערט, נאָר אַנדערש קאָן איך נישט. אַפילו צדקה געבן איז ניטאָ וואָס... יאָ! איך האָב געהערט זאָגן, אַז יידן האָבן עולם־הבא. איז אויב, אויך איך האָב כאָטש אַ קליין שטיקעלע עולם־הבא — גיב איך דאָס דיר אָוועק!...

ווען די חסידים האָבן דערהערט, אַז דער פּאַסטוך האָט אָפּגעגעבן זיין חלק עולם־הבא, זענען זיי פאַרציטערט געוואָרן. אין דער רגע האָבן זיי דערפילט ווי קליין און נישטיק עס איז זייער למדנישקייט און צדקות אַנטקעגן דער תמימות פון דעם „אור־גדול״. — ווייל צו אַזאַ הויכער מדרגה זענען זיי נאָך נישט דערגאַנגען און אַראָפּגעפאַלענע ביי זיך, אויסגעמיטן צו קוקן איינער אויפן אַנדערן.

און דער בעל־שם־טוב? כאָטש ער אַליין האָט אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז מען זאָל נישט רעדן, כדי דער „אור־גדול״ זאָל זיי נישט דערהערן און באַמערקן, ער אַליין האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און אַרויסשלייענדיק זיך פון זיין באַהעלטעניש, איז ער מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צום פּאַסטוך און אים די האַנט געגעבן:

— שלום־עליכם, אור־גדול! דו ביסט אַ גרויסער צדיק! דיין תפילה איז אָנגענומען ביים רבונו־של־עולם. בעט איך דיר: ווען דו וועסט אַמאָל קומען אין שטאָט, זאָלסטו מיין שוועל נישט אויסמיידן... איצט מוז איך גיין. זיי געזונט און געבענטשט — אמן!!

דער „אור־גדול״ איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,

מורא געהאַט אויפצוהייבן די בליקן, ווייל אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין מענטש, נאָר אַ מלאך, וואָס איז פון הימל אַראָפּ און צוריק פאַרשוווּנדן געוואָרן.

דערווייל איז דער בעל־שם, אַ שטראַלנדיקער און אַן אויפגעלויכטענער צו־געקומען צו זיינע באַהאַלטענע מקורבים און אַ ווונק־געגעבן, אַז עס איז שוין צייט צו פאָרן אַהיים.

איצט האָט דער וואַלד געשפּרודלט מיט לעבן. די פייגעלעך האָבן נאָך אַלץ שירה געזונגען און די חסידים האָבן גאָרנישט באַמערקט ווי גיך זיי זענען צו־געגאַנגען צו די בוידן.

אַז זיי האָבן זיך ווידער צעטיילט אין צוויי פּאַרטיעס, אַריינגעקראָכן אין די בוידן, איינגעמאַשטשעט זיך אינעם היי און די רעדער האָבן זיך נאָכאַמאָל אַ קייקל־געטאָן איבערן פעלד, האָט דער בעל־שם־טוב אַ פאַרשנדיקן קוק געגעבן אויף די חסידים און גאָרנישט געזאָגט. בלויז זיינע טיפע, ליכטיקע אויגן האָבן גערעדט אויף זייער אייגענעם לשון: „אָט דאָס איז אַן אמתער צדיק"...

אַ היבשע ווײַלע איז ער געזעסן אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרכמורעטער. דערנאָך אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק און געזען: די זון איז אויפגעגאַנגען ווי אַ גרויסער, גילדערנער קירבעס און אָפּגעפאַרבט דאָס גאַנצע פעלד אויף גאָלד. בלויז דער וואַלד איז געבליבן שטיין — אַ טונקעלער און אַ פאַרבאָרגענער, און דער רבי האָט אַ קלער־געטון, אַז דאָרטן אין וואַלד איז געבליבן אַ גרויסער צדיק, וואָס קאָן צומאָל נישט אַ וואָרט עברי, נאָר זיין האַרץ איז געוועבט פון די ריינסטע, גאָלדענע פעדים; און ווען העלן אין דער וועלט, ווי די ערשט־אויפגייענדיקע זון. פון דעם געדאַנק האָט זיך ביים בעל־שם־טוב אויף די שפּיץ־באַקן אַ רויטלעכע פאַרב געשטעלט. דאָס האַרץ איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט פרייד, וואָס צום כלל־ישראל איז צוגעקומען נאָך אַ צדיק. און דער רבי האָט זיך ווידער צעברומט, נאָר דאָס מאָל — אונטערן נאָז:

— איידידילי־באָם! איידידילי־באָם! איידידילי, איידידילי, איידידילי־באָם!...

אַ פּורים־סעודה

די זאַווערוכע האָט געדרייט, געטאַנצט און געבושעוועט. שאַרפע ווינטן האָבן געקלאָגט מיט אַ וואָלפישן געוואַי, אַראָפּגעשאָטן שניי־בערג אויף די דעכער, אויף די הויפן און גאָר גיך פאַרוואַנדלט די באַברויסקער גאַסן אין אַ ווייסן ים.

די זאַווייע איז אַליין נישט געקומען. זי האָט מיטגעבראַכט אַ ברענענדיקן פראָסט, וואָס האָט געשטשיפּעט די אויערן, איינגעפרוירן דעם אָטעם און אויף די פענצטער אויסגעמאָלט פאַנטאַסטישע פּאַלאַצן מיט אויסערגעוויינלעכע הויכע און קיילעכדיקע קופּאָלן, געפרענטלטע בריקן און ווייס־בוימערדיקע אַלייען זע־נען אויפגעגאַנגען אויפן גלאָז און געררייצט דאָס אויג.

צוליב דעם קאַלטן און שווערן ווינטער האָבן די פויערים פון די אַרומיקע דערפער אַ לאַנגע צייט נישט אַריינגעבראַכט קיין שליטל האָלץ, אַ זעקל מעל, צי קאַרטאָפל אין שטאָט צום פאַרקויפן. האָט דער הונגער אָנגעהויבן אַרומגיין איבער סלאָבאָדקע מיט אַזעלכע שפּאַנען, וואָס זענען פון טאָג צו טאָג קענטיקער געוואָרן, אָפּגעשטעמפּלט זיינע טריט אין די אָרעמע ייִדישע שטיבלעך און איבערגעלאָזט דאָרטן היבשע סימנים.

פון אָנהייב האָט זיך דער הונגער אַריינגעגנבעט דורך די שפּאַרונעס אין די פענצטער, דורך די קומענס פון די נישט־געהייצטע אויוונס און אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די סלאָבאָדקער ייִדן. קינדער און אַפילו דערוואַקסענע זענען אָנ־געגריפן געוואָרן פון אים. זיי זענען לאַנג געלעגן אין די צעפּאַרענע בעטלעך, אויף די קאַלטע אויוונס און געצאַנקט, ווי ליכטלעך.

אָבער, גאַנץ אַנדערש איז דאָס געווען אויפן ניעפּסק, ווו עס האָבן געוווינט די רייכע בעלי־בתים פון שטאָט און איבערהויפּט — ביי רבי אליהו פּאהאסטער. ער, דער חסידישער רבי, האָט געהאַט אַ גרויסן הויף מיט שטיבער

און שטיבלעך, וואָס זענען געווען אַרומגעמויערט מיט אַ ציגעלנער וואַנט, ווי אַ פעס־טונג. דאָ האָט זיך דער פּראָסט נישט אָנגעזען. די אָנגעהייצטע הייזער האָבן קיין קעלט נישט אַריינגעלאָזט. אויך האָט דאָ דער הונגער קיין שליטה נישט געהאַט. דערויף האָט שוין געזאָרגט דבורהלע, די רביצין, אַ דאַרע און אַ קליינע ייִדענע, מיט אַ האָרבל אויף די פּלייצעס. זי האָט שטענדיק אַזוי אויסגעמאַרקירט, אַז אַרום דעם רבין זאָלן זיך בלויז קרייזן די פאַרמעגלעכערע חסידים, כאָטש דעם פּאַהאַסטער אַליין זענען ליבער געווען די אָרעמע ייִדן, אָן אונטערשיד, צי זיי זענען געווען חסידים אָדער מתנגדים...

דער פּאַהאַסטער איז געווען אַ ייִד, אַ זקן, מיט אַ לענגער ווייסער באָרד און געדיכטע ברעמען איבער די ליכטיקע אויגן. האָט ער געקוקט אויף די רייכע פון צווישן די פינגער, נישט געקאָנט פאַרטראָגן זייער אייגענעם געמאַכטן „בכבודיקן שטעל” און די בייכלעך, וואָס האָבן זיך כסדר אַרויסגעבערגלט פון אונטער זייערע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס. און דער רבי פלעגט גיכער אויפנעמען בעל־מלאכות, בעל־עגלות און טרעגער, וואָס זענען געקומען צו אים מיט הונגער אין די אויגן, מיט פּוסטע קעשענעס, אָבער דערפאַר מיט פולע הערצער צרות און גרויס ליבע צום רבונו־של־עולם...

אמת, אַ חוץ מיט אַ ברכה, צי מיט אַ טרייסט־וואָרט, האָט ער זיי נישט גע־קאָנט העלפן, ווייל זיין אשה, דבורהלע, וואָס איז געווען אַ בת־יחידה ביים רבין, הערש־בער, דעם פּאַהאַסטער ע״ה, האָט באַלד נאָכן פאָטערס פּטירה צוגע־נומען די שליסלען ביי וועלוועלע גבאי און אַליין געפירט די באַלעבאַטישקייט אין הויף, מיטן אַן אייזערנער, פאַרמאַכטער האַנט.

אין אָנהייב איז דערפון געקומען צו גרויסע און אָפטע מחלוקות צווישן מאַן און ווייב. אָבער גאָר גיך האָט רבי אליהו פּאַהאַסטער איינגעזען אַז איבעראַנדערשן אַן אישה־רעה און באַוויזן איר, אַז ווען גאָט העלפט און עס איז דאָ פון וואָס, טאָר מען דאָס נישט האַלטן בלויז פאַר זיך אַליין, — קען מען נישט. האָט ער זי אויסגעמיטן און איז געוואָרן אַ שווייגער, אַן איינגעשלאָסענער אין זיך.

נאָר ווען עס איז צוגעפאַלן דער פּורים און דבורהלע פלעגט, ווי געוויינט־לעך, צוגרייטן גרויסע טישן פאַר די פאַרמעגלעכערע חסידים, וואָס זענען אַהער געקומען פון דער נאָענט און פון ווייט, האָט שוין דער פּאַהאַסטער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און געמוזט פּראַווען מיט זיי די סעודה.

אַזוי האָט זיך דאָס געפירט אַ יאָר נאָך אַ יאָר און מיט יעדער פּורים־דיקער סעודה איז ביי אים צוגעקומען נאָך אַ קנייטש אויפן הויכן שטערן, נאָך אַ שניט

אין האַרצן און יעדעס מאָל האָט ער געהאָפט אויף אַ נס מן השמים, אַז דעם קומענדיקן יאָר זאָל ער דאָס שוין מער נישט דאַרפן טון...

נאָר היי־יאָר, אַז דער פּאַהאַסטער האָט זיך דערוווּסט פון דעם גרויסן הונ־גער, וואָס האָט, דעם ווינטער אַרומגעכאַפּט די שטאָט, האָט ער פאַרבויגן אַלע פּאַרדראָסן און געזאָגט צום גבאי:

— וועלוועלע, מ׳דאַרף זען... אַז היינטיקן פּורים זאָל קיין סעודה נישט זיין... די שטאָט הונגערט, גרויסע און קליינע פאַלן ווי די פליגן, להבדיל...

מיט אַ בעלמע אויפן לינקן אויג און מיט אַ רויטער, קאַלטענעוואַטער באָרד, וועמעס עקן־האָר האָבן זיך פאַרקייקלט פון אונטער זיין שפּיציקער מאָרדע, האָט וועלוועלע נאָך שטייפער פאַרצויגן דעם גאַרטל אַרום די לענדן און בעת־מעשה אונטערגעהאָפּקעט:

— וואָס איז שייך „נישט לאָזן״?... ס׳וועגדט זיך עפּעס אין מיר?... אמת, דער הונגער איז טאָקע גרויס. ערשט היינט דריי לוויות געווען... נישט דאָ גע־דאַכט... סלאָבאָדקע גייט אויס... אָבער... אַז די שליסלען זענען שוין לאַנג נישט ביי מיר אין די הענט... איך האָב דען עפּעס אַ דעה?...

מער האָט דער גבאי וועגן דעם נישט גערעדט. ער איז אַוועקגעגאַנגען צו דער הרובע, געעפנט דאָס טירל און מיט כעס אַריינגעוואָרפן נאָך עטלעכע שייט־לעך האָלץ, וואָס האָבן באַלד אָנגעהויבן טרעשטשען און אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט פייער־צונגען.

דער פּאַהאַסטער איז געבליבן שטיין פון דער וויטן ווי אַ פאַרלוירענער און אַ דערשלאָגענער. ער האָט געקוקט אויפן פייער אין הרובע און געזען, ווי דער פייער האָט אָפּגעקופערט וועלוועלעס באָרד, וואָס איז נאָך קיינמאָל אַזוי רויט נישט געווען און דעם רבין איז אַ געדאַנק דורכגעלאָפן, אַז וועלוועלעס באָרד רויטלט זיך עפּעס נישט אומזיסט...

דער דאָזיקער רעיון האָט דעם רבין אונטעריאָגט, אַז ער דאַרף עפּעס טון: פאַר די הונגעריקע ייִדן אין שטאָט, העלפן זיי מיט וואָס נאָר ער קאָן. האָט ער אַראָפּגעשלונגען דעם אייגענעם כבוד און פאַמעלעך אַריינגעגנבעט זיך אין דער גרויסער קיך, ווו די רביצין האָט זיך אַרומגעשאַפט מיט אַ פּאָר ווייבער, וועלכע זענען געשטאַנען ביים לאַנגן, סאָסנאָוון טיש און געוועלגערט בלעטלעך טייג.

די רביצין האָט אַ גיכן, קאָסאָקן קוק געגעבן אויפן טייג און אַ כעסדיקע געקאָמאַנדעוועט:

— עס טויג נישט! וועלגערט נאָך אַ ביסל! די בלעטלעך דאַרפן זיין דינע. וועלגערט! וועלגערט!

נח גאָלדבערג

אַז דער פּאַהאַסטער האָט דערהערט איר קאָמאַנדעווען, האָט דאָס אים נישט שאָקירט, אויף אַ האָר נישט איבעראַשט, פּונקט ווי ער וואָלט גאָר אַנדערש נישט דערוואַרטעט. דאָך האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז נישט זי האָט דאָס געשריִען אויף די ווייבער, נאָר דאָס שפּיציקע האַרבל אויף איר טוכלעוואַטער פּלייצע האָט דאָס אַזוי געשיפּעט מיט שאַרפער בייזקייט.

דערזען דעם רבין אין קיך, האָבן זיך די נשים דערשראָקן. אַ רגע געקוקט אויף אים מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן. דערנאָך אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און מיט מורא אין די הערצער געוואַרט ער זאָל זיי עפּעס זאָגן, צי גאָר שטראָפן. אָבער, ער האָט זיי גאָרנישט געזאָגט, אַפילו נישט געקוקט אין זייער זייט. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אין דער צעעפנטער טיר, אָפּגעוואַרט ביז די רביצין האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און אַ צייכן געגעבן, אַז זי זאָל אַרייננגיין מיט אים אין דער ליידיקער סאַלע.

מיט שווערע טריט איז זי אים נאָכגעגאַנגען אַהין, און דערווייל, פון אונטערן פאַרטוך, איבערגעלייגט דאָס בינטל שליסלען פון איין קעשענע אין דער אַנ־דערער:

— וואָס איז שוין ווידער?...

דער פּאַהאַסטער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, מיט אַ פינגער אויסגע־ווירעט אַ קרומע סטעזשקע אויפן שויב, וואָס איז, פון צופיל וואַרעמקייט, געווען פאַרהויכט מיט אַ ווייסן נעפּל און ער האָט געזען, ווי אינדרויסן האָט אַנגעהויבן פלאָטערן אַ פרישער שניי:

— איך זע, אַז אַפילו אויך דאָס מאָל גרייטסטו צו אַ סעודה... ס'איז אַ חילול־השם!... אַ חרפּה פאַר דער שטאָט! האָב גאָט אין האַרצן, דבורהלע!... פּיצלעך קינדערלעך קומען אום!... בעסער שיק אַוועק דאָס עסן צו די סלאָבאָדקער אָרע־מעלייט!...

מיט אַ ברעג פון דער פאַטשיילקע האָט זי אָפּגעווישט זיך די בלויע, דינע ליפּן און דערנאָך אָפּגעבונדן דעם קנופּ, וואָס איז ביז איצט געלעגן אויף איר גאָרגל:

— האָסט שוין ווידער אָנגעהויבן מיט דיין „סלאָבאָדקע״? ווינציק האָב איך זיי געגעבן? אַ לעכערדיקן זאַק קאָן מען נישט אָנשטאָפּן!... רק דיך אָרן די פאַ־רימדיקע סעודות!... איך האָב שוין דיר טויזנט מאָל געזאָגט, אַז דאָס איז נישט דיין עסק און נישטאָ מער וואָס צו רעדן דערפון!...

אַ רגע האָט זי נאָך עפּעס געוואָרטשעט אונטערן נאָז, מיט די זשוואַווע

פינגער פאַרקניפּט צוריק דאָס לויז־געוואָרענע טיכל, מיט אַ ווינקל־אויג אַ בליצל געטון אויף איר מאַן און צוריקגעקערט זיך אין קיך.

דער רבי האָט אויפגעכאַפּט איר קוקעלע, באַמערקט איר גאָמבעלע און געוואָלט אַ געשריי טון: „מכשפה!“ — איז אים דאָס קול פאַרגליווערט געוואָרן און קיין קלאַנג איז פון האַלדז נישט אַרויסגעקומען. הענט און פיס האָבן אים אָפּגעחלשט. האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, אַ לאַנגע צייט געזעסן אַן אַריינגעזונקענער, אַן אומבאַוועגלעכער און געזען, ווי דער אָוונט האָט דורך די שויבן אַריינגעשיקט זיינע ערשטע שאָטנס אין דער גרויסער סאַלע, וואָס איז איצט נאָך פוסטער און אומהיימלעכער געוואָרן.

באַלד נאָך מנחה איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיך אין חדר און מער נישט געוואָלט אַרויס פון דאָרטן. דאָ איז געווען טונקל. פון דער סטעליע און פון די ווענט האָט געשלאָגן מיט אַ טיפן אומעט. דער אומעט איז געקראָכן אין האַרצן, אין דער נשמה און נאָכמער פאַרוואָכעדיקט דאָס וואָכעדיקע לעבן פון דעם גוטן רבין.

דערווייל האָט וועלוועלע געעפנט די טיר. ער האָט דערזען, אַז דער פּאַ־האסטער זיצט אין דער פינצטער, האָט זיך אים אַ שטיק האַרץ אָפּגעריסן. ער האָט געוואָלט אָנצינדן אַ לאָמפּ, נאָר דער רבי האָט נישט געלאָזט:

— מ׳דאַרף נישט, וועלוועלע!...

כאָטש דאָ איז נישט געווען ליכטיק, פונדעסטוועגן האָבן זיך זייערע בליקן פאַרשעמט באַגעגנט און דער גבאי האָט אויף שטום־לשון אַ פרעג־געטון:

— נו, גאָרנישט, אַה?...

פון דער נישט־אַרויסגערעדטער פראַגע האָט דער רבי דעם אַלטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט:

— דו הערסט, וועלוועלע?... אַ סך מאָל קומען מיר רעיונות אין קאָפּ. עס טראַכט זיך וועגן בשר־ודם: פאַרוואָס איז ער שלעכט, פאַרוואָס? עס קומט ביי מיר אויס, אַז שלעכטיקייט, יחוס און נדן, זענען, דאַכט זיך, אַזעלכע זאַכן, וואָס גייען האַנט אין האַנט און דערגייען אין ערגעץ נישט... נאָר איצט וויל איך מער נישט רעדן דערפון, זיי מיר מוחל...

וועלוועלע האָט זייער גוט פאַרשטאַנען דעם פּאַהאסטערס רייד. געוווּסט וווהין זיי האָבן געצילט און — נישט געוואַגט צו ענטפערן. ער האָט אים ליב געהאַט און דעריבער נישט געוואָלט פאַרגרעסערן דעם רבינס ווייטיק. האָט ער בלויז אַ קרעכץ געגעבן, מיט הכנעהדיקע טריט אַרויס און שטילערהייט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

פון עגמת־נפש האָט דער פּאַהאסטער נישט געקאָנט איינזיצן און אָנגע־

הויבן אַרומשפּאַנען איבערן חדר אַרויף און אַראָפּ. ער איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער. אויפן הימל האָט זיך געשטעלט אַ פולע לבנה, וואָס האָט אָפּגע־זילבערט די וועלט און דעם זקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די וועלט איז אַ קאַלטע, אַ פאַרפרוירענע און וועט שוין קיינמאָל נישט ווערן גרין און וואַרעם...

אויף דער לבנה איז אַרויסגעשווומען אַ נע־ונדנער וואָלקנדל, וואָס איז פון רגע צו רגע ברייטער און גרעסער געוואָרן. פאַרשטעלט איר ליכטיקן פנים אין פאַר דעם רבינס אויגן זענען בילדער אַנגעקומען און פאַרשוווּנדן... זיין יוגנט איז, ווי אויף אַ שליטעלע געפלויגן באַרג־אַראָפּ... אַפּרױער ביים טאַטן אין דער היים — אַ שטוב מיט אויסגעבלייכטע, הונגעריקע קינדער אין צעפליקטע בגדימ־לעך; דערנאָך אין חדר, אין קלויז — מאָגערע טעג, האַרטע בענק, נישט־דער־שלאָפענע נעכט. דאָס וואַנדערן פון איין קלויז אין דעם אַנדערן. שפּעטער — אַן איידעם ביים רבין הערש־בער פאַהאסטער ע״ה און צו־לעצט — דבורהלע... און דאָס שליטל מיט די בילדער איז נעלם געוואָרן.

אַז די בילדער האָבן זיך אָפּגעטון פון אים, איז דעם פאַהאסטער נאָך אומע־טיקער געוואָרן אויפן האַרצן. האָט ער אָפּגעווענדט די בליקן פון דער לבנה, געגעבן אַ קוק אויף דעם ברייט־צעעפנטן טויער פון הויף און פלוצים דערזען, ווי אַן אמתער שליטן, צוגעשפּאַנט צו אַ פערד, איז צוגעפאָרן און אָפּגעשטעלט זיך. פיר ידן, איינגעהילטע אין ווייבערשע פאַטשיילעס און מיט שטיקער־זעק אַרום די פיס, זענען אַריינגעגאַנגען און געלאָזט זיך צום קעלער, וואָס איז אַרויס־געקומען מיט אַ טירל אַנטקעגן די שול־פענצטער.

אַפּרױער האָט זיך איינער פון זיי איינגעבויגן איבערן דעקל, אַ ווײַלע גע־פּאָרקעט זיך מיטן שלעסל, דערנאָך זענען זיי אַריין אינעווייניק אין קעלער און אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן אַ זעקל בולבעס, אַ פולן זעקל מיט מעל און אַנדערע זאַכן, וואָס דער רבי האָט בשום אופן נישט געקאָנט טרעפן, וואָס דאָס איז אַזוינס. ער האָט נאָר געפילט, ווי אַן אינעווייניקסטע פרייד האָט אים אַרומגענומען. ער האָט געוואָלט אויפפּראַלן די פענצטער פון זיין חדר און שרייען מיט אַלע כוחות: „ידן, נעמט וויפיל איר דאַרפט!“...

אין הויף האָט געברענט דער פאַנאַר. איז שוין פאַר דעם רבין נישט געווען שווער צו דערקאָנען, אַז איינער פון די פיר ידן, איז געווען אהרן דער קירזשנער. דער פאַהאסטער האָט אהרנען געקאָנט און געוווּסט, אַז ער איז אַן ערלעכער ייד און אַוודאי, צוליב פּקוח־נפש, געמוזט טון אַזאַ שרעקלעכע זאַך. דאָס האָט דעם רבין אַזוי וויי־געטון, אַז דאָס פרײַערדיקע ברעקל פרייד איז ביי אים אויסגע־רונען און דאָס האַרץ האָט געקלעמט. דער זקן האָט זיך צעוויינט און מיט גע־

בראָכנקייט אין קול געטענהט צום רבונו־של־עולם: — אוי, טאַטע זיסער! וואָס טוסטו מיט דיינע קינדער? הלמאי דאַרפן זיי קומען צו אַזעלכע ביטערע נסיונות?...

ווען די פיר ייִדן זענען אַוועקגעפאָרן, איז אין חדר אַריינגעקומען וועלוועלע גבאי און אַ צעטראָגענער, וואָס דער רבי האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרזאַמט מיטן מעריב, געזאָגט:

— דער עולם וואַרט שוין לאַנג; שוין לאַנג צייט צו דאַוונען מעריב! — און איז מיטן פאַהאַסטער אַריין אין שול.

דאָ איז געווען ליכטיק און פריילעך. די מתפללים האָבן גלייך אָנגעהויבן דאַוונען מיט ברען, מיט אימפּעט. שפּעטער אַ ווילע — געשלאָגן המנען, געטופּעט מיט די פיס, געגראַגערט מיט די גראַגערס. זייערע געשרייען האָבן זיך אַרויס־געריסן פון שול, אַוועקגעטראָגן זיך איבער די שנייִקע גאַסן און איינגעשלונגען געוואָרן פון דער קאַלטער נאַכט.

דער פאַהאַסטער איז געשטאַנען ביים מזרח־וואַנט, אָפּגעזונדערט פון דעם אַרומיקן עולם. ער האָט איצט געדאַוונט מיט כוונה, מיט מער התלהבות ווי אַלע־מאָל, ווייל אין דעם, וואָס די סלאָבאָדקער ייִדן האָבן ביי אים אין קעלער גענומען אַביסל אכילה, האָט ער געזען אַ ווונק פון „דאָרטן"... און דעם „אויבערשטנס" רצון...

פונדעסטוועגן איז ער אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. די סלאָבאָדקער ייִדן זענען פון די אויגן נישט אָפּגעטראָטן. אים האָבן זיך פאָרגעשטעלט די גרויסע עינויים וואָס זיי האָבן נעבעך געמוזט דורכגיין. זיי וועלן זיך מסתמא ווערגן מיט יעדן ביסן. אינמיטן נאַכט האָט ער געוואָלט אויפשטיין, גיין צו זיי און זיי טרייסטן. נאָר ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט זיין אַנוועזנהייט וועט ער זיי נאָך מער וויי־טון. איז ער געבליבן ליגן אין בעט און ביז פאַרטאָג געוואָרפן זיך פון איין זייט אויפן אַנדערן.

אויף מאָרגן, גלייך נאָך מנחה, איז די רביצן אַריינגעלאָפן אין דער מענע־רישער שול אַ צעשראָקענע און אַ בלאַס־געוואָרענע אָנגעהויבן שרייען:

— ייִדן, מען האָט אונדז באַגנבעט!...

אַלע זענען שטיין געבליבן מיט צעעפנטע מיילער און נישט גערירט זיך פון די ערטער. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. באַלד האָט זיך אויפ־געהויבן אַ טומל, אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער: „וואָס שטייט מען? לאָמיר לויפן און כאַפּן די גנבים! די ביינער וועלן מיר זיי צעברעכן!... זאָל מען רופן פּאָליציי! ווו איז דאָס גאָר געהערט געוואָרן?! נישט אַנדערש, אַז שונאי־ישראל האָבן דאָס געטון!"...

מיט אַ פאַמעלעכער באַוועגונג האָט זיך דער פּאַהאַסטער אויסגעדרייט מיטן פנים צום צעהיצטן עולם. ער האָט אַ פינצטערן בליק געטון אויפן ווייב, אויף די חסידים און אין זיין מוח איז אַ מחשבה אַנגעלאָפן, אַז די מערסטע אין שול, זענען נאָך קעלטער פאַר דעם קאַלטן דרויסן, אַז פון זיי האָט זיך אָפּגעטון דער רחמנות פון אדם לחברו... פון דעם געדאַנק איז ער אויפגעטרייסלט געוואָרן און פון זיינע אויגן האָט אַ שלאָג־געטון מיט צאָרן:

— וואָס קאָכט איר זיך אַזוי?!... מ׳זאָל נישט רופן קיין פּאָליציי! מ׳דאַרף קיינעם נישט נאָכיאָגן!... ס׳איז אָן סכנה... אויב עמיצער האָט עפּעס גענומען — זענען דאָך דאָס מסתמא געווען הונגעריקע יידן מיט פּיצלעך קינדער... און צוליב פקוח־נפש מעג מען... זאָלן זיי אויך וויסן, אַז היינט איז פּורים אויף דער וועלט...

די חסידים, וואָס האָבן זיך פריער געריכט אויף אַ גוטער סעודה, האָבן געהויבן מיט די אַקסלען און נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מיטן רבין איז געשען, „סיידן, סיידן״... —האָבן אייניקע געקוקט אויפן זקן מיט חשד אין די בליקן... — און דבורהלע?... זי האָט בלויז אַ פינטל־געטון מיט איר בעלמעדיק אויג אויף איר מאַן, א מורמל געטון: „סלאָבאָדקע״ און איז אַ כעסדיקע אַוועק אין קעלער באַטראַכטן דעם שאָדן.

אין שול האָט מען זיך אַ לאַנגע צייט געטומלט, געהיצט און געשריגן. נאָר דער רבי האָט זיך צו קיינעם נישט צוגעהערט, אויף קיינעם מער נישט אומ־געקוקט זיך. אַ רויקער און אַ געלאַסענער, האָט ער צוגערופן דעם גבאי און שטילערהייט געזאָגט:

— וועלוועלע, זיי אַזוי גוט, ברענג מיר דעם פוטער מיט די טיפּע קאַלאָשן. אויך דו טו זיך אָן וואַרעם און מיר וועלן גיין אויף סלאָבאָדקע...

וועלוועלע האָט נישט איבערגעפרעגט צוליב וואָס. פאַר אים איז גענוג גע־ווען דעם פּאַהאַסטערס אַ ווונק, אַ זילב אַפילו, אַז ער זאָל פאַרשטיין דעם רבינס כוונה. האָט ער אין אַ ווײלע אַרום געבראַכט דעם פוטער מיט די קאַלאָשן, גע־האָלפן אים דאָס אָנטאָן. דער זקן האָט איינגעניוועט דעם קאָפּ אין דעם טיפן, וואַרעמען קאָלנער און צוזאַמען מיטן גבאי אַרויס אין דרויסן.

שפּעטער אַ ווײלע האָבן זיי אויפגעזוכט אהרן דעם קירזשנערס שטיבל און אַריין אַהין. דאָ איז געווען קאַלט. די קליינע פענצטערלעך — פאַרקאָוועט פון דרויסן און פון אינעווייניק. אין אָן אַלט בעטל, צוגעדעקט מיט שמאַטעס, זענען געלעגן צוויי קינדערלעך, וואָס האָבן געקרעכצט און אויסגעזען ווי זקנימלעך. אַרום דעם הוילן, הילצערנעם טיש זענען געשטאַנען יידן און ווייבער מיט טעפּ און טיפּע טעלער אין די אויסגעשטרעקטע ציטערדיקע הענט. פון אַ זאַק האָט

אהרן אַלע ווײַלע אַרויסגענומען אַ קוואָרט מעל און דאָס אַרײַנגעשאָטן צו דעם און צו יענער אין אַ טעפּל, אין אַ שיסל. אָן אַנדער ייִד האָט דערווײַל אויסגע־טײלט צו צען, צו צוואַנציק קאַרטאָפל, לויט דער גרויס פון דער באַרופענער משפחה.

מיט אָנשטרענגונג און הונגער אין די אויגן האָט יעדער נאָכגעפאָלגט די צווײ פּאָר הענט, וואָס האָבן געמאָסטן און געצײלט די נעכטיקע גנבה און גאָר־נישט באַמערקט, ווי דער פּאַהאַסטער רבי איז אַרײַנגעקומען. דער זקן איז אַ ווײַלע געשטאַנען פונוויטן און געזען ווי די אָרעמלײַט האָבן זיך געטײלט מיטן שפּײַז. האָט אים אין האַלדז אַ ברײ־געטון, אין די אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן. אויף אַ רגע האָט ער אַ טראַכט געגעבן: „זע, טאַטע זיסער, וואָס פּאַראַ ערלעכע קינדער דו האָסט״!... נאָר באַלד האָט ער מיט אַ נאָזטיכל אויסגעווישט זיך די אויגן און מיט געמאַכטער פרײלעכקײט אין ציטערדיקן קול אַ זאָג געטון:

— אַ גוט־יום ייִדן!

פון אהרנס הענט איז די קוואָרט אַרויסגעפאַלן און אויסגעשאָטן אַ היבש ביסל מעל אויף דער ערד. אַ דערשראָקענער האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די אורחים און אַ געשרײ געטון: „רבי!״. פון חרפּה האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זײַנע ליפּן האָבן גענומען צוקן און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט מיט אַ הילכיקן געוויין און דערפילט, אַז ווען דאָ וואָלט געווען אַ גרוב, וואָלט ער זיך באַגראָבן אַ לעבעדיקער.

דער פּאַהאַסטער האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון דעם געוויין. ער האָט אהרנען געוואָלט אײַנבעמען מיט גוטע רייד, — האָבן זיך אָבער די ווערטער נישט געקלעפּט אײנער צום אַנדערן:

— שוטה!... וואָס האָסטו זיך צעוויינט, ווי אַ ייִדענע? ס׳איז אָן סכנה!... אַ ייִד דאַרף תשובה טון. דער „אויבערשטער״ וועט העלפן... אָבער וויינען? פּע, פּע! נו, גענוג, גענוג! געהערט אַ מעשה, אַ?...

אהרן האָט אַ טשמאַרע־געטון מיט דער נאָז, אָפּגעווישט זי אינעם אַרבל און מיט געפאַלנקײט אין קול אָנגעהויבן זיך בעטן:

— רבי, הײליקער רבי! האָט רחמנות! זײַט מיר מוחל! צוליב די קראַנקע קינדער, רבי... קײן אַנדער ברירה נישט געהאַט...

— טיפּש! —האָט זיך דער פּאַהאַסטער אָנגעבײזערט אויף אהרנען— וואָס איז דאָס פּאַראַ מחילה־בעטן בײַ מיר, אַ?... ווײסט גאָרנישט, אַז דערפאַר, וואָס איך עס און דו הונגערסט, דאַרף איך גאָר בעטן מחילה בײַ דיר, אַ?... נאָר נישט צוליב דעם בין איך אַהער געקומען. איך בין דאָ, כדי צו פּראַווען מיט אײַך אַלע־

מען די סעודה! טאָ לאָמיר בעסער זיין פריילעך און זאָג דיין יידענע, אַז זי זאָל צושטעלן קאָכן קאַרטאָפל...

דעם פּאַהאַסטערס רייד האָבן געהאַט אַ פּאַרקערטע ווירקונג אויף די הונגעריקע יידן מיט די ווייבער. זיי האָבן אויך געוויינט אַזוי ווי אהרן, און עס האָט זיך זיי נישט געגלויבט, אַז דער גוטער רבי קאָן טאַקע פאַרגעבן פאַר דער גנבה.

דערנאָך זענען זיי אַ לאַנגע צייט געשטאַנען פאַרשעמטע און שטילע. דאָס איז געווען אַ שטילקייט, וואָס איז האַרט געלעגן אויף זייערע פאַרשמאַכטע ליפּן און גערעדט מיטן לשון פון אומבאַהאָלפנקייט. די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן ביז אהרן האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געענטפערט:

— נישטאָ מיט וואָס צו הייצן, רבי...

אַ רגע איז דער זקן געשטאַנען אַ געפּלעפטער און דערנאָך אַ ווונק געגעבן צום גבאי, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבן טיר:

— וועלוועלע, זיי אַזוי גוט, לויף אַהיים און ברענג אַ ביסל האָלץ. דו ווייסט דאָך, דאָס פּלעשל בראָנפן, וואָס שטייט ביי מיר אין חדר, זאָלסטו אויך נישט פאַרגעסן...

פון דעם זענען די געמיטער ביי די יידן נישט גרינגער געוואָרן. אדרבא, דער פּאַהאַסטערס גוטסקייט האָט צענומען זייערע הערצער. האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן וויינען און אין דעם געוויין אויסגעגאָסן דעם גאַנצן צער, די אָנגעקליבענע צרות, דעם הונגער און די גרויסע חרפה און כאָטש דער רבי האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז „צוליב פּקוח־נפש מעג מען נעמען", האָט דאָס זיי נישט געהאָלפן.

ווען דער רבי האָט געזען, אַז מיט רייד אַליין וועט ער דאָ גאָרנישט קאָנען אויפטון, האָט ער אויסגעטאָן דעם פוטער, צוגעגאַנגען צום זעקל מעל, פאַרקאַטשעט די אַרבל, גענומען די קוואָרט אין די הענט:

— יידן, קומט אַהער! שטעלט אַוועק אָדער האַלט אייערע כלים, וועל איך אייך צעטיילן דאָס מעל, יעדערן לויט די גרויס פון זיין משפּחה און אהרן וועט דאָס זעלביקע טון מיט די קאַרטאָפל און די אַנדערע זאַכן...

ערשט איצטער האָט זיך דער קליינער עולם אַביסל באַרויקט. דער פּאַהאַסטער האָט געפרעגט ביי יעדן, ווי גרויס עס איז זיין פאַמיליע און דערנאָך גענומען פאַנאַנדערטיילן די שפּייז.

אַז וועלוול איז צוריקגעקומען, האָט אהרנס יידענע אַריינגעלייגט עטלעכע שייטלעך האָלץ אין אויוון און אונטערגעצינדן. אַ פּאָר ווייבער האָבן אָנגעשיילט

אַ גרויסן טשוהון בולבעס און געשטעלט קאָכן. איבער דעם קליינעם שטיבל איז אויפגעגאַנגען די פרייד און די דערוואַרטונג פון וואַרעמער אכילה.

דערווייל האָט מען דעם טיש אַרויסגערוקט אינמיטן שטוב. אַרום אים — אַרומגעשטעלט בענקלעך, טובאַרעטקעס און ווען די קאַרטאָפל זענען פאַרטיק געוואָרן און מיט די פאַרברוינטע בעקלעך אַרויסגעקוקט פון טשוהון, האָט זיי אהרנס יידענע אָפּגעזייט, אויסגעטריקנט און אַרויפגעשאָטן אויפן נאַקעטן טיש. די קאַרטאָפליעס האָבן זיך צעשטויבט און אויסגעזען, ווי ווייסער מאָן־צוקער.

אָפּרייער האָט זיך דער פּאַהאַסטער געוואַשן די הענט. נאָך אים — די אײ־בעריקע יידן. וועלוועלע האָט אָנגעגאָסן צו־ביסלעך בראָנפן אין גלעזלעך, אין קוביקלעך. דער רבי האָט געמאַכט אַ ברכה, אויסגעטרונקען זיין ביסל בראָנפן און פאַרביסן מיט אַ פּאָר קאַרטאָפל.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען מען האָט אָפּגעזונגען דעם „שושנת־יעקב״. דעמאָלט האָט דער רבי אַראָפּגעטרייסלט ביי זיך פון דער באָרד די ברעקלעך קאַרטאָפל, אויפגעהויבן זיך פונעם בענקל און אָנגעטאָן דעם פוטער מיט די קאַלאָשן:

— נו, יידן, אַ דאַנק אייך פאַרן כיבוד און פאַרן כבוד, וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט. שוין צייט צו גיין אַהיים!

אַלע זענען אַרויס באַגלייטן דעם פּאַהאַסטער רבין. אינדרויסן האָט ווידער אָנגעהויבן שנייען. אַ ווינט האָט די שנייעלעך אַריבערגעטראָגן פון איין זייט גאַס אויף דער אַנדערער. אינמיטן וועג האָט זיך דער זקן אָפּגעשטעלט:

— גייט אַהיים! אירט זיך נאָך חלילה צוקילן!...

די יידן מיט די ווייבער זענען געבליבן שטיין. דער שניי איז געדיכטער געוואָרן און געבלענדט די אויגן און דער עולם האָט געזען, ווי דעם פּאַהאַסטערס און דעם גבאיס בגדים זענען מיטאַמאָל ווייס געוואָרן און אויסגעמישט זיך מיטן שנייִיקן אַרום.

אַ ניקאָלײעווסקער סאָלדאַט

כאָטש אברהמקע איז שוין אַלט געווען אַרום פופצן יאָר און כמעט אַלע טאָג געזען, ווי דער טאַטע זײַנער איזדיעקעוועט זיך איבער דער מאַמען, איבער די ברידער מיט די שוועסטער, קאַטעוועט זיי מיט דער „נאַגײַקע", האָט ער אָבער קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, הלמאי יענער איז אַזאַ אכזר און וואַרפט זיך שלאָגן פאַר יעדער קלייניקייט.

אמת, אברהמקע האָט געהערט, ווי מען האָט דערציילט וועגן זײַן טאַטן, אַז: „ווען מען האָט אים געכאַפּט און פאַרקויפט צו פּאָניען", איז ער נאָך געווען אַ קליין ייִנגל און געהייסן, אַרעלע, ריווע דער אלמנהס. נאָר נאָכן אָפּזײַן פינף־און־צוואַנציק יאָר אויף סלוזשבע, איז ער צוריק געקומען אַ הויכער, אַ שטאַטנער, מיט אַ שוואַרץ בערדל און מיט אַ „געאָרגעווסקן" מעדאַל אויף דער ברייטער ברוסט, גערעדט מער רוסיש, ווי ייִדיש און גערופן זיך: אַראָן מאָיסייעוויטש פּלאַטקין!...

די קורץ־געשוירענע האָר ביים טאַטן איבערן שטערן האָבן זיך געשלאָסן מיט אַ „טשוב". פּונקט ווי ביים קיסר גופא. זײַן קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען, ווי דער אונטערשטער טייל פון אַ מילכיקן קרוג, איז געזעסן אויף אַן אײַנגעפּונדעוועטן קאַרק, ווי אויף אַ דעמבענעם סלופּ: — אַ גלייכער, אַ סאָלדאַטסקער און אַ זיכערער. דעם קאָפּ זײַנעם, האָט אַראָן מאָיסייעוויטש זעלטן אַ דריי־געגעבן אויף רעכטס, צי אויף לינקס, און נאָך זעלטענער — אַ נויג־געטון אים בעתן אָפּגעבן עמיצן אַ „גוט־מאָרגן".

ווי די מערסטע אויסגעדינטע ניקאָלייעווסקע סאָלדאַטן, איז אברהמקעס טאַטע געווען ערנסט, ערליך און זייער פרום, און נישט פאַרמאָגט אין זיך קיין ברעקל הומאָר. האָט עמיצער אַמאָל יאָ געוואַגט צו זאָגן אַ ווערטל, צי אַ גלייכווערטל אָדער אַ וויץ אין זײַן אָנוועזנהייט, האָט ער אָנגעשטעלט אַזאַ בייזע מינע

און אַזעלכע צעלופּעטע קוקערס, אַז יענעם איז נעבעך אַ קעלט דורכגעלאָפן איבערן רוקנביין און מ׳האָט גלייך אָפּגעצויגן.

חוץ דעם דריי־גאָרנדיקן נאָמען האָט ער פון דער „סלוזשבע״, ווו ער האָט געדינט אַלס אַרטילעריסט, געבראַכט צוויי מתנות: אַ געפלאָכטענע „נאַגייקע״ (קאַנטשיק), מיט אַ קורץ, הילצערן הענטל און מיט אַ דין, בייסנדיקן רימענדל. דעם סאָלדאַט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די „נאַגייקע״ האָט אים צוגעגעבן אַר־טילערסקע בכבודיקייט און די חשיבות פון אַ „נאַטשאַלניק״. די צווייטע מתנה איז געווען די שטרענגע דיסציפּלין פון דער „קאַזאַרמע״, וואָס האָט זיך אין לויף פון די פילע יאָרן אַריינגעזאַפּט אין זיינע בלוטן.

גלייך נאָך דעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן און חתונה געהאַט, האָט ער די דיסציפּלין מיט דער „נאַגייקע״ איינגעקוואַרטירט ביי זיך אין שטוב און אַפילו מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אַ טאַטע פון דריי גרויסע זין און צוויי אויסגעגעבענע טעכטער — איז די דיסציפּלין נאָך אַלץ געווען די הויפּט־דעה־זאָגערן, און נישט איינער פון די קינדער, אָדער דאָס ווייב, האָבן אַ סך מאָל געפילט דעם ביטערן טעם אירן און דעם זודיקן ברי פון דעם קאַנטשיק.

מער פון אַלעמען האָט דערפון געליטן זיין ווייב, אַ דאַרע, אַ שוואַכע פרוי, מיט אַ קרענקלעכן פּנים. זי האָט קיינמאָל נישט געוואָגט צו זאָגן אַ הויך וואָרט. אַלע באַליידיקונגען מיט די קלעפּ פון דעם אויסגעדינטן סאָלדאַט, האָט זי אַראָפּ־געשלונגען, צוזאַמען מיט די טרערן און קיין פּיפּס נישט געטון, כדי קינדער זאָלן דאָס נישט באַמערקן און נישט דערהערן.

אָבער פּאַר אַברהמלען, פּונקט ווי פּאַר די אַנדערע קינדער, איז דאָס קיין סוד נישט געווען. דערפּאַר טאַקע האָבן די מיידלעך, כאַשקע און העניע, זייער יונג חתונה געהאַט. זיי האָבן מער נישט געקאָנט זיין אין הויז און פון וויטנס מיטגעליטן מיט דער מאַמען און באַוויינט איר ביטערן מזל.

די עלטערע צוויי זין, בערקע מיט איטשקען, זענען אויסגעוואַקסן הויכע, ברייט־פּלייציקע און מיט אַזעלכע פּאַרטעמפּטע כאַראַקטערן ווי ביים טאַטן. און פּונקט ווי ער, זענען זיי אויך געווען פרומע. דריי מאָל אַ טאָג געגאַנגען אין שול, כאָטש זייערע „גראָבע קעפּ״ האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט ווו דער חזן האַלט און וואָס מען דאַרף זאָגן... ביי די צוויי בנים איז דעם טאַטנס ווונטש געווען הייליק! זיינס אַ וואָרט — געזעץ. במילא האָבן זיי אים מיט קיין זאַך נישט דער־צערנט און דאָס האָט שוין גורם געווען, אַז ער זאָל זיי שלאָגן אַביסל ווייניקער ווי די אַנדערע. עס קאָן זיין, אַז די ליבע צו בערקען מיט איטשקען האָט זיך ביי אים גענומען דערפון, וואָס אויך ביי זיי זענען די קעפּ געווען לאַנגע און שפּיציקע.

דערצו זענען די צוויי יונגען געווען גרויסע האַרעפּאַשניקעס, האָבן ליב געהאַט צו זיצן ביים „מייסטערסקייע־טישל״ און העלפן דעם טאַטן פאַריכטן די פּילע שלייעס מיט די כאָמוטן און ציימלעך, צי די גראָבע, רימענע פּאַסטראָמקעס.

ביי דער אַרבעט האָט יעדע זאַך געמוזט געטון ווערן מיט „מייסטערישער״ פּינקטלעכקייט. די מעשענע קנעפּ און קנעפּלעך אויף די שלייעס און ציימלעך, האָבן געדאַרפט לויפן סעגלדיק — צוויי איבער איינס, און טאָמער איז אַ קנעפּל חלילה געזעסן אַ האָר אַן אַ זייט, האָט דער טאַטע אַ כאַפּ־געטון די „נאַגייקע״, צי אַזוי אַ רימען, אַ שמיץ־געגעבן איינעם פון די בנים איבערן פּנים און צעשריִען זיך אויף זיין האַלב־יידישן און האַלב־רוסישן לשון:

— מערזאַווצי! סוקיני סיני! (אויסוואורפן, הינטישע זין) די הענט וועל איך אייך אויסדרייען!...

אין אַזאַ פאַל פלעגן זיי אַנשטעלן די טאַמעוואַטע און צעשראָקענע אויגן און קוקן דעם טאַטן אין פּנים אַריין מיט אַזאַ הכנעה און דערצו נאָך אַזוי לאַנג, ביז ביי דעם ניקאָלייעווסקען סאָלדאַט איז דער כעס אָפּגעגאַנגען און מען האָט זיך ווידער גענומען צו דער שווערער אַרבעט.

אָבער גאַנץ אַנדערש איז דאָס געווען מיט אברהמקען. ער האָט געהאַט אַ צאַרט פּנים און אַ מילדן בליק אין די טיף־ברוינע אויגן. פון קינדווייז אָן האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם שאַרפן גערוך פון רימען, וואָס האָט זיך כסדר געטראָגן איבערן „מייסטערסקייע־שטיבל״ — אַ געדיכטער און אַ שווערער. אברהמקע האָט בעסער ליב געהאַט צו זיין וואָס מער אויף דער פרייער לופט; ליגן אונטער די צווייגן פון ביימער און איינהערן זיך, ווי די בלעטער שאַרשען אין ווינטל און זען, ווי זיי קושן זיך איינע מיט דער אַנדערער.

דאָס רימעריי האָט זיך צו אברהמקען נישט געקלעפּט. ער האָט אַפילו נישט געקאָנט דורכציִען אַ „הוז״ דורך אַן אָקסל פון אַ כאָמוט. דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט פּרובירט דאָס צו טון, האָבן די ברידער אָפּגעלאַכט פון אים:

— קוקלע! האָסט דאַמסקע פינגער!

דעמאָלט האָט אים דער טאַטע אָנגענומען פאַר די אויערן. דערנאָך זיי אָפּגעלאָזט, אָנגעכאַפּט אים ביי דער שוואַרצער פּאַטלע האָר און אַרויסגעוואָרפן פון דער „מייסטערקייע״:

— פּאַשאָל וואָן! דיין זוואַניע זאָל דאָ מער נישט זיין!

אַ פאַרשעמטער און אַ וויינענדיקער איז אברהמקע שטיין־געבליבן הינטער דער צוגעמאַכטער טיר און נישט געוווּסט ווו אַהינצוטון זיך. נאָכדעם איז ער אַוועק אין פעלד, אַ גאַנצן טאָג געלעגן צווישן הויכע קאָרן־זאַנגען. נאָר פאַר־

נאָכט, ווען דער הונגער האָט אים דורכגענומען, איז ער אַוועקגעגאַנגען אַהיים. בגנבה געעפנט די טיר, אומבאַמערקט פאַרקליבן זיך אויפן אויוון און אַ צעבראָ־כענער איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען דער טאַטע מיט די עלטערע צוויי ברידער זענען אַוועק אין שול דאַוונען, איז אברהמקע אַראָפגעקראָכן, צוגעגאַנגען צו דער מאַמען, וואָס האָט געהאַלטן אין צושטעלן קאָכן אַ טאָפּ קאַרטאָפל און מיט אַנט־שלאָסנקייט אין קול געזאָגט:

— מאַמע, איך וויל היינט אַוועקפאָרן קיין מינסק. איך קאָן שוין דאָ מער נישט זיין...

שפרינצע, די מאַמע זיינע, איז בלאַס געוואָרן:

— עס הייבט זיך שוין ווידער אָן די מעשה מיטן אַוועקפאָרן?... רק דיר ווילט זיך אַנטלויפן. וואָס זענען דאָס פאַראַ רייד, האָב איך געוואָלט וויסן? דיין טאַטע האָט דאָס געדאַרפט הערן; מער וואָלט שוין דיר נישט געפעלט...

— מאַמע! —איז אברהמקע באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע— דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך בעט זיך ביי דיר: האָב רחמנות און לאָז מיך אַוועקפאָרן... איך וויל זיין צווישן מענטשן, אפשר וועל איך זיך דאָרטן דערשלאָגן צו עפעס... דאָ וועט מיך דער טאַטע ווען־עס־איז דערהרגענען. נאָר טאָמער לאָזטו נישט, — וועל איך אַלץ איינס אַנטלויפן און דו וועסט קיינמאָל נישט וויסן ווו איך בין אַהינגעקומען...

— איך ווייס, מיין זון, אַז דיר איז דאָ נישט גוט, אַז ער שלאָגט דיך מער פון אַלעמען —איז די מוטער געוואָרן אַביסל ווייכער און נאָכגיביקער— אָבער, ווי אַזוי קאָן איך דיך אַרויסלאָזן אין דער וועלט אַריין איינעם אַליין? וואָס וועט ווערן פון דיר? וועסט זיך נאָך צוקילן, די בייזע שעה זאָל נישט זיין, און נישט האָבן ווער עס זאָל אויף דיר אַכטונג געבן...

— זאָרג זיך נישט, מאַמע, —איז דאָס בחורל גערירט געוואָרן פון איר גוטסקייט— איך בין שוין נישט קיין יינגעלע; איך קאָן אַכטונג געבן אויף זיך אַליין; נאָר דאגה זיך נישט און עס זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ; איך קאָן דיר צו־זאָגן, אַז דאָס וועט דיך נישט פאַרדריסן...

שפרינצע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל האָט אברהמקע געמיינט ערנסט. האָט זי אויף גיך געגרייט צום טיש, ווי פאַר אַ גאַסט, וואָס איילט זיך אין אַ וויטן וועג אַריין און אַ פאַרזאָרגטע געזאָגט:

— איז, עס כאַטש עפעס אָפּ. איך וועל דערווייל אָנגרייטן אַ פעקל גרעט און עפעס אויף צום דערהאַלטן דיר די נשמה...

נח גאָלדבערג

אברהמקע האָט געטרונקען דעם טיי, פאַרביסן מיט אַ שטיקל ברויט און אַ קוק־טועגדיק אויף דער מאַמעס אויסגעצערט פּנים, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז אייגנטלעך איז ער אַ טייל פון איר, פון די ברידער מיט די שוועסטער און אַפילו פונעם בייזן און שטרענגן טאַטן. אין דער רגע האָט אים פאַרדראָסן אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער וויל אַנטלויפן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויף גיך אָפּגעפאַרטיקט מיט דער אכילה, אריינגעלייגט אין קעשענע די זעקס רובל, וואָס די מוטער האָט אים געגעבן און גענומען דעם קלומיקל אויף די פּלייצעס:

— זיי געזונט, מאַמע!

שפּרינצע האָט זיך צעוויינט, אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צום האַרצן און אירע בריענדיקע טרערן זענען טראָפּנס נאָך טראָפּנס געפאַלן אויף זיין פּנים:

— פאָר געזונט, מיין קינד!... פאַרגעס נישט דיין קראַנקע מאַמע...

איר געוויין האָט אים געריסן דאָס האַרץ. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן אַ טרייסט־וואָרט און נישט געקאָנט. זענען מאַמע און זון אַ ווײַלע געשטאַנען באַק צו באַק, דערנאָך — פּנים צו פּנים, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אָנקוקן זיך איינער מיטן אַנדערן אויף אַ לאַנגער צייט. נאָר אָט האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט, אויפגעפּראַלט די טיר, מיט ברייטע און גיכע שפּאַן אַוועקגעשניטן צום באַברויסקער וואָקזאַל און דעם גאַנצן וועג געפילט דער מוטערס טרערן, וואָס האָבן זיך אַריינגעזאַפּט אַלץ טיפער און טיפער אין זיין יונגער, נאָך נישט באַוואקסענער באַק.

נאָך זיין אַוועקפאָרן האָט די מאַמע געהאַט „צו זינגען און צו זאָגן". ווען איר מאַן האָט זיך דערוווּסט פון אברהמקעס אַנטלויפן, איז ער געוואָרן אַזוי ווילד, אַז די „באַגייקע" האָט אַפילו אויף אַ רגע נישט גערוט. זי האָט געקאָטעוועט ווען עס האָט זיך נאָר געמאַכט. אין זיין אויפרעגונג האָט זיך אַראָן מאַיסייעוויטש געשוואָרן, אַז אויב אברהמקע וועט וועוו עס איז צוריקקומען, „וועט זיין אַ טויט אויפן אָרט!" און דערצו נאָך, האָט ער באַפוילן, אַז „פון היינט אָן זאָל קיינער נישט סמייען צו דערמאָנען זיין פאַרשיוועט נאָמען".

נאָר אין לויף פון דער צייט האָט זיך זיין כעס אויסגעוועפּט און אָנשטאָט דעם איז ביי אים, טיף אין האַרצן, אויפגעגאַנגען אַ שטילע און פאַרבאַהאַלטענע בענקשאַפט צו אברהמקען. אמת, אין שטוב האָט ער וועגן דעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט און אַפילו פאַרזאָגט, אַז דאָס ווייב, צי אַ קינד זאָל קיינמאָל נישט רעדן וועגן אים. נאָר ער אַליין האָט בגנבה נישט איינמאָל אָפּגעטשאַטעוועט דעם בריוועטרעגער און נאָכגעפרעגט זיך אויף אַ בריוו פון זיין זון.

די זעקס רובל זענען דערווייל ביי אברהמען גיך צעקראָכן געוואָרן. האָט

ער זיך אַ שטיק צייט אַרומגעדרייט איבער דער גרויסער שטאָט און נישט געהאַט וווּ דעם קאָפּ אוועקצולייגן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ סך נעכט איז ער געשלאָפן אין דער קאַלטער שול, און אויף מאָרגן, אַ הונגעריקער, ווידער אַרומגעשלעפּט זיך איבער די מינסקער גאַסן. נאָך גוט, וואָס סוף־כל־סוף האָט אַ שוסטער אויף אים רחמנות געהאַט און גענומען צו דער אַרבעט.

אברהמקע האָט טאַקע געהאַט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס און גיך אויסגעלערנט זיך ווי אַנצושטעכן סגלדיקע לעכעלעך אין די פּאַדעשוועס, אין די אָפּצאַסן און מיט דער צייט אַפילו געוואָרן אַ גאַנצער מאַדים אויף אַריינצושיסן אַהין די הילצערנע טשוועקלעך און די אייזערנע שטיפטן. אָבער דער געדרוך פון רימען האָט אים כסדר דערמאָנט אין דעם טאַטנס קאַנטשיק, אינעם וואַרשטאַט. איז ער ביי דער אַרבעט אַפּגעוועזן אַרום אַ יאָר און אוועק פון דאָרטן.

ווידער האָבן זיך פאַר אים אָנגעהויבן וואַנדערנדיקע טעג און שלאָפלאָזע נעכט. נאָר איצט האָט שוין אברהמקע געקאָנט אַ סך גאַסן און געוווּסט ווו צו עפענען אַ טיר. האָט ער זיך, אין איינעם אַ טאָג, דערקליבן צו איטשע דעם טאָקער און נישט אָפּגעטראָטן פון אים:

— ר׳ איטשע, איך וויל ווערן אַ טאָקער, לאָזט מיך דרייען די ראָד!...

אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַ טונקל־הויטיקן אָפּגעגאָלטן פּנים, האָט ר׳ איטשע געדרויכערט אין פּאַפּיראָס נאָכן אָנדערן און אַלע ווײַלע געוואָרפן פאַרגנבעטע בליקן צו זיינע זעקס אַרבעטער, וואָס זענען געשטאַנען ביי באַזונדערע וואַרשטאַטן, און דערנאָך האָט ער אַ חוזקדיקן קוק געטון אויף אברהמקען:

— וואָס עפּעס אַ טאָקער? פאַרוואָס ווילסטו נישט ווערן קיין רב, אַ דאָקטער, צי כאָטש אַ בוכהאַלטער? ווערדליך דיין אויסזען, וואָלט דאָס געווען פאַר דיר אַ סך גרינגער איידער צו דרייען די ראָד אַ גאַנצן טאָג...

שוין אָנגעזאָפּט זיך אַביסל מיט גרויסשטאָטישער חוצפּה, האָט זיך אברהמקע איצט נישט פאַרלוירן פון ר׳ איטשעס אָפּלאַכן און אויפן שטעל געענטפערט:

— האָט נישט קיין מורא, ר׳ איטשע, איך בין נישט אַזאַ שוואַכינקער, ווי איך זע אויס!... און טאָקעריי האָב איך ליב. לאָזט מיך דרייען די ראָד, וועט איר זען!...

מיט פּאַליטור אויף די נעגל פון די הענט, האָט דער טאָקער אַרויסגענומען דעם פּאַפּיראָס פון מויל און אַרויסגעלאָזט אַ בלוי רויכעלע אינדערלופטן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בלוי קידושין־פינגערל און נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם יינגל פון אויבן אַראָפּ:

— האָסט שוין עפּעס געגעסן?

נח גאָלדבערג

דאָס בחורל איז רויט געוואָרן פון בושה. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשעמט זיך צו ענטפערן. נאָר ר׳ איטשע האָט דאָס פאַרשטאַנען און געמאַכט זיך ווי ער זעט נישט דעם יינגלס פאַרלוירנקייט:

— ווי רופט מען דיך?

— אברהמקע.

— מאַשעו! — האָט דער טאָקער אַ געשריי־געטון צום ווייב אין דער דער־בייזיקער שטוב, וואָס האָט מיט אַן אָפענער טיר געפירט צו דער „מייסטערסקייע". פון זיין געשריי האָבן די אַרבעטער אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט דאָס געדריי פון זייערע וואַרשטאַטן, מיט נייגעריקייט אָנגעקוקט די „בייע האַנט" און אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ דיק באַשעפעניש מיט אַ צעפּאַטלטן קאָפּ האָר.

— — מאַשעו! גיב דעם יאַטל עפּעס עסן!

נאָכן עסן איז אברהמקע צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס וואַרשטאַט. ער האָט אַרויפגעשטעלט דעם רעכטן פוס אויפן ברייטן, הילצערנעם טרעטער, אים אַ דריק־געטון און ס׳ראָד האָט זיך גענומען דרייען אַלץ גיכער און גיכער:

— כאַפּ זיך נישט אַזוי —האָט ר׳ איטשע אָנגעשריגן אויף אים.— וועסט גיך פאַרמאַטערט ווערן. דריי פּאַמעלעך! וועסט נאָך צייט האָבן צו ווערן אַ גרויסער מייסטער!...

אברהמקע האָט אָנגעקוואָלן פון דעם פריילעכן באַלעבאָס און געטראַכט, אַז פונדאַנען וועט ער שוין נישט אַוועקגיין, אַפילו ווען מען זאָל אים טרייבן. דאָס בחורל האָט געזען, ווי ר׳ איטשע האָט אַריינגעזעצט אַן אָליכאָוון שטיק האָלץ אין די ציינער פונעם וואַרשטאַט. מיט אַ האַלב־רונדער דלאָטע דאָס אויסגעקיי־לעכדיקט. נאָכדעם דעם שטיק האָלץ צעשניטן אויף זעקס חלקים און ווידער אַריינגעפּאַסט אין מאַשין יעדן שטיקל באַזונדער. ער האָט אויסגעהוילט זייער אינעווייניק, אויסגעגלאַטיקט זיי פון אויבן. לאַנג געשליפט מיט זאַמד־פּאַפּיר. איין „באַק" אָפּגעפאַרבט אויף גרין, צוגעפּוצט מיט אַ ביסל רויט, די אַנדערע — אָפּגעשמירט מיט געלן פאַליטור און עס זענען געבוירן געוואָרן גרויסע „עפּל", מיט אַזעלכענע רויטלעכע בעקעלעך, ווי זיי וואָלטן געקושט געוועזן פון דער זון און דערצו נאָך — מיט אַזעלכע דעקלעך, וואָס האָבן זיך גרינג געעפנט און פאַרמאַכט.

דער יונגער טאָקער האָט זיך אַזוי צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט אים ר׳ איטשע אָפּגעטראָטן דעם וואַרשטאַט און בלויז אַכ־טונג געגעבן, אַז די „באַרן" מיט די „עפּל", און אַמאָל — פיס צו טישן, צי אַפילו

גאַלקעס אויף אַלמערס, זאָלן נישט אַרויסקומען דינער, אָדער גרעבער איינס פֿו־נעם אַנדערן און זאָלן האָבן אויף זיך די זעלבע פֿאַרב און פֿאַליטור.

דערווײַלע האָבן די יאָרן געיאָגט איינע די אַנדערע. דורך דער צײַט איז אַברהמקע אויסגעוואַקסן אַ הויכער און געזונטער בחור, מיט קנאַכיקע מוסקולן, ווי בײַ אַן אַטלעט. נאָר זײַן פּנים איז געבליבן אַזוי איידל ווי געווען. אָבער איצט זענען בײַ אים אויף דער אויבערשטער ליפּ געוועסן אַ פּאָר שוואַרצע וואָנצעלעך, וואָס האָבן אים צוגעגעבן מענערשן שטעל און גרויסשטאָטישן אויסזען.

עס איז אמת, אַז אין די ערשטע עטלעכע יאָר האָט ער זיך אַנגעליטן ביז ער איז געוואָרן אַ שטיקל בעל־מלאכה און אָנגעהויבן צו פֿאַרדינען אויף דער איי־גענער אויסקומעניש. פֿונדעסטוועגן, ווי שווער די אַרבעט איז נישט געפֿאַלן, האָט אַברהמקע נישט געבענקט אַהיים. פּונקט ווי זײַנע עלטערן, די ברידער מיט די שוועסטער, וואָלטן גאָר קיינמאָל קיין אָרט נישט פֿאַרנומען בײַ אים אין האַרצן.

מעגלעך, אַז אין דעם איז שולדיק געווען זײַן שטענדיקע מידקייט. ווײַל ווי נאָר ער האָט אָפּגעאַרבעט דעם טאָג, אָפּגעגעסן וועטשערע, איז ער אַוועק־געפֿאַלן שלאָפֿן. דעם ערשטן יאָר — אויף די סטרושקעס, אין מיטן דער „מייס־טערסקייע״, צי אַמאָל — אויפֿן וואַרשטאַט גופֿא און שפּעטער — שוין אויף אַ סעניק, וואָס איז געלעגן אויף אַ כּלומרשט בעטל.

אָבער דעם לעצטן יאָר האָט אים פֿאַרט אָנגעהויבן ציִען אַהיים. דער מוטערס רחמנותדיקע אויגן זענען אים נאָכגעגאַנגען וווּ ער האָט זיך געקערט און גע־וועזדט — בײַטאָג בײַ דער אַרבעט און בײַנאַכט אין שלאָף. די בענקשאַפֿט האָט זיך בײַ אים צעשפּילט. מיט יעדע שעה און מיט יעדן טאָג איז זי געוואָרן אַלץ שאַרפֿער און שאַרפֿער. אַפֿילו דעם בייזן און שטרענגן טאַטן האָט ער שוין גע־וואָלט זען. און מאָדנע, וואָס מער ער האָט געטראַכט פֿון דער היים, פֿון די ברידער מיט די שוועסטער, אַלץ מער זענען זיי אים אײַנגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן.

זײַן אין דער פֿרעמד האָט ער שוין מער נישט געקאָנט. און אַזוי ווי עס איז אַלץ איינס געקומען די צײַט פֿון שטעלן זיך צום „פּריזיוו״, האָט אַברהמקע קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט. אַרום סוכּות־צײַט האָט ער אײַנגעהאַנדלט אַ באַר־כאַטענע בורקע, מיט אַ קאַראַקולענער קוטשמע, אַ פּאָר יוכטענע שטיוול, מיט אַ סקריפּ, און איז אַ טאָג פֿאַר יום־טובֿ אַוועקגעפֿאָרן צוריק אַהיים.

אַהין איז ער אָנגעקומען אויף מאָרגן פֿאַרנאַכט, פּונקט דעמאָלט, ווען די גאַנצע משפּחה איז שוין געזעסן אין דער גרויסער סוכּה און געגעסן וועטשערע. דער טאַטע — אויבן־אָן. אויפֿן טיש נעבן אים איז, ווי שטענדיק, געלעגן די

„נאַגייקע". רעכטס — די ברידער און לינקס — די שוועסטער מיט זייערע מע־נער און קינדער. שפּרינצע האָט מיט גרויסן הילצערנעם לעפל געהאַלטן אין אַריינגיסן זופּ אין די טעלער.

— גוט יום־טובֿ! — האָט אברהמקע אַ זאָג־געטון און איז געבליבן שטיין אין דער צעעפנטער טיר. ביי דער מאַמען איז דער לעפל אַרויסגעפאַלן פון די הענט. אַ פלינקע, ווי אַ מיידעלע, איז זי צוגעלאָפן, אים אַרומגענומען, געקושט און געוויינט פון פרייד: „זון מיינער!". אויך די ברידער מיט די שוועסטער האָבן זיך דערפרייט מיטן גאַסט. זיי האָבן געוואָלט אויפשטיין פון די בענקלעך און אויך צולויפן צו אברהמקען און כאַטש אָפגעבן אים „שלום". נאָר דער טאַטע, וואָס איז אויף אַ רגע געבליבן זיצן, ווי אַ פאַרגאַפטער, איז מיטאַמאָל אויפגע־שפּרונגען פון זיין שטול. די סאָלדאַטסקע דיסציפלין האָט זיך אין אים צעיושעט. האָט ער אַ כאַפּ־געטון די „נאַגייקע" און מיט איר הילצערנער הענטל אַ זעץ־געטון אין טיש:

— פאַ מעסטאַם, סוואָלאָטשי! (זיצט אויף די ערטער, אויסוווּרפן) די קעפּ וועל איך אייך צעשפּאַלטן!...

פונעם זעץ האָבן די ליכט אַ טאַנץ־געטון אין די מעשענע לייכטער און אָנ־געהויבן צו רויכערן און טריפן מיט ווייסע „טרערן". די נאָך ליידיקע טעלער האָבן אונטערגעשפּרונגען און אַרויסגעלאָזט פון זיך הייזעריקע קלאַנגען. אַלע, אַ חוץ אברהמקען, האָבן זיך דערשראָקן און געהאַרכזאַמע געבליבן זיצן אויף די פריִער־דיקע ערטער און נישט געוואַגט אַ פּיפּס צו טון. פון זייער אומבאַהאָלפנקייט און פון זיין אייגענעם קוראַזש, איז אַראָן מאַיסייעוויטש דערמוטיקט געוואָרן. ער האָט געוואָלט צוגיין צו אברהמקען, שפּאַלטן אים דעם קאָפּ, צעפּראַסקען דעם פּנים, צי גאָר אַרויסטרייבן פון דער סוכּה און אָפּרעכענען זיך פאַר זיין אַנטלויפן פון דער הײם. נאָר אין דער רגע איז עפּעס אַ מאָדנע זאַך געשען. אַ זאַך, פון וועלכער קיינער האָט ביז איצט אַפילו נישט געוואָגט צו חלומען. דער אַמאָליקער שטי־לער און שוואַכער אברהמקע איז פּלוצים צוגעשפּרונגען, און נישט טראַכטנדיק וואָס ער טוט, האָט ער, מיט זיינע געזונטע הענט, אַראָפּגעזעצט דעם טאַטן צוריק אויפן שטול, מיט אַזאַ גבֿורה, אַז די שטול האָט אַזש אַ קרעכץ געגעבן:

— האָסט שוין גענוג געקאָמאַנדעוועט, דו אַלטער טיראַן, דו הערסט? גענוג!

איבער אַלעמענס לייבער איז אַ שוידער דורכגעלאָפן. די מוטער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול, און דער טאַטע, וואָס האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז עס איז געקומען אַ שטאַרקערע האַנט פון זיינער, אַ האַנט מיט אַ גוואַלדיקן כּוח און זיך, איז אַ ווילע געבליבן זיצן אַ דערשלאָגענער, אַן איינגעהויקערטער און אַזאַ

נעבעכדיקער, פונקט ווי דער באָדן וואָלט זיך אומגעריכט אַרויסגעגליטשט פון אונטער אים. ער האָט טעמפּ געקוקט אויפן חוצפהניק און אין זיין מוח האָט איין געדאַנק געיאָגט אַ צווייטן: אַז ער איז שוין, אַפּנים, אַלט און שוואַך; אַז פון היינט אָן וועט זיך שוין קיינער מער נישט צוהערן צו זיינס אַ וואָרט און די דיסציפּלי־נירטע משפחה וועט, סוף־כל־סוף, צעפאַלן ווערן, ווי אַ צעבונדענער פּליט אויפן וואַסער...

אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, טיף אין האַרצן האָט אים פאָרט געפרייט אברהמקעס גבורה און דרייסטקייט. כאָטש ער האָט דאָס אַזוי גיך נישט געוואָלט צוגעבן און נישט געוואָלט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער איז שוין אַ באַזיג־טער. און אַזוי ווי ער האָט פאָרט געמוזט עפּעס טון כדי אינגאַנצן נישט צו פאַרלירן זיין ווירדע ביי אַלעמען אין די אויגן, האָט ער זיך „געמאַכט האַרץ", אַ ביסל געשטאַרקט זיך, אָנגענומען כלומרשט אַ פריילעכע מינע אויפן געעלטערטן פּנים, אַ קוק־געטון אויף איטשקען מיט בערקען, וואָס זענען געזעסן ווי צעשראָ־קענע האָזן און אָנגעהויבן שרייען אויף זיי:

— כאַמוליעס, אין אייער מאַמען אַריין! קוקט זיך איין אויף אייער ברודער, אברהמקען! ער איז, קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן אַ כוואַט מיט ביינער! אַ מענטש פאַר וועמען אַלע וועלן האָבן דרך־ארץ און איר, — זענט אַלעמאָל געווען פערד און וועט פגרן ווי פערד!...

אַז דער שלל ווערטער האָט זיך ביי אים אויסגענומען, איז ער צוגעגאַנגען צום אורח, גוט־ברודעריש אַ פּאַטש־געטון אים איבער דער פּלייצע און פאַר־בעטן צום טיש. ביים עסן האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגערעדט. דער טאַטע האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווי עס איז זיין זון געגאַנגען אין דער פרעמד און אברהמקע האָט דערציילט די וווּנדער פון דער גרויסער שטאָט מינסק. די שטענדיק אָנגעצ־שטרענגטע דיסציפּלין האָט נאָכגעלאָזט, איז נאָכגיביקער און לויזער געוואָרן. פון דעם גאַסטס וויצלען זיך האָט זיך ביי יעדן אויפן פּנים אַ שמייכל באַוויזן און צום ערשטן מאָל, אין זייערע אומעטיקע לעבנס איז אין דער דערשלאָגענער משפחה געבוירן געוואָרן דער ערשטער, קוים־דערהערטער געלעכטער...

די פּאָדקאָווע

ווען די באָלשעוויקעס זענען אָפּגעטראָטן פון פּאַריטש, האָבן זיך אַהער אַריינגעריסן די פּוילישע „האַלערטשיקעס“, דערשאָסן אַ פּאָר ייִדן און אָנגעוואָרפן אַזאַ פּחד אויפן שטעטל, אַז מען האָט מורא געהאַט אַרויסצושטעקן די נאָז אין גאַס. די שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן ווען זייער קאָמענדאַנט, אַ הויכער, דאַרער פּריץ, מיט לאַנגע פּאַרדרייטע וואָנצעס און גרינע, חיהשע אויגן, האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגע פּאַראָרדענונג, אַז „די היגע באַפעלקערונג זאָל פּינקטלעך אויספאָלגן די נייע געזעצן“...

מיטן אָנקומען פון דער פּוילישער מאַכט איז דער הונגער אין שטעטל נישט קלענער געוואָרן. אדרבא, מיט יעדן טאָג האָט ער זיך נאָך רחבותדיקער צעלייגט אין איטלעכן געסל, אין יעדער שטיבל און די גויִים פון די אַרומיקע דערפער האָבן גאָרנישט געבראַכט צום פאַרקויפן. זיי האָבן געוווּסט, אַז די ייִדן וועלן דעם הונגער נישט אויסהאַלטן. סוף־כל־סוף קומען צו זיי אין די דערפער און פּאָר אַ קאַרטאָפל, צי פּאָר אַ שטיקעלע ברויט, צאָלן וויפיל מען וועט בעטן.

נאָר ערגער ווי ביי די אַנדערע ייִדן אין פּאַריטש, האָט זיך דער הונגער אָנגעזעצט אויף כאַצקל דעם קירזשנער, וואָס איז שוין איבער דריי חדשים געלעגן אין בעט, אַן אָפּגעשוואַכטער פון דער „דיזענטעריע“, וואָס האָט דאָ אין שטאָט געבושעוועט, און אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך.

כאַצקל איז נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע פינף־און־דרייסיק יאָר און שוין אויסגעזען ווי אַ זקן. ס׳פּנים — איינגעפאַלן; די אויגן — טיף אין קאָפּ; די הענט — דאַרע. ביינערדיקע זענען מאַכטלאָז געלעגן אויף דער אָפּגעבליאַקעוועטער קאָלדרע. אַ ווײַלע האָט דער חולה געקוקט אויף זיין ווייב, באַשע־לאהן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבער דעם ערדענעם דיל, ווי אַ קוים־באַוועגלעכער

שאָטן. דערנאָך האָט ער אַ קוק־געגעבן אויף זייער עלף־יעריקן זון און אים צוגערופן:

— ברוכקע, מיר דאַכט זיך, אַז אויף דער פּאָליצע וואַלגערט זיך נאָך אַ פּאַראַיאָריקע קוטשמע. איז אפשר...

— טאַטע, די קוטשמע האָב איך שוין אַראָפּגענומען און אַפילו אָן דיין וויסן געוואָלט היינט גיין אין דאָרף...

ביי באַשע־לאהן האָט די אונטערשטע ליפּ אַ צוק־געטון. אַ מורא האָט אַרויסגעשלאָגן פון אירע גרויסע, ברוינע אויגן:

— כאַצקל, גאָט איז מיט דיר! די „האַלערטשיקעס" וועלן דאָך אים כאַפּן און אין דאָרף וועלן די שקאָצים אַנרייצן די הינט אויף אים...

אויך כאַצקל האָט זיך געשראָקן פאַר דעם געדאַנק, וואָס ברוכקע דאַרף גיין אַליין אין דאָרף. דעריבער האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן, געישובט זיך און מיט נישט קיין דרייסטן קול געענטפערט:

— האָב נישט קיין זאָרג, באַשע־לאה, גאָט וועט העלפן, קיין קינדער טשעפּען זיי נישט דערווײַלע. די פּאָליאַקן האָבן מסתמא אויסגעשאָסן אַלע הינט אין די דערפער, ווי זיי האָבן דאָס געטון דאָ אין שטאָט...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט שוין ברוכקע געשניטן דעם דערבייזיקן וואַלד, פאַר וועלכן ער האָט שטענדיק מורא געהאַט. דאָ איז ער איצט מער געלאָפן איידער געגאַנגען. געהיט זיך פאַר יעדן קוסט, פאַר איטלעכן בוים, אַפילו דער געפלאַטער פון די פייגל, וואָס זענען אַרומגעפליגן, געשפּרונגען פון צוויַיג צו צווייַג און אָנגעפילט דעם טונקעלן אַרום מיט טרילנדיקע צווישטשערייען, האָבן אים אויך געשראָקן.

שפּעטער, אַז ער האָט דערגרייכט דאָס דאָרף, איז ער כמעט אָן אָטעם אַרײַנגעלאָפן אינעם ערשטן הויף און טרעפנדיק דאָרט אַ מיטליאָריקע גויע, וועלכע האָט געהאַלטן אין אָנגיסן פוילע צו די חזירים אין דער שמאָלער, היל־צערנער קאָרעטע, האָט ער אויף גיך אָנגעהויבן רעדן:

— באַלעבאָסטע, דער טאַטע איז קראַנק, ביי אונדז איז נישטאָ וואָס צו עסן, האָט רחמנות און קויפט אָפּ די קוטשמע...

צום ערשטן האָט זי אים געוואָלט אַרויסטרייבן. נאָר ווען זי האָט דערזען די גרויע, געגרייפּלטע קוטשמע, וואָס האָט פון ווייטן אויסגעזען ווי אַן אָפּי־צערסקע, האָט זי דאָס גענומען אין די הענט, מיט די פינגער געגלעט די גריי־פּעלעך, געטאַפּט דעם גלאַטן, סאַטינענעם אינעווייניק, אַפּנים געוואָלט זען, צי

נח גאָלדבערג

דאָרט איז פאַראַן געגנוג וואַטע און צום סוף אַנגעמאָסטן די קוטשמע אויף זיך אַליין:

— וויפל ווילסטו?

— ברויט מיט אַביסל בולבע...

זי האָט נאָכאַמאָל אַ קוק־געגעבן אויפן יינגל, באַמערקט זיין דאַר, אויסגעבלייכט פּנימל, דעם הונגער אין די שוואַרצע, גרויסע אויגן און אין איר האָט זיך דערוועקט דער מוטער־געפיל. איז זי אַוועק אין כאַטע, אַרויסגעבראַכט אַ גלאָז מילך מיט אַ שטיקל ברויט. אין זיין זאַק אַריינגעשאָטן אַ קאָשיק קאַרטאָפל, אויך אַ לעבל ברויט אַריינגעלייגט אַהין און געזאָגט:

— עס אָפּ, וועסטו כוח האָבן צו טראָגן. זאָלסט זיך אָבער היטן, אַז אויפן וועג זאָלן דיר די פּאָליאַקן נישט כאַפּן. זיי וועלן דאָס צונעמען און אָנברעכן די ביינער.

פון פרייד און דאַנקבאַרקייט האָבן זיך אין ברוכקעס אויגן טרערן געשטעלט. דאָס זענען געווען גרויסע, קיילעכדיקע טרערן, וואָס האָבן זיך געקייקלט איבער זיינע אָפּגעצערטע באַקן, אַריינגעפאַלן אין דער מילך און אויסגעמישט זיך מיט דער ווייסער פליסיקייט. אָבער, צוליב דעם שטאַרקן הונגער האָט דאָס יינגל נישט געפילט די געזאַלצנקייט דערפון און געשלונגען אַ שלונג נאָך אַ שלונג.

דער וועג אויף צוריק איז געווען אַ סך שווערער איידער פריער. דאָך האָט זיך ברוכקע געאיילט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער דערגרייכן די היים. די משא איז אָבער געווען אַ שווערע. האָט ער זיך אַלע ווילע אָפּגעשטעלט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווידער געשפּאַנט אַלץ נענטער און נענטער צום שטעטל.

ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין פון וואַלד, ווען זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ מעטאַלענער זאַך, וואָס איז געלעגן אינמיטן וועג. ער האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק פון די ביינערדיקע פּלייצעס, צוגעלאָפן צו דעם אָנגעוווּנקענעם אָרט, איינגעבויגן זיך, אויפגעהויבן נאָך כמעט אַ נייע פּאַדקאָווע און די אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר שיינקייט.

ער האָט זי אָפּגעשטויבט, מיט אַ ביסל זאָמד אָפּגעשייערט; מיטן אַרבל פון דער וואַטאָווקע אָפּגעווישט און די פּאַדקאָווע האָט זיך צעבליאַסקעט. אירע דריי פלאַטשיקע, געזונטע ציינער זענען יוסטנע געזעסן אין דעם בלאַנקן, אויסגעבויגענעם שטאָל. זיבן פון אירע לעכלעך זענען געווען פוסטע, פאַרוואַרצטע און אויסגעזען ווי זיבן קלייניקע קראַטערלעך. אין דעם אַכטן לעכל האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אַן עלנט טשוועקל, מיט אַ ברייט, פּירקאַנטיק קעפּל פון אויבן און מיט אַ קרום פאַרדרייט פּיסל פון אונטן.

פונעם געפינס האָט ברוכקע אָנגעקוואָלן. ער האָט געוווסט: אַ „פּאַדקאָווע איז מזלדיק" און אין דער מלחמה איז אַ שטיקל אײַזן, און איבערהויפּט נאָך אַ פּאַדקאָווע, מיט גאָלד צו גלײַך. דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן צו פֿאַנטאַזירן וויפֿל געלט ער וועט קריגן פֿאַר איר. נאָר אָט האָבן זיך אַהער דערטראָגן אָפּהילכן פֿון פֿערדישע קלאָען, וואָס זענען מיט יעדער רגע הילכיקער און בולטער געוואָרן. האָט ברוכקע קיין שהיות נישט געמאַכט, אַרײַן טיפֿער אין וואַלד און באַהאַלטן זיך הינטער אַ געדיכטן קוסט.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און עס איז פֿאַרבײַגעריטן אַ סקוואַדראָן „האַר־לערטשיקעס". אָנגעשטרענגטע, מיט לאַנגע, בײזע פּנימער און רציחה אין די אויגן, זענען זיי געזעסן אויף די הויכע, אָנגעפּרעסענע פֿערד. זיי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט און ווען נישט דאָס פּאַרקען פֿון די פֿערדישע, פּייכטע נאָז־דרעס, מיטן טופּען פֿון זייערע קאַפּיטעס, וואָלט מען זיכער געמיינט, אַז דאָס רייטן שדים דורכן וואַלד אויף אַ שלעכטער שליחות...

אומגעפֿער אין אַ שעה אַרום איז ברוכקע אַ פֿאַרמאַטערטער אַרײַנגעפֿאַלן צו זיך אין שטיבל. אַז ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער אַרויסגענומען דעם לעבל ברויט פֿון זעקל, אים אָפּגעגעבן דער מאַמען, אַרויסגעצויגן די פּאַדקאָווע פֿון בוזים און געוויזן כּאַצקלען:

— טאַטע, זע וואָס איך האָב געפֿונען! איך וועל דאָס פֿאַרקויפֿן דעם שמיד אָדער אַוועקטראָגן אין דאָרף, וועט מען מיר געבן דערפֿאַר אוודאי צוויי לעבלעך ברויט מיט אַ גאַנצן זאַק בולבעס!

דער טאַטע זײַנער, וואָס פֿלעגט אָפֿט גײן אין מאַרק און אַזוי אַרום כּמעט געקאָנט אַלע היגע פֿערדלעך, האָט גענומען די פּאַדקאָווע אין די הענט און נישט געקאָנט טרעפֿן צו וועמען אַזאַ גרויסע פּאַדקאָווע קאָן געהערן, אַז די עטלעכע סוסים, וואָס זענען נאָך אין שטעטל פֿאַרבליבן, זענען געווען קליינע, דאַרע, מיט אַרויסגעשטאַרצטע קליבעס. זייערע ריפּן האָבן זיך אַרויסגעזען פֿון אונטער די אָפּגעבליאַקעוועטע פֿעלן ווי הילצערנע רייפֿן פֿון פֿעסער, און פֿיס האָבן זיי געהאַט דינע, מיט קליינע קאַפּיטעס. סײַדן־סײַדן — האָט דער קירזשנער געטראַכט — אַז דאָס איז אַ מיליטערישע!

אין חשבון האָט ער זיך ווײַט נישט אָפּגענאַרט, ווײַל ווי נאָר ער האָט די פּאַדקאָווע איבערגעדרייט אויף דער לינקער זײַט, איז זײַן בליק געפֿאַלן אויף צוויי בוכשטאַבן „א.־פּ.", וואָס האָט מסתמא געמיינט „אַרמיאַ פּאָלסקאַ" און די הענט מיט די פֿיס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן:

— גזלן אײנער! וואָס האָסטו געבראַכט? די פּאַדקאָווע איז דאָך פֿון דער

פּוילישער אַרמיי! אַז זיי װעלן, חלילה, געפינען װעט מען דאָך אונדז אַלעמען דערשיסן!...

באַשע־לאה האָט בלויז אויפגעכאַפּט דאָס לעצטע װאָרט „דערשיסן" און איז געל געװאָרן װי װאַקס. זי האָט גלייך פאַרבראָכן די הענט און אָנגעהויבן װיינען:

— װיי איז מיר! אַן אומגליק האָט מיר געטראָפן!

פאַרנאַכט האָט זי אָפּגעקאָכט אַ טעפּל קאַרטאָפל, װאָס זענען פאַרפלאַמט געװאָרן פון אויבן און װען זי האָט זיי אַריינגעשאָטן אין אַ טיפן טעלער, זענען זיי צעפּוכניעט און צעפאַלן געװאָרן אויף מעל. תחילת האָבן די קאַרטאָפליעס אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ געדיכטע, בלויע פאַרע, װאָס האָט זיך געשפּאַרט צום נידעריקן סופיט. דערנאָך האָט די פאַרע אָנגעװאָרן דעם פריערדיקן קוראַזש, געװאָרן אַלץ דינער, דורכזעעװדיקער און הכנעהדיקער. נאָר פונעם װאָרט „דער־שיסן" איז דורכגעלאָפן אַזאַ שוידער איבערן שטיבל, אַז קיינער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ אָװעקצוזעצן זיך עסן.

כאַצקל איז געלעגן אין בעט. זיין שפּיציקע נאָז האָט אויסגעזען װי אַ מלמדישער טייטל. די אַפּלען פון די אויגן האָבן זיך נישט באַװעגט. די לאַנגע באָרד איז, דאַכט זיך, קירצער געװאָרן. אין דער אומטיקער טונקלקייט האָט זיין פּנים אָנגענומען די פאָרעם פון אַ פויגל — דין, שאַרף און שפּיציק. בלויז דער שװאַרצהאָריקער אינדזועלע, אין דער הויך איבערן נידעריקן שטערן, װאָס איז װי ספּעציעל אויסגעבויט געװען, אַז דער „של־ראש" זאָל דאָרטן קאָנען זיצן רויק, האָט צו װיסן געגעבן, אַז דער פּנים איז אַ מענטשלעכער, אַ ייִדישער.

אין זיין צעטראָגענער פאַנטאַזיע זענען בילדער אָנגעלאָפן — איינער ער־גער און שװאַרצער פאַרן אַנדערן. אָט זענען די „האַלערטשיקעס" ביי אים אין שטיבל. אויך דער קאָמענדאַנט איז דאָ. ער רויכערט אַ פּאַפּיראָס. קייקלט אַרויף זיינע לאַנגע װאָנצעס און שמייכלט מיט אַ סאַדיסטישן שמייכעלע: „װוּ איז דאָס פערד פון דער פאָדקאָװע? און װוּ האָסטו אַהינגעטאָן דעם סאָלדאַט פונעם פערד? געהרגעט, אַ? דו פאַרך איינער!"...

איבער כאַצקלס רוקן איז אַ קאַלטער ציטער דורכגעלאָפן. ער האָט אַ שאַר־געגעבן מיטן האַנט איבער דער קאָלדרע:

— באַשע־לאה, װאָס טוט מען איצט? געדאַרפט אפשר די פאָדקאָװע אַריינ־װאַרפן אין דעם ליידיקן ברונעם אויפן מאַרק. איך מיין, אַז דאָרטן װעט דאָס קיינער נישט זוכן. װאָס זאָגסטו?

צוליב דעם װאָס קיינער האָט זיך נישט צוגערירט צו די קאַרטאָפליעס, איז

באַשע־לאה געזעסן אַן אָנגעברוגזטע, אַ שווייגנדיקע און אַפילו נישט אומגעקוקט זיך אין זיין זייט און כאַצקל האָט קוים דערלעבט ביז זי מיט ברוכקען זענען שפּעט אין דער נאַכט אַנטשלאָפן געוואָרן. דעמאָלט האָט ער פּאַמעלעך אָנגעטאָן די כאַדאַקעס אויף די פיס, די וואַטאָווקע אויף די פּלייצעס, פאַרוקט די פּאַדקאָווע אין גאַרטל און שטילערהייט אַרויס אינדרויסן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אויפן מאַרק דערהערט אַ מעטאַלענער קלאַפּ, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ביי דעם קאָלבאַסניק אין שטוב, וועלכע איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם ליידיקן ברונעם. אַז דער גוי האָט דערהערט דעם קלאַפּ, איז ער אַ נייגעריקער צוגעלאָפן צו דעם צעעפנטן פענצטער און דערזעענדיק אַ ייִדישע פּלייצע אַוועקשלייכן זיך, איז ער הענדום־פּענדום אַרויס פון שטוב און אַוועקגעלאָפן צום קאָמענדאַנט.

אינדערפרי איז שוין דאָס גאַנצע שטעטל געווען אויף די פיס. זעלנער האָבן אַרויסגעשלעפּט אַלע ייִדן, מיט ווייבער און קינדער פון די בעטן, און מיט קלעפּ געטריבן זיי אין מאַרק. אַפילו דעם אַלטן רב, ר׳ דודלען האָט מען געבראַכט צו שלעפּן און אַוועקגעשטעלט נעבן כאַצקל דעם קירזשנער, וואָס האָט זיך געטרייסלט ווי אַ בלאַט אין ווינט.

אונטערן פרימאָרגן הימל איז אויפגעגאַנגען אַ געוויין. אָבער די שורה סאָלדאַטן, וואָס זענען געשטאַנען מיט אָנגעלאָדענע ביקסן אַנטקעגן דער עדה ייִדן, האָט די גרויליקע סצענע ווינציק וואָס געאַרט. אדרבא, אַז מען האָט זיך צוגעקוקט, האָט מען געקאָנט זען, ווי זיי קוועלן אָן פון די ייִדישע צרות...

אויף זיין פלינקן פערד איז דערווייל געקומען צו רייטן דער קאָמענדאַנט. די סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעצויגן ווי סטרונעס. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי. גלייך צוגעפאָרן צום רב און געגעבן אים אַ זעץ מיט דער נאַגייקע:

— דיינע פּאַרשיווע זשידקעס האָבן נעכטן ביינאַכט אַריינגעוואָרפן געווער אין ברונעם! גיב איך דיר צען מינוט צו דערציילן ווער דאָס האָט געטון. און אויב נישט — וועל איך אייך אַלעמען דערשיסן ווי די הינט!

אַז די יללה איז נאָך גרעסער געוואָרן, האָט כאַצקל מיט ציטער אין די פינגער אָנגערירט דעם רבס אַרבל און מיט געוויין אין קול געזאָגט:

— הייליקער רבי! דאָס האָב איך אַריינגעוואָרפן אַהין די פּאַדקאָווע, וואָס מיין ייִנגל האָט געפונען אויפן וועג, גייענדיק פון דאָרף. איז אפשר זאָל איך אַרויסטרעטן פון דער ריי און דערציילן דעם אדון? הלמאי זאָל אַ גאַנץ שטעטל מיט ייִדן חלילה ליידן צוליב מיר?...

אַ הויכער, אַ הדרת־פּנימדיקער, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און דיקע,

זילבערנע ברעמען און אַן אַנגעטאָענער אין אַ זייער אַלטער, אָבער זויבערער קאַפּאָטע, האָט דער רב אַ מילדן קוק געגעבן אויף כאַצקלען און מיט האַרץ אָנגעהויבן רעדן צום קאָמענדאַנט:

— אדוני פּריץ! אויב איר זאָגט, אַז „עמיצער פון אונדז האָט אַרייַנגעוואָרפן געווער אין ברונעם“, ווייסט איר דאָך וואָס איר רעדט... נאָך אַלעמען וועט דאָך די פּוילישע מאַכט נישט באַשטימען אָבי וועמען פאַר אַ קאָמענדאַנט... סיידן אַזאַ איינעם, וואָס איז אַ וויעלמאָזשנער און געלערנטער מענטש... איז, איידער איר הייסט אייערע סאָלדאַטן שיסן אויף אונדז, וואָלט איך אייך וועלן בעטן אַ קליינע טובה: איר זאָלט אַזוי גוט זיין און אַפּריער אונטערזוכן דעם ברונעם און דערנאָך אורטיילן ווי אייער גנאָד וועט אייך הייסן...

מעגלעך, אַז דעם רבס האַלטונג און זיין איידעלער אופן פון רעדן איז דעם קאָמענדאַנט געפעלן געוואָרן, מחמת זיין רויטער פּרצוף איז אַביסל בלאַסער און מילדער געוואָרן. פון די אויגן איז די גרינגע רציחה אַנטרונען. אַ ווײַלע האָט ער זיך געישובט וואָס צו טון, מיט די „איידעלע פינגער“ געגלעט זיך די שאַרפע שפּיצן־וואָנצעס. אַ צי־געגעבן די לייצעס און איינגעהאַלטן דאָס פערד, וואָס האָט אונטערגעטאַנצט אונטער אים:

— דאָבזשע, זשידאָווסקי ראַבין! אָבער קיינער נישט פון אייערע. איר וועט דאָך מיר דעם אמת אַלץ איינס נישט דערציילן.

צום גליק האָט זיך אין מאַרק באַוויזן אַנדרעי דער קוימענקערער, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. עס איז אָבער מעגלעך, אַז דאָס מאָל איז ער געווען ניכטער, ווייל גלייך ווי ער האָט באַמערקט די עדה יידן, דערהערט זייער געוויין און דערזען די סאָלדאַטן מיטן קאָמענדאַנט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אַן אומגליק וועט דאָ הייַנט געשען, און געוואָלט אָפּטראָגן זיך פונדאַנען. נאָר דעם קאָמענדאַנטס בליציקע קוקערס האָבן אים גלייך דערשנאַפּט:

— העי, דו, הינטישער זון, קום אַהער!

צוויי סאָלדאַטן האָבן אים צוגעשטויסן צום קאָמענדאַנט. אַנדרעי האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ און צוליב דער געדיכטער סאַזשע, וואָס איז דאָרט געלעגן, האָט מען נישט געקאָנט וויסן צי די האָר זיינע זענען בלאָנדע, שוואַרצע אָדער גרויע:

— הער נאָר, דו אויסוואורף! —האָט דער קאָמענדאַנט אַ דראָע־געטון מיט דער נאַגייקע— קריך אַריין אין ברונעם און שלעפּ אַרויס דאָס געווער, וואָס די פאַרפלוכטע זשידקעס האָבן דאָרט באַהאַלטן!

אַנדרעי איז געווען איינער פון יענע טעמפּע רוסן, וואָס האָט אַלץ געמיינט, אַז דאָ אין ווייסרוסלאַנד הערשט נאָך די צאַרישע מאַכט. האָט ער, ווי אַ סאָל־דאַט, צוגעקלאַפּט אַ פוס צו אַ פוס, אויסגעגלייכט זיך, אַרויסגעשטעלט די דאַרע ברוסט, צוגעלייגט די רעכטע האַנט צום שטערן (אָפּגעגעבן „טשעסט“, הייסט עס) און אַ דערשראָקענער געענטפערט אויף זיין רוסישן שטייגער:

— וואַשאַ וויסאָקאַ בלאַגאַראָדיאַ! דער ברונעם איז דאָך אַ פאַרשאָלטע־נער! נישט־גוטע ווינען דאָרט! איך האָב מורא אַריינצוגיין אַהין!?...

— גיי זאָג איך דיר! — האָט אים דער קאָמענדאַנט מכבד געווען מיט דער נאַגייקע.

מיט אַ פאַרלאָפענעם שראַם אויף דער לינקער באַק האָט דער קוימענקערער אַראָפּגעוואָרפן פון אַקסל די שוואַרצע שטריק מיטן קליינעם, קיילעכדיקן בעזימל, וואָס האָט שוין כמעט קיין בלעטער נישט געהאַט אויף זיך. אויך די „באָמבע“ אַראָפּגעשליידערט און אַנגעהויבן אַראָפּלאָזן זיך אויפן לאַנגן לייטער, וואָס מען האָט דערווייל געבראַכט פון דעם קאָלבאַסניקס הויף.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און דער קוימענקערער איז צוריק אַרויסגע־קראָכן פון ברונעם. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אייזערנעם רייף פון אַ פאַס, אַ בלעכערנעם עמער אָן אַ דעק, אין דער אַנדערער — אַ געפּייגערטע קאַץ מיט אַן אָפּגעקראָכענער פעל, אַ בלישטשענדיקע פּאַדקאָווע, אַווקגעלייגט דאָס אויף דער ערד און ווידער אָפּגעגעבן „טשעסט“:

— אַחוץ אַביסל שטיינער, איז דאָרט גאָרנישט פאַראַן!

— דו לייקנסט! דו הינטישער זון! — האָט אים דער קאָמענדאַנט דער־לאַנגט אַזאַ זעץ איבער פּלייצע, אַז דאָס אָרעמע פויערל האָט זיך איינגעבויגן אין דרייען — די פאַרשיווע זשידקעס האָבן דיך שוין אונטערגעקויפט, אַ?...

— וואַשאַ וויסאָקאַ בלאַגאַראָדיאַ! — האָט דער קוימענקערער געוויינט מיט ביטערע טרערן און אַלץ נישט צוגענומען די האַנט פון שטערן — איך זאָג דעם אמת, אַז מער איז דאָרטן גאָרנישט דאָ!...

— הע, דו! — האָט זיך דער קאָמענדאַנט געווענדט צו איינעם פון זיינע סאָלדאַטן, — גיי אַראָפּ אין ברונעם און ברענג אַרויס פון דאָרטן די אַמוניציע וואָס די זשידקעס האָבן דאָרט באַהאַלטן!

כדי נישט איינשמירן זיין דריי־קאַנטיקע היטל, האָט דער זעלנער זי אַראָפּ־גענומען פון קאָפּ, צוזאַמען מיט דער ביקס — איבערגעגעבן אַן אַנדערן. פלינק ווי אַן אַקראָבאַט אַראָפּ אין ברונעם, באַלד צוריק אַרויף און פאַרהייבנדיק צוויי פינגער צום שליף פון שטערן, האָט ער ראַפּאָרטירט:

נח גאָלדבערג

— דערלויבט מיר צו מעלדן, וויעלמאָזשני פּאַן קאָמענדאַנט, אַז אַ חוץ אַביסל שטיינער און שמוץ איז אין ברונעם גאָרנישט פאַראַן!...

פון רציחה, וואָס דער קאַלבאַסניק האָט אים אָפּגענאַרט, האָט דער קאָמענדאַנט נישט געקאָנט איינזיצן אין זאָטל. די בלויע שטריקלדיקע אָדערן אַרום האַלדז זענען נאָך בלויער און אָנגעצויגענער געוואָרן. די אויגן זענען מיט בלוט פאַרלאָפן. די רעכטע האַנט האָט זיך איינגעקרעמפּט אין דער הענטל פון דער נאַגייקע. אַפילו דאָס פערד האָט דערפילט דעם באַלעבאָס׳ כעס און איז אומרויק געוואָרן. אָנגעהויבן קאָפּען מיט די פיס אין דער ערד און דער קאָמענדאַנט האָט אַ געשריי געגעבן:

— ווו איז ער דאָס, דער הונט?!

אין דער רגע האָט ער זיך גאָר פאַרגעסן וועגן די ייִדן. איצט איז זיין איינציקע קרענקונג געווען דאָס, וואָס ער איז אויסגעשטעלט געוואָרן צום נאַר און נאָך פאַר אַזויפיל גויים אין די אויגן, וועלכע זענען צוזאַמענגעלאָפן זיך אויפן מאַרק אָבער, איבערהויפּט האָט אים די ניכפּה גענומען, וואָס זיינע אייגענע סאָלדאַטן האָבן זיין גרויסע באַליידיקונג.

איז ער מיטן פערד צוגעשפּרונגען צום קאַלבאַסניק, וואָס האָט זיך מיט אַלע כוחות געלאָזט לויפן און געגעבן אים אַזאַ כמאַל איבערן קאָפּ, אַז יענער איז אַ פאַרבלוטיקטער ווי אַ חזיר געבליבן ליגן אויף דער ערד און דער קאָמענדאַנט האָט אַ צעיושעטער געשריִען:

— מיך, דעם קאָמענדאַנט, די פּוילישע מאַכט גייסטו אָפּנאַרן? דו פּשאַקרעוו! נעמט אים! גיט אים פינף־און־צוואַנציק, ניין! גיט דעם אויסוואורף פופציק שמיץ אויפן הוילן הינטן, וועט ער וויסן ווי אָפּצוחוזקן פון דער פּוילישער רעגירונג!...

דער גויִישער עולם איז נאָך פאַרבליבן אין מאַרק, געוואָלט אָפּנים זען ווי מען וועט שמייסן דעם קאַלבאַסניק, און, להבדיל, דער רב מיט די פאַריטשער ייִדן זענען אויסגעמאַטערטע, איבערגעשראָקענע, צעבראָכענע און דאָך מיט אַזויפיל בטחון אין דעם אויבערשטן, אַוועק אין שול דאַוונען און גומל־בענטשן, וואָס זיי זענען ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

פאַרלוירן דעם חשבון

מיקיטאַ איז געווען אַ הויכער און אַ געזונטער. פון זיינע ברייטע פלייצעס האָט זיך קודם אַרויסגעזען אַן איינגעטויקעטער קאַרק ווי ביי אַ בוהיי. אויף אים איז געזעסן אַ מאַסיווער קאָפּ אין אַ שעפּסענער קוטשמע. פון די צעשפּרייטע נאָזלעכער האָבן זיך אַרויסגעבערשטלט צוויי בינטלעך האָר, וואָס זענען אים אַריינגעפאַלן אין די וואָנצעס, אין מויל און מען האָט נישט געקאָנט טרעפן ווו עס געפינט זיך די אויבערשטע ליפּ און ווו די אונטערשטע.

אָט דער מיקיטאַ פלעגט אַ יאָר איבער אַ יאָר אַוועקגיין אַרבעטן אין די פּאָלעסיער וועלדער. אין דאָרף איז מען שוין געווינט געווען צו זען, ווי אין האַרבסט נעמט ער די טאָרבע אויף די פּלייצעס, פאַרוקט די שאַרפע האַק אין גאַרטל, פאַרוואַרפט די זעג אויפן אַקסל און — היידאַ! אויף אַ יאָר, צי אויף צוויי. און עס האָט גאָר קיינעם נישט געאַרט, וואָס ער לאָזט איבער זיין אַניוטאַן מיט די צוויי קינדער אויף גאָטס באַראָט.

אמת, נאָך זיין אַוועקגיין פלעגט מען קייכן פון געלעכטער! יעדער האָט גע־ ווּוסט, אַז ווי נאָר ער גייט אַוועק — זוכט זיך באַלד אָפּ פעדקע, דעם סטאַראָסטעס זונדל. דורך די בעכט איז, פעדקע געגאַנגען צו איר, מען זאָל נישט באַמערקן. אָבער אַלע האָבן געזען און געוווּסט, אַז מיקיטאַ איז נישט געווען דער איינ־ ציקער טאַטע פון זיינע קינדער.

אויך דאָס מאָל האָט זיך אָפּגעשפּילט די זעלביקע סצענע. ווי נאָר דער וומער האָט אויסגעהויכט די נשמה, האָט מיקיטאַ אָנגעהויבן אָנגרייטן האָלץ, עס זאָל קלעקן אויף איבערן ווינטער. דעם בוידעם פון שטאָל — פאַרלייגט מיט היי, אַז די איינציקע בהמה זיינע, וואָס האָט געהאַט בלויז איין האָרן און דריי ציצלעך, זאָל האָבן וואָס צום פרעסן. ביי שכנים אויסגעבאָרגט קאַרטאָפל פאַר

דעם ווייב מיט די קינדער און געקליבן זיך אין וועג אַריין ווי אַן אמת־גרויסער באַלעבאָס...

דער וועג קיין פּאָלעסיע איז געווען אַ ווייטער און אַ שווערער — וואָסערע הונדערט מיט צוואַנציק וויאָרסט. אין איין פּאָר לאַפּטיעס וואָלט ער אים נישט דורכגעמאַכט. האָט ער, פון פרישע לאָזע, אויסגעפלאָכטן צוויי פּאָר נייע. איין פּאָר אָנגעטאָן, די אַנדערע — צוזאַמען מיט לאַבן־ברויט — אַריינגעלייגט צו זיך אין טאָרבע און אין אַ פרייטיק אינדערפרי אַ זאָג־געטון צום ווייב:

— נו, אַניוטאַ, איך גיי! זיי געזונט!

— גיי געזונט! — האָט זי געענטפערט און אַפילו צום טיר נישט באַגלייט.

דער האַרבסט האָט אַראָפּגעקוקט מיט רעגן. אַ וואַרעם ווינטל האָט זיך אַ שפּיל־געטון מיט דיביימער און אַראָפּגעטרייסלט פון דאָרט די איבערגעבלי־בענע, פאַרוויטלטע בלעטער. עס איז געוואָרן סומנע און פאַרשמעקט מיט פייכט־קייט. נאָר מיקיטאַן האָט דאָס ווינציק וואָס געאַרט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך און געטראַכט וועגן דעם וויפל קוביק געהילץ ער וועט אויסלייגן אין וואַלד דורכן ווינטער און, ביי זיך אין געדאַנק, שוין געציילט דאָס געלט, וואָס ער וועט אָפּ־נעמען פאַר דער נאָך נישט־אָפּגעטוענער אַרבעט.

גענעכטיקט האָט ער אונטערן פרייען הימל. פלעגט זיך מאַכן, אַז דערביי איז געשטאַנען אַ בוים, צי אַ פּאָר ביימער — איז אַוודאי גוט געווען. דעמאָלט האָט ער געמאַכט אַ פייער און ווען דאָס האָלץ האָט זיך צעברענט און אַראָפּגע־טרייסלט פון זיך דעם זשאַר, האָט מיקיטאַ אונטערגעלייגט קאַרטאָפל צו באַקן. די קאַרטאָפל, אויפגעקליבענע אויף די פעלדער, זענען אַממיינסטן געווען פאַרגרינט און פאַרגלאָזט. פון צו־לאַנג ליגן אין דער ערד האָבן זיי געהאַט אַ סך וואָנצעס אויף זיך. אָבער אונדזער פויער האָט אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט, גע־שלונגען איין קאַרטאָפליע נאָך דער אַנדערער און הנאה געהאַט פון גאָטס וועלטל.

הונדערט און צוואַנציק וויאָרסט איז נישט קיין גאָר גרויסער מהלך. אויף דער צווייטער וואָך איז מיקיטאַ אָנגעקומען אין די פּאָליעסער וועלדער. דאָרטן האָט ער „דערטאַפּט" דעם „פּאָדריאַדטשיק" מיטן עלטסטן „פּריקאַזשטשיק", וועלכע ער האָט געקאָנט פון די פריערדיקע יאָרן. מיט זיי מושווה געוואָרן אַזוי־פיל און אַזויפיל פּאַר אַ קוביק. דינגען זיך איז אים אַלעמאָל אויסגעקומען פּוב־דאָסניי. וועגן דעם האָט מיקיטאַ קיין שלעכטס נישט געטראַכט און איז אַוועק צו דער אַרבעט.

קיין גיכער אַרבעטער איז ער נישט געווען, אָבער דערפאַר — אַ גלייכער מענטשל! מיטן זעלבן אימפּעט, מיט וועלכן ער פלעגט אין די פרימאָרגנס שטעלן

זיך צו דער אַרבעט, האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט די האַק פון די הענט, נישט אָפּגעשטעלט זיך צום פֿאַררויכערן אָדער באַלאַקען, ווי די אַנדערע וואַלד־לייגערס האָבן דאָס אָפט געטון, און סיי דער „פּאָדריאַדטשיק" און סיי דער „פּריקאַזשטשיק" האָבן אים נישט איינמאָל געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— מאָלאָדיעץ !...

ווען דער ווינטער איז פֿאַרביי און עס איז אָנגעקומען דער ליבער פרילינג און דערנאָך — דער זומער, האָט מיקיטא נאָך אַלץ קיין חשק נישט געהאַט אומצוקערן זיך אַהיים מיט די ליידיקע הענט כמעט. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט נישט געהאַלטן פון אַרומגיין ליידיק און צעטאַכלעווען די פּאָר רובל וואָס ער האָט פֿאַרדינט, איז ער אַוועק אין דער דערבייאיקער שטאָט האַקן האָלץ און אויסלייגן זיי אין קלאַפטער.

קיין מאָדע צו הייצן מיט קוילן איז נאָך אין שטאָט נישט איינגעפירט געווען. יעדער באַלעבאָס, צי באַלעבאָסטע — פלעגט איינהאַנדלען צו עטלעכע וועגעלעך האָלץ פֿאַראַמאָל. איז שוין פּאָר מיקיטאַן קיין שוועריקייטן נישט געווען צו קריגן אַרבעט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָט ער זיך נישט געדונגען, געזומען וויפיל מ'האָט געגעבן: אַ פערטעלע אַ וואָגן — איז גוט! האָט מען בלויז געגעבן אַ גריוונייע, צי אַמאָל — צוויי וועגעלעך פּאָר אַ גילדן, איז אויך רעכט געווען, — אַבי נישט אַרומגיין ליידיק און עסן פון דער טאָרבע.

פון די זומערדיקע פֿאַרדינסטן האָט אים אַפילו נישט געקלעקט אויף אַ פּאָר פּלודערן. איז ער דעם קומענדיקן ווינטער ווידער אַוועק אין וואַלד און פֿאַרדונגען זיך צום זעלביקן „פּאָדריאַטשיק". נאָר דאָסמאָל האָט אים יענער אַראָפּגענומען פון פּרייז. אָנשטאָט אַ רובל פּאָר אַ קוביק — געגעבן בלויז פינף און זיבעציק קאָפּיקעס. און מיקיטאַ האָט נעבעך פֿאַרלוירן אַ פערטעלע אויף יעדן קוביק. וואָס האָט ער געקאָנט העלפן? ער האָט געוווּסט, אַז ביי זיך אין דאָרף וועט ער נישט האָבן ווו צו פֿאַרדינען און וועט מיטן ווייב און קינדער פּוכנען פון הונגער.

ביים סוף פונעם צווייטן ווינטער איז ער אַריינגעגאַנגען אין „קאָנטאָר", אויסרעכענען זיך מיטן „פּריקאַזשטשיק", וואָס איז דאָ אויך געווען דער קאַסירער, און מיקיטאַן איז אויסגעקומען זייער מאָדנע, וואָס יענער האָט אים געזאָגט, אַז לויט דעם „כּאַרטש" וואָס מיקיטאַ האָט אויפגעגעסן אין לויף פוןביידע ווינטערס — קומט אים נישט מער ווי צוועלף רובל מיט פינף און אַכציק קאָפּיקעס. און וויפיל דער פּויער האָט נישט געהאַלטן אין רעכענען און איבעררעכענען, געציילט אויף די פינגער פון ביידע הענט, געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז וועדליק זיין „ראַשטשאָט" קומט אים אַסך מער — האָט עס נישט געהאָלפן...

און ווער רעדט שוין, אַז דער „פּאָדריאַדטשיק" אַליין, אַ „מאָסקאָוויטש", מיט אַ ברייטער, רויטער באָרד, וואָס האָט פּאָרדעקט די גאַנצע ברוסט, האָט זיך אַריינגעמישט צווישן זיי ביידן און אויף זיין מאָסקאָווסקען לשון אַ זאָג געגעבן: „מיקיטאַ, דו ביסט אַ מאָלאָדיעץ! האָסט ביי מיר בלויז געאַרבעט צוויי ווינטערס און שוין אָפּגעשפּאָרט אַזויפיל געלט!" און דערצו נאָך אָנגעגאָסן אַ האַלבע גלאָז ביינציקער, וואָס האָט אַ ברען־געטון אין האַלדז און צעגאַנגען זיך אין אַלע אברים, — האָט מיקיטאַ אַוודאי און אַוודאי אָנגעוואָרן דעם חשד, אַז מען האָט אים אָנגע־פּייפּט אין חשבון...

ווי אַלע גוטע און נישט־באַרעדעוודיקע רוסישע פּויערים, האָט ער בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געזאָגט: „אַ דאַנק, פּריצל" און איז מיט אַ פריילעכן געמיט אַוועק אַהיים.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אַ שטאָט, האָט ער נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון, אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ „טראַקטיר", אַריינ־געקערט אַ „סאָטקע" בראָנפן. דערנאָך אין מאַרק געקויפט אַ טיכל מיט רויטע קווייטן ביי די ברעגעס, — פּאַרן ווייב אַ מתנה. אויך איינגעהאַנדלט אַ קרעניצל־בייגל פאַר די קינדער, — זאָלן זיי וויסן, אַז דער טאַטע איז נישט קיין חזיר און געלאָזט זיך גיין צוריק איבער די פּאָליעסער שליאַכן.

געגאַנגען איז ער טאָג נאָך טאָג און גענעכטיקט ווו עס האָט זיך געמאַכט. אָבער איצט האָט ער זיך געהיט פאַר אַ מענטשלעך אויג. אַלע ווײַלע געטאַפּט דאָס געלט, וואָס ער האָט איינגענייט אין קוטשמע, אונטער דער וואַטע. דורך די נעכט איז ער כמעט נישט געשלאָפן, געלעגן מיט אויפגעריסענע אויגן, מיט וואַכע, אָנגעשפּיצטע אויערן ווי ביי אַ הונט, ווייל קוים האָט ער צוזאַמענגעפּירט די אויגן־לעפּלעך, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז באַנדיטן זענען אים באַפאַלן, איבערגעזעגט דעם האַלדז און צוגענומען דאָס געלט.

אין אַ דינסטיק אינדערפרי האָט ער זיך דערשלעפּט צו זיין דאָרף ווו ער איז געבוירן געוואָרן. דערנאָך, מיט יאָרן שפּעטער, חתונה געהאַט און געלעבט מיטן ווייב און קינדער. קוים דערגרייכט, סעמיאָן מאַטווייעוויטשעס כאַטע, וואָס איז געשטאַנען די ערשטע אין דאָרף, האָט זיך מיקיטאַ אַוועקגעזעצט ביי יענעם אויף דער פּריזבע, אַראָפּגענומען די טאָרבע פון די פּלייצעס, פון דאָרטן אַרויס־געשלעפּט אַ שטיק חזיר מיט אַ לוסטע ברויט און אָנגעהויבן קייען אויף אַלע ציינער.

ווען סעמיאָן מאַטווייעוויטש האָט באַמערקט, אַז עמיצער זיצט ביי אים אויף דער פּריזבע, דאַכט זיך אַ באַקאַנטע קוטשמע, איז ער האַסטיק אַרויסגעגאַנגען

אין דרויסן, אַ ווײַלע שטיין געבליבן מיט צעלופּעטע קוקערס און דערנאָך אַ ווייטן און שיטערן שפּיי געטון:

— מיקיטאַ! דאָס ביסטו? טפו זאָלסטו ווערן!

מיקיטאַ איז געווען אַרײַנגעטון אין דער אכילה און קורץ געענטפערט:

— אַהאַ!

סעמיאָן מאַטווייעוויטש האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דעם שכן און אויף זיין פּנימל און איבערהויפּט אַרום די אויגן־ווינקלען האָבן זיך צענדליקער כיטרע קנייטשעלעך באַוויזן:

— וואָס „אַהאַקעסטו" מיך? זאָג מיר בעסער, חכם איינער, אַז דו ביסט שוין יאָ געקומען אַהיים, איז פאַרוואָס גייסטו נישט אַריין צו זיך אין שטיבל? מען זעצט זיך אַוועק ביים טיש ווי אַ מענטש און מען עסט! וואָס איז דאָס פאַראַ פּירעכץ ביי דיר קאָן איך נישט פאַרשטיין?...

מיקיטאַ האָט אַראָפּגעשלונגען אַ ביסן, פאַרהויבן דעם קאָפּ און געפּינטלט מיט די אויגן:

— וואָס איז דאָ נישט צום פאַרשטיין? ווייסט דאָך, מאַטווייעוויטש, אַז עס איז שוין איבער אַ יאָר מיט אַ האַלב ווי איך בין אין דער היים נישט געווען. קאָן דאָך זיין, אַז דורך דער צייט איז די בהמה געפאַלן, צי די ווייב איז גע־שטאָרבן, אָדער אַ קינד איז אומגעקומען. איז ווען איך גיי אַריין אין שטוב און דערזע דעם אומגליק — וואָלט איך שוין קיין האַרץ נישט געהאַט אַוועקזעצן זיך צום טיש און עסן... אָבער, אַז איך וועל דאָ אָפּעסן און ערשט דערנאָך אַריינקומען אַהין וועט קאָנען זיין וואָס עס וויל זיך...

סעמיאָן מאַטווייעוויטשן איז אַ געדאַנקעלע אָנגעלאָפן: „מ'דאַרף מיט אים אַ שפּאַס טון":

— דו זאָגסט, אַז איבער אַ יאָר מיט אַ האַלב ביסטו נישט געווען אין דער היים? געדענקסט גאָרנישט, אַז ס'איז ערשט ניין חדשים מיט דריי וואָכן אין דעם, ווי דו ביסט אַוועק קיין פּאָלעסיע?... גלייבסט נישט, אַ? אַט וועל איך דאָס דיר אויסרעכענען אַקוראַט. זאָג מיר, למשל, וויפיל חדשים טראָגט אַ פרוי? ניין, אַ־יאָ? היינט, אַז דיין שקאַפּע, איך מיין דיין אַניוטאַ, האָט מיט קאַרגע דריי וואָכן צוריק געהאַט אַ בייסטרוק? (ממזר). איצט רעכן דאָס אויס: קאַרגע דריי וואָכן, מ'קאָן אפילו זאָגן גאַנצע דריי. לייג צו דעם צו ניין חדשים, האָסטו אַ קימאַ־לן פון ניין חדשים מיט דריי וואָכן!... איצט זעסטו, אַז דו מאַכסט אַ טעות אין חשבון?..

מיקיטאַ האָט גענומען נאָך אַ ביסן אין מויל און נישט קאָנענדיק אַראָפּ־

שלינגען, האָט ער דאָס אויסגעשפּיגן. דעם שטיק חזיר מיטן ברויט אַריינגעלייגט צוריק אין טאָרבע און אויפגעהויבן זיך פון דער פּריזבע:

— וואָס הייסט זי האָט געהאַט אַ בייסטרוק?... ווי אַזוי האָט זי דאָס גאָר געקאָנט האָבן, אַז צוויי ווינטערס האָב איך געאַרבעט אין די פּאָלעסיער וועלדער. פּאַרדינט צוועלף רובל מיט פינף און אַכציק קאָפּיקעס; אַ זומער געלייגט קלאָפּ־טער אין שטאָט און אָפּגעשפּאַרט דריי קאָרבן מיט אַ גריוונע. איז ווי קאָן אַ פרוי טראָגן אַזוי לאַנג? נישט אַנדערש, אַז עס איז אַ ליגן!...

סעמיאָן מאַטווייעוויטש, וואָס איז געווען באַקאַנט פאַר אַ לץ, אַ דרייקאָפּ, האָט כלומרשט אָנגעשטעלט אַן ערנסטן פּנים און מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן דאָס געלעכטער זאָל אים נישט אַרויסשיסן פון האַלדז:

— גלייבסט מיר נישט, אַ? איך זאָג דיר דעם אמת, אַז אינגאַנצן ביסטו דאָ נישט געווען ניין חדשים מיט דריי וואָכן צייט... ווייסט דאָך, רעכענען קאָן איך בעסער פון דיר! אָט נעם און צייל נאָכאַמאָל: דיין שקאָפּע האָט געטראָגן ניין חדשים? שוין באַלד דריי וואָכן ווי זי האָט אָפּגעהאַט? איצט פיר דאָס אַליין צו־זאַמען! מיינסט, אַז איך האָב אויסגעטראַכט אַ ליגן?...

מיקיטאָן האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן: צוויי ווינטערס אין די פּאָלעסיער וועלדער. פּאַרדינט צוועלף רובל מיט פינף און אַכציק קאָפּיקעס. אַ זומער געלייגט קלאָפּטער אין שטאָט און אָנגעקליבן דריי קאָרבן מיט א גריוונע. שוין באַלד צוויי וואָכן ווי ער איז געווען אין וועג. ניין חדשים האָט זי געטראָגן. דריי וואָכן, אַז זי האָט אָפּגעהאַט. גאָט מיינער! וואָס טוט זיך דאָ!... שאַ! אפשר איז סעמיאָן מאַטווייעוויטש גערעכט? עס איז דאָך מעגלעך, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון און איז טאַקע מער נישט געווען אין דער פרעמד ווי ניין חדשים מיט דריי וואָכן?... מ׳דאַרף אַריינגיין צו זיך אין כאַטע און פרעגן דעם ווייב. זי ווייסט דאָך בעסער פון אים און וועט געוויס זאָגן דעם אמת!...

מיט דעם באַשלוס האָט ער זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער הויך. אַראָפּגעלאָזט די געזונטע הענט און אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ נאַרישן ריז:

— הערסט, מאַטווייעוויטש? איך וועל גיין אַהיים און פרעגן אַניוטאָן. נאָר טאָמער איז דאָס אַ ליגן, וועל איך דיר צעברעכן די דעכוועניעס, וועסטו וויסן ווי אָפּצולאַכן פון אַ מענטשן!

סעמיאָן מאַטווייעוויטש האָט זיך אַביסל אָפּגערוקט פון זיין צעכעסטן שכן און מיט היציקייט אין קול אָנגעהויבן שרייען אויף אים:

— דו ביסט אַ באַלוואַן! אדרבא! איך פרעג דיך אַליין: דיין שקאָפּע האָט

מיט דריי וואָכן צוריק געהאַט אַ בייסטרוק? און געטראָגן האָט זי ניין חדשים; היינט וואָס דרייסטו מיר אַ היטל, אַז צוויי ווינטערס האָסטו געאַרבעט אין די פּאַלעסיער וועלדער און אַ זומער אין שטאָט?... דו ביסט אַ פּאַדלעץ! דו שאַצט נישט אָפּ קיין פרײנטשאַפט. גיי אַרייך אין כאַטע און פרעג! מיינסט מיך וועט דאָס אַרן?... פרעג טאַקע, פרעג: ווי לאַנג זי האָט געטראָגן, און ווען זי האָט אָפּגעהאַט. פרעג־פרעג!... וועסט אַליין איינזעען, אַז איך בין גערעכט...

מיקיטאַ האָט אים מער נישט געענטפערט. ער האָט זיך געוואָלט דערוויסן צי ס׳איז טאַקע אַזוי ווי יענער האָט אים דערציילט. איז ער העגדום־פּענדום אַריינגעלאָפן צו זיך אין שטיבל. די צוויי קינדערלעך, אַ שיקסעלע פון אַ יאָר זעקס און אַ שגצל פון אַרום דריי — זענען אַרומגעגאַנגען מיט נאַקעטע פּופּיקלעך און געשפּילט זיך מיט אַ הינטל. דערזען דעם טאַטן זייערן, האָבן זיי זיך דער־שראָקן און שטיין־געבליבן מיט די פינגער אין די נעזלעך.

מיט אַן אַרויסגענומענער ברוסט איז אַניוטאַ געלעגן אויפן טאַפּטשאַן, גע־טוליעט צו זיך אַ רויט נפשל און עס געגעבן זויגן. באַמערקט דעם מאַן אירן, איז זי געוואָרן בלאַס. דערנאָך געל. די קאָלירן אויף איר פּנים האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן. זי איז אָבער געבליבן ליגן אין דער זעלבער פּאָזע וואָס פריער און מיט אַ באַהאַלטענעם ציטער אין האַרצן געהיט יעדן ריר זיינעם.

דער מאַן האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר, אַ קוק געגעבן אויפן רויטן נפשל און ס׳איז פאַר אים גלייך קלאָר געוואָרן, אַז סעמיאָן מאַטווייעוויטש איז אַן ערלעכער מענטש און קיין ליגן נישט געזאָגט:

— זדראַוואָ! — האָט ער באַגריסט דאָס ווייב און די אויגן נישט געקאָנט אַראָפּנעמען פונעם נפשל.

— זדאַראָוו! — האָט זי געענטפערט מיט דער זעלבער קורצקייט און דאָס האַרץ האָט איר אַ ציטער־געטון: „דאָס איז דער סוף! באַלד וועט ער זי אָננעמען ביים האַלדז און דערווערגן״.

נאָר מיקיטאַ האָט אַפילו נישט געטראַכט דערפון. ער האָט אָבער אַלץ נישט געקאָנט באַגרייפן דעם פּלאָנטער און געפרעגט:

— הערסט, אַניוטאַ? סעמיאָן מאַטווייעוויטש האָט אויסגערעכנט, אַז אינ־גאַנצן בין איך דאָ נישט געווען קאַרגע צען חדשים. מיין קאָפּ איז שווער. איך קאָן נישט באַנעמען. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז צוויי ווינטערס האָב איך געאַרבעט אין די פּאַליעסער וועלדער, פאַרדינט צוועלף רובל מיט פינף און אַכציק קאָפּיקעס. אַ זומער געלייגט קלאָפּטער אין שטאָט און אָפּגעשפּאָרט דריי

קאַרבן מיט אַ גריוונע. הײַנט, ווי קומט דאָס אויס? דו ביסט דאָך עפּעס קליגער פֿון מיר אין די זאַכן. איז זאָג מיר דעם אמת, וואָס קומט דאָ פֿאָר?

פֿריִער האָט זי זיך געשראָקן פֿאַר אים, אָבער דערהערנדיק, אַז סעמיאָן מאַטווייעוויטש האָט שוין אים אָראָפּגעפֿירט פֿון חשבון, האָט זי אַ שמייכל געטון, אַ קער־געגעבן זיך אויף אַ זייט. פֿון דעם נפֿשלס מיילעכל איז די ברוסט אַרויס־געפֿאַלן און אויפֿן נאָפּל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צייטיקע מאַלינע, איז גע־בליבן הענגען אַ טראָפּנדל געבלעכע מילך:

— און דו פֿערד איינער! פֿאַרשטייסט גאָרנישט, אַז ביי דיר, אין דײַן נאַרישן קאָפּ האָבן זיך צוזאַמענגעמישט צוויי ווינטערס?... און אַליין ווייסטו ניט, אַז מאַטווייעוויטש איז געערעכט?... די אויגן זענען דיר ארויסגעקראָכן פֿון קאָפּ? זעסט דען נישט, אַז „אונדזער" קינד איז ערשט דריי וואָכן אַלט און געטראָגן האָב איך ניין חדשים, מיינט דאָך, אַז דו ביסט דאָ נישט געווען אַרום צען חדשים צייט און דו שעמסט זיך גאָרנישט צו פֿרעגן דאָס ביי פֿרעמדע מענטשן?...

מער האָט מיקיטאַ נישט געדאַרפֿט. אַניוטאָס ענטפֿער איז אים געפֿעלן געוואָרן. דערצו נאָך האָט אים אין די אויגן אַ שטאָך־געטון איר נאַקעטע ברוסט מיטן רויטן נאָפּל. האָט ער לאַנג נישט געטראַכט, אויפֿגעבונדן די טאָרבע, די קינדער געגעבן צו פֿאַר בייגל און אַ גליקלעכער, וואָס זיין ווייב איז אַ קלוגע און קאָן רעכענען בעסער פֿון אים, האָט ער אַרויסגענומען דאָס טיכל מיט די פֿאַרביקע קווייטן ביי די ברעגן און דאָס אָפּגעגעבן איר אַלס אַ מתנה.

גרינע עפּל

דער וועג צום דאָרף, אָליעכאָווקע, איז געלאָפן צווישן צווי רייען בעראַ־זווע ביימער, אַנגעטאָענע אין ווייסע קאָרע, באַשפּרענקלט מיט קרומע, שוואַר־צינקע פּאַסיקלעך און הויכע, גרינע קרוינען. רעכטס, האָט זיך רחבותדיק צע־שפּרייט אַ ווייט פעלד. דאָס יאָר איז דערויף געוואַקסן קאָרן, ווייץ, גערשטן און האָבער. לינקס, באַלד הינטערן דאָרף, וויאַרסטן מיט בולבע, ציבעלעס, קרויט, באָב און בעבלעך. נאָר איצט, אין חודש אלול, איז אַ חוץ די קרויט, אַלץ געווען אַראָפּגענומען. איז דאָס פעלד געשטאַנען אַן אָפּגעשוירנס, מיט געל, שטעכיק שטרוי און קיין באַרוויסע פוס אויף זיך נישט אַרויפגעלאָזט...

צווישןביידע „סענאַקאָסן" און דעם טייך „בעראָזע", וואָס איז רויק געפלאָסן לענגאויס דעם שליאַך, האָט זיך אַרויסגעשיילט אָליעכאָווקע גופא. דאָס איז גע־ווען אַ היפּשער דאָרף, מיט איין גאַס און מיט אַן איין־און־איינציקן ברונעם אינ־דערמיטן. נאָר זיין „אָצעפּ", מיטן געשרויפטן־האָקן, אויף אַרויפּטשעפּען אַן עמער, איז געווען אַזוי הויך, אַז מען האָט אים געקאָנט זען אַזש אין דערבייִיקן שטעטל ליבאַניטש. מיט אירע שטרויענע דעכער אויף די נידעריקע כאַטקעס, איז אָליעכאָווקע געווען איינגעטונקט אין גערטנער, אין געדיכטע סעדער און געבאָדן זיך אין דער סוף זומערדיקער זון.

איצט איז דאָ אין דאָרף געווען לעבעדיק. כמעט פון אַלע הויפן האָט זיך געהערט דאָס טראַסקען, קרעכצן און טאַראַראַמעווען פון די „מאַלאָטילקעס" ביים דרעשן די תבואות. אָבער, נאָך רוישיקער האָט געבראַזגעט, איליאַ זייעצעס דרעש־מאַשין, אַרום וועלכער עס האָט זיך געהימלט אַ באַרג מיט שטרוי, פון איין זייט און אַ קופּע קאָרן, פון דער אַנדערער.

פון באַגינען אָן האָט איליאַ זייעץ געדרייט דאָס הענטל פון דער „מאַלאָטיל־קע" און זיין דרייצן־יעריקער זון, וואַנקע, איז געשטאַנען אויפן דעק פון אַן אי־

בערגעקערטן צעבער. מיט אַלע כוחות געשטופּט גאַרבן קאָרן אינעם צעעפּנט פּיסק פון דער מאַשין, וואָס האָט געשלונגען אַ גאַרב נאָך אַ גאַרב. דערביי גע־וואָרפן זיך, ווי אין אַ קדחת און מיט איר הויכן שרייען — אַריבערגעשריִען אַלע „מאַלאַטילקעס" אין דאָרף.

אָבער זיי זענען נישט געווען די איינציקע, וואָס האָבן געאַרבעט אַזוי שווער. אויף פּאַלאַהייע, זייעצעס ווייב, איז נישט אַרומגעגאַנגען ליידיק. מיט אַ ברייטער, הילצערנער לאָפּעטע האָט זי איבערגעשאָטן דעם קאָרן פון איין בערגל אויפן אַנדערן, געהוידעט די לאָפּעטעס אינדערלופטן. אַזוי אַרום — אַרויסגע־טרייסלט די „לושקעס" פון די קערנער און אָפּגעפּאַרבט דעם גאַנצן הויף אויף גאָלד.

היי־יאָר איז די גערעטעניש געווען אַ גוטע. האָט זיך דאָס דרעשן געצויגן אַ טאָג נאָך אַ טאָג און במילא אַריינגעבראַכט יום־טובדיקייט אין דעם דאָרפישן לעבן.

נאָר איינמאָל, אין אַ פּשוטן דינסטיק בייטאָג, ווען די זון האָט זיך צעפלאַמט גאָרנישט אלול־מעסיק, איז וואַנקאַ אַרונטער פונעם צעבער, מיטן אַרבל פונעם לייווענטענעם העמד האָט ער אָפּגעווישט זיך דעם פּנים, וואָס איז געווען באַ־דעקט מיט אַ דיקן קאָרן־שטויב און מיט בייזקייט אין די גרינע אויגן געזאָגט צו זיינע עלטערן:

— דער קאָפּ טוט מיר וויי... איך וועל אַריינגיין אין סאָד, לייגן זיך אונ־טער אַ בוים און אָפּרוען זיך אַביסל...

די מוטער האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט צו לופטערן דעם קאָרן און אָנ־געשפּאַרט דעם עלנבויגן אויפן הענטל פון דער הילצערנער לאָפּעטע:

— אפשר ווילסטו עפּעס עסן, צי טרינקען?

— איך וויל גאָרנישט, בלויז אַביסל אָפּרוען זיך...

דער טאַטע האָט אַ וויטן שפּיי געטון, אַ קוק געגעבן אויפן אַוועקגייענדיקן בנאָק און אָנגעבייזערט זיך אויפן ווייב, פונקט ווי זי וואָלט דאָס געווען שולדיק, הלמאַי וואַנקע האָט אינמיטן טאָג אַוועקגעלייגט די אַרבעט:

— דיין זונדל!... דו הערסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? ווען אַ מענטש הערט אויף צו דרעשן אינמיטן טאָג — איז דאָס אַ שלעכטער סימן...

זי האָט אים נישט געענטפערט, ביז געשוויגן און ווידער גענומען זיך צו דער לאָפּעטע און אַזוי גיך געאַרבעט, ווי זי וואָלט מיט דער גיכקייט געוואָלט באַווייזן, אַז זי אַרבעט אי פאַר זיך, אי פאַר וואַנקען.

דער יונג איז דערוויַיל אַריין אין סאָד און אַוועקגעלייגט זיך אונטער די

געדיכטע צווייגן פון אַ בוים, אויף וועלכע עס זענען געוואַקסן „אַנטאָנעוועקעס", וואָס צייטיקן זיך אין די שפּעטע חדשים. די עפּל, שווערע, פולע, אָנגעגאָסענע מיט אַ זיס־זויערלעכן זאַפט, האָבן אַראָפּגעשווערט די צווייגן צו דער ערד און מיט זייער גרינקייט אַרויסגעהנדלט זיך פון צווישן די קורץ צינגלדיקע בלעטער.

אַ היבשע ווײַלע איז ער געלעגן אויפן רוקן און תמעוואַטע געקוקט אויפן הימל. מיט פאַרזשמורעטע אויגן, האָט ער נאָכגעפאָלגט אַ ווייסינקן וואָלקנדל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שעפּס און געצויגן זיך אינדערהייך, איבערן בוים. ווען דאָס וואָלקנדל איז פאַרשוווּנדן, האָט וואַנקע געוואָלט איבערציילן וויפיל עפּל עס וואַקסן אויף יעדער צווייג — און נישט געקאָנט.

דערנאָך איז ער גלאַט אַזוי זיך געלעגן ביז ער האָט דערפילט, אַז עס ציט אים אונטערן לעפעלע. נאָר גיין אין הויף און זאָגן דער מאַמען „איך וויל עסן", האָט ער נישט געוואָלט, מורא געהאַט, אַז דער טאַטע וועט אָנהייבן שרייען, הלמאי ער פוילט זיך און אַרבעט נישט. איז וואַנקע אויפגעשטאַנען, מיטן לאַנגן „זביאַם" (אַ פיר פינגערדיקער שטעקן), אַראָפּגענומען עטלעכע גרינע עפּל און אָנגעהויבן קייען.

דער טערפּקער זאַפט האָט פאַרשאַרפט דעם יונגס הונגער, האָט דער חברה־מאַן לאַנג נישט געטראַכט און אַראָפּגעריסן נאָך עטלעכע עפּל. ער האָט געשלונגען אַ ביס נאָך אַ ביס און אַפילו נישט געפילט, ווי דער עפּל־זאַפט האָט פאַרבריאַק־נעט זיינע ציינער מיט אַ געדיכטער אַסקאָמע.

נאָך דעם עסן האָט זיך וואַנקע צוריק אַוועקגעלייגט אויפן פּר:ערדיקן אָרט און באַלד איינגעשלאָפן. מען מוז צוגעבן, אַז עס איז געווען טשיקאַווע צו הערן, ווי דאָס כראָפּען האָט זיך ביי אים פאַרענדיקן מיט אַ לאַנגן, דינעם פייף, אין צו זען, ווי די ליפּן האָבן זיך, בעת־מעשה, אויפגעשטעלט — און איינגעפאַלן: אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, ווי ביי אַ זקן אָן ציינער אין מויל.

דאָס האָט, אָבער, לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. וואַנקע האָט זיך אָנגעהויבן קרי־מען, געמאַכט פאַרשיידענע העוויות; געוואָרפן דעם קאָפּ אין אַלע זייטן; געדרייט און געהויבן די באַקן; די נאָז פאַרריסן און סוף־כל־סוף אויפגעכאַפּט זיך מיט אַ פאַרפלאָמט פנים. אין שלאָף נאָך האָט ער דערפילט גרויסע ווייטיקן אין די זייטן. דער בויך האָט געקרעמפּעוועט, ווי עמעצער וואָלט געשטשופּעט, געדרייט און געריסן די קישקעס. ער האָט געעפנט די אויגן, געוואָלט אויפהייבן זיך פון דער ערד און נישט געקאָנט. האָט ער זיך אַ קייקל געגעבן פון איין זייט אויף דער אַנדערער און אָנגעהויבן שרייען:

— גוואַלד! ראַטעוועט!

פון זיין געשריי זענען די עלטערן צעטומלט געוואָרן. דערשראָקענע האָבן זיי זיך אויף אַ רגע איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערן. דערנאָך — איבערגעלאָזט דעם קאָרן אויף גאָטס באַראָט, פאַרסאָפּעטע צוגעלאָפן צו זייער איינציק זונדל און ביידע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני:

— וואַנקאַ, וואַנושקאַ! —האָט די מוטער אָנגעהויבן וויינען און שרייען— וואָס איז מיט דיר געשען?... אַ שלאַנג האָט דיר אַ ביס־געטון, צי וואָס?...

מיט פאַרביילטע פויסטן האָט זיך דער תכשיט געטויקעט אין בויך, אים געדריקט מיט אַלע כוחות, דערביי זיך געדרייט, געוואָרפן און אויף זיינע בלוי־געוואָרענע ליפּן האָט זיך אַ ווייסער שוים באַוויזן:

— ראַטעוועט!... דער בויך!... איך שטאַרב!...

פאַלאַהייע האָט פאַרבראָכן די הענט, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ און געוויינט:

— וואָס האָסטו געגעסן?... אַ בראָך איז מיר!...

דערפאַר אָבער האָט זיך איליאַ זייעץ נישט פאַרלוירן. ער האָט לאַנג געקוקט אויפן בנאָקס פּנים, וואָס האָט געהאַלטן אין איין בייטן אויף זיך די פאַרבן: פון צונטער־רויט, איז דאָס איבערגעגאַנגען אויף בלוי, אויף אַשיק־גרוי, אויף געל און ווידער אויף רויט. נאָר אַז האָט דער טאַטע דעם קאָפּ אויפגעהויבן, ער האָט דערזען דערביי דעם שטעקן מיט וועלכע סאַדאָווניקעס נעמען אַראָפּ די פרוכט פון דיביימער און ער האָט זיך איבערגעצלמט:

— דו הערסט, פאַלאַהייע? דיין זונדל האָט זיך אָנגעפרעסן מיט אַנטאָנעווקעס און באַקומען די כאָלערע!... ער וועט שוין לאַנג נישט געדייען... איך האָב דאָך דיר געזאָגט: „ווען אַ מענטש הערט אויף צו דרעשן אינמיטן טאָג, איז דאָס נישט קיין גוטער סימן”... וואַרט, וועסט זען, אַז איך בין גערעכט!...

דאָס ווייב איז אין כעס געוואָרן, אויפגעשטעלט זיך און אָנגעהויבן שעלטן:

— צו דיין קאָפּ זאָל דאָס אויסגיין! צו דיינע הענט און פיס, דו אַלטער באָק! בעסער בייס זיך אָפּ דיין לאַנגן צונג! אַפּפילן זאָל ער ביי דיר אין מויל! לאָמיר וואַנקען אַריינטראָגן אין שטוב!...

די מאַמע האָט דעם זון אָנגענומען פאַר די פיס, דער טאַטע — אונטער די פאַכוועס, אריינגעטראָגן אין כאַטע און אַרויפגעטראַסקעט אים אויפן אויוון. פאַ־לאַהייע האָט געמיינט, אַז וואַרעמקייט וועט העלפן, האָט זי איינגעהייצט דעם אויוון און ווען דאָס האָלץ האָט זיך צעברענט און דאָס פייער האָט גענומען שיסן אויף אַרויף, האָט די מאַמע אָנגעזאָגט דעם קראַנקן, אַז ער זאָל ליגן מיטן בויך אַראָפּ ביז די ווייטיקן וועלן אוועק.

אָבער די שמערצן האָבן דעם יונג נישט אָפּגעלאָזט. אדרבא, זיי זענען פון

מינוט צו מינוט געוואָרן שאַרפּער. אַזוי געביסן און געשניטן די געדערים, ווי אין בויך ביי אים וואָלט עפּעס אַ שד געזעסן און מיט אַ כיוון געריסן די קישקעס מיט שפּיציקע, שאַרפע נעגל.

שפּעטער אַביסל האָט פּאַלאַהייע גענומען אַ גראָבן האַנטוך, דערמיט געריבן וואַנקאַס בויך און אין דער זעלבער צייט גערעדט צום מאַן:

— מיר דאַכט זיך, אַז דו וועסט דאַרפן פאָרן אין שטאָט און ברענגען דעם פעלדשער...

צוליב דעם וואָס וואַנקע האָט זיך אָנגעפרעסן מיט גרינע עפּל און צעפּטרט אַ טאָג אַרבעט, איז איליאַ זייער אַרומגעגאַנגען מיט בייזע טריט און אַ קאָסן קוק געטון אויף זיין ווייב:

— ווער דאַרף דאָס האָבן דעם „כפעלדשער״?... ער קאָן בלויז עפּעס פאַר־שרייבן אויף אַ פּאַפּירל, דערנאָך גיי מיט דעם אין אַפּטייק און צאָל געלט דערפאַר...

דאָס ווייב איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטע און צעשריַען זיך אויף אים:

— געלט־געלט! אַפּנים, אַז געלט איז ביי דיר טייערער פאַרן קינד, אַ בראָך דיר אין די יאַסלעס! וועסט פּגרן ווי אַ הונט און דאָס געלט מיטנעמען אין דער ערד!...

איליאַ איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און געזען: אין הויף האָט די ברויז־געפלעקטע טעליצע אויסגעבויגן דעם רוקן, צוזאַמענגעדריקט די דעכוועגעס, פאַרהויבן דעם עק און אַרויסגעלאָזט וואַסער:

— דו שרייסט, אַז איך „זאָל ברענגען דעם „כפעלדשער״, פאַרשטיי איך נישט צוליב וואָס גראָד אים, אַז איך קאָן ברענגען כאַלימאַנען גופא!... כאַלימאַן קאָן פאַרשטעקן צען „כפעלדשערס״ אין גאַרטל!...

אַז זי האָט דערהערט דעם נאָמען פונעם „זנאַכער״ און „כישוף־מאַכער״, האָט זיך פּאַלאַהייע דערשראָקן און אָנגעהויבן בעטן זיך ביי אים:

— האָב רחמנות אויף מיר און ברענג נישט אַהער דעם כאַלימאַנען. איך האָב מורא פאַר אים. ער איז אַן אַלטער, ווילדער טיוול!...

פאַר די דאָזיקע רייד האָט זיך דער מאַן אָנגעבייזערט. זיין קורץ, רויט בערדל איז, דאַכט זיך, נאָך קורצער און רויטער געוואָרן ווי פריִער:

— וועגן כאַלימאַנען טאָר מען אַזוי נישט רעדן!... ער איז אַ הייליקער! אַ סך קראַנקע האָט ער פון טויט געראַטעוועט...

דערנאָך איז ער אַוועק צו כאַלימאַנען, וואָס איז באַקאַנט געווען פאַר אַ קאָרטן־וואַרפער, אַן עין־הרע אָפּשפּרעכער און פאַר אַ שטיקל „מכשף״ און,

ווי מען האָט דערציילט אויף אים, האָט דער דאָזיקער „הייליקער" פאַרמאָגט „איבערנאַטירלעכע כוחות"... געהיילט מענטשן און חיות מיט אויסגעטריקנטע גראָזן, מיט קרייטעכצער. און געוווינט האָט ער נישט ווייט פון וואַלד, אין אַ כאַלופקע, די גרויס פון אַ הינערשע בודקע, און פונקט ווי די כאַלופקע איז געווען נידעריק — אַזוי קליין זענען אויך געוואַקסן די אַרומיקע ביימעלעך. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די ביימעלעך זענען נישט אַריבערגעוואַקסן דאָס דעכל פון דער כאַלופקע, דערפאַר, וואָס כאַלימאַן האָט זיי פאַרשאָלטן און צוליב דעם, פלעגן מענטשן אויסמיידן פאַרבייצוגיין דעם שרעקלעכן אָרט...

אויך איליאַ זאַיעץ האָט מורא געהאַט, אָבער דאָס געפיל צו ראַטעווען זיין זון האָט אים אונטערגעטריבן. איז ער צוגעקומען צו דער כאַלופקע, אַן עפן געטון דאָס טירל, איינגעבויגן זיך אין דרייען און אַריין. אַ טוכלער ריח פון געטריקנטן גראָז און וואָרצלען האָט אים אין פנים אַ שלאָג־געטון:

— אַ גאָט־העלף אייך, טאַטעלע, כאַלימאַן!...

אַן אַלטער פויערל, מיט געדיכטע און פאַרשפיצטע ברעמען איבער אַ פאָר טראַכאָמעווע אויגן און מיט אַ קאָלטאָנעוואַטער באָרד, וואָס האָט שוין פון לאַנג אָנגעוואָרן איר קאָליר, האָט כאַלימאַן אַפילו דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן און נישט געענטפערט. דער אַלטער האָט געקאָנט יעדן פויער פון די אַרומיקע דערפער און געוווּסט, אַז בלויז צוליב אַ וויַיב, וועט אַ מאַן נישט אָוועקלייגן די אַרבעט אינמיטן טאָג און קומען צו אים. איז ער אויפגעשטאַנען פונעם בענקל און אָן שום צערעמאָניעס געפרעגט דעם גאַסט:

— דיין וואַנקע איז קראַנק, אַ?...

אַן איבעראַשטער פון דער „טרעפעניש", האָט איליאַ אַ ציטער־געטון און אָנגענומען דאָס פאַר אַ „הייליקער זעונג". האָט ער אַראָפגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ און איבערגעצלמט זיך עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד:

—יאָ, הייליקער טאַטעלע! וואַנקע איז זייער קראַנק. ער האָט זיך אָנגעגעסן מיט גרינע עפל. קום גיכער און ראַטעווע!...

כאַלימאַן האָט זיך נישט געאיילט און אַלץ נישט געקוקט אויף זיין באַזורכער. מיט פויערשער כיטרעקייט אין יעדער באַוועגונג, האָט ער אַריינגעלייגט אַביסל קרייטעכצער צו זיך אין בוזים און געשעפטסמעסיק אַ קאָלטן זאָג געטון:

— עס וועט דיך קאָסטן צוויי פוד מעל, אַ זעקל בולבעס און אַ ביסל בראָנפן. פאַרשטייסט דאָך, אַז אויפן ניכטערן האַרצן קאָן איך גאָרנישט אויפטון...

איליאַ זאַיעץ האָט גאָרנישט געטראַכט, אַז עס וועט זיין אַנדערש און באַלד איינגעשטימט:

— עס וועט זיין, טאַטעלע, כאַלימאַן. אַלץ וועט זיין, אַבי קום וואָס גיכער און ראַטעווע!...

אַביסל שפּעטער זענען זיי אָנגעקומען קיין אַליעכאָוקע. אין שטוב איז דער „זנאַכער" שטיין געבליבן אויפן שוועל און נישט געוואָלט רירן זיך פונעם אָרט. מיטן האַנטפלאַך האָט ער געגעבן אַ פיר איבער די וואָנצעס, איבער דער באָרד און די טראַכאָמעווע אויגן זענען ווי פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט: „נו?"...

דעם דאָזיקן „נו" האָט איליאַ זייער גוט פאַרשטאַנען און אָנגעשריגן אויפן ווייב:

— וואָס שטייסט דאָרטן, ווי אַ בהמה און גלאָצט מיט די קוקערס?... דער־לאַנג דעם הייליקן, טאַטעלע, כאַלימאַנען, אַ ביסל בראָנפן מיט צובייסן!...

מיט ציטער אין די קני איז פּאַלאַהייע צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעשניטן ברויט, אוגערקעס, אַ פּאָר שטיקער חזיר, אויך אַ פולע גלאָז „סאַמעהאָנקע", אַוועקגעשטעלט און אָפּגעטראָטן הינטערוויילעכץ:

— עסט געזונטערהייט...

דערזען דאָס עסן מיטן טרינקען, איז כאַלימאַן פריילעכער געוואָרן. ער האָט אַראָפּגענומען די קוטשמע. לאַנג געצלמט זיך, דערנאָך לויזער געמאַכט דעם גאַרטל און אַוועקגעזעצט זיך צום טיש. אויף אַ רגע האָט ער פאַרמאַכט די אויגן. עפּעס געפּרעפּלט. נאָכדעם פּאַמעלעך געטרונקען דעם בראָנפן: אַ זופּ נאָך אַ זופּ, פּאַסמאַקעוועט מיט די ליפּן און צום סוף אָנגעהויבן עסן גאַרנישט מעשה „הייליקער" און אַפילו נישט צוגעהערט זיך צו וואָנקעס קרעכצן, וואָס זענען געקומען פון איבערן אויוון.

אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אכילה, האָט ער לאַנגזאַם אַרויפגע־קלעטערט אויפן אויוון, אָפּגעשפּראָכן וואַנקען אַן עין־הרע, גיך אַראָפּ פון דאָרטן און געזאָגט דעם באַלעבאָס:

— גאָט וועט העלפן! נאָר טאָמער נישט, זאָלסטו מאָרגן גאַנץ פרי קומען מיך רופן. אָבער, דאָס וועט דיך קאָסטן נאָך צוויי פּוד מעל, אַ זעקל בולבעס און אַ ביסל בראָנפן.

— עס וועט זיין, טאַטעלע כאַלימאַן, אַלץ וועט זיין, אַבי מיין וואַנקע זאָל געזונט ווערן.

אַפּנים, אַז דאָס „אָפּשפּרעכן עין־הרע" האָט נישט געהאָלפן, מחמת אַ גאַנצע נאַכט האָט דער חולה גערעדט פון היץ, מיט עמעצן געקריגט זיך, געשאָלטן אין טאַטן אַריין און געוואָרפן זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער. ערשט פאַרטאָג איז ער געבליבן ליגן אַן אומבאַוועגלעכער, ווי אַ מת.

ווען די זון האָט דורכגעבריט די אינדערפרי:ענדיקע לופט, איז איליאַ זייעץ אַוועק צו כאַלימאַנען און געבראַכט אים צו זיך אין שטוב. ווידער האָט זיך אָנגעהויבן די נעכטיקע פּראָצעדור. פּאַלאַהייע האָט נאָכאַמאָל געגרייט צום טיש און דער „היילער" האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און גענומען זיך צו דער סעודה.

דערנאָך איז ער אַרויף אויפן אויוון, מיט האָניק געריבן דעם קראַנקנס בויך. ער איז אָבער גיך פאַרמאַטערט געוואָרן און אַראָפּ פון דאָרטן, אַוועקגעזעצט זיך וואַרטן אויף די רעזולטאַטן. שפּעטער האָט ער אויפגעזאָטן וואַסער, פאַרפּאַרעט די קרייטעכצער, דאָס געזייט, די מוטנע פליסיקייט אַריינגעגאָסן אין אַ גלאָז און צוגעטראָגן צום חולהס ליפּן:

— טרינק!

ווי דורך אַ כישוף האָט וואַנקע געעפנט דאָס מויל. אַריינגעזשליאָקעט די „רפואה" און שיעור דערוואָרגן געוואָרן. ער האָט זיך מוראדיק צעהוסט. דאָס הוסטן האָט אים געריסן די געדערים און נאָך שאַרפער פאַרשאַרפט די ווייטיקן.

דאָס מאָל איז כאַלימאַן נישט אָפּגעטרעטן פון אים. ער האָט נאָר געוואָלט אויספירן זיינס: אויסהיילן דעם קראַנקן און באַווייזן, אַז ער איז נישט אַבי ווער... נאָר אין אָוונט האָט ער מאַכטלאָזער אַראָפּגעלאָזט די הענט:

— ס'איז די כלירע; ער וועט שטאַרבן...

מיטביידע הענט האָט זיך פּאַלאַהייע אַ זעץ־געטון אין קאָפּ; איר דיקער גוף האָט זיך צעוויגט אויף די דינע פיס:

— אוי, גאָט מיינער!... אַ גרויסער אומגליק האָט מיך געטראָפן!...

איליאַ זייעץ האָט נישט געקאָנט פאַרליידן איר געוויין און אַרויס פון שטוב. ער האָט איינגעשפּאַנט דאָס פערד, אויפן וואָגן אַרויפגעלייגט צוויי זעקלעך קאַרטאָפל, מיט אַרום פיר פוד קאָרן און אַוועקגעפירט דאָס צו כאַלימאַנען אין כאַלופּקע.

ביי איליאַ זייעצן איז איינגעפירט געווען, אַז יעדן צווייטן זונטיק פלעגט ער פאָרן אין שטאָט איינקויפן פּראָוויאַנט פאַר דער שטוב, און אַמאָל אויך ברענגען אַהין עפּעס צום פאַרקויפן. איז ער אויך דעם זונטיק אַוועקגעפאָרן אין שטאָט, מיטגענומען פינף זעקלעך קאָרן. אין האַלבן טאָג איז ער געקומען אויפן מאַרק. צוגעפאָרן צו יאָנע פלאַטניקס קראָם, אַראָפּ פון פורל, פאַרוואָרפן די לייצעס דעם פערד אויפן רוקן און אַריין אינעווייניק:

— אַ גאָט־העלף, יאָנקע! איך האָב געבראַכט אַביסל קאָרן צום פאַרקויפן.

אַ מיטלוווקסיקער ייִד, מיט אַן איידעלן פּנים און קורץ־שוואַרצן בערדל, מיט

קלוגע, טיפֿע אויגן — האָט יאַנע דער קרעמער איבערגעריסן דאָס אַריינקוקן אין אַ ספר, אים פֿאַמעלעך פֿאַרמאַכט און אַוועקגעלייגט אויפֿן קעסטל, אונטער דער „סטאָיקע":

— אַ גאָט־העלף דיר אויך, איליאַ זייעץ! שוין לאַנג נישט געזען זיך מיט דיר... טראָג אַריין די זעקלעך און לייג זיי אַוועק אויף דער וואָג.

נאָכן אָפּוועגן דעם קאָרן, האָט איליאַ עטלעכע מאָל געציילט און איבער־געציילט דאָס געלט, וואָס דער ייִד האָט אים באַצאָלט. דערנאָך האָט ער אַריינ־געלייגט אַ פּאָר פֿינגער צו זיך אין דעם בלאָנדן בערדל און געזאָגט:

— איצט, יאַנקע, גיב מיר אַ פֿונט טשוועקעס, אַ פֿלאַש גאַזע, צוויי פֿונט הערינג, — אָבער רעכן נישט אַזוי פֿיל ווי דעמאָלט!... מיר דאַכט זיך, אַז דו נעמסט ביי מיר איבער...

יאַנע האָט פֿאַרשוויגן די אָנמערקונגען; אָפּגעוווויגן אַ פֿונט טשוועקעס; אין אַ פּאַפּיר אַריינגעפּאַקט זעקס הערינג, וואָס זענען געל געווען פֿון צו לאַנג ליגן אין ליאָק; אין אַ פֿלאַש, וואָס איז געזעסן אַן אַרומגעפֿלאָכטענע מיט שטרוי, האָט ער אַריינגעגאָסן גאַזע און געגעבן דאָס דעם פּויער.

איליאַ זייעץ האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּעקל, אויסגעטאַפּט יעדן הערינג באַזונדער און געדרייט מיטן קאָפּ:

— מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט מיך אָפּגענאַרט. די הערינג זענען נישט קיין גוטע, זיי זענען נישט גענוג געזאַלצן!...

דער פּויער איז געווען הונגעריק, איז ער אַרויס אינדרויסן, אַוועקגעזעצט זיך אויפֿן ברעג טראָטואַר, אַרויסגענומען אַ הערינג פֿון פּעקל, אַרויסגעשלעפּט אַ לוסטע ברויט פֿון טאָרבע און אַ ביס געגעבן. מיט איין האַנט האָט ער אָנגע־נומען דעם ווידל, מיט דער אַנדערער דאָס קעפּל און אָנגעהויבן גריזשען דעם הערינגס בויך, פֿון אונטן אויף אַרויף.

ביים עסן האָט ער געפֿירט דאָס מויל איבערן בייכל פֿון הערינג, ווי אַ האַרמאָניקע־שפּילער די ליפּן איבער אַ האַרמאָניקע. ער האָט געגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט און אַזוי זשלידנע, — ביז די בלויעביינדלעך זענען נאַקעט געוואָרן. ערשט דעמאָלט, האָט ער אים איבערגעדרייט און אַ נעם־געטון זיך צום רוקן. אַז פֿונעם הערינג איז בלויז איבערגעבליבן דער סקעלעטל, האָט איליאַ אויס־געשמאַטשקעט די אייגעלעך, דעם מאַרך פֿון קעפּל און — אַוועקגעוואָרפֿן. נאָר באַלד האָט ער חרטה געהאַט, צוריק אויפֿגעהויבן און נאָכאַמאָל באַטראַכט די ביינדעלעך, צי עס איז אויף זיי חלילה נישט איבערגעבליבן קיין פּיצל פֿלייש...

נאָך דער סעודה איז ער צוגעגאַנגען צו דער פּאָמפּע, אָנגעטרונקען זיך מיט

זואַסער, פאַרנעצט זיך די לייוונטענע העמד און דאָס בערדל. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער ווידער אַרײַן צו יאַנען אין קראָם און מיט אַ זייט אַנגעלענט זיך אויף דער „סטאָיקע״:

— און איצט יאַנקע, דאַרף איך האָבן אַן אַנצוגל מיט אַ פּאָר שיך און ציץ אויף אַ העמדל וויל איך קויפן פאַר מײַן וואַנקען. האָסט דאָס?

— איך האָב פאַר דײַן וואַנקען אַן אַנצוגל, — איז דאָס פונעם בעסטן גע־וואַנט!... און די שיך — זענען יוכטענע און מיט אַ סקריפּ! זיי וועלן דיך קאָסטן פינף קאַרבן און דאָס אַנצוגל — אַכט... מילא, מיט ציץ אויף אַ העמדל וועלן מיר שוין דורכקומען...

— אַ סך געלט! —האָט זיך איליאַ זייעץ געקראַצט אין דער פּאַטיליצע— וואַנקע וועט דאָס אַלץ איינס נישט אויסטראָגן. ווייסט דאָך? נישט מער ווי איין קינד, ווילט זיך מיר אים נישט אַרויסלאָזן פון שטוב אָבי־ווי. זאָלן מענטשן נישט זאָגן, אַז דער טאַטע איז אַ חזיר...

דער קרעמער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם פויערס פאַרפּלאָנטערטע רייד און געפרעגט:

— וואָס הייסט „וואַנקאַ וועט דאָס נישט אויסטראָגן?״... וואָרום זאָל ער דאָס נישט אויסטראָגן, אַז דער אַנצוגל איז פון גוטן געוואַנט און די שיך זענען יוכטענע?... אַט גיב נאָר אַ קוק אויף די קעפּלעך, אויף די פּאָדעשוועס און טו נאָר אַ טאַפּ אָן דעם אַנצוגל!... איך זאָג דיר, אַז דײַן וואַנקע וועט אָנקוועלן!...

מיט ציטער אין די פינגער האָט איליאַ זייעץ באַטאַפּט דעם אַנצוגל, גע־גלעט די שיינע שיך מיטן סקריפּ און געזשאַלעוועט אַרויסצולאָזן דאָס פון די הענט:

— וואָס איז דאָ צורעדן?... די שיך זענען טאַקע גוטע און דאָס אַנצוגל אויך. אָבער... אין אַזאַ פאַל — איז צופיל געלט אַרײַנלייגן אין דער ערד... אפשר קאָנסטו דאָס מאַכן אַביסל ביליקער?... לאָמיר זאָגן: מיט אַ רובל ווינציקער...

אַ ווײַלע האָט זיך דער ייִד געקווענקלט: אַ רובל איז אַ גרויסע מטבעה!... נאָר לסוף האָט ער מסכים געווען און געענטפערט:

— וואַנקע דאַרף איצט זײַן אַרום דרײַצן יאָר אַלט. איז וואָס פאַראַ מאָס שיך דאַרף ער? מילא, אַן אַנצוגל קאָן איך אים געבן אַ גרעסערן אַ ביסל, נישקשה, ער וועט אונטערוואַקסן, אָבער אויף שיך — דאַרף מען האָבן אַ מאָס...

דער פויער האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם:

— שוין אַזויפיל יאָרן ווי איך קויף בײַ דיר אַלץ וואָס איך דאַרף און דו

קאָנסט מיין וואַנקען זייער גוט, היינט וואָס עפּעס פרעגסט מיך: „וואָס פאַרא מאָס ער דאַרף?" וואָס ווייס איך פון די זאַכן?...

— בייזער זיך נישט, איליאַ זייעץ... דו האָסט דאָך אָבער געמעגט פאַר־שטיין, אַז איך קאָן נישט טרעפן די מאָסן, וואָס אַלע מיינע קונים דאַרפן. און אויב דו ווייסט נישט וואָס פאַרא מאָס וואַנקע דאַרף, — איז הלמאי האָסטו אים נישט מיטגעבראַכט?

— ביסט אַ גאַנצער חכם, אַ? —איז איליאַ זייעץ געוואָרן אַן אויפגעקאָכ־טער— ווייסט נעבעך נישט, אַז וואַנקע האָט זיך אָנגעגעסן מיט גרינע עפּל, באַ־קומען די כאָליערע און וועט שטאַרבן?... פאַרשטייסט דאָך, אַז צוליב דעם בין איך געקומען איינקויפן אַן אַנצוגל, שיך, מיט ציץ אויף אַ העמד און טשוועקעס אויף צונויפקלאַפּן אַ טרומנע. אויב נישט, איז צוליב וואָס וואָלט איך דאָס גע־דאַרפט?... ער איז ביי מיר איינער, ווילט זיך אים נישט אַוועקלאָזן פון דער וועלט אַ נאַקעטן און באָרוועסן...

אויף אַזאַ זאַך האָט זיך יאַנע פלאַטקין נישט געריכט. האָט ער אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך אָנגענומען זיך מיט מוט און געפרעגט:

— פונוואַנען ווייסטו, אַז וואַנקע האָט די כלירע און וועט שטאַרבן? האָסט כאָטש גערופן דעם דאָקטער, צי דעם פעלדשער?...

איליאַ זייעץ האָט זיך נאָך מער אָנגעבויגן איבער דער „סטאָיקע" און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז באַלד וועט ער אַ פּאַק־טון יאַנען פאַרן האַלדז:

— איך האָב געמיינט, אַז ייִדעלעך זענען קלוגע. צום סוף באַווייזט זיך גאָר, איר זענט נאָך נאַרישער פון מוזשיקעס!... ווייל, צוליב וואָס אַ שטייגער האָב איך דאָס געדאַרפט ברענגען אַ דאָקטער, צי דעם „כפעלדשער", אַז איך האָב גע־בראַכט כאָלימאַנען גופא?... און וויסן זאָלסטו, אַז כאָלימאַן זאָגט „די כלירע און וועט שטאַרבן", — איז נישטאָ וואָס צו רעדן!... ער איז אַ הייליקער און קאָן פאַרשטעקן צען דאָקטוירים מיט צען „כפעלדשערס" אין גאַרטל!...

אויף דער אַרגומענטאַציע האָט דער ייִד נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו טון: רעדן אָדער גאָר שווייגן. האָט ער לאַנג געקוקט אויף זיין קונה און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז כאָטש זיי קאָנען זיך שוין איינס דאָס אַנדערע אַזויפיל יאָרן, זענען זיי אין גרונט וויט, זייער וויט איינער פונעם צווייטן און וועלן זיך שוין מסתמא קיינמאָל נישט דערנענטערן, נישט פיזיש און נישט גייסטיק, ווי צוויי ווייטע, באַזונדערע וועלטן.

אַ גאָלדן צענערל

ווען די שקאַפּע איז אים געפֿאַלן אינמיטן פֿעלד, שלעפּנדיק דעם אַקעראײַזן, האָט טאַראַס, אַ פּויערל אין די פֿערציקער יאָרן, מיט אַ ברייטער, געלער באָרד און אַן אָנגעטאָנענער אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטער וואַטאָווקע און אויסגעטראָגענע לאַפּטיעס אויף די פֿיס, אַ געשריי געגעבן: אַך, גאָט מײַנער! און איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרצווייפֿלטער, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט מיטאָמאָל אונטערגעגאַנגען.

געשטאַנען איז ער אַ היבשע ווײַלע און באַקלאָגט די געפֿאַלענע שקאַפּע. דערנאָך איז ער אַוועק צו זיך אין כאַטע. דאָרטן האָט ער אָנגעשאַרפֿט דעם מעסער אויף אַ שלײַפֿשטיין, דערמיט אָפּגעשונדן די פֿעל פֿון דער נבֿלה, דאָס אַוועקגעטראָגן צום קרעטשמער און באַקומען פֿאַר איר צוויי רובל מיט גריוונ״ע. דאָרט האָט ער אויסגעטרונקען אַ „סאָטקע ניינציקער״ און באַשלאָסן, אַז צו דעם געלט וועט ער אָנקלײַבן נאָך אַכט קאַרבן און קויפֿן זיך אַן אַנדער פֿערדל.

פֿון דעם טאָג אָן פֿלעגט ער (אין די פֿרילינגן און אין די אָנהייב האַרבסטן) זיך אײַנשפּאַנען אין די „פּאָסטראָמקעס״ און ווי אַ פֿערד — אַליין געצויגן דעם אַקעראײַזן אָדער די בראָנע. אמת, די קינדער האָבן אין דעם אַ סך געהאָלפֿן, נאָר איבערהויפּט האָט זײַן ווײַב, יעוודאָכע, געאַרבעט מיטן מאַן צו־גלײַך. זי איז געווען אַ געזונטע און אַרבעטזאַמע פּויערטע, מיט מענערשע הענט, וואָס האָבן געקאָנט געבן דעם ריכטיקן פּראַסק, — אַפֿילו טאַראַסן אויך.

נאָר געאַרבעט האָט זי פֿלײַסיק, געהאַלטן די הענטלעך פֿונעם אַקעראײַזן און אים אונטערגעשטופּט מיט אַלע כּוחות. אָבער דאָס אַקערן האָט גענומען לאַנג, זייער לאַנג און דאָס פֿעלד איז פֿאָרט נישט אַרויסגעקומען ווי עס האָט באַדאַרפֿט צו זײַן. די ערגסטע צרה איז געווען ביים זייען. מיט איר גאַנצער גבֿורה — איז יעוודאָכע געווען האַמעטנע. זי האָט די זערנעס תּבֿואה נישט געקאָנט וואַרפֿן מיט דער זעלבער געשיקטקייט אין די הענט ווי טאַראַס. האָט טאַקע

דאָס פעלד דערנאָך אויסגעזען אַביסל פליכעוואַטע. פון איין אָרט האָבן אַרויסגעע־שפּראָצט גרינע קערנער און פונעם אַנדערן — האָבן זיך אַרויסגעזען גרויסע ליסינעס ערד.

יאָר נאָך יאָר האָט זיך די משפּחה שווער און לאַנג געמוטשעט צו באַ־אַרבעטן דאָס שטיקל פעלד. טאַראַס האָט די גאַנצע צייט געקאַרגט פון זיך, פונעם ווייב מיט די קינדער, נישט געגעבן זיי קיין שטיקל ברויט צו דער זעט, פאַר־קויפט יעדן איבערגעבליבענעם קערנדל, געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט און געחלומט אין חלום: צונויפשלאָגן אַ צענערל און קויפן אַ פערדל...

אין עטלעכע יאָר אַרום האָבן זיך מאַן און ווייב, אין אַן אָוונט, אַוועקגע־זעצט אַרום טיש. ער האָט אַרויפגעשאָטן דעם גאַנצן אוצר, וואָס איז באַשטאַנען פון קופּערנע און זילבערנע מטבעות און אָנגעהויבן ציילן. דאָס האָט געדויערט ביז אַ שטיק אין דער נאַכט. מחמת געציילט האָבן זיי איינמאָל און נאָכאַמאָל און ס'האָט זיך אַלץ נישט געגלויבט, אַז ס'איז שוין פאַראַן אַכט רובל מיט פינף און דרייסיק קאָפּיקעס און ווען מען האָט צוגעלייגט יענע צוויי קאַרבן מיט דער גריוונע, וואָס די פעל האָט געהאַט אַריינגעבראַכט, איז אינאיינעם געוואָרן צען רובל מיט פינף און פערציק קאָפּיקעס.

וואָלט דאָך שוין גוט געווען; איז אָבער די מעשה, וואָס טאַראַס האָט גע־מיינט אַז פאַר די זילבערנע און קופּערנע מטבעות וועט מען אים אויפן יאַריד קיין פערד נישט וועלן פאַרקויפן. ווייל ווער, —האָט ער געטראַכט— וועט זיך דאָס אַוועקשטעלן אינמיטן מאַרק ציילן גראָשנס?... האָט ער דאָס אָפּגעציילטע געלט אַריינגעשאָטן אין אַ לייוונטענער שמאַטקע און געזאָגט צום ווייב:

— הערסט, יעווודאָכע? מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז מען האָט גע־דאַרפט דאָס געלט אויסבייטן אויף אַ גאָלדענעם צענערל. פאַרשטייסט? ווען די פערד־הענדלער וועלן דערזען גראָשנס, קאָפּיקעס — וועלן זיי אַפילו נישט וועלן רעדן מיט מיר!... אָבער מיט אַ גאָלדענעם צענערל איז עפּעס אַנדערש... די קאַניוכעס דערקאַנען שוין ווער עס קומט אין מאַרק מיט גראָשנס און ווער — מיט גאָלדענע רענדלעך...

זי האָט אַריינגענומען איר קאָפּ אין די הענט, איבערגעטראַכט זיינע רייד און לסוף מסכים געווען:

— בייט דאָס אויס, אָבער זע, אַז דער קרעטשמער זאָל דיך נישט אָפּנאַרן. גיב אַכטונג ער זאָל דיר נישט אַריינשטופּן קיין פאַלשן צענערל. מען זאָגט,

צווישן די גאָלדענע געלטער זענען אויך דאָ נאָכגעמאַכטע, נישט קיין ראַיעלע; איז זיי נישט קיין באַלוואַן און קוק זיך גוט איין אין דעם וואָס מען גיט דיר!...

שפּעטער איז טאַראַס אַריין אין דער העל־באַלויכטענער קרעטשמע, צוגע־צאָלט דעם קרעטשמער אַ גריוונע, אויסגעביטן דאָס ביסל מינץ אויף אַ גיל־דענעם צענערל, וואָס יענער האָט גראָד געהאַט ביי זיך און געבראַכט דאָס דעם ווייב אַהיים:

— נו? אַט האָסטו דעם גאָלדענעם צענערל. מאָרגן וועל איך גיין אין שטאָט און קויפן זיך אַ פערד אויפן יאַריד!...

— גיב נאָר דאָס אַהער! — איז זי צוגעגאַנגען צום מאַן און אויסגע־שטרעקט די האַנט.

ער האָט איר דערלאַנגט די מטבעה. דאָס שטיקל גאָלד האָט אַ בליאַסק געטון אין אירע פּאַרקויטיקטע הענט און אַרויסגעשריִען פון דאָרט מיט אַ שאַרפן גלאַנציקן בלענד אין די אויגן. די פּויערטע האָט געדרייט דאָס צענערל צווישן די פינגער, באַטראַכט דעם אָדלער פון איין זייט, דעם אָפּגעשטעמפּלטן פּנים אויף דער אַנדערער און אַ דערשראָקענע אויסגעשריִען:

— אומגליק מיינער! וואָס האָסטו געבראַכט? די אויגן זענען דיר אַרויס־געקראָכן? זעסט דען נישט, אַז דאָס איז פאַלש געלט?!... נאָ, שלימזל און קוק זיך איין! דער „צאַר“ וואָס אויפן צענערל האָט אַפילו קיין באָרד נישט און אונ־דזער „צאַר־באַטיושקאַ“ האָט יאָ אַ באָרד!...

אין אָנהייב איז טאַראַס בלאַס געוואָרן, דערנאָך האָט ער אַ בליק געגעבן אויף „ניקאָלייקעס“ בילד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, נעבן דער „אי־קאָנע“, נאָכהער אַ קוק־געטון אויפן גילדערנעם צענערל און געהויבן מיט די אַקסלען:

— אפשר ביסטו גערעכט, נאָר מיט דאַכט זיך, אַז דער וואָס געפינט זיך אויפן צענערל קוקט נישט אויס ווי קיין מוזשיק, ער טראָגט דאָך באַקן־בערד און דאָס איז אַ סימן, אַז מסתמא איז ער אויך עפּעס אַ „צאַר“...

אַז דאָס ווייב האָט זיך איינגעשטילט אַ ביסל, האָט זי אַריינגעשטופּט דאָס צענערל טאַראַסן אין קוטשמע, אונטערן וואַטע און צען מאָל אָנגעזאָגט אים:

— זאָלסט קיינעם נישט דערציילן, אַז דו האָסט אַ גאָלדענעם צענערל! מען וועט דאָס ביי דיר אויסנאַרן; זאָלסט די קוטשמע פון קאָפּ נישט אַראָפּנעמען!... זאָלסט נישט וואָגן אַריינצוגיין אין אַ טראַקטיר!... זיי אַ מענטש און פאַרליר נישט דאָס געלט, דו הערסט? אויב נישט — וועל איך דיר דעם קאָפּ צעשפּאַלטן!...

דעם קומענדיקן פאַרטאָג האָט טאַראַס גענומען אַ גרויסע לוסטע ברויט,

דאָס פּאַרוקט אין „פּאַזוכע״, אַנגעטאָן דעם טופּליק אָן קנעפּלעך, פּאַרזיכטיק אַרויפֿגעזעצט די קוטשמע אויפֿן קאָפּ — און אַוועק אין שטאָט, וווּ עס איז היינט געווען אַ גרויסער יאַריד און גערעכנט צו קויפֿן דאָרטן אַ פֿערדל. דער וועג אַהין איז געווען אַ ווייטער און אַ שווערער, וואָסערע פֿערצן וויאָרסט. איז טאַראַס גע־גאַנגען פּאַמעלעך, כדי נישט פֿאַרמאַטערט צו ווערן.

דערווייל איז די זון אַרויס און גאָלדיק צעקושט זיך מיטן וועג, מיט די ברייטע און ווייטע פֿעלדער פֿון ביידע זייטן שליאַך. טאַראַסן איז הייס געוואָרן. פֿון אונטער דער קוטשמע האָט אַ שווייס גערונען. די ריטשקעלעך האָבן זיך געשנירלט איבערן פּנים, געלאָפֿן אַראָפּ־האַלדז און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אונטערן קאָלנער פֿון זיין לייוונטענער העמד. ער האָט כאַטש מיטן אַרבל געוואָלט אָפּווישן דעם שווייס, נאָר אין קאָפּ האָט זיך אים געבאָמבלט דעם ווייבס אָנזאָג: „זאָלסט היטן דעם צענערל״ און מורא געהאַט צוצורירן זיך צו דער קוטשמע.

ווי צו אַלע יאַרידן, זענען אויך היינט אַ סך פּויערשע פֿורלעך געפֿאָרן אין שטאָט. מען האָט געפֿירט וועגעלעך האָלץ, צעהאַקטע און נישט קיין צעהאַקטע. אָבער צום מייניסטן זענען די וועגענער געווען אָנגעפּראָפּטע מיט זעקלעך ווייץ, האָבער, קאָרן, גרויפּן, קאַרטאָפֿל, ציבעלעס, גענז מיט הינער. אַ באַקאַנטער פּויער פֿון אַ דערבייִיקן דאָרף האָט דערקאָנט טאַראַסן און אָפּגעשטעלט זיין פֿערדל אויף אַ ווײַלע:

— אַ גאָט־העלף, טאַראַס יעפֿימיטש! דו גייסט אין שטאָט? קריך אַרויף צו מיר אויפֿן וואָגן וועט זיין פֿריילעכער צו פֿאָרן.

טאַראַס האָט זיך אַ צאַפּל־געטון. אַ פֿאַרדעכטיקער געדאַנק איז אים אָנגע־לאָפֿן: „דער הינטישער זון ווייסט שוין, אַז איך האָב אַ גאָלדענעם צענערל און וויל דאָס אוודאי אויסנאַרן״ — אַ דאַנק, מאַקאַר מאַקאַרעוויטש! איך גיי נישט אין שטאָט... פֿאַר זיך געזונטערהייט, פֿאָר! מיינע פֿיס וועלן שוין מיך דערטראָגן וווהין איך דאַרף...

פֿון דעם מאָדנעם ענטפֿער האָט זיך דער פּויערל באַליידיקט, ער האָט אויפֿגעהויבן די בייטש אינדערלופֿטן און מיט כעס אַ קאַטעוווע געטון דאָס פֿערד איבערן הינטן:

— עפּעס ציטערסטו אונטערצופֿאָרן מיט מיר!... פּונקט ווי דו וואָלסט גע־טראָגן גאָלדענע רענדלעך!... טפֿו זאָלסטו ווערן!...

טאַראַס האָט נישט געענטפֿערט. אים איז אַ קעלט דורכגעלאָפֿן איבערן רוקנביין. ער האָט נאָך שטייפֿער אַראָפּגערוקט די קוטשמע און מיטאַמאָל דער־פֿילט, אַז אויף דעם אָרט, וווּ דער צענערל איז געלעגן אַ געפֿאַנגענער אין וואַטע,

האָט אים געבריט דער קאָפּ. פּונקט ווי דאָס צענערל וואָלט נישט געווען פון גאָלד, נאָך פון גליענדיקן פייער.

און כאָטש די פּיס האָבן אים שוין אָנגעהויבן ווײ־טון, האָט ער בעסער געוואָלט גיין צופוס איידער פאָרן מיט עמעצן. ער האָט געוווּסט, אַז מען זעצט זיך אַרויף ביי איינעם אויפן פורל, דאַרף מען אָנהייבן רעדן און רעדנדיק, גיט מען זיך אַ קראַץ אין פּאַטילניצע, אומבאַמערקט קאָן דאָס צענערל אַרויספאַלן און דעמאָלט, דעמאָלט איז אַלץ אויס!

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. ערשטנס האָט ער נישט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל אים איצט שטערן אין זיינע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געטראָגן ווי אויף פליגלען און געהאַלטן אין אויסמאָלן: קאַשטאַנעוואַטע פערד, שוואַרצע, סיווע, גרויסע פערד מיט געזונטע פּיס און ברייטע הינטנס און טיפע דאַלינעס אינדערמיט; קליינע, סיבירער פערדלעך, מיט לאַנגע עקן און אַראָפּהענגענדיקע גריוועס... עס איז דאָך הײנט אַ יאַריד אין שטאָט! איז דאָך מעגלעך, אַז פאַרן צענערל זאָל ער קויפן אַ יונגע קליאַטשע! ער וועט איר אָנועקפירן צו אַ זשערעבעץ; אין אַ יאָר אַרום וועט זי האָבן אײן לאַשיקל, אַ צווייטן, אַ דריטן, ביז ער וועט פאַרמאָגן אַזויפיל פערד, אַז די שטאַל זיינע וועט ווערן צו קליין און ער וועט מוזן אויפבויען אַן אַנדערע, אַ גרעסערע...

מיט די געדאַנקען איז ער געגאַנגען אַ וויאָרסט נאָך אַ וויאָרסט. גייענדיק האָט ער אָפּט אַרויסגענומען די לוסטע ברויט פון „פּאַזוכע", דערפון אָפּגעשטשיפּעט אַ שטיקל, געקייט און פאַרגעשטעלט זיך וואָס פאַרא סוס ער וועט קויפן: „דאָס פערד, מסתמא אַ געזונטער, אַ פּאַלגער — וועט אַ נעם־געבן די פּאַסטראַמקעס און דער אקעראייזן וועט אויסלייגן אין פּאַסמע ערד נאָך דער אַנדערער און די בראָנע וועט אַזאַ טאַנץ־טון איבערן שטיקל פעלד, אַז די בייטן וועלן אויסזען ווי מיידלשע, צעקאַמטע האָר!"...

אַזוי טראַכטנדיק האָבן זיך די וויאָרסטן אָוועקגעגנבעט פון אונטער טאַראַסעס לאַפּטיעס און עס האָט זיך באַוויזן די שטאָט מיט אירע הויכע קלויסטערס, צוויי־שטאָקיקע מויערן און שפּעטער — אַ פּאָר ברוקירטע גאַסן. דער גייער האָט זיך אין ערגעץ נישט געוואָלט אָפּשטעלן. ער איז אַרויף אויפן מאַרק און נישט געוווּסט וואָס צו טון פריער: אַריינגיין אין אַ טראַקטיר און אַרײנקערן אַ „סאָטקע ניינציקער", אָדער אָנהייבן זוכן אַ פערדל, וואָס זאָל זיין צוגענגלעך פאַרן גילדערנעם צענערל.

ביידע זאַכן האָבן אים שטאַרק געצויגן, — נאָר ס'גילדענע צענערל אין קוטשמע האָט גובר געווען דעם ביטערן טראָפּן און טאַראַס איז מיט איילקע

טריט אַוועק אויפזוכן די פערד־הענדלער, וואָס געפינען זיך געוויינטלעך שטענדיק אויפן פערד־מאַרק.

דער מאַרק, אַ געל־זאַמדיקער, איז געשטאַנען אַ טומלדיקער. ווו נאָר מען האָט זיך אַ קער־געגעבן: פויערשע פורלעך, איינגעשפּאַנטע און אויסגעשפּאַנטע, מיט פּאַריסענע האַלאַבלעס אין דער הויך. נעבן די קראָמען האָבן ייִדן און ייִדע־נעס, ייִנגלעך און מיידלעך געשריגן און געשלעפּט קונים אין די געוועלבער. מחנות הינט מיט פּאַרלייגטע ווידלען צווישן די הינטערשטע פיס און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן זענען געגאַנגען אַרום די יאַטקעס און געטשאַטעוועט די פלייש־קלעצער. ביי דער פּאָמפּע זענען געשטאַנען גויִים, גויעס און געפּאָמפּעט וואַסער אין דער הילצערנער קאָרעטע אַנצוטרינקען זייער פי. צוגעבונדענע בהמות צו פויערשע דראַבינקעס האָבן געמוהוקעט. אַביסל אַן אַ זייט זענען געווען לאַנגע רייען פערד פון פאַרשיידענע קאָלירן. די סוסים האָבן געקלאַפּט מיט די קלאַיען אין דער ערד און געהירזשעט, געדרייט די קעפּ אַהין און אַהער און אַזוי האַסטיק געשמיסן מיט די עקן, ווי זיי וואָלט נישט אַנגעשטאַנען וואָס מען האָט זיי געבראַכט אויפן מאַרק צום פאַרקויפן.

פאַרשמייעטע ייִדן, שליאַכטעס און אַפילו פּראָסטע פויערים זענען געלאָפן פון איין בהמה צו דער אַנדערער, פון איין פערד צום צווייטן. זיי האָבן גע־טאַפּט די ליטקעס ביי די בהמות, די פערד געעפנט די מיילער, אַנגעבאָטן מקחים די פערד־ און בהמה־הענדלער, געשאָלטן, געדונגען זיך, געפּאַטשט אין די הענט איינער דעם אַנדערן און ברוגזע אַוועק פון די פאַרקויפער. דער־נאָך — צוריקגעקומען, אויפדאָסניי געדונגען זיך און ווידער געפּאַטשט איינער דעם אַנדערן אין די הענט.

פון אַרום די טישלעך און געשטעלן האָבן זיך וויבערשע קולות געטראָגן איבערלופטן:

— הייסע אַרבעס!... וואַרעמע בייגעלעך, דריי פּאַר אַ קאָפּיקע!...

איינער, אַן אָנגעטאָענער ווי אַ טערק, מיט אַ רויטן מיצל, פון וועלכן עס איז אַראָפּגעהאַנגען אַ שוואַרצער קוטאַס, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרויסן, גלע־זערנעם קרוג אויפן קאָפּ און פאַרקויפט קוואַס. זיין סחורה האָט דער „טערק" אַרויסגעשריִען אויף אַ קול און דווקא אויף רוסיש און מיט אַ גראַם, ווי אַן אמתער פּאָעט:

— „קוואַס־קוואַס! איוו מאָסקוועי דאַ או נאַס! אַדנאַ באַבאַ קוואַס פּילאַ — אי סטאַ ליט זשילאַ!"...

טאַראַס האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון די אַלע שרייער, פון די

„פריקאַזשטשיקעס" מיט די „פריקאַזשטשיכעס", וואָס האָבן איםביים אַרבל געריסן ער זאָל אַריינגיין צו זיי אין די קראָמען עפּעס קויפן. אַן איינגעשפּאַר־טער ווי אַן אָקס האָט ער זיך דערשלאָגן צום פערד־מאַרק. דאָ איז ער אַ ווײַלע שטיין־געבליבן און דערזעענדיק אַזויפיל פערד, האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן און נישט געוווּסט צו וועלכן פערד צוגיין.

אָבער לאַנג איינשטיין אויף איין אָרט איז אים סיי־ווי־סיי נישט אויסגעקומען, מחמת באַלד איז נעבן אים ווי אויסגעוואַקסן אַרקע דער פערד־הענדלער. דאָס איז געווען אַ הויכער און געזונטער פּאַרשוין אין די פופציקער יאָרן. געטראָגן האָט ער גלאַנציקע שטיוועלעך מיט אַ לאַקירטן ברילִיק איבער די גרויע, אומרויִקע אויגן, מיט אַ רימענער אויסגעפּלאָכטענער נאַגייקע אין די הענט האָט ער אַ פרעג־געטון טאַראַסן:

— נו, וואָס פעטערקע? אַ פערדל אַ?... איך האָב פאַר דיר אַ „סיביראַק", איז דאָס איינער אין גאַנץ רוסלאַנד!... אַפילו אין „זאַגראַניצע" וועסטו אַזאַ נישט געפינען!...

— יאָ, איך דאַרף אַ פערד — האָט טאַראַס געענטפערט טראַציק.

— איז וויפיל געלט האָסטו, פעטערקע?...

ביי טאַראַסן אין מוח האָט זיך עפּעס אַ מיש־געגעבן: „ס'איז פון יענע חברה!":

— וואָס איז דיין עסק וויפיל געלט איך האָב? איך פרעג דיר עפּעס אַ סך וויפיל געלט דו האָסט און ווו דו האָסט דאָס גענומען? מיינסט אוודאי, אַז דו האָסט אָנגעטראָפן אויף אַ נאַר, האַ? אָט הייב איך אויף די האַנט און האַק דיר אַרויס די ציין, וועסטו וויסן ווי צו קריכן דעם אַנדערן אין דער נשמה!...

— בייזער זיך נישט און האָב קיין מורא נישט — האָט אַרקע פאַרשטאַנען דעם פויערלס שרעק און גוטמוטיק געשמייכלט מיט זיינע געזונטע, ווייסע ציי־נער — דיין געלט וועל איך נישט צונעמען. דו ווייסט דאָך, אַז עס זענען פאַראַן פערד פאַר הונדערט רובל, פאַר צוויי הונדערט און אַפילו פאַר צוואַנציק קאַר־באָוונצעס איז דאָ אַ פערד. נו, וויל איך וויסן וואָס פאַראַ סחורה צו ווייזן דיר...

— דו זאָלסט מיר נאָר אויפהערן צו רופן „פעטערקע". וואָס פאַר אַ „פעטערקע" בין איך דיר? איך האָב מיט דיר אינאיינעם חזירים געפּאַשעט צי וואָס?

— איז ביי טאַראַסן דער כעס אָפּגעגאַנגען און דער חשד האָט זיך אָנגעהויבן אויסוועפּן — דו דריי נאָר ווינציקער מיט דיין קלוגן צינגעלע און באַווייז מיר אַ ביליקערן פערד!...

אַרקע האָט באַלד צוגעפירט אַ נידעריק פערדל, מיט אַ ברוינער פעל,

אַרויסגעשטאַרצטע קלובעס, מיט אַ לאַנגן עק און פּירנדיק האָט ער אים אַזאַ פלינקן זעץ געטון מיט דער נאַגייקע איבער די דעכוועגעס, אַז דאָס אָרעמע פערדל האָט דערנאָך פון ווייטיק נישט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט און אונטערגעטאַנצט:

— נו, פעטערקע, אָט האָסטו דיר אַ „סיביריאַק״ וואָס וועט דיר דינען הונדערט יאָר!... האָסט געזען ווי ער גייט, ווי ער שטייט? צו זיין לויפן איז קיין גלייכן אין דער וועלט נישטאָ!... וועסט נאָך אַזאַ פערד אויפן יאַריד נישט געפינען... אדרבא! גיי אוז זע!... מיינסט, אַז איך האָב אַ דאגה צו פאַרקויפן אים?... נאַר גאַרנישט, דו ווילסט אַ גוטן פערד?... איז נאַ דיר אַ גוטן פערד און האָב אַ הנאה!...

טאַראַס האָט אים נישט געענטפערט. ווי אַ מבין איז ער צוגעגאַנגען צום פערדס פּנים, אים געעפנט דאָס מויל און אַריינגעקוקט אין די ציינער. דערנאָך האָט ער דעם פערד אויפגעהויבן איין פוס, אַ צווייטן. ער האָט באַטראַכט די קאָפּיטעס, געטאַפּט דעם בויך, די ליטקעס, געפירט די האַנט איבערן שפּינע. צום סוף האָט ער אויפגעהויבן דעם עק און אַ געשריי געטון:

— דאָס איז דאָך אַ שקאַפּע!

אָרקע דער פערד־הענדלער האָט אַ ריטשע־געטון מיט די ווייסע ציינער און ווידער אַ כוואַשטש־געגעבן דער שקאַפּע, אַז זי זאָל ניט איינשטיין אויף אַן אָרט און נישט אַרונטערלאָזן די אונטערשטע ליפּ:

אוודאי איז דאָס אַ קליאַטשע! אָבער... נאָך אַ יונגעטשקע!... קוים זיבן יאָר אַלט!... טאַקע דערפאַר וויל איך, אַז דו זאָלסט זי קויפן... זי וועט דיר נאָך האָבן אַ סך לאַשיקלעך...

פון דעם, וואָס אָרקע האָט אים פאַרזיכערט, אַז די שקאַפּע וועט נאָך האָבן אַ סך לאַשיקלעך, איז זי יונגער און שענער געוואָרן ביי טאַראַסן אין די אויגן. איז ער ווידער צוגעקומען צום פערדס פּנים, נאָכאַמאָל אַריינגעקוקט דער שקאַפּע אין מויל און ווערדליק די אומגעפיילטע ציין — האָט דער פויערל נישט געקאָנט טרעפן צי דער פערד־הענדלער האָט אים געזאָגט דעם אמת אָדער נישט:

— וויפל ווילסטו פאַר דער פאַדלע?

דאָ איז שוין אָרקע כלומרשט בייז געוואָרן און אַרויסגעריסן די צוים פון טאַראַסעס הענט:

— ערשטנס איז דאָס נישט קיין „פאַדלע״... צווייטנס: איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט זי קויפן!... ס'איז נישט פאַר דיר!... דו פאַרשטייסט אויף אַ קרענק

און נישט אויף קיין גוטע פערד!... און וויסן זאָלסטו, אַז די „פּאָדלע" קאָסט צוואַנציק רובל און אַ קאָפּיקע נישט ווינציקער!...

וואָס מער דער פערד־הענדלער האָט געשריִען און אַפילו גערעדט מיט אַרויפגעצוווּנגענער רוגזה און געמאַכט זיך, אַז דער מסחר גייט אים איינגאַנצן נישט אָן — אַלץ מער איז טאַראַסן די שקאַפּע געפעלן געוואָרן און שוין אויף קיין אַנדערע פערד נישט געוואָלט קוקן:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט מיר ווייזן אַ ביליקערן פערדל. דו ווייסט דאָך, אַז אַזויפיל געלט האָב איך נישט?..

קוים דערהערט די געווינטשטע רייד, איז אָרקע אַביסל „ווייכער" געוואָרן, און מיט אַן איבערגעביטענעם טאָן אין קול געפרעגט:

— וויפיל גיסטו?

— ניין רובל

— וואָס? —האָט דער פערדהענדלער געשריִען— ניין רובל? גיי צום טייוול מיט דיין געלט אינאיינעם!... ניין רובל גיט ער!... הער זיך איין, פעטערקע? אויב דו ווילסט טאַקע קויפן די קליאַטשע — גיך איך זי דיר אַוועק פאַר זיבעצן רובל, אַ גראָשן נישט ווינציקער!...

טאַראַס האָט נאָכלעסיק אַ רוק־געגעבן די קוטשמע צום שפּיץ קאָפּ, אַ וואָזש־נעם קראַץ געטון זיך אין פּאַטיליצע, אַ ווײַלע געקוקט אויף דער שקאַפּע און מיט ציטער אין האַרצן אַרויסגערעדט:

— ניין רובל מיט אַ גריוונינע.

— גיב אַהער די האַנט, פעטערל — איז אָרקע צוגעגאַנגען נאָענט צום פּויערל. טאַראַס האָט אויסגעשטרעקט די האַנט. דער פערדהענדלער האָט צווישן די ציין אַ שפּריציקן שפּיי געגעבן זיך אין דער דלאָניע און אַ פּאַטש־געטון דעם אַנדערן אין האַנט אַריין — צוועלף רובל מיט אַ האַלב! ביליקער קאָן איך נישט... קאָסט מיך אַליין מער... זאָל מיינס אַריבערגיין...

— ניין מיט אַ האַלב!

— עלף מיט אַ האַלב!

— ניין מיט אַ האַלב!

— עלף גיסטו?

— ניין מיט פינף און זיבעציק קאָפּיקעס. דעם אמת געזאָגט, גאָלובטשיק: מעגסט מיר גלויבן, אַז איך האָב אַכט יאָר געשפּאָרט און קוים אָנגעקליבן צען רובל. איך האָב מער נישט ווי אַ גאָלדענעם צענערל. ווילט זיך כאָטש האָבן אַ

פּערטעלע אויף בראַנפן. דו פאַרשטייסט? איך בין געגאַנגען פון דאָרף צו־פוס, טריקנט מיר אין האַלדז...

— דאָס זענען דאָך גאָר אַנדערע ווערטער! —האָט אַרקע אַ לעצטן קלאַפּ־געטון טאַראַסן אין האַנט — דיין מזל, וואָס איך האָב אַ ווייך האַרץ און עס איז מיר סתם געפעלן וואָס אַ מענטש האָט ליב אַ ביסל בראַנפן. איז דערלאַנג אַהער דאָס צענערל, וועל איך דיר געבן דערפון אַ פּערטעלע אויף אַ „סאָטקע".

אַ דאַנקבאַרער און אַ שטראַלנדיקער פון גליק, וואָס דער פערדהענדלער איז אַזאַ ליבער מענטש און וויל אים געבן אַ פּערטעלע אויף בראַנפן, האָט טאַראַס פאַרזיכטיק אַראָפּגענומען די קוטשמע פון קאָפּ, אַהין אַריינגערוקט די האַנט, אָנגעהויבן זוכן דאָס צענערל און נישט געפונען. הענט און פיס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך נאָך אַביסל געשטאַרקט, איבער־געדרייט די קוטשמע אויף דער לינקע זייט, געזוכט און געזוכט און צום סוף אָנגעהויבן שרייען מיט נישט קיין מענטשלעכע קולות:

ווי אַ משוגענער האָט ער געדרייט די קוטשמע אין אַלע זייטן. ער האָט אויסגעטאָפּט יעדן פיצעלע וואַטע באַזונדער. דערנאָך אַרויסגעריסן דעם גאַנצן אונטערשלאַק מיטן וואַטע אינאיינעם, אַ פאַל געגעבן אויף דער ערד און אָנגע־הויבן וויינען:

— אָך, גאָט מיינער! גאָט מיינער! אַן אומגליק, אַ גרויסער אומגליק האָט מיר געטראָפן! יאָרן האָבן איך נישט געגעסן, נישט געטרונקען, געזשאַלעוועט אַ ביסן־ברויט פאַרן ווייב מיט די קינדער! איך האָב געשפּאָרט, געקאַרגט און אַלץ געהאָפט, אַז איך וועל מער אַליין נישט דאַרפן ציִען די פאַסטראָמקעס! איך האָב געמיינט, אַז איך וועל מיר קויפן אַ שטיקל פערד און איצט? דעם איינציקן צע־נערל פאַרלוירן! אוי, גאָט מיינער! וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?!...

ער האָט געררעוועט אַזוי הויך און אַזוי אימהדיק, אַז אַ גרויסער עולם ייִדן און גויִים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַרום אים. פון זיין געוויין איז, דאַכט זיך, יעדן דאָס האַרץ צעגאַנגען. נאָר יעדערער איז געשטאַנען ווי אויף גרויס וווּנדער און קיינער האָט אים אַפילו מיט אַ גוט־וואָרט נישט געטרייסט. האָט טאַראַס געריסן די האָר פון קאָפּ, מיט די פויסטן געשלאָגן זיך אין האַרצן און געיאָמערט אויף זיין ביטערן מזל:

— הרגעט מיך, ליבע מענטשן! צערייסט מיך אויף שטיקער; כיי וואָלט איך אַ פּאַהיבל איינגענומען! אַ הונט בין איך! אַ גאָרנישט! איין צענערל אָפּגעשפּאָרט

נח גאָלדבערג

אין אַכט יאָר און נישט געקאָנט דאָס איינהיטן! אוי, גאָט מיינער! ווי וועל איך איצט קומען אַהיים? יעוודאכע וועט דאָך מיר דעם קאָפּ צעשפּאַלטן!...

אין אָנהייב איז אָרקע דער פערדהענדלער געשטאַנען אַ קאַלטבלוטיקער און מיט חשד אין די אויגן געקוקט אויפן געפּאַלענעם פויערל, געמיינט, אַז יענער מאַכט זיך דאָס אַזוי. אָבער דערנאָך איז די גלייכגילטיקייט אויפגעלייזט געוואָרן ביי אים אין האַרצן. האָט דער פּראָסטער ייִד, פאַר וועמען די גאַנצע שטאָט האָט געציטערט, אַ שאַרפן קוק־געגעבן אויפן נייגעריקן עולם און געזאָגט אויף מאַמע־לשון:

— עס איז אַ רחמנות אויף אַ מענטשן! מ'דאַרף אים העלפן געפינען דעם צענערל! איז זאָל מען ברענגען רעשעטעס! מיר וועלן איבערזיפּן דעם זאַמד! מסתמא האָט ער דאָס פאַרלוירן דאָ ערגעץ.

עס איז מעגלעך, אַז ווען עמעצער אַנדערש וואָלט דאָס געזאָגט, קאָן זיין, אַז מען וואָלט זיך אַפילו נישט גערירט פון די ערטער. אָבער אויף אָרקעס ווונק, זענען באַלד אויסגעוואַקסן אַרום אַ מנין יידן מיט רעשעטעס אין די הענט און בענומען איבערזיפּן דעם זאַמד אין מאַרק. יעדערער האָט אָנגעשעפּט אַ רעשעטע זאַמד, דאָס אויפגעהויבן אין דערלופטן, געטרייסלט די זיפּן. עס איז טאַקע אויפ־געגאַנגען אַ גילדענער שטויב, אַזש דערשטיקט צו ווערן, נאָר פונעם צענערל איז קיין זכר נישט געווען.

דאָס זיפּן האָט געדויערט אַרום אַ שעה. די יידן האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר דער שווערער אַרבעט. זיי האָבן זיך געבויגן די רוקנס און אַלץ געוואָלט בעפינען דאָס צענערל און דערמיט העלפן אַן אָרעמען פויערל. צום סוף זענען זיי אָבער פאַרמאַטערט געוואָרן און אַוועקגעשטעלט די רעשעטעס אויף דער ערד:

— דאָס געלט, ר' אָרע, האָט ער געמוזט פאַרלירן ערגעץ אַנדערש. דאָ איז דאָס נישטאָ.

ביי אָרקען אויפן שטערן האָבן זיך אַ פּאָר דינע פאַלדן באַוויזן. ער האָט זיך אויף אַ ווייל פאַרטראַכט און דערנאָך געענטפערט נישט ווי אַ פּראָסטער פערד־הענדלער, נאָר ווי אַן אמתער גוטהאַרציקער ייִד, וואָס קאָן נישט צוזען די צרות פון אַן אַנדערן:

— צי דאָס געלט איז פאַרלוירן געוואָרן דאָ אויפן מאַרק, אָדער ערגעץ אַנ־דערש, — איז קיין נפקה־מינה נישט. ווייל דעם פויערלס כוונה איז דאָך געווען אַ גוטע. ער האָט נעבעך אַכט יאָר אַליין געשלעפּט דעם אַקער, די בראָנע, געקליבן גראָשנס צו קויפן זיך אַ פערדל צום באַאַרבעטן זיין שטיקל פעלד. אויף אַזאַ מין מענטשן איז פשוט אַ רחמנות און מען דאַרף אים העלפן!...

די ייִדן האָבן נישט פאַרשטאַנען אַרקעס מיין: וואָס הייסט העלפן?... געוויס האָבן זיי געוואָלט העלפן דעם אומגליקלעכן. אַ סימן: אָט האָבן זיי דאָך געזיפּט דעם זאַמד און געזוכט זיין צענערל? וואָס נאָך האָבן זיי געקאָנט טון?... נאָר, אַרקע האָט דערוויל אַרויסגעשלעפּט אַ רויט טיכל פון קעשענע, אַריינגעוואָרפן אַהין זיינע אייגענע דריי גילדן און מיט דער נאַגייקע אַ קאָמאַנדעווע־געטון:

— ייִדן, גיט וויפל איר קאָנט! עס איז אַ גרויסע מצוה מסתמא צו העלפן אַ מענטשן וואָס וויל באַאַרבעטן די ערד!...

דאָס טיכל איז געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן. פינגער האָבן זיך געפּאָרעט אין טייסטערס און מען האָט געגעבן: ווער אַ פינף קאָפּעקענע מטבעה און ווער אַ גריווניע. דערנאָך איז אַרקע אויך אַוועק איבער די קראָמען און ביי די קרעמער געגומען און ווען ער האָט דערזען, אַז ביי אים אין טיכל האָט זיך שוין געפונען אַרום צען רובל, האָט ער דאָס, ביי אַ וואָכערניק, אויסגעביטן אויף אַ גילדערנעם צע־נערל און צוריקגעקערט זיך צום אָרט ווו טאַראַס איז נאָך אַלץ געלעגן און גע־וויינט.

דאָס צוגיין צום פויערל איז נישט געווען פון די גרינגע זאַכן. ווייל איצט איז געשטאַנען אַרום אים אַזאַ גרויסער עולם — אַ שפּילקע נישט דורכצושטופּן. נאָר אַרקע איז געווען אַ ייִד מיט ברייטע פּלייצעס און געזונטע הענט. האָט ער אָנגעשטעלט אַן אַקסל, דורכגעשלאָגן זיך אַ וועג און ווען ער האָט אים דער־גרייכט, האָט אים דער ייִד נישט געוואָלט מבייש־זיין און אָנגעשריִען אויף אים:

— וואָס צום טייוול ליגסטו דאָ אויף דער ערד, ווי אַ באַבע און וויינסט?... הייב זיך אויף! זוך אין זאַמד! אפשר וועסטו געפינען דיין צענערל?!... פויל זיך נישט! זוך און איך וועל דיר העלפן זוכן!...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און צוזאַמען מיטן פויערל אָנגעהויבן זוכן. דער ייִד האָט אַלע ווילע אָנגענומען הויפנס זאַמד, דאָס דורכגעזיפּט צווישן די פינגער, געמאַכט זיך, אַז ער זוכט מיט פלייס. נאָר פּלוצים האָט ער פון דער ערד אַרויסגעצויגן אַ גילדערנעם צענערל און אַ גליקלעכן געשריי געגעבן:

— אָט איז דאָך דיין צענערל! נאַ דיר דאָס אָפּ!...

טאַראַס איז געבליבן זיצן אויף די קני ווי אַ ליימענע געטשקע. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל איבערגעצלמט און די אייגענע אויערן נישט געגלויבט. נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס איז נישט קיין קאָשמאַר, איז ער צוגעפאַלן צו דעם ייִדנס גלאַנציקע שטיוול און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— ליבער מענטש! דו האָסט מיין לעבן געראַטעוועט! אַ דאַנק, גאָלובטשיק! גאָט זאָל דיר באַצאָלן פאַר דיין גוטסקייט! אָבער דאָס געלט נעם צו זיך. איך קאָן

נח גאָלדבערג

דאָס נאָך ווידער פאַרלירן. גיב מיר בלויז דאָס פערד; אפילו קיין פערטעלע אויף בראָנפן וויל איך שוין נישט!...

— נישטאָ פאַר וואָס צו דאַנקען —האָט אָרקע צוגעפירט דאָס פערדל צום פויערל און איבערגעגעבן טאַראַסן די לייצעס פון צוים — פאַר אַהיים געזונטער־הייט. וועסט האָבן אַ גוטן פערד צום באַאַרבעטן דיין שטיקל פעלד.

— איך וויס, איך וויס — האָט טאַראַס געוואָלט כאַטש אַ קוש געבן דעם פערד־הענדלער אין האַנט. פון דעם איז אָרקע רויט געוואָרן, זיך פאַרשעמט ווי אַ מיידל און כדי ניט אַרויסווייזן דאָס פאַר דער עדה ייִדן, האָט ער זיך אַליין אַ כוואַשטש־געטון מיט דער נאַגייקע אין דער גלאַנציקער כאָלעווע און אַוועק. איז טאַראַס געבליבן שטיין אינמיטן פערד־מאַרק, מיט פייכטע און דאַנקבאַרע אויגן געזען, ווי אָרקעס הויכע און געזונטע פיגור האָט זיך דערווייטערט אַלץ ווייטער און ווייטער.

אַ מאַנסביל

ווען אַ פרעמדער מענטש וואָלט דערזען דעם הויכן און דאַרן מוליער, מיט די גרויסע, נאַרישעוואַטע אויגן, וואָלט ער נישט געגלויבט, אַז דער ייִד האָט אַ ווייב מיט צוויי ייִנגלעך. מחמת ווערליק זיין פּנים מיט דער בלאַסער, שיטערער הויט, אויף וועלכער קיין באָרד איז נישט געוואַקסן, — האָט מען אים גיכער געקאָנט אָננעמען פאַר אַ פרוי אין מענערשע קליידער, איידער פאַר אַ מאַנסביל.

זיי אמתן נאָמען האָט קיינער נישט געוווסט. „פאַסטערקע" האָט מען אים אָנגעהויבן רופן, ווען ער איז אַהער געקומען פון ווילייקע, אַרום ווילנע און גלייך חתונה געהאַט מיט דער שיינער, אָבער שטאַמלענדיקער, אסתרקע. דעמאָלט האָבן אַ פּאָר לצים צוזאַמענגעפּאָרט זיין נישט קאָנען אַרויסרעדן דעם „שין" ווי מען דאַרף און דעם ווייבס צעקאַלעטשען יעדעס וואָרט און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן „פאַסטערקע", ווי ער האָט געהייסן ביז אויף היינטיקן טאָג.

דערצו האָט מען אויך נישט געוווסט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו אים דער פאַך־נאָמען „מוליער", אַז אין שטאָט האָט מען שוין צענדליקער יאָרן קיין מויערן נישט געבויט. סיידן דערפון, וואָס אַ חוץ גראָבן ברונעמער, קאַנאַוועס, אָפּציִען אַ בלאָטע אַן אַ זייט, אַז זי זאָל נישט שטיין ביי אַ נגידישער טיר, פלעגט ער פאַרריכטן אַ „פּאָד" אין אַן אויוון, פאַרלאַטען און אויסגלייכן אַ האַרבעוואַטן קוימען, אַריינשטעלן אַן ארויסגעפאַלענעם ציגל אין אַ הרובע, צי אַ „ליעזשאַנקע" און שטוקאַטורעווען ווענט.

פאַרשטייט זיך, אַז פון די אַלע מלאכות איז ער די מערסטע צייט אַרומגע־גאַנגען ליידיק. אמת, ער איז קיין פוילער נישט געווען און שטענדיק געזוכט עפּעס צו פאַרדינען. פונדעסטוועגן האָט דאָס ווייב מיט די קינדער גאַנץ געשמאַק אונ־טערגעהונגערט. נאָר אַזוי ווי די משפּחה איז פאַרט געווען אַ „שטאָלצע", האָט זי דעם הונגער פאַרשטיקט ביי זיך. נישט געוואָלט, אַז אַ מענטשלעך אויג זאָל דאָס באַמערקן און רחמנות האָבן.

נח גאָלדבערג

פאַסטערקע האָט געהאַט נאָך אַ מעלה: ער איז געווען אַ פֿרומער. און אויב נישט דריי מאָל אַ טאָג, איז ער אָבער אַלע אינדערפֿרי געווען אין שול. ס'איז אמת, אַז דאַוונען האָט ער טאַקע נישט געקאָנט. דאָך האָט ער געוווּסט ווען צו זאָגן „אמן", ווי אָפּצוהיטן אַלע מצוות און פֿאַר יום־כּפּור „געאַקערט מיט דער נאָז די ערד", אַבי צו פֿאַרדינען אַביסל געלט צו קאָנען קויפֿן אַ הענדל אויף שלאָגן כּפּרות.

נאָר דאָס איצטיקע יאָר איז געווען אַזאַ שווערס, אַז אומעטום, ווו פֿאַסטערקע האָט געעפֿנט אַ טיר און געבעטן עפּעס צו פֿאַרדינען, האָט מען אים אָפּגעזאָגט. איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרביטערטער אויף זיך אַליין און נישט געוווּסט ווו ער וועט נעמען אַביסל געלט צו קויפֿן כאָטש איין הענדל.

ערשט עטלעכע טעג פֿאַר יום־כּפּור האָט מען אויף אים רחמנות געהאַט און געדונגען אויסצושטוקאַטורעווען אַ שטיבל, פֿאַר וועלכע פֿאַסטערקע האָט באַקומען אַ רובל מיט אַ האַלב.

דאָס גאַנצע געלט האָט ער דעם ווייב נישט אָפּגעגעבן. דערפֿון אַראָפּגענומען זיבעציק קאָפּיקעס און באַהאַלטן דאָס אין אַזאַ געהיימער קעשענע, אַז אַפֿילו דער געניטסטער גנב וואָלט עס נישט געקאָנט געפֿינען. און אינעם טאָג פֿון שלאָגן כּפּרות, איז ער אינדערפֿרי אַוועק אין שול דאַוונען און גערעכנט נאָכדעם גיין אין מאַרק און קויפֿן דאָרטן אַ הענדל.

ביים עמוד איז גראַד געשטאַנען אַן עלטערער ייִד, אַ פּנים נישט קיין געזונטער, אַ יאַדעשליוּוער, קוים געאָטעמט און אַרויסגעזאָגט די ווערטער אַזוי פּאַמעלעך, אַז פֿון איין וואָרט ביזן אַנדערן האָט געגומען „אַ יאָר!"... דערפֿאַר, אָבער, זענען זיי אַרויסגעקומען קיילעכדיקע, פֿולע, ווי געקליבענע אַרבעס. נאָר דאָס דאַוונען גופֿא האָט זיך פֿאַרצויגן.

אַז פֿאַסטערקע איז סוף־כּל־סוף געקומען אויפֿן מאַרק, איז דאָ געווען אַזאַ טומל און געדרענג — משוגע צו ווערן! הינטער די רייען ליימענע טעפּ, טעפּלעך, שיסלען און פֿאַרשיידענע שיסעלעך, קוביקעס און ליאַלקעס, זענען געשטאַנען ווייבער מיט קאָשיקעס הינער. אַהער איז פֿאַסטערקע כּמעט ווי צוגעלאָפֿן און אָנגעהויבן נישטערן אַ הענדל צווישן די הינער. ער איז געגאַנגען פֿון איין „זיצערקע" צו דער אַנדערער, נאָר יעדע „קורעפּיאַטניצע" האָט געענטפֿערט:

— שוין פֿאַרקויפֿט!...

מיט אַמאָל האָט פֿאַסטערקע באַמערקט, ניסעלע דעם לץ, און הורוויצעס צאַצקעדיקן אײדעמל, וואָס האָט ליב געהאַט „אַוועקשטעלן אַ פּיסל" אויפֿן וואָג,

ווען ער פלעגט וועגן אַ זעקל תבואה. אויך נאָך ייִדן זענען געשטאַנען אַרום אַ פויערשער פורל. איז דער מאַנסביל צוגעגאַנגען אַהין זען וואָס דאָרט טוט זיך.

ער האָט אויסגעצויגן זיין לאַנגן האַלדז, אויף וועלכן עס איז אַרומגעלאָפן אַ קנאָכיקער גאָרגל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ דיקער, שאַרפער שרויף, אַריבער־געקוקט איבער אַ פּאָר ייִדישע אַקסלען און געזען: אין וואָגן איז געלעגן אַ שיינער האָן און געוואָרפן צעשראָקענע בליקלעך אויפן עולם. די גלאַנציק, שוואַרצע פליג־לען, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן בלויען קאָליר, האָט ער אַלע ווייַלע אַ הייב־געגעבן, ווי דער האָן וואָלט וועלן אויפשפרינגען און אַוועקפליִען.

אַ הויכער פויער, מיט אַ פלאַם־פייערדיקער באָרד, איז געשטאַנען לעבן זיין וואָגן, מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף יעדן ייִדן, וואָס האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט אַ טאַפּ צו טון דעם האָן און געשריִען אויף זיי:

— וואָס איז דאָס פאַראַ שטופּעניש היינט אויף אייך, וואָלט איך געוואָלט וויסן?...

די ייִדן האָבן אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט און נישט איינגעהערט זיך צו זיין שרייען. זיי האָבן געוויגן דעם האָן ביי זיך אויף די הענט. מיט געניטקייט אין די בליקן און מיט צוזאַמענגעשנורעוועטע ליפּן — פונאַנדערגעבלאָזן די פע־דערן ביים האָן אַרום עק, מבינות־געזאָגט, אַז ער דאַרף וועגן אַרום פינף, אָדער זעקס פונט און געפרעגט:

— וויפיל ווילסטו פאַר אים?

ווען דער פויער האָט דערזען, אַז דאָס רעדל ייִדן ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, האָט ער זיך אַ קראַץ געגעבן אין פּאָטיליצע, געוואָרפן אַ פרעגנדיקן בליק אויף זיין שטאָלצן, קריגערישן האָן מיט די גילדערנע פעדערלעך אַרום האַלדז, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין פאַרשידענע פאַרבן און געענטפערט:

— אַ רובל מיט אַ האַלב...

איינער אַ ייִד האָט אַרויסגענומען די געבעטענע סומע פון טייסטער און גע־וואָלט באַצאָלן. האָט דאָס באַמערקט אַ צווייטער און עס האָט אים פאַרדראָסן: סטייטש? ביי אים זאָל אַן אַנדערער אויסכאַפּן די מצווה, און נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָט ער אַ בראַק־געטון:

— איך וועל דיר געבן אַ רובל מיט פינף און זיבעציק!

איז דאָס נישט אַנגעשטאַנען אַ דריטן ייִדן, וואָס ער וועט בלייבן אָן אַ כפרה און נישט האָבן מיט וואָס אָפּצודרייען די עבירות פון אַ גאַנץ יאָר. האָט ער זיך מיישב געווען, אַרויסגענומען צוויי זילבערנע קאָרבן, אויף וועלכע עס איז

געווען אויסגעקריצט ניקאָלייקעס פּרצוף און אַ שטעק־געגעבן דאָס דעם גוי אין האַנט אַריין:

דער פויער איז צעטומלט געוואָרן. אַרויסגענומען דעם האָן פון וואָגן און בעהאַלטן אים אין זיינע געזונטע לאַפּעס. ווי נאָר דער האָן האָט דערפילט, אַז אַ פּאָר שטאַרקע ידים האַלטן אים, האָט ער אָנגעהויבן דריגען מיט די פיסלעך, אָנגעשטעלט די פעדערלעך אַרום האַלדז, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו האַלטן מלחמה מיט עמעצן. נאָר דער באַלעבאָס האָט זיך מער נישט אומגעקוקט אויף אים און געבייזערט זיך אויף די ייִדן:

— כיטראַקעס, אין אייער מאַמען אַריין! איר ווילט ביי מיר אויסנאַרן דעם האָן, אַ? דערפאַר וועט ער אייך קאָסטן דריי רובל!

הורוויצעס צאַצקעדיקער אײדעמל, ביי וועמען אַ רובל האָט קיין ראָלע נישט געשפּילט, האָט שוין געוואָלט נותנען דריי, צי אַפילו פיר רובל. אָבער, ניסעלע דער לץ, וואָס האָט די גאַנצע צייט אָנגעקוואָלן פון דעם אופן, פון דער פיינער סצענע, ווי שייגע און, דאַכט זיך, פרומע ייִדן, ווילן אויסנאַרן די מצווה איינער ביים אַנדערן, האָט ער מיטאַמאָל אַ זאָג־געטון:

— דריי רובל פאַר אָט דעם הענדל? אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ! וואָס זענט איר חסר־דעה צי וואָס?... פאָלגט מיך און טוט דאָס, וואָס איך וועל באַלד טון.

— אַ נו, לאָז מיך אַ קוק געבן אויף דעם בחורעץ? — האָט זיך ניסעלע געווענדט צום פויער — איך וויל זען צי ער האָט די ווערט דריי רובל...

אַזוי גיך ווי ניסעלע דער לץ האָט אָנגענומען דעם האָן פאַר די געבונדענע פיסלעך, האָט ער אים פאַרהויבן צו זיך איבערן קאָפּ, עטלעכע מאָל אַ דריי געגעבן און אויף גיך געגומען זאָגן: „זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי", און דערביי געווונקען צו די אַנדערע ייִדן, אַז אויך זיי זאָלן טון דאָס זעלבע, וואָס ער און צום סוף אַזאַ קוועטש געטון די פיסלעך, אַז דער האָן האָט, נעבעך, אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און זיינע רויטע אויערלעך זענען אים בלאָס געוואָרן.

דערנאָך איז דער האָן אויף גיך איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. מיט פאַטשנדיקע פליגלען געהוידעט זיך איבער די ייִדישע קעפּ, ווי אַ קאַרוסעלקעלע. דאָס שלאָגן כפרות איז צוגעגאַנגען אַזוי פלינק, אַז דער פויער האָט זיך נישט געכאַפּט וואָס דאָ איז פאַרגעקומען און אין עטלעכע מינוט אַרום, אַז מען האָט אים צוריק אָפּגעגעבן די כפרה, איז פונעם רעדל ייִדן קיין זכר נישט געבליבן ביים וואָגן.

אויך פאַסטערקע האָט נישט באַנומען וואָס דאָ איז געשען. האָט ער געפינטלט מיט די אויגן און געזען, ווי ביי דעם האָן, איז דער רויטער קאַם בלאָס און שלאַ־

בערדיק געוואָרן, אַראָפּגעפּאַלן אויף אַ זייט. דאָס קעפּל איז אים נאָכלעסיק אַרונטערגעהאנגען פון גופל און דעם מאַנסביל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער האָן איז שיכור געוואָרן, אָדער — געחלשט!...

די גאַנצע צייט איז דער גוי געשטאַנען מיט אַ צעעפנטן מויל און צעלופּעטע קוקערס. נאָר פּלוצים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ שווערער היגערפלעט און דערזעענדיק וואָס פון זיין שיינעם האָן איז געוואָרן, האָט ער זיך צעשריִען אויף פאסטערקען:

— וואָס ביסטו דאָ געבליבן שטיין, דו פאַרך איינער, אַ?!... פאַרוואָס אַנט־לויפסטו נישט ווי די אַנדערע זשידעס?!...

כאָטש פאסטערקע איז געזעסן הויך און דאַר און אויסגעזען ווי אַ פרוי, איז ער אָבער נישט געווען קיין שרעקעוודיקער און מיט זיין דין, כריפּלענדיקן קול געענטפערט:

— צוליב וואָס זאָל איך אַנטלויפן? איך האָב דיר גאָרנישט געטון. איך וויל קויפן דעם האָן.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און דער פייער האָט זיך באַרויִקט. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין לעצטן קונה, ביי וועמען עס האָבן אַרויסגעשטאַרצט די באַקעטע פינגער פון די צעריסענע שטיוול און אַ גאַליקן שמייכל־געטון אין דער ריִיטער באָרד אַריין:

— וואָס דו ווילסט אים קויפן?!...

פאסטערקע האָט אויפגעכאַפּט דעם פייערס חוזקדיקן בליק און אַ ביסל אַ פאַרשעמטער, פאַרענטפערט זיך פאַר די צעריסענע שטיוול:

— ווייסט דאָך... שלעכטע צייטן... נישטאָ פאַר וואָס צו קויפן נייע שטיוול...

— דו ביסט, הייסט עס, אַ האָרעפּאַשנער יעוורעי —האָט דער ערל צוזאַמענ־גענומען דאָס ביסל היי ביי זיין פערד פון אונטער דער מאָרדע און אַריינגעלייגט עס אין וואָגן— אַזאַ מענטש איז עפּעס אַנדערש... דיר וועט דער האָן קאָסטן בלויז איין רובל...

ביי פאסטערקען האָט דאָס האַרץ אַ ציטער־געטון. זיין פּנים איז פאַרוואָלקנט געוואָרן און די האָפענונג: צו ברענגען אַ כפרה אַהיים — איז אויסגערונען. פונ־דעסטוועגן האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געפּרוווט מזל:

— ווי האָסטו דאָס אַ האַרץ צו בעטן פאַר אים אַ רובל? אַ האָן איז דאָס? ער קאָן דאָך אַפילו נישט האַלטן גלייך דאָס קעפּל!... און וועט באַלד איינגאַנצן אויסציִען די פיסלעך...

פון דעם קונהס חוצפה איז דער גוי געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער:

— אַך, דו פאַרך איינער! וואָס האָסטו געוואָלט, אַז נאָכדעם ווי אַזויפיל זשי־דעס האָבן אים געדרייט ביי זיך איבער די קעפּ, זאָל ער נאָך קאָנען האַלטן גלייך דאָס קעפּל?... און, ווען מ׳דרייט דיך אַזויפיל מאָל אינדערלופטן, וואָלסטו נישט אסאלפּייעט געוואָרן?!...

אויף די גערעכטע טענות האָט פאַסטערקע נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. האָט ער אומבאַהאָלפן צענומען די לאַנגע, ביינערדיקע הענט און מיט געבעט אין קול געזאָגט:

— בייזער זיך נישט, ברודערל. ווען איך וואָלט פאַרדינט און געהאַט, וואָלט איך דיר געגעבן דעם רובל. איך קאָן זיך נישט דינגען. אָבער, איך האָב נישט מער ווי פופציק קאָפּיקעס. איז אויב דו ווילסט?...

פאַסטערקעס נעבעכדיקער אויסזען און די אויפריכטיקייט אין זיין רעדן, איז, אפנים, דעם גוי געפעלן געוואָרן. ער האָט אַ ווײלע געטראַכט: אָפּגעבן פאַר די פופציק קאָפּיקעס, אָדער פירן די פאַדלע צוריק אַהיים. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, גענומען די לייצעס אין די הענט און איינגעמאַטשעט זיך בעסער אינעם היי:

— גיב אַהער די פופציק קאָפּיקעס, וועט זיין אויף אַ ביסל בראָנפן כאַטש...

אַ צופרידענער, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן צו קויפן אַזאַ „גרויסע מציאה״, האָט פאַסטערקע אַרויסגעראַבלט פון דער „געהיימער״ קעשענע צוויי פערטעלעך און באַצאָלט, גענומען דעם האָן צו זיך אונטערן אָרעם און מיט ברייטע, געאײלטע שפּאַן אַוועקגעגאַנגען אַהיים. פונקט ווי עפּעס אַ פאַרבאַהאַלטענער געפיל וואָלט אים אונטערגעזאָגט: שפּאַנען וואָס גיכער, אַז דער האָן זאָל כאָטש דערציִען ביז אָפּשלאָגן כפּרות...

אַפּנים, אַז דער אויסדרוק: „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט״ איז געווען ווי אָנגעמאָסטן אין דעם פאַל. ווייל אינמיטן וועג האָט פאַסטערקע מיטאַמאָל דער־פילט, ווי דער האָן האָט אַ שוואַכן דריגע־געטון מיט די פיסלעך, פאַרוואָרפן דאָס קעפּל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אַראָפּגעהאָנגען שטריקל, און, איז געבליבן שטעקן ביים מאָנסביל אונטערן אָרעם אַן אומבאַוועגלעכער.

דעם ייִדן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. האָט ער אַרויסגענומען דעם האָן און אים אַ טרייסל געטון, אַ טאַפּ געגעבן. דאָס גופל איז נאָך געווען לעבלעך. אָבער די אייגעלעך זענען שוין געווען פאַרגלאָנצטע און קיין סימן פון לעבן נישט אַרויסגעוויזן. די פעדערן זענען געוואָרן שטייף, ווי דרעטלעך און די פריִערדיקע פאַרב אויף זיי איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַ פאַרצויגענער, מאַטאָווער קאַלטקייט.

אַ שפּאַר ווײלע איז פאַסטערקע געשטאַנען אַ דערשלאָגענער. אַ פאַרלוירענער

און נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט דער פּגירה. אין די אויגן האָבן זיך אים טרערן געשטעלט. מיטן אַרבל פון רעקל האָט ער זיי אָפּגעווישט. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פּלויט, אַ לעצטן קוק־געטון אויף דעם געוועזענעם שיינעם האָן און מיט פאַרקלעמונג אין האַרצן — אַריבערגעוואָרפן דאָס גופל אויף יענעם זייט פּאַרקן:

— אַ כפּרה זאָלסטו ווערן פאַר אַלע ייִדן!

אמת, אים האָט זייער שטאַרק פאַרדראָסן און וויי־געטון, וואָס דער האָן האָט נישט דערלעבט, אַז ער זאָל מיט אים כאַטש קאָנען אָפּשלאָגן כפּרות און איז געפאַלן אינמיטן וועג. פונדעסטוועגן האָט אים געפרייט, וואָס ביי אים אין דער „געהיימער" קעשענע איז נאָך פאַרבליבן אַביסל געלט. מיט אָט דעם פּיצל פריידאיז פאַסטערקע, דערנאָך, אַריינגעגאַנגען צו זיך אין שטיבל, נישט דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט. האָט ער צוזאַמענגערופן דאָס ווייב מיט די קינדער אין אַ קרייז אַרום זיך, פאַרשטייפּט אין האַנט די אַכצן קאָפּיקעס, אָפּגעשלאָגן כפּרות און דערביי געטראַכט, אַז אויב „ער" האָט אַזוי געוואָלט, — איז דאָס מסתמא גם זו לטובה!...

שטורעם

הינטער דעם טיפן און געדיכטן יעלאָוון וואַלד האָט זיך רחבותדיק אויסגעשפּרייט דאָס שטילע שטעטל ליבאַניטש. זומער־צייט איז עס געווען איינגעטונקט אין זעטיקע סעדער. זייערע באַרימטע „לאַדיש־באַרן", די זאַפּטיקע „אַנטאָנעוועקעס" מיט די רויט־בעקלדיקע „ציגאַנקע־עפּל" און די פּייערדיקע קאַרשן, וואָס האָבן געפינקלט אין דער זון, ווי אין זיי וואָלטן חנוכה־ליכטלעך געברענט, און אויך די פליישיקע פלוימען מיט די האָריקע אַגרעסן, אויף די שטעכיקע קוסטעס, האָבן אויף וויאָרסטן אַרום פאַרשיכורט די לופט מיטן אַראָמאַט פון צייטיקע פּירות.

די גרינע סעדער אַרום יעדן שטוב און שטיבל האָבן דעם שטעטל צוגעגעבן אַן אייגנאַרטיקן חן, און דער בלעכערנער „האָן" אויפן „מאַיאַק" פון דער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע" איז געווען אַזוי „גרינג" אויף די פיס, אַז אַפילו אינעם קלענסטן ווינטל האָט ער זיך געדרייט אַרום זיך אַליין און נישט פאַרנומען זיך מיט דער הענערשער טבע — נאָכצולויפן די פרומע הינער.

דערפאַר אָבער, איז ליבאַניטש אין די ווינטערס געלעגן אַ פאַרטייעטע, אַן איינגעדעקטע מיט אַ דיקער, ווייסער פּערענע און געציטערט פון קעלט. דער שניי איז דאָ שטענדיק געווען אַזוי הויך, אַז די בלעכערנע דעכער פון די נגידישע הייזער האָבן זיך קוים אַרויסגעזען. דער „האָן", אַן אַרומגעכאַפּטער פון פראָסט, איז געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכער און מער שוין נישט געהנדלט זיך מיט זיין „רויטן קאָם"...

און די בליאַסקענדיקע צלמים פון דער „צערקווע" און פונעם „קאָסציאָל", האָבן זיך נאָך חוצפּהדיקער אַריינגעשניטן אין דער דינער, בלויער לופט, און דער ציגלנער קוימען פון דער גרויסער מתנגדישער שול, להבדיל, מיט זיינע רויטע באַקן, וואָס קיין שניי האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעקלעפּט צו זיי, איז געשטאַנען שמונה־עשרה און אָנגעזאָגט די שטעטלדיקע ייִדן, אַז אין שול האָט זיך געהייצט די קאַלכענע הרובע און ישיבה־בחורים לערנען דאָרט אין דער וואַרעם.

ביז מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווען די נאַציס האָבן זיך אַ לאָז־געטון אויף פּוילן און אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו ליבאַניטש, וואָס האָט לויטן קאַלטן שכל גאָר געדאַרפט געהערן צו די רוסן און איז פּאַרט פאַרבליבן ביי די „פּאַנעס" — האָט דאָס שטעטל מיט דער אַרומיקער וועלט קיין מגע־ומשא נישט געהאַט און די גויִים מיט די יִדן זענען אויסגעקומען צווישן זיך ווי אמתע גוטע שכנים.

נאָר איצט, אַ שטיק אין האַרבסט, אַז פון ווייטן האָבן זיך אָנגעהויבן הערן און דערנעענטערן די אָפּהילך־שאָסן פון די „האַוויצער־קאַנאָנען", האָט זיך איבערן שטעטל גיך צעפּלאַקערט די פאַרביסענע שנאה, וואָס איז מסתמא ביז אַהער געווען פאַרבאַהאַלטן ביי יעדן גוי טיף אין האַרצן.

אַז די יִדן האָבן דערפילט די שנאה פון די אייגענע שכנים און די געפאַר, וואָס האָט זיך געדרוקט פאַרויס צוזאַמען מיט דער דערנענטערונג פונעם „פראָנט", זענען זיי די לעצטע וואָך אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. און כאָטש קיינער האָט נישט געוווסט, צי פון דאָרט וועט מען זיך אומקערן לעבעדיקע, — איז מען פונדעסטוועגן געלאָפן אַהין און דאָ איבערגעלאָזט, מענדעלע דעם יונגן און געזונטן בעל־עגלה, זיין ווייב מלכה מיט זייער איינציק קינד, גיטעלע און אין סאַמע עק פון דער יִדישער, מינסקער גאַס איז אויך פאַרבליבן, כאַנע דער אַלמן, אָדער, ווי די ווייסע חברהניקעס פלעגן אים רופן: „כאַנע די באָרד".

זיי זענען נישט אַוועקגעפאָרן, מחמת סיי מענדל און סיי כאַנע האָבן אָפּריִער געוואָלט פאַרקויפן די שטיבלעך, וואָס זענען זיי פאַרבליבן בירושה פון זייערע עלטערן, בפרט, אַז ביים בעל־עגלה איז געווען אַ פלינקער, בורער פערד, האָבן ביידע יִדן גערעכנט און אויסגערעכנט, אַז אויב זיי וועלן זיך אַרויסלאָזן אין וועג אַריין מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער וועלן זיי אַלץ איינס אָניאָגן די אָפּציִענדיקע עדה.

דאָס איז אָבער געווען אַ פאַלשער חשבון. וויל גראָד האָט זיך, מאַנטיק איבער־דערפרי, דערהערט אַ שוואַכער גערויש פון מאָטאָרן, וואָס איז פון רגע צו רגע און פון מינוט צו מינוט רוישיקער געוואָרן. דעמאָלט איז מענדל אַרויסגעלאָפן אין הויף און אַ נייגעריקער פאַריסן דעם קאָפּ צום הימל. אַ „שטאָלענער פויגל", די גרויס פון אַ ריזיקן בושל, האָט זיך געטראָגן ווי אַ בליץ, דערנאָך אַראָפּגעלאָזט זיך אַלץ נידעריקער איבער דער מינסקער גאַס און אָנגעהויבן זי צו באַשפּייען מיט קוילן פון מאַשין־ביקסן.

מענדל האָט זיך צוגעלײמט צום ראָג־שטוב. די צווייענדיקע בערווענעס, אַריינגעביסענע איינע אין די אַנדערע האָבן אים פאַרהיט פונעם עראָפּלאַן, וואָס איז בלויז דורכגעפלויגן הין און צוריק און דערביי אַזוי קונציק „דורכגעשטעפּט" די יִדישע הייזער, ווי אַ גוטער שניידער — אַ שטיק געוואַנט און פאַרשוווּנדן אין

די הימלען. זיין גערויש איז ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן און איבערגעלאָזט דאָס שטעטל אַ פּאַרטייעטס אין שרעק.

אויך אין די דערבייִיקע, גוייִשע גאַסן איז נישט איין מענטש און נישט איין בהמה געפאַלן. עס איז אָבער געווען זייער פּאַרדעכטיק, וואָס גראָד די מינסקער גאַס איז געטראָפן געוואָרן צום מיינסטן. אמת, העט שפּעטער האָט מען זיך דער־וווּסט, אַז נישט נאָר ליבאַניטש אַליין, נאָר יעדע שטאָט און שטעטל, איטלעכע ייִדישע הויז איז נאָך פון פריִער געווען אונטערגעשטראָכן מיט רויטע פאַסיקלעך ביי די נאַציס אויף זייערע לאַנד־קאַרטעס...

ווען דער עראָפּלאַן איז נעלם געוואָרן, איז מענדל אַריינגעגאַנגען צוריק צו זיך אין שטוב און זיין האַרץ האָט זיך אים אַ ריס געגעבן פון אָרט. זיין הויכע, איינגעטויקעטע פיגור, מיט די געזעצטע פּלייצעס — איז מיטאַמאָל געוואָרן קליין, מאַכטלאָז און איינגעהויקערט. די כוחות פון די הענט און פיס — אויסגערונען. די דריי און דרייסיק יעריקע שוואַרצע פאַטלע האָר איז אין איין רגע געוואָרן ווייס, ווי פריש געפאַלענער שניי. אין די צעלופּעטע אויגן זענען די שוואַרצאַפּלען שטיין־געבליבן אין מיטן די ווייסלען און נישט גערירט זיך פון די ערטער. די לאַנ־גע, געדיכטע ברעמען, וואָס זענען אַלעמאָל אַראָפּגעהאַנגען איבער די קאַשטאַנענע אויגן — זענען איצט געשטאַנען „דיבאָם" ווי אַ ביי אַ צעווילדעוועטן טייוול און די רויטע פאַרב אויף זיין לענגלעכן פּנים איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַשיק־גרויען קאַליר.

אַ האַלב־צוזאַמענגעדרייטע, מיט איין האַנט צוגעקלעמט צום האַרצן — איז מלכה געלעגן אויפן מיטן דיל. פון איר צעעפנטן מויל איז נאָך געגאַנגען אַ גרינער שוים. פון צווישן די פולע, ווייסע, אַרויסגעפאַלענע בריסטן — האָט זיך געצויגן אַ רויטער, פייכטער שנירל. האַרט נעבן אירע פיס — איז געלעגן גיטעלע מיטן פּנימל אַרויף. אירע שטאַרע, אָפענע אייגעלעך האָבן „געקוקט" אויף איין פינטעלע אין דער סטעליע און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס קינד וואָלט פון עפּעס גע־שטוינט.

ווי אַ גערירטער פון זינען, איז מענדל געשטאַנען אַ צעטומלטער, אָן אומ־באַוועגלעכער און אַ געפּלעפּטער. ער האָט נישט געקאָנט רירן מיט אָן אבר און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אָבער, דערנאָך, האָט ער זיך אַ וואַלגער־געגעבן אויף דער ערד ווי אַ פלאַכטע, מיט ציטער אין די אויסגעהאָרע־וועטע הענט אַ טרייסל געטון דאָס ווייב, דאָס קינד און פון זיין האַלדז האָבן זיך אַרויסגעריסן צוויי געציילטע ווערטער:

— מלכה! גיטעלע!

דאָס געשריי האָט זיך צעטראָגן אין אַלע ווינקלעך און אויסגעמישט זיך מיט דער נישט־דאָיקער שטילקייט, וואָס איז פון דער מיטן סטעלע אַראָפּגעהאָנ־גען ווי אַ גרויסער שוואָם. די דאָזיקע שטילקייט, איז, דאַכט זיך, געוואַקסן אַלץ ברייטער, נעפּלדיקער און פאַרשפּרייט אַ מאָדנעם, קריכנדיקן פּחד, אַ פּחד וואָס האָט אָפּגעקלונגען ביי מענדלען אין האַרצן מיט מוראדיקע קלעפּ און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס האַרץ וועט באַלד פּלאַצן, אָדער — אַרויסשפּרינגען פון ברוסטקאַסטן.

סיי מלכה און סיי גיטעלע האָבן נישט געענטפערט, נישט גערירט זיך פון די ערטער און מענדל האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, הלמאי זיין ווייב מיטן קינד, וואָס האָבן אַלעמאָל געלאַכט און געשטיפט צווישן זיך, נישט ווי אַ מאַמע מיט אַ טעכטערל, נאָר ווי צוויי חברטעס, וואָס אַזוינס איז גאָר קיינמאָל נישט געווען אין די בעל־עגלהשע משפחות, זאָלן מיטאַמאָל אַנטשוויגן ווערן מיט אַ מאָדנעם קאַלטן שווייגן און נישט וועלן ענטפערן אויף זיין שרייען און בעטן זיך ביי זיי:

— מלכה! גיטעלע! שטייט אויף! וואָס איז דאָס פאַראַ שטיק, אַ?...

מער ווי די פּאָר ווערטער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסרעדן. אין קאָפּ האָט זיך אים עפּעס אַ מיש־געגעבן. איבערן מאַרך איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעלאָפן און דער שאַרבן האָט אָנגעהויבן דריקן ווי אַ שטיק בליי. אין האַרצן איז הויל געוואָרן. די פּאָר בענקלעך, דער טיש און אַפילו דאָס קליינע שפּיגעלע אויף דער וואַנט — אַלץ האָט זיך גענומען דרייען אין געיעג ווי אַ קאַרוסעל און דער געזונטער ייִד איז געבליבן ליגן נעבן זיין ווייב און קינד ווי אַ געקוי־לעטער אָקס.

דורך די שטיקלעך שויבן, וואָס זענען נאָך געבליבן שטעקן אין די ראַמען פון די פענצטער האָט מען געקאָנט זען, אַז דער אָונט איז שוין פון לאַנג אַוועק זוכן דעם מאָרגנדיקן טאָג. פון דרויסן האָט אַהער אַריינגעקוקט די אומהיימלעכע נאַכט און געפּרייט זיך, וואָס צום ערשטן מאָל האָט דאָ היינט קיינער קיין לאָמפּ נישט אָנגעצונדן צו פאַרטרייבן איר שוואַרצן געשטאַלט אויף עטלעכע שפּאַן הינטערן פענצטער.

ווי דורך אַ דיקער, טויבער וואַנט, האָט מענדל געהערט: אַ גאַנצע נאַכט האָבן הינט געקלאָגט, געריסן זיך אויף די העלדזער. אין דעם דערבייִיקן וואַלד האָבן וועלף נישט אויפגעהערט צו וואָיען. דער געוואָי האָט זיך אַלע ווילע געצויגן ביז צו די דינסטע, העכסטע טענער, אויף אַ רגע אָפּגעשטאָרבן און די שרעקלעכע שטילקייט איז נאָך שטילער און פּיינלעכער געוואָרן. דערנאָך האָט דאָס וואָיען ווידער אַ שניט געטון אינדערלופטן און אויפגעציטערט דעם גאַנצן אַרום. דאָס האָט

אַנגעהאַלטן ביז עס האָט זיך באַוויזן דער גרויסער, בלויער מאָרגנשטערן און עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג און דעם אבל איז אַ שוואַכער געדאַנק אָנגעגליאָפּן, אַז מסתמא האָבן די הינט מיט די וועלף דערזען דעם מלאך־המות...

מענדל האָט אַזוי געוואָלט ליגן אינעם הינערפּלעט, ביז דער לעצטער פונק פון זיין לעבן וואָלט אויסגערונען געוואָרן פון אים. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט ווי עמעצער איז מיט שטילע טריט אַריינגעקומען אין שטוב. אַ שטיק צייט געשטאַנען אויף איין אָרט און אוודאי נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער גרויליקער סצענע. נאָר נאָכדעם איז דער מענטש צוגעגאַנגען נאָענט און מיט אַ נאַסן, קאַלטן האַנטוך, געווישט דעם אבלס האַלב־פאַרחלשטן פּנים:

— מענדל, שטיי אויף!... אַ ייִד טאָר זיך אַזוי נישט אָפּלאָזן... שטיי אויף! עס איז שוין גרויסער טאָג אויף דער וועלט!...

מענדל האָט געעפנט איין אויג, דאָס אַנדערע און דערזען: אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן. אַ שוואַרצע, קאַלטענעוואַטע באָרד, וואָס האָט אַרומגעזוימט אַ בלאַסן פּנים, און כאָטש דער בעל־עגלה האָט דערפילט ביי זיך אויפן באַק די נאַסקייט פון יענעמס טרערן, האָט ער אָבער אויף קלאָר נישט געקאָנט טרעפן: ווער איז דאָס דער מענטש? וואָס וויל ער האָבן און אים האָט אַרומגענומען אַ פּאַרדרוס אויף דעם נישט־געבעטענעם אורח, וואָס האָט אים געוועקט, געריסן פונעם אָרט און נישט געלאָזט איינליגן:

— מענדל, שטיי אויף און ברענג דיינע מתים צו קבר ישראל!...

אַ היפּשע ווײַלע איז נאָך מענדל געלעגן אויף דער האַרטער ערד. אים איז אָנגעקומען זייער שווער צוזאַמענצושטוקעווען די פאַרנעפּלטע פּיצלעך געדאַנקען, וואָס זענען געקומען און אַנטלאָפן. נאָר סוף־כל־סוף, ווען דער באַוווסטזיין האָט זיך פּאַמעלעך אומגעקערט, איז דער אבל אויפגעשטאַנען און גאָר אַן חרפּה און גאָר אַן שאַנדע, אַרויפגעפאַלן כאַנע די באָרד אויפן האַלדז און ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד אָנגעהויבן וויינען:

— דאָס איז מיין שולד, ר׳ כאַנע! נאָך לעצטע וואָך געדאַרפט אַוועקפאָרן פונדאַנען...

— שאַ, נו שאַ, — האָט אים דער סטאָלער געוואָלט איינגעמען מיט ווייכע, גוטע רייד — אַ ייִד טאָר אַזוי נישט רעדן... מסתמא איז דאָס „זיין" רצון... ווער קאָן דאָס וויסן און מעסטן „זיינע" וועגן ... בעסער באַרויק זיך, מענדל... גיי און שפּאַן איין דעם פערד, וועלן מיר אַוועקפירן די מתים אויפן בית־עולם און טאָן זייער רעכט...

אַ ווײַלע האָט מענדל נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס הייסט אַוועקפירן? ווען

אַוועקפירן?... וועגן וועלכער „רעכט״ האָט דאָס כאַנע גערעדט?... ווען ער האָט יאָ באַגריפן דעם זין פון יענעמס רייד — איז ער, צוזאַמען מיטן סטאָלער אַרויס פון שטוב, אַ ווילע געשטאַנען אינמיטן הויף און געלאָזט, אַז דער פרימאָרגנדיקער ווינטל זאָל אים אָפּפרישן דאָס פאַרמעטענע פּנים.

אַז זיי זענען אַריין אין שטאַל איז מענדל ווידער צעטומלט געוואָרן. דער בורער פערד איז געלעגן מיט פאַרשטייפטע, אויסגעצויגענע פיס, דער קאָפּ איז ביי אים געווען ווי אָפּגעוואָרפן אָן אַ זייט. צווישן די שוואַרצע צעעפנטע ליפּן האָבן אַרויסגעבליאַסקעט צוויי שורות ציין, וואָס האָבן שוין פון לאַנג אָנגעוואָרן דעם ווייסן גלאַנץ פון לעבן. איין אויג איז געווען איינגעגראָבן אינעם „גנאַי״ און די צווייטע, אַ פאַרגלאָזטע, האָט שטאַר „אַרויסגעקוקט״ פון צווישן די יוכטענע אויגן־דעקלעך און אייסגעזען, ווי אַ קליינער, אָבער טיפער און שוואַרצער קראַטער.

אַפילו ביי כאַנע די באָרד, וואָס האָט די גאַנצע צייט גערעכנט, אַז ער וועט מיטפאַרן מיט מענדלס פור קיין רוסלאַנד, — איז דאָס אַלטע האַרץ איינגעפאַלן. און כאָטש ער האָט דערפילט, אַז פון אַלע האַפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט אַזוי פאַרלוירן ווי זיין יונגער שכן:

— יידן האָבן וויכטיקערס אָנגעוואָרן... אַבי דער וואָגן איז גאַנץ, וועלן מיר זיך ווי עס איז אָן עצה געבן...

איצט האָט מענדל זייער גוט פאַרשטאַנען דעם סטאָלערס אָנווונק. האָט ער אַרויסגעטראָגן פון שטאַל אַ קולע שטרוי, עס אויסגעשפּרייט אויף די ברעטער פון וואָגן. נאָכדעם, צוזאַמען מיט כאַנען, אַריינגעגאַנגען צו זיך אין שטוב, געוואָלט אַרויסטראָגן פון דאָרטן די הרוגים און נישט געקאָנט. די אברים זענען נאָך אַלץ געווען ווי געליימטע און ער האָט אַפילו נישט געקאָנט אָננעמען דעם ווייבס אַ האַנט.

און גראָדע איצט, ווען עס האָט זיך געפאָדערט די דינסטע טאַקטיק, איז כאַנע אויך אים דאָ געקומען צו־הילף און אויף זיין קלוגן, גוטמוטיקן שטייגער, אָנגעהויבן רעדן צו מענדלען, ווי אַן עלטערער ברודער צו אַ יינגערן:

— גלייב מיר, מענדל, אַז איך בין נישט קיין קברות־מאַן... נאָר די מצווה פון ברענגען יידישע קינדער צו קבר ישראל איז גרעסער פון מיר און פון דיר... נאָך אַלעמען ביסטו דאָך דער מאַן פון דיין ווייב און דער טאַטע פון דיין קינד, — דאַרפסטו זיך שטאַרקן און טאָן זייער רעכט.

פון דעם סטאָלערס האַרציקע רייד איז מענדל דערמוטיקט געוואָרן. זיינע הענט און פיס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט פרישער גבורה און אַרויסגעהויבן אים פון דעם זינקענדיקן יאוש. האָט דער יונגער בעל־עגלה נאָך שטייפער פאַרשטשע־מעט די ציין, איינגעבויגן זיך, אָנגענומען דעם בר־מינן אונטער די פּאַכוועס און,

כאַנע — פֿאַר די פּיס. בעתן טראָגן דעם מת האָבן זיך אירע לאַנגע האָר צעשאָטן אויפֿן דיל, ווי אַ שוואַרצער, געדיכטער וואַלד, וואָס האָט זיך קוים באַוועגט מיט די קרוינען אויף אַראָפּ. די אויסגעשפּרייטע, פֿאַרשטייפֿטע הענט האָבן אויסגעזען ווי אַ צלם און מענדלען האָט זיך אויסגעוויזן, ווי זיין מלכה וואָלט מיט די הענט געטיילט איןביידע עקן וועלט און עפּעס געמאָנט פֿון דאָרט...

אַז די מאַנסבילן האָבן זיי אַרויסגעטראָגן, איינגעמאַשטשעט די מאַמע מיטן טעכטערל אויפֿן וואָגן און צוגעדעקט מיט אַ גרויסער, ברוינער קאָלדרע, — האָט מענדל אַרומגעכאַפּט ביידע האָלאָבליעס מיט אַ שטריק, דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעשטעלט אינדערמיט, אַ שטאַרקן שלעפּ־געגעבן, אַרויסגעצויגן אים פֿון הויף און געלאָזט זיך מיט דער מינסקער גאַס צום „גוטן־אָרט". כאַנע די באָרד איז געגאַנגען פֿון הינטן, מיט זיינע הענט געשטופּט דעם וואָגן מיט אַלע כוחות און נישט פֿאַרגעסן צו זאָגן די פּאָר קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— צדק לפניו יהלך!...

די רעדער האָבן אונטערגעכאַפּט דעם האַלבן פּסוק און נאָך שטאַרקער אָנגע־הויבן סקריפּען, שווער געקייקלט זיך איבערן זאַמדיקן וועג. די פֿאַרוואָרלאָזטע ייִדישע הייזער האָבן מיט חושך־ואפלה „געקוקט" דורך די פֿאַראומערטע שויבן אויפֿן וואָגן און ווי יתומים געקרעכצט אויפֿן גרויסן בראָך.

אויפֿן „אַלטן־שליאַך", וואָס האָט דורכגעשניטן די מינסקער גאַס, האָט כאַנע, פֿון אונטער די ברעמען באַמערקט: אויפֿן ראָג זענען געשטאַנען עטלעכע גויים און זיך געחידושט, וואָס צוויי ייִדן האָבן געשלעפּט און אונטערגעשטופּט אַ וואָגן מיט הרוגים. האָבן אייניקע פֿון זיי אַראָפּגעכאַפּט די היטלען מיט די קוטשמעס פֿון די קעפּ און פֿרום געצלמט זיך...

נישט מענדל און נישט כאַנע האָבן זיך צופֿיל אומגעקוקט אויף זיי. אַלע ווײַלע האָבן זיך די ייִדן אָפּגעשטעלט, פֿאַרסאַפּעטע געווישט זיך די פֿאַרשוויצטע פּנימער, די קאַרקן, אָפּגעכאַפּט די אָטעמס און ווייטער געשניטן אַלץ נענטער און נענטער צום בית־הקברות און ביידע מענער האָבן געמיינט, אַז זיי זענען געווען די איינציקע איבערגעבליבענע ייִדן אין שטעטל.

אָבער שפּעטער אַביסל, ווען מענדל מיט כאַנען האָבן דורכגעקייקלט דעם וואָגן דורכן טויער פֿונעם „הייליקן אָרט", האָבן זיי איבעראַשטע דערזען דעם אַלטן קברן און דער סטאָלער האָט אַ געשריי געגעבן:

— ר' מאָטעלע! איר זענט נאָך דאָ?!... און איך האָב געמיינט, אַז איר זענט די לעצטע וואָך אַוועקגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד!...

אַ קליינינקער, אַן איינגעהויקערטער, מיט אַ פֿייגן־פּנימל, אין דער מיט פֿון

אַ לאַנגער, בעזימדיקער באָרד, וועלכע איז אַמאָל געווען ווייס און איצט — זאַמד־דיק־געל, האָט ר׳ מאָטעלע אַ דעמפּיקן בליק געגעבן מיט זיינע טראַכאָמעווע אויגן אויף כאַנען. ער האָט אַ טראָט־געטון פאָרויס און דער פאַרשמאַלצעוועטער טלית־קטן מיט די לאַנגע ציצית האָבן זיך אָנגעהויבן באַמבלען צווישן די קורצע פיס:

— וואָס מיינסטו, וואָס?... איבערלאָזן אַ „פעלד״ מיט ייִדן און פאָרן קיין ראָסיי?... מ׳זאָגט דאָך, אַז די קאָמוניסטן האָבן נישט קיין גאָט אין האַרצן... און ווער וועט מיך דאָ טשעפּען, ווער?...

אויף אַ ווײַלע איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, אַריין אין טהרה־שטיבל, פון דאָרטן אַרויסגעטראָגן צוויי גראָבאייזנס, אויסגעטאָן דעם קאַלירלאָזן מלבוש, צו־געקומען צום וואָגן און פון זיין גאַנצן געשטעל האָט מען נישט געקאָנט וויסן, צי דער וואָגן מיט די הרוגים האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ וועלכן עס איז מיט־געפיל אָדער נישט:

— ס׳איז מסתמא דיין ווייב מיטן קינד, מענדל, אַ? נו, גוט! מ׳וועט שוין געפינען אַן אָרט פאַר זיי און דו, כאַנע —האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט דער באָרד צום סטאָלער— דו קום מיט מיר, אַליין וועט זיין שווער צו גראָבן... שוין נישטאָ די אַמאָליקע כוחות...

אַ ווײַלע האָבן זיי געבראָדיעט צווישן הויכע, געל־געוואָרענע גראָזן, און אויסזוכנדיק אַ ווינקל, אַז עס זאָל זיין גענוג פאַר צוויי מתים, האָט ר׳ מאָטעלע אַרויפגעשטעלט זיין פיסל אויפן אויערל פון גראָבאייזן און אַרויסגעביסן דאָס ערשטע שטיקל ערד. כאַנע האָט אים געהאָלפן. זיי האָבן געאַרבעט גיך, מיט אַ מאָדנעם ברען אין די הענט. די לאָפּעטעס ערד זענען געפלויגן אינדערלופטן, ווי וואָראָנעס, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די צוויי ייִדן איילן זיך וואָס גיכער מקבר צו זיין די הרוגים, כדי די מתים זאָלן חלילה גאָרנישט פאַרשפּעטיקן אויפן הימל.

די גאַנצע צייט איז מענדל געזעסן אויף דער ערד ווי אַ פאַרשטיינערטער. די ברייטע פּלייצע אָנגעשפּאַרט אויף דער פאָדערשטער ראָד. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אין די הענט, מורא געהאַט אויפצוהייבן די בליקן, צו רירן זיך פון אָרט און דערמיט שטערן דעם הייליקן גייסט, וואָס האָט דאָ אַרומגעשוועבט. נאָר ווען ר׳ מאָטעלע מיט כאַנען האָבן שוין אַריינגעלייגט מלכהן אין דעם ערדענעם פּיסק און דערנאָך געקומען נעמען גיטעלען, איז ער ראַפּטום אויפגעשפּרונגען און ווי אַ ווילדער אָנגעהויבן שרייען:

— טשעפּעט זי נישט! איך וועל אַליין!...

די ייִדן האָבן פאַרשטאַנען מענדלס געפיל און אָפּגעטראָטן פון וואָגן. האָט

דער טאַטע געגומען דאָס קינד אויף די הענט, מיט צערטלעכקייט צוגעדריקט צום האַרצן און אַזוי אַרום צוגעקומען צום קבר, אַהין אַראָפּגעלאָזט גיטעלעס קערפּערל און מער נישט געשריען אָדער געוויינט. אָבער, ווען דער קבר איז שוין געשטאַנען אַ פאַרטיקער, אַן אַרומגעפּאַטשטער, האָט ער מיט פאַרשטיקטקייט אין קול געגומען זאָגן:

— יתגדל ויתקדש שמי רבאֿ!...

דעם וואָגן האָבן זיי איבערגעלאָזט אויפן בית־עולם און צוריק געגאַנגען מיט ליידיקע הענט, מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ, מיט צעבראָכענע געמיטער און זיי איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו חידושן זיך, אָדער, זיין אין כעס אויף ר׳ מאַטעלען, הלמאי יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט „צו פאַרלאָזן דאָס פעלד מיט ידדן״. און גייענדיק פון איין פוסטקייט אין דער אַנדערער, האָט זיך מענדלען אויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער זין פונעם לעבן איז מיטאַמאָל אויסגערונען פון אונטער זיינע שטיוול, וואָס האָבן געטראָטן און געטראָטן אין אַ תוהו ובוהו.

בים אַריינקומען אין פיר־הויז האָבן זיי אָפּגעגאָסן די נעגל. כאַנע האָט פון ערגעץ געבראַכט אַ נידעריק קעסטל, עס אָוועקגעשטעלט ביים מזרח־וואַנט. דער אבל האָט אַראָפּגעצויגן די שטיול פון די פיס, אַנגעטאָן די סקאָרפּעטקעס, וואָס מלכה האָט נאָך געהאַט אויסגעוואַשן און אָוועקגעזעצט זיך שבעה.

די שטוב מיט די אויסגעזעצטע שויבן האָט איצט אויסגעזען פוסט, פאַרוואָרלאָזט און אבלדיק. אַפילו די זון, וואָס איז פאַרבייגעשוווּמען דעם בנין, האָט זיך פאַרבאַהאַלטן הינטער אַ שווער־אַנגעלאָדענעם וואָלקן און געשעמט זיך צו באַווייזן איר גילדערנעם פנים. איז די טונקלקייט דאָ געהאַנגען אַ געדיכטע, אַן אומעטיקע און עס איז שווער געווען צו וויסן, צי אויף דער וועלט איז נאָך טאָג אָדער נאַכט.

גראָד איז די נאַכט דורכגעגאַנגען בשלום. זי איז געווען אַן אַנגעפּילטע מיט האַרטן שלאָף. נאָר פאַרטאָג, איז אַנדרעי, דער קוימענקערער אַריינגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער און איז מיט איין פוס געבליבן שטיין איבערן שוועל:

— מענדל, אַנטלויף, די דייטשן קומען!

מענדל האָט זיך אויסגעטשוכעט, אויפגעוועקט כאַנען, וואָס איז נאָך געלעגן אויף דער קאַנאַפּע און געכראַפּעט:

— וואָס זאָגסטו, אַנדרעי, די דייטשן קומען? גוט! זאָלן זיי נאָר וואָגן אַריינשטעלן אַהער אַ פוס, — וועל איך זיי מיטן לאָם די קעפּ צעפּלעטן!

מיטן האַנטפלאַך האָט כאַנע אויף גיך אויסגעריבן דעם שלאָף פון די אויגן, געוואַשן זיך די הענט, אין טלית־זעקל אַריינגעלייגט אַ תהילים, אַ סידור מיט אַ

האָלבן לאַבן ברויט און געבעטן זיך ביים יונגן, געזונטן בעל־עגלה מיטן שמאָלן שטערן איבער יועלכן עס איז געזעסן אַ פאַרשטויבטע היטל מיט אַ פאַרמעליקטן דאַשיק :

— דו רעדסט נאַרישקייטן, מענדל... קום!... לאָמיר וואָס גיכער אַנטלויפן. מ׳קאָן זיך נאָך ראַטעווען אין וואַלד...

דער קוימענקערער איז באַלד אָוועק. מענדל האָט אַ דערשטוינטן בליק גע־געבן אויף כאַנען און געענטפערט מיט אַזאַ קאַלטער אַנטשלאָסנקייט אין קול, ווי ער וואָלט גאָר קיין אבל נישט געווען:

— אַנטלויפן? איבערלאָזן דאָ מיין מלכהן מיט גיטעלען?... שוין בעסער איינגעמען אַ מיתה־משונה, גלייך אויפן אָרט!...

דערווייל איז כאַנע צוגעגאַנגען צום פענצטער און געזען: דער הימל איז פאַרכמורעט געוואָרן. דיקע, ווילדע וואָלקנס, שוואַרצע, אָנגעלאָדענע מיט וואַסער ביז איבער די ברעגעס, זענען האַסטיק געשוווּמען, געאיילט זיך, געיאָגט זיך איינע אַנטקעגן די אַנדערע און דעם סטאָלער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין אַ רגע, צי אין אַ מינוט אַרום וועלן זיך די וואָלקנס צעבוצקען מיט זייערע שטערנס, ווי ווילדע אָקסן אין קאַמף פאַר אַ טשערעדע און אומברענגען די גאַנצע וועלט :

— שוטה! —האָט ער צוגענומען די אויגן פון פענצטער און צעשרי׳ען זיך אויפן פאַרעקשנטן מענדלען— קום, זאָג איך דיר!... דו ביסט נישט דער איינ־ציקער, וואָס לאָזט דאָ איבער ווייב און קינדער... אָבער, מען איז דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש און קיין לעבעדיקער קאָן מען זיך נישט באַגראָבן... פאָלג מיך און קום!... מיר וועלן זיך אין ערגעץ ווו דערשלאָגן... גאָטס וועלט איז נאָך גרויס...

מענדל איז געבליבן איינגעשפּאַרט ווי אַן אייזל און נישט געענטפערט. זיינע געדאַנקען האָבן אים איצט אַוועקגעטראָגן ווייט, צום היגן בית־עולם, ווו מלכה מיט גיטעלען האָבן זייער רו געפונען און אויף דעם בעל־עגלהס פאַרוואָקסענעם פּנים האָט זיך אַ פאַרדעכטיקער שמייכל באַוויזן. אין די פאַרדיבוקטע אויגן האָבן אויפגעבליצט צוויי פייערלעך פון נקמה און נצחון.

כאַנע האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן: אפשר שרייען אויף אים אָדער נאָכ־אַמאָל בעטן זיך, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן. נאָר אין דער רגע זענען פאַרביי דעם פענצטער דורכגעלאָפן צוויי גרויע סילועטן און זייערע אויטאָמאַטישע ביקסן האָבן אַהער אַריינגעשאָסן, אַ האַרטער שפּיץ־זויל פון אַ געזונטן שטיוול האָט מיט חוצפּה אַ ׳עק־געגעבן אין טיר, זי אויפגעפּראַלט און אַ צעשטשערבעט קול האָט אַריינגעשרי׳ען :

נח גאָלדבערג

— הערױס פאַרפלוכטער יודע!

דער סטאָלער איז געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און מענדל, פלינק ווי אַן אַקראָבאַט, האָט געכאַפּט דעם לאָם אין די הענט, פאַרבאַהאַלטן זיך הינטער דער צעעפנטער טיר און ווען דער ערשטער נאַצישער העלמעט האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל, — האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ מוראדיקער טראַסק און אַ קורצער שטאָלענער קלאַנג פון צוויי מעטאַלענע כלים.

אין שטוב איז אַריינגעלאָפן אַן אַנדער סאָלדאַט, מיט דינע, פאַרביסענע ליפּן, וואָס האָבן קיין איינציקן קלאַנג, קיין זילב נישט אַרויסגעבראַכט. נאָר זיין ביקס, אַן אָנגעצילעוועטע אויף מענדלען, האָט נישט אויפגעהערט צו האָגלען מיט קוילן און פאַרשפּרייט אַרום זיך טויט און פאַרוויסטונג.

מיי מענדלען איז דער לאָם אַרויסגעפאַלן פון די הענט מיט אַ טעמפּן אָפּהילך און אַן איין־און־איינציק וואָרט, וואָס דער ייִד האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוכאַרכלען פון זיין צעלעכערטן האַלדז, האָט זיך אויף אַ רגע אַ טראָג־געטון אין דער לופטן, ווי אַ פייגעלע מיט אונטערגעהאַקטע פליגלען:

— מלכה!...

דער הימל איז פון רגע צו רגע געוואָרן אַלץ שוואַרצער און שוואַרצער. ני־דעריק געהאָנגען איבער דער ערד. די טראָפּנס רעגן זענען געפאַלן געדיכטע און גרויסע ווי אַרבעס. פון די פעלדער איז מיט אימפּעט אָנגעלאָפן אַ שניידנ־דיקער ווינט, וואָס האָט שאַרף, הילכיק און פאַרגייענדיק געפייפט, געקלאָגט, גע־וואָיעט ווי אַ הונגעריקער וואָלף און צום סוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הורא־גאַן. אין זיין האַסטיקן טראָגן זיך איבערן שטעטל האָט ער אַראָפּגעריסן די דע־כער פון די הייזער און די קוימענס זענען געבליבן שטיין נאַקעטע און פאַרשעמטע.

דער שטורעם האָט געבושעוועט אַלץ ווילדער און ווילדער. אין וואַלד אַרויס־געריסן די יוסטנע ביימער מיט די וואָרצלען. די דעמבעס מיט זייערע צעקאַרבטע קאָרעס, געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע, ווי שפּענדלעך. בלויז אין דעם אַנט־קעגנדיקן סאָד האָט זיך אַ יונג באַרן־ביימעלע געבאָרעט מיטן ווינט אויף איר אייגענעם שטייגער. זי האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער, הכנעהדיק געבויגן טיף איר צאַרטן קאָפּ און נאָכדעם שטיין געבליבן אַ גלייכע, אַ שטאָלטנע און אַ שיינענדיקע ווי אַ בת־מלכה. און איר איינציק באַרעלע, וואָס איז נאָך פון זומער אַן געבליבן הענגען אויף דעם העכסטן צווייגל און בעתן שטורעם נישט איינמאָל זיך צעקושט מיט דער נאַסער ערד, האָט איצט, מיט אירע רויטע, פולע בעקעלעך, געחנדלט זיך און געלאַכט צו דער אַרויסשווימענדיקער זון...

צווייטער טייל

אַמעריקע

פיש אויף פסח

א מתנה מיין חבר משה אַדעבערג

ערב פסח אינדערפרי, איידער זלאַטע און איר מאַן, מיכל, זענען אַוועק צו דער אַרבעט, איז זי ראשית אַריינגעגאַנגען צו אַ שכנה, געבעטן יענע זאָל קויפן פיש פאַר איר און נאָכדעם אָנגעזאָגט זייער איינציקן קינד, בערעלען, וואָס האָט זיך גוט געלערנט סיי אין שולע און סיי אין דער דערבייַיקער תלמוד־תורה:

— בערעלע, זאָלסט נישט פאַרגעסן אָפּצונעמען די פיש ביי דער מיסעס קופער און אַריינלייגן זיי אין אייזקאַסטן.

אין אַ פאָר שעה אַרום האָט זיך בערעלע געשפּילט מיט נאָך קינדער ביי זיך אין גאַס. נאָר דערזעענדיק פון ווייטן ווי די מיסעס קופער האָט געשטופּט אַן אָנגעפּאַקט וועגעלע אויף צוויי רעדלעך, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט:

— מיסעס קופער, איר האָט געקויפט פיש פאַר אונדז?

אַ קורץ געוויקסיקע, וואָס איז געווען ברייטער ווי לענגער, מיט פולע, גלאַנציקע באַקן, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און פונעם וועגעלע אַרויסגענומען אַ דורכגעווייקטע צייטונג, פון וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעזען דער ברייטער עק פון אַ גרויסן פיש און אין דער פרויס גרויסע און שוואַרצע אויגן האָט זיך באַוויזן דער שמייכל פון אַ ליבער מוטער.

— נאַ, טראָג דאָס אַריין אין שטוב. ס'איז אַ לעבעדיקער קאַרפּ!

— אַ לעבעדיקער! — האָט בערעלע ברייט צעעפנט די אייגעלעך, געקראַצט זיך אין קעפּל, אַפּריער געקוקט אויף דער מיסעס קופער, דערנאָך אויף דער צייטונג און אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ פיש קאָן לעבן אין פּאַפּיר — טאַקע אַ לעבעדיקער?

— אַוודאי אַ לעבעדיקער! — האָט די פרוי געלאַכט פונעם ייִנגלס חידושן זיך און איר הויכער, רונדער בויך האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ פון געלעכטער — ביז דײַן מאַמע וועט קומען אַהיים, קאָנסטו דערווײַלע אָנגיסן אַ וואַנע מיט וואַסער, אַרײַנלאָזן אַהין דעם פיש און דו וועסט זען, אַז ער לעבט...

הגם בערעלע האָט נאָך דערווײַל דעם אײַנגעוויקלטן פיש נישט געזען, האָט אים פונדעסטוועגן שוין אָנגענומען אַ רחמנות אויף דעם לעבעדיקן באַשעפעניש. דאָך איז בערעלע, אַ גראָבטשיקער ווי אַ קאַרפּוזל, אַ היבשע ווײַלע געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענטלעך און געשלאָגן זיך מיט דער דעה וואָס צו טון. דערנאָך האָט ער מיט נײַגעריקייט צוגענומען דעם פּעקל פון דער פרוי און אַ געשריי־געטון צו די אַנדערע ייִנגלעך:

— העי, חברה! איך האָב אַ לעבעדיקן פיש!...

מיט היטלעך און אָן היטלעך אויף די קעפּלעך איז ער, מיט אַ כאַפּטע חברימלעך, אַרײַנגעלאָפן צו זיך אין שטוב, אַרײַנגעשטופּט זיך אין דעם נישט צו גרויסן באָד־צימער, און תיכף אָפּגעדרייט דעם קאַלטן קראַן. דאָס וואַסער האָט מיט אימפּעט אָנגעהויבן רוישן, שיסן מיט אַ שאַרפן, ווײַסן שטראָם און ווען די וואַנע איז שוין געווען האַלב אָן אָנגעפילטע, האָט בערעלע אַרויסגעשיילט דעם פיש פון צײַטונג און אַרײַנגעלאָזט אַהין.

די חברה־לײַט האָבן אַראָפּגענידערט אויף די קני, פאַרגאַפטע געקוקט אויף די ברעקלעך פּאַפּיר, וואָס האָבן זיך אָפּגעקלעפּט פונעם פיש און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן גרויסן נס, וואָס האָט געזאָלט געשען:

— ער איז אַ טויטער! ער רירט זיך נישט פון אָרט! — האָט איין ייִנגל געשריִען און אַ צווייטער, מיט אָן אָפּגעשוירן קעפּל האָר, ווי בײַ אַ יאָזשיקל, האָט מעשה מבין גערעדט מיט כלומרשטער געלאַסנקייט אין קולכל:

— ער קען נישט שווימען ווײַל די וואַנע איז צו קליין...

מיט גרויסע, אַרויסגעשטאַרצטע אויגן איז דער קאַרפּ אַ היפּשע ווײַלע געלעגן אויף אַ זײַט און קיין סימן פון לעבן נישט אַרויסגעוויזן. דערנאָך, אָבער, האָט ער זיך פּאַמעלעך, קוים באַמערקבאַר, אויסגעגלײַכט אויפן בויך, אַ שוואַכן פּאַכע־געטון מיט די זשעברעס, צעעפנט דעם גרויסן מויל מיט די גראָבע, פאַרקאַטשעטע, ראָזעווע ליפּן, אַ ריר־געגעבן זיך פון אָרט און ווידער שטיין געבליבן.

— זעט! ער לעבט, ער לעבט! אוי סאַראַ גרויסער ער איז!

אַ ייִנגל האָט דעם פיש אַ טאַרקע־געטון מיט אַ שטעקעלע איבערן עק. דער קאַרפּ האָט זיך דערשראָקן, אַ לאָז־געטון זיך לענגאויס די וואַנע און פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט געכאַפּט אַ זעץ איבערן קאָפּ.

— לאָז מיך, וועל איך אים פּאַקן —האָט זיך דאָס ייִנגל מיטן אָפּגעשווירע־נעם קעפּל האָר געבעטן ביי בערעלען און דערביי אַזוי ממזריש געלאַכט מיט זיינע שמאָלע אייגעלעך, אַז די קלייען אויף זיין ווייסן פּנימל האָבן באַקומען טויזנטער חנען— איך וועל אַריינשטעקן אַ פינגער צו אים אין מויל און דו וועסט זען, אַז ער וועט נישט בייסן...

בערעלעס פאַרברוינט פּנימל האָט איצט געשוויצט און געגלאַנצט. די אוי־געלעך האָבן געפינקלט און געלאַכט. די שפּיצן־בעקעלעך האָבן געפלעמלט פון נצחון. פונעם געפיל אַז ביי אים איז פאַראַן אַ לעבעדיקער פיש, צו וועמען ער איז גלייך צוגעבונדן געוואָרן ווי צו אַ שיינעם, שפּילעוודיקן הינטל, איז ער מיטאַמאָל וויכטיקער און גרעסער געוואָרן פון אַלע ייִנגלעך אין שטוב.

געוויס האָט זיך אים געוואָלט אַ פּאַק־געבן דעם פיש, מיט ביידע הענט, און האַלטן אים אונטערן קראַן, נאָך האַסטיקער לאָזן דעם וואַסער פליצן און זען וואָס עס וועט זיין. אָבער דער געפיל פון זיין אַ באַלעבאָס איבער אַ לעבעדיקער זאַך האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון. איז ער איצט מעשה עלטערער שוין, געשטאַ־נען נעבן וואַנע, מיט פאַרליבטע בליקן געקוקט אין וואַסער און געבעטן זיך ביי דער חברה:

— שרייט נישט! טשעפעט אים נישט! דער פיש וועט זיך דערשרעקן און שטאַרבן!...

ווי נאָר זלאַטע האָט געעפנט די טיר, איז דער טומל פון די קינדער אָפּגע־ווישט געוואָרן. איינציקווייז און אין פאַרלעך האָבן זיי זיך געלאָזט אַרויסלויפן פון שטוב און איבער די הילצערנע טרעפּ פון קאָרידאָר האָבן זיך צעטראָגן און צעקלונגען פרישע, הילכיקע שטימעלעך, מיט יונגע, שפּרינגעוודיקע טריטלעך.

— וואָס איז דאָ געשען, בערעלע.

די מוטער האָט נישט געוואָרט אויפן זונס ענטפער. אַן אומרויִקע איז זי אַריין אין באָד־צימער און דערזעענדיק דעם פיש אין וואַסער, האָט זיך איר פּנים פאַרקרומט ווי פון אַ פּלוצימדיקן צאָן־ווייטיק:

— אַ לעבעדיקער קאַרפּ גאָר?

— יאָ —האָט דאָס ייִנגל הכנעהדיק געקוקט אויף דער מאַמען, געלאַכט מיט אַזאַ צעשפּרונגענעם געלעכטער, וואָס איז געקומען פון האַרצן אַרויס און געטרייסלט זיין אַנגעפּויזט גופל— אמת, מאַ, אַז דער פיש איז זייער אַ שיינער?...

זלאַטע האָט נישט פאַרשטאַנען: וואָס איז דאָ, מישטיינס־געזאָגט, פאַר אַ שיינקייט אין אַ פיש? און האָט נישט געענטפערט אויף בערעלעס פראַגע. זי האָט

געהאַט אַ סך אַרבעט צו טון, איז זי אַרויס פון דאַנען. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, אַריין אין קיך, אָנגעטאָן אַ פאַרטוך און פאַרשאַרט די לאַנגע אַרבל פון דער בלוזקע. אין אַ הילצערנעם מולטערל אָנגעבראָקט אַ סך ציבעלע, דאָס צעהאַקט אויף פיצלעך. נאָכדעם איז זי צוריק אַריין אין באָד־צימער און געוואָלט אַרויסנעמען דעם קאַרפּ פון וואַסער, ערשט בערעלע האָט איר אָנגעכאַפּט ביים האַנט און אָנגעהויבן וויינען:

— מאַ, נעם אים נישט אַרויס! דער פיש וועט שטאַרבן!

פון זיין פאַרגיין זיך אין געוויין האָט זיך זלאַטע דערשראָקן און אַרויסגע־כאַפּט די האַנט פון וואַנע:

— וואָס וויינסטו, דו נאַרישער יינגל? דעם פיש דאַרף מען דאָך אַלץ איינס צעהאַקן און קאָכן. הער אויף וויינען! שוין שפּעט. דער טאַטע וועט באַלד קומען און איך האָב נאָך גאָרנישט געטון.

בערעלע האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי זיין מוטער, וואָס איז אַלע־מאָל געווען אַזוי צאַרט און גוט צו אים, זאָל גאָר האָבן אַ האַרץ צו הרגענען אַ לעבעדיקע זאַך. אָט די אומפאַרשטענדלעכקייט האָט אים געוויייטיקט, געשראָקן, און ווען ער האָט דערהערט וואָס זי קלייבט זיך צו טון מיטן פיש, האָט ער זיך צעוויינט נאָך העכער. דאָס פּנימל איז אים בלאַס געוואָרן. דערנאָך — שוואַרץ־בלוי. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און מיט די פיסלעך באַראַבאַנעוועט אין דיל. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די טיר האָט זיך האַסטיק צעפּראַלט און מיכל איז אַריינגעלאָפן אין באָד־צימער:

— וואָס איז דאָ פאַרא געוויין?

אַ בלאַס־געוואָרענע האָט זלאַטע געקנייטשט אַ ברעג־פאַרטוך און ווי אַ פאַרשולדיקטע געענטפערט:

— דיין תכשיט לאָזט נישט מאַכן די פיש...

— וואָס הייסט „ער לאָזט נישט?"

— פאַ! —איז בערעלע אַ כליפּענדיקער אויפגעשפּרונגען פון דער ערד, צו־געלאָפן צום טאַטן און געבעטן, אַז ער זאָל זיך אָננעמען פאַר אים — פאַ! די מאַמע וויל צעשניידן דעם פיש! ער וועט שטאַרבן! איך האָב אים ליב, פאַ! לאָז נישט, פאַ, לאָז נישט!

אין אָנהייב האָט מיכל געמיינט, אַז ביים יינגל איז דאָס נישט מער ווי אַ קאַפּריז. אָבער באַלד האָט ער איינגעזען, אַז ער מאַכט אַ טעות, אַז דער דינער

געפּיל ביים קינד גייט אַ סך טיפער. דאָס איז דעם טאַטן געפעלן געוואָרן. האָט ער, אַ הויכער און אַ טונקל־הויטיקער, מיט נישט קיין אַרומגעגאָלטן פּנים, גע־גלעט בערעלעס שוואַרץ קעפּל און אין דער זעלבער צייט איינגעקוקט זיך אין דער וואַנע:

— שאַ־נו־שאַ. הער אויף וויינען.

— וועסט נישט לאָזן, פּאַ?

— באַרויִק זיך, מיין קינד. איך וועל בעטן דער מאַמען זי זאָל דאָס נישט טון.

די שופּן ביים קאַרפּ האָבן אַרויסגעבליאַסקעט פון אונטערן וואַסער ווי קליי־נינקע, גילדערנע מטבעלעך. די צענומענע פליס־פעדערן האָבן מיט גבורה גע־רודערט דעם וואַסער ווי וויאַסלעס. דער ברייטער עק האָט געקערעוועט דעם געזונטן קערפּער אין אַלע זייטן. זיין אַנגעגאָסענער קאַרק האָט אַריבערגעבערגלט דעם מעכטיקן קאָפּ. די גרויסע, שוואַרצע אויגן, ווי די אויגן ביי דער מיסעס קופּער, האָבן געבליקט אַרום זיך מיט זיכערקייט און פרייד. דעם מויל האָט ער אַלע ווײַלע געעפנט און פאַרמאַכט, פונקט ווי דער פיש וואָלט אָפּגעלאַכט פונעם באַלעבאָס, וואָס איז געשטאַנען אַן איבערגעבויגענער און באַוווּנדערט זיינע גראַ־ציעזע באַוועגונגען.

אַ ווײַלע האָט מיכל באַטראַכט דעם גליקלעכן פיש, דערנאָך אַ הייב־געגעבן מיט די אַקסלען און אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צום ווייב. און מען האָט געקענט זען, אַז אין זיינע אויגן גופא האָט אויפגעגליט די ליצנות פון אַן אַמאָליקן ווייס־חברהניק:

— איך האָב טאַקע ליב אַ שטיקל געפילטע פיש אויף יום־טוב. אָבער?... דו זעסט דאָך, זלאַטע, אַז דאָס קינד איז צעווייטיקט דערפון?... ער איז בילכער און וויכטיקער. איז אפשר זאָלסטו?...

וועגן קאָכן פיש איז שוין קיין רייד נישט געווען. זלאַטע האָט וועגן דעם אַפילו די צונג נישט געוואָלט איבערקערן. אדרבה, טיף אין האַרצן האָט זי זיך גאָר אַביסל געפרייט, וואָס זי וועט האָבן ווינציקער אַרבעט. אָבער, דערפאַר איז שפּעטער אַרויפגעשוווּמען אַן אַנדער צרה אויף וועלכער קיינער האָט זיך פריִער נישט גערעכנט. אין אָוונט האָט זיך מיכל געוואָלט אויסבאָדן לכבוד יום־טוב. נאָר גיי און באָד זיך, אַז אין וואַנע איז מעשה באַלעבאָס אַרומגעשוווּמען דער קאַרפּ!

און אַז די צרה איז ווי עס איז געלייזט געוואָרן, איז באַלד אָנגעקומען אַ

צווייטע און אַן אַן ערך ערנסטערע איידער די פריערדיקע: וואָס אַ שטייגער גיט מען דעם פיש עסן?

— בערעלע! האָט זיך דער פאָטער געווענדט צו זיין קינד, ווי דער אַכט און אַ האַלב יעריקער זון זיינער וואָלט געוווּסט פון די זאַכן מער ווי ער גופא— האָסט כאָטש געלערנט וואָס מען גיט אַ פיש עסן?...

דאָס יינגל איז רויט געוואָרן. ער האָט געוווּסט, אַז די קלייניקע, „גילדערנע פישעלעך", וואָס שווימען אַרום אין גלעזערנע קעסטעלעך, קאָרמעט מען מיט אַזעלכע געלע, צעשטויסענע גרויפּעלעך, און פאַר אים איז בלויז געווען אַ סוד, צי די „גילדערנע פישעלעך" דערזעען אָדער דערפילן בחוש די גרויפּעלעך וועל־כע שווימען אַרום אויף דעם אויבערפלאַך פונעם וואַסערל. אָבער פון דעם וואָס מען גיט עסן אַ גרויסן פיש האָט בערעלע קיין אַנונג נישט געהאַט. און גערופן די מוטער צו הילף:

— מאַ!

— וואָס איז דאָרטן?! — האָט זי אויסגעשריען פון קיך אַרויס.

— מאַ! וואָס גיט מען אַ פיש עסן?!

— איך ווייס נישט! אפשר אָנבראָקן אים מצה?...

צוערשט איז בערעלע געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן דעם טאַטן. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום איז ער פריילעך געוואָרן:

— פאַ, איך ווייס שוין! איך האָב זיך דערמאָנט! אַ יינגל פון מיין קלאַס האָט דערציילט, אַז גרויסע פיש עסן קליינע פישעלעך. וועל איך עפענען אַ שאַכטל סאַרדינס און געבן דאָס דעם קאַרפּ!

פון דעם יינגלס איינפאַל האָט זיך מיכל אַזוי צעלאַכט, אַז טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, און ווען דער געלעכטער האָט אים אויף אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט, האָט ער גוטמוטיק אָנגעשריען אויפן זון:

— צדיק מיינער! דו ווייסט גאָרנישט, אַז סאַרדינס זענען חמצדיק...?

זלאַטע האָט זיך מיט איין אויער צוגעהערט צו זייערע רייד, און אַ געשריי נעגעבן:

— פאַרדרייט זיך דאָרט אייערע קעפּ! — און געלאַכט מיט אַ קלינגעוודיקן געלעכטער. בעת־מעשה האָט אַלץ געברענט אונטער אירע פלינקע הענט. זי האָט געאַרבעט גיך, ווי אַן אויטאָמאַטישע מאַשין און מיט די בליקן געהיט, אַז די טעפּ אויפן אויוון זאָלן זיך נישט צוכאַפּן.

שפּעטער, ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן קאָכן, באַקן און דער פּאַר־נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן זיך אַלע איבערגעטאָן אין די יום־טובדיקע בגדים. בערעלע האָט אויפן שפּיץ־קעפל אַרויפגעזעצט די בלויע יאַרמולקעלע, וואָס האָט אים צוגעגעבן טויזנטער חנען און אַ געדולדיקער געוואַרט ביז דער טאַטע וועט זיך אַוועקזעצן אויף דער היסב־בעט.

זלאַטע האָט פאַרקאַמט די לאַנגע, שוואַרצע האָר מיט אַ גלייכן שרונט אויפן מיטן קאָפּ. די ווייסע בלוזקע, מיט די פּערלמוטערדיקע קנעפּלעך האָט איר שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים צוגעגעבן ווייבלעכן רייץ. אַ גרינגע אויף די פיס און אַ שיינענדיקע ווי אַ בת־מלכה האָט זי געבענטשט ליכט, געגרייט צום טיש, און מיכל האָט דערווײַלע געוואַשן זיך די הענט, אַוועקגעשטעלט דריי כוסות פאַר אים מיטן ווייב און זון, אַ גרויסן פאַר אַליהו הנביא, אָנגעגאָסן זיי מיט רויטן ווײַן, קידוש־געמאַכט און דער פּסח איז אויפגעגאַנגען.

די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן איצט געוואָרפן מיט פאַסמעס־ליכט. דער יום־טוב האָט אַרויסגעשיינט פון אַלע ווינקעלעך. די קליינע צופרידענע משפחה איז געזעסן אַרום טיש. מיכל — אויבנאָן, אויף דעם אויפגעקלאַפּטן קישן, ווי אַן אמתער מלך. צו זיין רעכטער האַנט — בערעלע. אַנטקעגן — זלאַטע. אַפּריער די פיר קשיות און דערנאָך די הגדה, האָט בערעלע געזאָגט אויף אַ קול, מיטן זעלביקן ניגון ווי דער טאַטע און כאָטש דער סדר איז, אַן פיש, געווען אַביסל אַ מאָגערער, האָט זיך דאָס אָבער צופיל נישט אָנגעזען און סיי דער טאַטע און סיי די מאַמע האָבן מער הנאה געהאַט פון דעם ייִנגלס זאָגן די הגדה איידער פון גאַנצע פודן פיש...

נאָכן עסן און נאָכן בענטשן האָט זלאַטע די טיר געעפנט. דער טאַטע מיטן זון האָבן זיך אויפגעשטעלט. מיכל האָט אויפגעהויבן אליהו הנביאס כוס, גענו־מען זאָגן דעם „שפוך חמתך" און איבערן שטוב איז אַ נישט־דאָיִקע אימה דורכ־געלאָפן. אין דער רגע האָט בערעלע אַ פאַרגנבעטן בליק געגעבן אויפן כוס און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער כוס האָט זיך באַוועגט אין דער לופטן, אין דעם טאַטנס האַנט, אַז דער ווײַן האָט זיך דאָרט צעבלעזלט אין קליינינקע כוואַליעלעך און דאָס ייִנגל איז געווען זיכער ביי זיך, אַז דאָס האָט אליהו הנביא אָפּגעזופּט אַ פּאָר זופּן.

פון דעם געדאַנק איז איבער בערעלעס רוקן אַ הייליקער ציטער דורכגע־לאָפן און כאָטש עס האָט אים אַ צי־געגעבן צו דעם אַלטן, גוטן אַליהו, האָט ער זיך פאַרט צוגערוקט אַביסל נענטער צום טאַטן, ווי ער וואָלט נעבן טאַטנס גע־שטאַלט געווען אַביסל זיכערער. פונדעסטוועגן איז דער פחד נישט אָפּגעטראָטן

פונעם קינד. האָט בערעלע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מורא געהאַט אויפהייבן די בליקן פון דער ערד.

מיט ציטער אין אַלע אברים איז ער געשטאַנען ווי אַ פאַרכישופטער, אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך אַרום זיך און ווען מיכלס זאָגן דעם „שפוך־חמתך" איז אויסגעגאַנגען, האָט בערעלע מיטאַמאָל דערהערט ווי דער פיש האָט זיך אַרומגעיאָגט פון אייז ברעג־וואַנע צום אַנדערן און אַ פריילעכער געפּאַטשט מיטן עק דעם וואַסער. און דעם ייִנגל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויך דער קאַרפּ פרייט זיך מיטן „יציאת־מצרים" און דאַנקט דעם אויבערשטן, וואָס ער איז ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט...

אַ פֿאַרשניטן לעבן

אין אַ זומערדיקן שבת־פֿאַרנאַכט איז דער פֿינף־און־צוואַנציק יעריקער ראָבערט געלפֿאַנד געגאַנגען שפּאַצירן מיט אסתּרקען ביים האַדסאָן, אויף ריווערסייד־דרייוו. זי — אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, אַ דינע און אַ בייגעוודיקע, ווי אַ בעריאָזקע און דערצו אַ סטודענטין אין דעם זעלבן מעדיצינישן קאָלעדזש וואָס ער, האָט איצט כמעט אונטערגעטענצלט ביים גיין און כאָטש אירע פּיס האָבן קוים־קוים באַרירט דעם גלאַטן אַספּאַלט, האָבן זיך אירע היפּטן געהוידעט אַהין און צוריק און זי האָט נישט אַרויסגענומען איר האַנט פֿון זיין אָרעם.

אַ חוצפּהדיק ווינטל איז אַנגעלאָפֿן פֿון האַדסאָן־טייך, אַ שפּיל־געטון זיך מיט אירע לאַנגע, שוואַרצע האָר, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען אויף איר פּלייצע. די האָר האָבן זיך אַ שאָט־געגעבן דעם בחור אין פּנים, אין די אויגן, פֿאַרשטעלט אים די וועלט און געקיצלט אין די אויערן.

אסתּרקע האָט דאָס באַמערקט, געזען ווי ראָבערט האָט מיט די הענט געוואָלט אַרויספּלאָנטערן זיך פֿון איר וואַלד האָר און נישט געקאָנט. פֿון זיין איצטיקן קאָמישן אויסזען האָט זי זיך צעלאַכט מיט אַ קלינגענדיקן געלעכטער:

— גוט! לייד אויך אַביסל פֿון מיינע האָר ווי איך!...

אַ הויכער, מיטן אַן אָפּגעצויגענעם פּנים, אַ קאַשטאַנען טשופּרינע און מיט ברענענדיקע אויגן ווי ביי אַ ביק, האָט ער דערפֿילט דעם ברי פֿון איר מיידלשן קערפּער. אויף אַ רגע האָט ער זיך אַרומגעקוקט, צי מען זעט נישט און אַ צוגעגעבן זי צו זיך. אַ קוש־געטון אין אירע פֿולע ליפּן און געשעפּטשעט:

— קלעאָפּאַטרע! וועסט נאָך אַפּלאַכן פֿון מיר?...

אין דער רגע איז פֿון ערגעץ אַנגעלאָפֿן אַ סטאַדע הינט, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ יונגער צויג, מיט אַ ברוינער פֿעל און דיקן עק.

ראָבערט האָט אָפּגעלאָזט אסתרקען, געקוקט אַ ווײַלע אויף די הינט און אויך אָנגעהויבן לאַכן. פון זיין געלעכטער האָט זיך דאָס מיידל פאַרשעמט. איר אײדל פּנימל, מיט די צוויי חן־גריבלעך איןביידע באַקן און דאָס אויסגעשניצטע, און אַביסל פאַריסענע נעזל איז רויט געוואָרן:

— ביסט שוין באַלד אַ פאַרטיקער דאָקטער און נאָך אַלץ אַזוי ציניש צו באַטור־דערשיינונגען.

ער האָט אויפגעהערט לאַכן, אַוועקגענומען די בליקן פון די הינט און זיין לענגלעכער פּנים איז פאַרכמורעט געוואָרן. אויפן הויכן שטערן האָבן זיך אַ פּאָר רונצלעך באַוויזן. דער מעדיצין־סטודענט האָט אויף גיך באַנומען איר באַ־ליידיקן זיך און אַ פאַרטראַכטער געענטפערט:

— אַנטשולדיק, אסתרקע! איך האָב נישט אָפּגעלאַכט חלילה. די מעשה מיט די הינט האָט מיך דערמאָנט אין אַן ענלעכער סצענע ביי אונדז אין שטוב, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל. דעמאָלט בין איך ממש געווען פאַרליבט אין אַ הינטל. איצט איז מיר די אַמאָליקע נאַרישקייט דורכגעלאָפן אין זכרון און איך האָב זיך צעלאַכט.

אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן. ביי זיך אין געדאַנק איבערגעטאַשט זיינע רייד, צי ער האָט דערציילט דעם אמת אָדער נישט. נאָר ווען זי האָט דערהערט די עטלעכע ווערטער, אַז „דאָס איז פאָרגעקומען ביי אים אין דער היים", איז זי נייגעריק געוואָרן

— וואָס פאַראַ סצענע איז דאָס געווען?...

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, אונטער די געדיכטע בלעטער פון אַ פאַרצווייגטן בוים. ראָבערט האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, אויסגעצויגן זיך אויפן רוקן, אַריבערגעוואָרפן די לאַנגע פיס איבערן אייזערנעם פאַרענטשל פון באַנק און דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט אויף אסתרקעס שויס:

— גוט, איך וועל דאָס דיר דערציילן. אָבער אויב אין לויף פון דער מעשה וועלן זיך אַריינכאַפּן אַזעלכע בילדער, וואָס אַ מיידל דאַרף אפשר נישט הערן, זאָלסטו זיך נישט באַליידיקן און נישט אין כעס ווערן אויף מיר!...

זי האָט אים אַ גלעט־געטון איבער דער קאַשטאַנענער טשופּרינע־האָר און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— איך דאַרף גלייך באַמערקן, אַז דעמאָלט האָבן מיר געוווינט אין בראַנזוויל, אין אַ קעלער־שטוב. מחמת דער טאַטע מיינער האָט ווינציק פאַרדינט און עס

איז נישט געווען פּונוואַנען צו דינגען אַ דירה אויפן ערשטן, צווייטן, צי אַפילו אויפן דריטן עטאַזש. ווען די צויג איז אָנגעקומען צו אונדז, איז זי נאָך געווען אַ קלייניטשקע און אַ יונגעטשקע, קוים דריי חדשים אַלט. דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג נאָך שבועות. אין אָוונט, איז מיין ברודער, זעליג, געקומען אַהיים, פון אונטער דעם רעקל האָט ער אַרויסגענומען אַ קליין, שוואַרץ באַשעפעניש, אַראָפּגעלאָזט דאָס אויף דער ערד און מיט אַ פאַרשולדיקטן פּנים פאַרענטפערט זיך פאַר טאַטע־מאַמע:

— איך האָב זי נישט געוואָלט מיטנעמען, אָבער דאָס צויגל איז מיר דעם וועג פאַרלאָפן, אומעטיק אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן און געקושט מיינע שיך, האָב איך שוין קיין האַרץ נישט געהאַט איבערצולאָזן זי אינמיטן וועג.

דער טאַטע האָט אָפּנים קיין הינט נישט ליב געהאַט, האָט ער, אָן קונצי, אָנגעהויבן שרייען אויף אַ קול:

— ווער דאַרף דאָס הינט אין שטוב?.. ווינציק עסערס זענען ביים טיש?!... זי וועט דאָך פאַראומרייניקן די שטוב!.. טרייב זי אַרויס פונדאַנען!...

נאָר ווען ער האָט באַמערקט זעליגס בעטנדיקע בליקן און דאָס צויגעלעס ווייכע, ברוינע אויגעלעך, איז ער מילדער געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך עפּעס געבורטשעט אַ ווײַלע אונטער דער נאָז און געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער, און מיר, די קינדער, האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס הינטל איז אים אויך געפעלן געוואָרן.

די מאַמע האָט זיך נישט איינגעהערט צום טאַטנס פּריִערדיקע געשרייען און ווען זי האָט דערזען ווי דאָס צויגל האָט אַ לויף־געגעבן איבער די צימערלעך, מיט ליבע באַשמעקט יעדן אין הויז, אויף גיך באַקאַנט זיך מיט אַלע ווינקעלעך, מיט די פיסלעך פון די שטולן, פונעם דיוואַן און פון דעם טיש, — האָט זי אַריינגעגאָסן אַ ביסל מילך אין אַ שיסעלע און אַ רוף־געטון דאָס צויגל:

— פוקסי! קום אַהער!...

צי דערפאַר וואָס דאָס צויגל האָט דערשמעקט מילך, צי אפשר צוליב דעם, וואָס איר איז געפעלן געוואָרן דער נייער נאָמען — איז דאָס הינטל צוגעלאָפן צום שיסעלע, אַהין אַריינגעפּאַרן מיט איר פּייכטן, גלאַנציקן נעזל, מיטן ראָזעווען צינגל געזשליאָקעט די ווייסע פליסיקייט און פון דאַנקבאַרקייט געשמיסן מיטן עקל. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך גערופן „פוקסי", ווי די מאַמע אונדזערע האָט איר אַ נאָמען געגעבן.

דער נאָמען „פוקסי" איז פאַר איר געווען ווי אָנגעמאָסטן. ווייל געווען איז זי אַ קליין־געוויקסיקע, מיט אַ שוואַרץ, גלאַנציק פעלעכל, פאַרשפּיצטע, וואַכע

אויערלעך און מיט אַ גאַנץ היבשן, דיקלעכן עק. האָט זי טאַקע אויסגעזען ווי אַן אמת פוקסל. און וועדליק אירע קלוגע איינפאַלן, דאָס חנעוודיקע לאַשטשען זיך און ווישן דאָס נעזל אינעם קאַרפּעט, אַלס אויסדרוק פון ציכטיקייט, האָט מען זי אַוודאי און אַוודאי נישט געקאָנט אָנרופן מיט קיין אַנדער נאָמען.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און פוקסי איז געוואָרן היימיש און איינגעבאַקן יעדערן אין האַרצן. מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעדאַכט, אַז זי איז געבוירן גע־וואָרן מיט אונדז צוזאַמען, איז אַ טייל פון אונדזער משפחה און קיינער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז פוקסי וועט ווען עס איז אַוועק און מער נישט צוריקקומען.

מער ווי צו אַלעמען, האָט זי זיך געקלעפּט צו זעליקן, וואָס האָט זיך גע־שניטן פאַר אַ פּאָעט. קוים דערפילט אַז ער קומט, איז אים פוקסי אַנטקעגנגעלאָפן, פריידיק געדרייט מיטן ווידל אויף רעכטס און אויף לינקס, הילכיק געהאַווקעט און ווען ער פלעגט זיך אַוועקזעצן לייענען צי שרייבן, איז זי אַ געהאָרכזאַמע געלעגן נעבן זיינע פיס, ווי אַ וויכער, פליושענער בענקעלע.

ביי אונדז אין שטוב איז שטענדיק געשטאַנען אַ טומל, אַ שרייעניש פון די דריי קינדער. איז אָבער מיט פוקסיס אָנקומען אויפגעגאַנגען אַ נייע פרייד. אַ חוץ דעם טאַטן, זענען אַלע געווען פאַרנומען מיטן צויגל. דער האָט אַראָפּגע־גנבעט אַ שטיקל פלייש ביי זיך פון טעלער, יענער אַ ביינדל, דאָס געגעבן איר אונטערן טיש, פאַר וואָס דער געבער האָט אַריינגעכאַפּט נישט איין פּאַטש פונעם טאַטן. איינער האָט געשריִען: „פוקסי! שפרינג מיר אַרויף אויף דער פּלייצע!״ און דער אַנדערער: „פוקסי! שטעל זיך דינען אויף די הינטערשטע פיס!״...

פוקסי האָט געוואָלט נושא־חן־זיין, אויסנעמען ביי אַלעמען אין די אויגן און יעדערן געפאָלגט, געטון וואָס מען האָט געהייסן: געשטעלט זיך אויף די הינ־טערשטע פיסלעך, געלייגט זיך אויפן רוקן, געשפּרונגען איבער אַן אָנגעצויגענעם שטריקל, איבער אונדזערע פּלייצעס, געמאַכט פאַרשידענע קונצן, וואָס מיר האָבן איר אויסגעלערנט און אַלע האָבן אָנגעקוואָלן פונעם פריילעכן צויגל.

אויסגעוואַקסן איז זי נישט קיין הויכע און נישט קיין גראָבע. דערפאַר אָבער איז זי געווען אַ רירעוודיקע, אַן אָנגעזאַפּטע מיט לעבן. זי האָט נאָר געוואָלט שפּילן זיך, אַרומלויפן, אַרומשפּרינגען, „ברענען אַ וועלט״! און טאָמער איז נישט געווען מיט וועמען צו שפּילן זיך, איז ביי איר אַפילו רעכט געווען נאָכצולויפן אַ קנויל פאָדים, אָדער פאַרמעסטן זיך צו כאַפּן אַ פליג אינדערלופטן.

אַזוי איז דורכגעלאָפן אַ חודש נאָך אַ חודש און קיינער האָט גאָרנישט באַ־מערקט, אַז פוקסי איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ גאַנצע „באַרישנע״!... אין אירע אויגן

האָט זיך באַוויזן אַן אומרויִקייט, אַן אומעט, וואָס איז געווען באַהויכט מיט חיהשער װילדקייט און דאָס איז קיין חידוש נישט, ווייל עס איז אָנגעקומען פּוקסיס פּאַ־רונגס־צייט און זי איז רייף־געוואָרן צו ברענגען ניי־לעבן אויף דער וועלט.

פאַר איר פרעמדן קוק אין די אויגן האָב איך זיך געשראָקן. איר אומרויִקייט האָט מיך אָנגעשטעקט מיט אומרו, און כאָטש איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, הלמאי זי רייסט זיך אַזוי צום טיר און וויל נישט איינזיין אין הויז, איז מיר גע־וואָרן פאַרדעכטיקט, אַז זי זוכט עמעצן אין דרויסן, אַן „עמעצער״ וואָס איז איר נאָך טייערער פאַר אונדזער גאַנצער משפחה און דאָס האָט מיך שטאַרק פאַר־דראָסן.

אַפילו ביז אויף היינטיקן טאָג קאָן איך זיך נישט דערמאָנען פונוואַנען האָבן זיך דעמאָלט גענומען אַזויפיל הינט אַרום אונדזער שטוב? כמעט די גאַנצע גאַס איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט כלבים: שוואַרצע, געלע, גרויע, ברוינע, גרויסע און קליינע, וואָס האָבן געטשאַטעוועט די שטוב, געריסן די טיר, געהאַווקעט, געוואָיעט און אַלץ גערופן, אַז די „באַרישנע״ זאָל אַרויסגיין צו זיי אינדרויסן.

פון זייער אָנוועזנהייט און רופן איז פוקסי כמעט ווילד געוואָרן. ווי אַ משוגענע האָט זי סקאָוועטשעט, מיט די נעגל פון די פאָדערשטע פיסלעך געדראַ־פּעט דאָס הענטל פון טיר, געזוכט אַרויסצוגיין אין גאַס, ווו די חתנים מיט אַרויסגעשטעלטע ציין, אַרויסגעהאַנגענע צינגער און מיט פייער אין די אויגן ווי ביי הונגעריקע וועלף, האָבן מיט דער גרעסטער הינטישער אומגעדולדיקייט געוואַרט אויף זייער כלה.

אַפנים, אַז ביי הינט פלאַצט אויך דאָס געדולד און אין אַ שבת בייטאָג, ווען אונדזער גאַנצע משפחה איז געזעסן אַרום טיש און געגעסן וואַרעמס, האָט זיך די טיר צעפּראַלט און אַ גרויסער הונט ווי אַ לייב, איז אין שטוב אַריינגע־לאָפן. ער איז גלייך צוגעשפּרונגען צו פוקסין און גענומען זי באַשמעקן. פאַר זיין ברוטאַלן אויסזען האָט זיך דאָס צויגל דערשראָקן. האָט זי פאַרלייגט דעם עק צווישן די הינטערשטע פיס און באַהאַלטן זיך צווישן אונדז.

אויך איך, מיין ברודער מיט מיין שוועסטערקע און אַפילו די מאַמע — האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם הונטס אויסזען, פאַר זיינע שאַרפע ציינער, וואָס האָבן אַרויסגעבלאַנקט פון זיין צעעפנטן פּיסק. מיר האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די שטולן, אויף וועלכע מיר זענען פריִער געזעסן און פאַראַמאָל אָנגעהויבן וויינען און שרייען:

— טאַטע!

דער טאַטע איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער

האָט אויפגעהויבן אַ שטול אינדערלופטן, פאַרמאָסטן זיך אויפן הונט. אים, צוזאַ־מען מיטן צויגל פון שטוב אַרויסגעטריבן און דערביי נישט פאַרגעסן אָנצושעלטן מיין ברודער, הלמאי ער האָט פוקסין אינגאַנצן געבראַכט אַהער.

ווי נאָר פוקסי האָט זיך באַוויזן פאַר דער סטאַדע הינט איז צווישן זיי אויס־געבראָכן אַן אמתע מלחמה. איינער האָט זיך געוואָרפן בייסן דעם אַנדערן. יע־דערער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער. איבער דער גאַס האָבן זיך הינטישע קולות צעטראָגן. נאָר מיטאַמאָל איז אַלץ ווי אָפּגעשטאָרבן, און, די גרויסע כלבים, האָבן צו זייער שטוינונג דערזען, ווי אַ קליין, ווייס הינטל, מיט שוואַרצע פלעקן אויף די לאַנגע, אַראָפּהענגנדיקע אויערן — איז פלינק ווי אַ קאַץ אַרויפגעשפרונ־גען אויף איר. אָבער, אַז עס זענען דורכגעלאָפן אַ פּאָר רגעס און ער איז נישט אַראָפּ, האָבן זיי זיך אַ לאָז־געטון מיט אַזאַ בילעריי און אים אַזוי צעביסן, אַז דאָס אָרעמע הינטל איז דערנאָך געבליבן ליגן אויף דער ערד ווי אַ טויטס.

פון דעם טאָג אָן האָב איך פוקסין פיינט געקראָגן. די פריִערדיקע ליבע צו איר איז אויסגערונען געוואָרן ווי וואַסער דורך אַ רעשעטע. זי איז מיר פרעמד און עקלדיק געוואָרן. און כאָטש זי האָט זיך געלאָשטשעט צו מיר נאָך מער ווי פריִער, — האָב איך איר נישט געקאָנט ענטפערן מיטן זעלביקן און אָפּגעטראָטן דעם וועג ווו זי איז געגאַנגען, געשטאַנען אָדער געלעגן.

זי האָט אַ פּנים פאַרשטאַנען, אַז קיין פריינטלעכע געפילן האָב איך מער נישט געהאַט צו איר. האָט זי אויסגעמיטן מיינע טריט און אָנגעהויבן אַרומגיין ווי אַ נישט־דאָיִקע, אַ פרעמדע, אַ פאַרשולדיקטע און אַן אומעטיקע. גאַנצע טעג איז זי געלעגן אין אַ ווינקל, ווינציק וואָס געגעסן און נאָך ווינציקער געטרונקען. נאָר ווען איך האָב באַמערקט, אַז זי איז פון טאָג צו טאָג פולער און וואָגיקער געוואָרן, שעהן געלעגן מיט אַן אַרויסגעהאנגענעם צונג און שווער געסאָפּעט, — ערשט דעמאָלט איז מיין כעס אָפּגעגאַנגען. איר נעבעכדיקער אויסזען, אירע גרויס־געוואָרענע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף מיר און געבעטן רחמים — האָט מיר געצופּט ביים האַרצן און מיט נייער ליבע האָב איך געגלעט איר סאָמעט־גלאַטן קאָפּ.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך מיט מיין שוועסטערקע אָנגעקליבן אַ סך שמאַטקעס און פון דעם, אין אַ ווינקל פון קיך, אַ גרויסן און ווייכן געלעגער גע־מאַכט פון אירטוועגן. ווייל מיר האָבן זיך געריכט, אַז פוקסי וועט האָבן אַ צוואָנציק הינטעלעך צי מער און מיט קינדערשן אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויפן נס, אויפן גרויסן טאָג, ווען די צויג וועט געלעגן ווערן.

אמת, לאַנג וואַרטן איז אונדז נישט אויסגעקומען. דער נס איז געשען גיי־

בער איידער מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט. אין אַ טאָג, ווען איך בין פון שולע געקומען, האָב איך פוקסין פאַר די אויגן נישט געזען. איך האָב זי אַ רוף־געטון, נאָר זי האָט נישט געענטפערט. כ׳בין אומרויק געוואָרן. געזוכט אין אַלע ווינ־קעלעך — נישטאָ! ערשט ווען איך האָב זיך איינגעבויגן אונטערן בעט, איז פוקסי דאָרט געלעגן אויף אַ זייט אַן אויסגעצויגענע און אַ פאַרמאַטערטע. פון איר צע־עפנט מויל איז אַ שוים געגאַנגען. איבער איר זענען פיר ברואימלעך אַרומגע־קראָכן און מיט זייערע בלינדע אויגעלעך געזוכט דער מוטערס ציצלעך.

און מאָדנע! אַנשטאָט עקל — האָט מיך אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות אויף דער אָרעמער צויג. אויך אַ געפיל פון אָפּשיי און דרך־ארץ איז אויפגעגאַנגען אין מיר און איך האָב געקוקט אויף פוקסין, ווי מען קוקט, להבדיל, אויף אַ מענטשן, וואָס האָט אויפגעטון זייער אַ גרויסע זאַך...

עטלעכע וואָכן איז אונדזער הויז אָנגעפילט געוואָרן מיט פּישטשערייען און ניי־לעבן, וואָס האָט זיך געוואָלגערט אונטערן בעט. אָבער לאַנג האָבן זיך די הינטעלעך נישט איינגעהאַלטן און איינציקווייז אַוועק פון דער וועלט. מיר איז דעמאָלט אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. אין זייער קומען און אַוועקגיין — האָב איך מיין אייגן לעבן דערזען. זייער סוף האָט אויף מיר אַ פּחד אָנגעוואָרפן און איך האָב אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר יעדן שאָטן.

די צויג איז געבליבן איינע אַליין, ווי זי וואָלט גאָר קיין קינדער אויף דער וועלט נישט געבראַכט. איך האָב געמיינט, אַז פוקסי וועט וויינען, וואָיען און אפשר גאָר אויסגיין פון בענקשאַפט. נאָר זי האָט נישט געוויינט און נישט גע־בענקט. אדרבא, וואָס אַ טאָג איז זי פריילעכער געוואָרן. אירע אויגן האָבן צוריק באַקומען דעם אַמאָליקן פייערל, די פעל — גלאַנציקער און גלאַטער, דער עק האָט, ווי אַ פּאַמפּעדיקל אין אַן אָנגעצויגענעם וואַנט־זייגער, נישט אויפגעהערט צו וואַרפן זיך פון איין זייט אויפן אַנדערן — הין און צוריק.

איידער זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן איז זי, דאַכט זיך, געווען אַ גאַנץ נישקשהדיקע שטיפערן. צו איר פריילעכקייט, צו איר בילן, שפּילן זיך מיט אַ שטריקל, נאָכלויפן די קעץ און דערגיין זיי די יאָרן — איז קיין גלייכן אויף דער וועלט נישט געווען. אָבער איצט האָט ממש די ערד געברענט אונטער אירע פיס. און בכלל האָט זי זיך אַזוי צעבליט, אַז אַפילו מיין שטרענגער טאַטע האָט אָנ־געקוואָלן פון איר לעבעדיקייט און שפּילעוודיקייט.

נאָר די צייט האָט געטון אירס. געוויקלט וואָכן און חדשים. דער זומער־דיקער הימל איז פון טאָג צו טאָג גרויער און כמורנער געוואָרן. קאַלטע ווינטן האָבן אויף אים אָנגעיאָגט שווערע וואָלקנס, וואָס האָבן געדראָעט מיט האַרבסט,

מיט רעגן און שנייען. ווידער איז געקומען פוקסיס פאַרונגס־צייט און הינט האָבן נאָכאַמאָל אָנגעהויבן באַלאַגערן אונדזער קעלער־שטוב און האַווקענדיק און בור־טשענדיק האָבן זיי געוואָרט אויף דער צויג, וואָס האָט נישט געוואָלט זיין מער אין הויז און געריסן זיך צו אירע „קאַוואַליערן" אין דרויסן.

ווען דער טאַטע האָט דערזען, אַז הינט זענען אַרום אונדזער שטוב, איז ער געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער אויף אונדז אַלעמען און פון כעס, מיט אַ פויסט, געזעצט אין טיש און געשריגן:

— עס הייבט זיך שוין ווידער אָן די מעשה מיט די הינט?! אַ „זווערינעץ" איז דאָ געוואָרן! איך וועל די צויג אַרויסטרייבן, כ'וועל זיך אָוועקטראָגן אין דער ערד אויפן דעק! גענוג אָנגעליטן זיך פון איר ס'לעצטע מאָל, מער וויל איך דאָס נישט האָבן!...

אַ צאַרטע און אַ בלאַס־געוואָרענע, האָט אים די מאַמע אָנגעקוקט פאַר־חידושט:

— וואָס רעדסטו, זלמן?... דאָס איז דאָך אַ צער־בעל־החיים! אַ רחמנות אַ לעבעדיקע באַשעפעניש און די קינדער האָבן זי ליב...

— אויב אַזוי —איז דאַכט זיך אים דער כעס אָפּגעגאַנגען— אויב דו ווילסט אַז די צויג זאָל דאָ זיין, וועל איך זיך מיט דיר דערפאַר נישט קריגן. אָבער מיט הינט זאָל זי מער נישט האָבן צו טון. איך וועל זי אָוועקנעמען צו אַ דאָקטער, ער וועט זי סטעריליזירן, — דעמאָלט וועט מיר נישט אַרן, אַז זי זאָל דאָ בלייבן דעם גאַנצן לעבן...

איך האָב דעמאָלסט נישט פאַרשטאַנען, הלמאי דער טאַטע וויל זי נעמען צו אַ דאָקטער און וואָס דאָס וואָרט „סטעריליזירן" מיינט אַזוינס; נאָר געפילט האָב איך, אַז פוקסי וועט דערפון אַ סך ליידן און אפשר גאָר שטאַרבן. פאַר דעם לעצטן גע־דאַנק האָב איך זיך זייער געשראָקן. איר נאָך נישט־ווייטעוודיקער ווייטיק — האָט מיך שוין ווײ־געטון און איך האָב ביטער געוויינט.

די מאַמע, איז, דאַכט זיך, אַלעמאָל געווען אַ גוטע. נאָר איצט, ווען זי האָט דערהערט וואָס דער טאַטע קלייבט זיך צו טון, איז זי געוואָרן מלא־רציחה. ווי געביסן פון אַ שלאַנג, איז זי אויפגעשפרונגען פון שטול. אויף אירע שפיץ קינ־באַקן האָבן זיך רויטע פלעמלעך באַוויזן און פון די אויגן זענען פונקען געפלויגן:

— עפעס רעדסטו היינט זייער מאָדנע ריידן! וואָס הייסט דו וועסט נעמען די צויג צו אַ דאָקטער „סטעריליזירן"?... דאָס איז דאָך דאָס זעלבע ווי אָפּהאַקן עמעצן דעם קאָפּ!... סיידן דו ביסט חלילה פון זינען אַראָפּ?...

קיין צו גוט־האַרציקער איז דער טאַטע נישט געווען און דערצו נאָך — אַ

שטיקל עקשן. איז אים איצט נישט אַזוי געגאַנגען אין פּוקסין, ווי אין אויספירן זיינס, ווייזן ווער עס איז באַלעבאָס אין שטוב. האָט ער, מיטן שטרענגן טאָן פון אַ הערשער, געזאָגט קורץ און שאַרף:

— אויב דו וועסט נישט לאָזן נעמען די צויג צו אַ דאָקטער, וועל איך איגגאַנצן אָוועק פון דאַנען. איצט קלייב־אויס וועמען דו ווילסט בעסער: מיך צו איר!...

ווען די מאַמע האָט דערזען, אַז עס האַלט שמאָל, איז זי אָוועקגעגאַנגען אין אַ ווינקל, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַן אַנדער שטול, אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן און איז געבליבן זיצן אַ שטילע, אַ געהאַרכזאַמע, און דאָס האָט גע־מיינט, אַז כאָטש דאָס איז געווען קעגן איר ווילן — האָט זי אָבער מסכים געווען אויפן שרעקלעכן אַקט וואָס דער טאַטע האָט פאַרטראַכט אָפּצוטון פּוקסין, וועמען איך האָב ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ער פּוקסין אָוועקגענומען צום דאָקטער און אין אָונט, אַז ער איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט אַן איר, האָב איך ווידער אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין און דערפילט, אַז אַנטקעגן פּוקסין, אַנטקעגן מיין פריינט איז עפּעס אַ גרויסע עוולה באַגאַנגען געוואָרן און שולדיק אין דעם איז נישט געווען קיין אַנדערער, ווי דער טאַטע, וועמען איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן פיינט באַקומען.

מיט פּוקסיס אָוועקגיין איז די שטוב מיטאַמאָל פאַרומערט געוואָרן. די פריערדיקע געלעכטערס פון די קינדער און דער מאַמעס רעדן אויף אַ קול — איז ווי אָפּגעשטאָרבן. פון די ווענט, פון די פענצטער און אַפילו פון די מעבל האָט געשלאָגן מיט אַ נאָגנדיקער אומעטיקייט, וואָס איז געקראָכן אין האַרצן, אין דער נשמה און דערמאָנט אין אַ בית־הקברות שטיבל. מיט געבויגענע קעפּ, ווי ביי אבלים, האָט זיך יעדערער פון אונדז פאַרקליבן אין אַן אַנדער ווינקל און איינער מיט דעם צווייטן האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

אַ נידערגעשלאָגענע איז די מאַמע אַ פּאָר מאָל צוגעקומען צו מיר און, מער מיט די אויגן ווי בעל־פּה, געבעטן זיך, אַז איך זאָל עפּעס עסן, טרינקען און אויפהערן וויינען. נאָר איך האָב זיך איינגעשפּאַרט, ווי אַן אייזל און נישט גע־ענטפערט. פונדעסטוועגן בין איך טיף אין האַרצן איר דאַנקבאַר, פאַר אירע צאַרטע געפילן מיט וועלכע זי האָט פאַרשטאַנען מיין קינדערשע נשמה.

דערפאַר אָבער האָב איך דעם טאַטנס אָנוועזנהייט מער נישט געקאָנט פאַר־טראָגן. זיין הויכע געשטאַלט האָט מיך געררייצט און געשראָקן. אין זיין קער און

נח גאָלדבערג

אין זיין ווענד האָב איך געזען דעם שולדיקן אין מיינע לײדן, אין דער מאַמעס און איבערהויפּט אין פוקסיס און דאָס האָט מיך געאַרט נאָך מער, אײדער מײנע אײגענע ווייטיקן, ווייל צו פוקסין בין איך געווען צוגעבונדן מיט טויזנטער נישט־זעעוודיקע פעדים.

אין אַ וואָך אַרום האָט זי דער טאַטע צוריקגעבראַכט. איך האָב זי נישט דערקאָנט. דורך דער וואָך איז זי אינגאַנצן אַן אַנדערע געוואָרן. דער גלאַנץ פון איר פעל איז געווען ווי אָפּגעווישט; דער פונק אין די אויגן — אויסגערונען. איצט האָט זי זיך מער נישט געפרייט, נישט געבילט, נישט געשמיסן מיטן ווײדל ווי אַמאָל. אַ קלײנטשיקע און אַן אויסגעדאַרטע, האָט זי זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקעלע. פאַרבאַהאַלטן די מאָרדע צווישן די פאָדערשטע פיס און אויף קיינעם נישט אומגעקוקט זיך.

אַז איך האָב דערזען וואָס פון איר איז געוואָרן — האָט זיך מיר אָפּגעריסן אַ שטיק האַרץ. איך האָב געוואָלט וויינען זענען מיר קיין טרערן אין די אויגן נישט געווען. בין איך צוגעלאָפן צום טאַטן, מיט מיינע פויסטלעך געקלאָפּט אים אין בויך און אַ געשריי־געטון:

— איך האָב דיך פיינט!...

איך האָב געוווסט, אַז עס איז נאָך אין רעכטן ברען פון דער הינטישער פאָרונגס־צייט, האָב איך אויף מאָרגן אַרויסגעפירט פוקסין אינדרויסן. דעם טאַטן אויף צו־להכעיס געוואָלט, אַז די הינט, וואָס דרייען זיך געווײנטלעך אין דער צייט, אַרום אונדזער שטוב, זאָלן זיך ווידער שפּילן מיט איר. אָבער, ווי איבער־ראַשט בין איך געוואָרן, ווען פון זיי איז איצט קיין זכר נישט געווען, — פּונקט ווי די כלבים וואָלטן שוין געוווסט, אַז פוקסי איז מיטאַמאָל טמא געוואָרן...

איצט האָט איר קיינער נישט געדאַרפט. זי איז פּלוצים פאַריתומט געוואָרן. איר לעבן האָט אָנגעוואָרן דעם ביז־איצטיקן זין. די צויג האָט אויפגעהערט צו בילן, אַרומלויפן און אַרומשפּרינגען. אַפילו די קעץ, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען האָבן מיט ביטול אין זייערע קעצישע אויגן געקוקט אויף איר און פוקסין האָט דאָס שוין מער נישט געאַרט.

אָנשטאָט נאָכצולויפן די קעץ און דערגיין זיי די יאָרן ווי אַמאָל, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט, פאַריסן די מאָרדע צום הימל און אָנגעהויבן וויינען. אַפּריער האָט זי געווײנט שטיל, אײנגעהאַלטן. נאָר וואָס אַ רגע איז איר געוויין שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן, ביז עס איז איבערגעגאַנגען אין אַ פאַרגייענדיקן וואָיען, וואָס האָט געצופּט ביים האַרצן, דערמאָנט אין טיפע, ווייטע וועלדער, און אָנגע־וואָרפן אַ פּחד אויף מיר און אויף די פאַרבייגייער אויפן טראָטואַר.

איך האָב איר געװאָלט אײנשטילן, אײנעמען מיט גוטן, אַפּילו געפּרוּװט דראָען מיט אַ שטעקל, אַז זי זאָל אױפֿהערן װײנען און אַרײנגײן מיט מיר צוריק אין שטוב. אָבער פֿוקסי האָט זיך מער נישט אײנגעהערט צו מײַנע רײד, צו מײַן בעטן זיך, נישט געשראָקן זיך פֿאַרן שטעקל, נישט גערירט זיך פֿונעם אָרט און אַלץ געהאַלטן אין אײן װאָיען אויף איר יונג פֿאַרשניטן לעבן.

װען איך האָב געזען, אַז אין הויז װעט זי זיך מער נישט אומקערן, האָב איך אַרויסגעטראָגן אַ ביסל עסן פֿון אירעטװעגן. זי האָט זיך צו דעם נישט צוגערירט. אַנשטאָט איר האָבן דאָס קעץ צערעכט־געמאַכט. זי איז פֿון טאָג צו טאָג מאָגערער און מאָגערער געװאָרן, װי די כּוחות װאָלטן איר געהאַלטן אין אויסגיין און עס איז קאָנטיק געװען, אַז פֿוקסי װיל זיך פֿאַרמאָרען צום טויט.

איך האָב זי געװאָלט אָפּראַטעװען און אָנגעװענדט אַלערלײ מיטלען, אַז זי זאָל קומען צום שכל און װידער אָנהײבן לעבן װי פֿריִער. נאָר דאָס איז מיר נישט געלונגען. און אײנמאָל, װען איך בין, מיט מײַנע ביכלעך אונטערן אָרעם, געקומען פֿון שולע, האָב איך איר געטראָפֿן ליגן אויפֿן טראָטואַר. איר קאָפּ איז געװען פֿאַרשטעקט צװישן בויך און די פֿאָדערשטע פֿיס; די הינטערשטע זענען געװען געצלמט; דער עק אויסגעצויגן װי אַ װירע, — האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. בלויז די הערעלעך אויף אים האָבן זיך פֿאַמעלעך באַװעגט אינעם װינטל.

אַ װײלע בין איך שטײן געבליבן װי אַ געפּלעפֿטער. הענט און פֿיס האָבן מיר אָנגעהויבן ציטערן. די ביכלעך זענען מיט אַ דעמפּן זעץ אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד. פֿון מײַן האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קורצער און דינער קװיטש: „פֿוקסי!”. פֿאַר די אויגן איז מיר פֿינצטער געװאָרן, כאָטש אויף דער װעלט איז נאָך געװען גרויסער טאָג. די הײַזער פֿון בײדע זײַטן גאַס, אַלץ האָט זיך גענומען דרײען װי אין אַ ראָד. קײן מענטשן האָבן איך נישט געזען, בלויז באַמערקט װי זײערע סילועטן האָבן זיך דערנענטערט און פֿאַרשװוּנדן.

װען איך בין געקומען צו זיך אַביסל, בין איך צוגעלאָפֿן צו פֿוקסין און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני. דעם אמת געזאָגט, האָב איך געמײנט, אַז זי מאַכט זיך דאָס אַזוי, האָב איך צוגעלײגט מײַן אויער צו אירע נאָזלעכער. קײן אָטעם איז פֿון דאָרטן נישט געקומען. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז טויט. האָב איך לאַנג געטראַכט װאָס צו טון מיט איר. דערנאָך אויפֿגעהויבן זי פֿון דער ערד, גענומען אויף די הענט װי אַ קינד און אַװעקגעטראָגן אויפֿן לײדיקן שטיקל פֿעלד, װאָס איז געװען נישט װײַט פֿון דאַנען. דאָרטן האָב איך מיט אַ פֿאַרשאַרפֿט ברעטל אויסגעגראָבן אַ קבֿר, אַהין אַרײַנגעלײגט פֿוקסיס קערפּערל, געגעבן איר מײַן מעסערל אַ מתּנה און דעם קבֿרל צוריק פֿאַרשאָטן.

ווען איך האָב דאָס קבֿרל אויסגעגלייכט, אַרומגעפּאַטשט, האָב איך געפֿונען אַ שטיין און מיט דער הילף פֿון זיין וואָגיקייט — אַריינגעקלאַפּט דאָס ברעטל פֿוקסין צעקאַפּנס און אויף דעם אַרויסשטאַרצנדיקן שטיקל ברעטל האָב איך מיט קרייד אָנגעשריבן:

— איך בעט אייך, טרעט דאָ נישט! דאָס איז אַ הייליקער קבֿר! דאָ ליגט מיין בעסטע פֿריינדין. איר נאָמען איז פֿוקסי. זי איז געווען איין יאָר מיט דריי חדשים אַלט...

דערנאָך בין איך ביזן אָוונט געזעסן נעבן איר קבֿרל און געוויינט. מיטאַמאָל האָב איך זיך דערפֿילט עלנט און איינזאַם, ווי דאָס לעבן וואָלט זיך פֿון מיר אָפּ־געטון. דערווייל זענען שעהן געלאָפֿן זייער וועג. דער הימל איז טונקעלער געוואָרן און אויסגעשפּרייט אומהיימלעכע שאָטנס אויפֿן פֿריש־געבוירענעם הינטישן בית־עולם. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָט אָנגעהויבן ציִען דאָס האַרץ. האָב איך אָפּגעווישט די אויגן, אַ טשמאַרע־געטון די נאָז אין אַרבל, אויס־געדרייט דעם קאָפּ און צו מיין איבעראַשונג דערזען: מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און פֿאַרטרערטע אויגן, דאַכט זיך, איז מיין טאַטע געשטאַנען נישט ווייט פֿון מיר און געהיט יעדן ריר מיינעם.

תּחילת האָב איך געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון אים ווי פֿון אַ מערדער, נאָר די פֿיס זענען געווען ווי געליימטע. איך האָב דעמאָלט נישט באַנומען דעם טאַטנס גרויסע חרטה און פּלוצים אויפֿגעשפּרונגען פֿון דער ערד און נאָכאַמאָל אָנגעהויבן טויקען אים אין אַ זייט:

— וואָס האָסטו געטון, וואָס? איך האָב דיך פֿיינט!

דער טאַטע איז געווען גערירט פֿון מיין איבערגעגעבענער ליבע צו פֿוקסין און מיר נישט אָנגעפּאַטשט, נישט געדרייט די אויערן, ווי זיין געוווינהייט איז געווען און אָנשטאָט זיין שטענדיק, קאַלטער און שאַרסטקער האַנט, האָב איך מיט אַמאָל דערפֿילט זיינע וואַרעמע פֿינגער, וואָס האָבן געגלעט מיין פֿייכט פּנים, מיין קאָפּ און מיט טאַטישן מיטגעפֿיל אין זיין קול — האָט ער זיך גאָר געבעטן ביי מיר:

— נו שאַ, נו שאַ, מיין קינד. באַרויִק זיך, מיין זון און קום אַהיים. עס איז דאָך שוין פֿאַרפֿאַלן. אַ שאָד, איך האָב נישט געוווּסט...

ערשט איצט האָב איך פֿאַרנומען זיין אמתע חרטה; געזען, אַז אויך אים האָט דאָס שטאַרק וויי־געטון. האָב איך אויפֿגעהויבן מיין קאָפּ. אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט אַפֿילו אין דער פֿינצטער. און אַ וואַרעם געפֿיל האָט אַ פֿלייץ־געטון פֿון אים צו מיר און פֿון מיר צו אים.

איך האָב ווידער אויסגעשאָסן אין אַ געוויין. נאָר איצט איז דאָס געווען אַ געוויין פון פרייד, וואָס אויפן אָרט פון פוקסין איז צוגעקומען אַ נייער חבר, אַ נייער פריינט, אַ מענטש וואָס וועט מיך פאַרשטיין און מיטפילן. האָב איך זיך צו־געטוליעט צו מיין טאַטנס געזונטן גוף, צוזאַמען פאַרלאָזט דעם הינטישן בית־הקברות און אַוועק אַהיים.

— —

דאָ איז ראָבערט אַנטשוויגן געוואָרן, מיט אַ לאַנגן, פאַרטראַכטן שווייגן. נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערפילט ביי זיך אויפן באַק די פייכטקייט פון אסתרקעס טרערן. איז ער ראַפּטום אויפגעשפּרונגען פון באַנק, אַריינגענומען איר פּנים צו זיך אין די קרעפטיקע הענט און געפרעגט:

— דו וויינסט גאָר, נאַרעלע?...

זי האָט נאָך געהעשעט אַ היפּשע ווילע. דערנאָך האָט זי פון האַנטבייטל אַרויסגענומען אַ טיכל, אויסגעווישט די אויגן, אויסגעשנייצט דעם נאָז, אַרומגע־נומען ראָבערטס קאָפּ און אַ קוש געגעבן אים אין מויל:

— דו דערציילסט אַזוי שיין! האָסט אַ גאָלדן האַרץ נישט נאָר פאַר מענטשן, נאָר אַפילו פאַר חיות. הלוואי זאָל דיין גוטסקייט קיינמאָל נישט אַוועק פון דיר...

ראָבערט האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און נישט געענטפערט. ער האָט גע־קוקט אויף די בערג, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט האַדסאָן. דאָס וואַסער אין טייך האָט אָפּגעשפּיגלט די עלעקטרישע שילדן מיט די לאָמפּן האַרט ביים טייך. די ביינאַכטיקע לופט איז קילער און שיטערער געוואָרן, פאַרקליבן זיך צו אסתרקען אונטער דער דינער בלוזקע. דאָס מיידל האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעשטרעקט צו אים איר הענטל, וואָס האָט אַ וויסן בליאַסק געטון אין דער פינצטער.

ראָבערט האָט אַראָפּגענומען ס׳רעקל פון זיך, אַרויפגעטאָן אים צו איר אויף די פּלייצקעס און געוואָלט שפּאַנען נעבן איר. נאָר זי האָט זיך צוגעטוליעט האַרט צו אים, פאַרוואָרפן דעם רעקל אויף ביידנס פּלייצעס. ווי יונגע קינדער האָבן זיך דאָס מיידל מיטן בחור אַרומגענומען ביי די טאַליעס און מיט גיכע טריט אַוועק־געשפּאַנט אין דער נאַכט אַריין.

אין פרעמדע קליידער

אַז די לאַנגע, ווינטערדיקע נאַכט האָט דורך די גרויע פענצטער אַריינגעפינטלט דעם ערשטן שפּראָץ אויף טאָג, וואָס איז אַ בלאַסער און אַ ציטערדיקער געבליבן הענגען אויף די נידעריקע ווענטלעך פון די דריי קליינע צימערן, האָט זיך מיכל דער פאַרבער אויפגעכאַפּט, אַרויסגעשאַרט זיך פון בעט און כדי נישט אויפצוּוועקן זיין ווייבל, מלכהן, מיט די קינדער, איז ער אויף די שפּיץ־פינגער אַרויס פון הויז.

אין דרויסן האָט אים אַ קעלט אַרומגענומען. האָט ער אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין אויבערמאַנטל און אַ קוק־געטון אויפן נידעריקן הימל, וואָס איז געהאנגען אַ שווער־גופיקער, אַן אָנגעלאָדענער און אַראָפּגעזיפּט אַ דראָבנעם שניי. די שניי־פּוכלעך האָבן זיך לאַנג געדרייט אין דער פאַרטאָגיקער לופט, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געאיילט אַוועקצולייגן זיך אויף דער האַרטער, פאַרקאָוועטער ערד.

נאָר וואָס ווייטער מיכל איז געגאַנגען, מיט דעם איין־און־איינציקן געדאַנק: „קריגן אַרבעט און פאַרדינען עפּעס אויף דער הוצאה!”, איז דער שניי אַלץ געדיכטער און חוצפּהדיקער געוואָרן און גאָר גיך אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן גאַס און טראָטואַר.

מיכלען האָט דאָס אָבער צופיל נישט געאַרט. אַן איינגעשפּאַרטער, ווי אַן אָקס, האָט ער געשפּאַנט פון איין גאַס אין דער אַנדערער, פון אייז פאַרב־געשעפט אינעם צווייטן און נישט אַכטנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ שטאָלצער מענטש, אַ גוטער בעל־מלאכה, און אין נאָרמאַלע צייטן פאַרדינט פופצן־זעכצן דאָלער אַ טאָג, האָט ער זיך איצט געבעטן ביי יעדן באַלעבעסל, אַז מ׳זאָל אים געבן אַ טאָג־אַרבעט פאַר וויפל עס זאָל נישט זיין.

אַז די פיס האָבן אָנגעהויבן וויי־טון פון גיין און דער טאָג האָט זיך אָנגע־

הויבן אָוועקגנבענען פון אונטער די טריט, איז מיכל אַוועק אַהיים מיט ליידיקע הענט, ווי אַלעמאָל אין די לעצטע זעקס חדשים און געטראַכט, אַז דעם קומענ־דיקן טאָג וועט ער בלייבן אין שטוב און אויסרוען זיך אַביסל.

ווען ער איז אָבער אַריינגעגאַנגען צו זיך אין הויז און דערזען, ווי די נויט האָט זיך רחבותדיק צעלייגט אין יעדן ווינקל און איבערגעלאָזט היבשע סימנים ביי די קינדער אויף די אויסגעבלייכטע פּנימלעך, האָט מיכל, אויף מאָרגן אינ־דערפרי, ווידער אָנגעטאָן זיין איינציקן מאַנטל, וואָס האָט פון אַלטקייט אָנגעוואָרן דעם אַמאָליקן קאָליר און איז מיט אַ טיפן טרויער אין די אויגן צוגעגאַנגען צום ווייבל:

— מלכה! איך וועל היינט גיין אין אַן אַנדער געגנט און אויספּרוּוון מיין מזל דאָרטן. אפשר וועט גאָט העלפן?...

— גיי געזונטערהייט —האָט זי אים אָנגעקוקט מיט וואָרעמקייט אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן און געוואָלט אָפּהאַלטן אים פון גיין אין אַזאַ פראָסט— אפשר וואָלט אַ סברה געווען, אַז דו זאָלסט כאָטש איין טאָג בלייבן אין דער היים און נישט אַרומשלעפּן זיך אין אַזעלכע קעלטן?...

אין דער נייער געגנט זענען די פאַרב־געשעפטן געשטאַנען ווייט איינע פון די אַנדערע. נאָר מיכל האָט קיין מי נישט געזשאַלעוועט, געשלעפּט זיך גאַס־איין, גאַס־אויס. אָבער ווו נאָר ער האָט געעפנט אַ טיר, האָט ער אומעטום דערהערט דעם אַלטן פזמון: „קיין נייע הענט דאַרף מען נישט“...

דערווייל איז די צייט נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. שעהן האָבן זיך גע־צויגן האַרטע און שווערע. אַרום האַלבן טאָג האָט זיך מיכל אַזוי אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות, אַז ער האָט זיך שוין געוואָלט אומקערן צוריק אַהיים. אָבער אויף איינעם אַ ראָג־גאַס האָט אים עמעצער אַ רוף־געטון ביים נאָמען:

— מיכל!

מיכל האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגעניורעט דעם קאָפּ פון מאַנטל־קאָלנער און אַ פאַרוווּנדערטער דערזען זיינעם אַ פריינט, אויך אַ פאַרבער, וואָס האָט כסדר געאַרבעט ביי איין באַלעבאָס, פאַרדינט אַ סך געלט און איז אַלעמאָל געווען אָנגעטאָן אין די בעסטע און שענסטע קליידער:

— העלאָ, בעני! וואָס טוסטו דאָ אין דער געגנט, אַן אויסגעפּוצטער ווי צו אַ טאַנץ?

נישט קיין פאַרהייראַטער, מיט אַן אויסגעכאָליעט פּנים, האָט בעני אַראָפּ־געצויגן די פוטערנע הענטשקע פון דער רעכטער האַנט, מיכלען אָפּגעגעבן „שלום“ און מיט זעלבסטצופרידנקייט אין קול געענטפערט:

— אַט, נעכטן פאַרענדיקט אַ גרויסן דזשאָב... ווילט זיך היינט אַ ביסל אַ הוליע טון... און די חברה, צו ווען איך גיי, ווינט אַ פּאָר קוואָרטאָלן פון דאַנען. וואָס הערט זיך ביי דיר? וואָס מאַכט דיין פרוי מיט די קינדער? וואָס דרייסטו זיך דאָ אַרום אין אַזאַ קעלט? אפשר ווילסטו גיין מיט מיר און שפּילן אַ „פינאָקל"?...

מיכל איז אים מקנא געווען דעם גרינגן געמיט. פונדעסטוועגן האָט ער נישט געוואָלט, אַז בעני זאָל זיך דערוויסן פון זיין שווערער לאַגע. האָט ער דעריבער אויך אָנגעהויבן רעדן לייכטזיניקע רייד וועגן קאָרטן־שפּילן און וועגן די אַלטע, גוטע צייטן, ווען זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט ביי איין באַלעבאָס און פאַרדינט געלט. נאָר ביי מיכלען זענען די ווערטער אַרויסגעקומען אומגעלומפּערטע און נישט געקלעפּט זיך אַ וואָרט צו אַ וואָרט. דערצו נאָך איז די מרה־שחורה נאָך אַלץ געלעגן אין די ברוינע אויגן און פאַראַטן דעם אָנשטעל.

— ווי איך זע, אַרבעטסטו נישט — האָט אים בעני דורכגענומען מיט זיינע שפּיזלדיקע בליקן און געטראָפן אין פינטל אַריין. פון קעשענע האָט ער אַרויס־גענומען אַ זילבערנעם פּאַרטציגאַר, פּאַרויכערט, אַרויסגעלאָזט אַ בלויען רויך־כעלע, וואָס איז אויפגעלייזט געוואָרן אין דער דינער לופט און אַ שמייכלענדיקער פאַרגעזעצט רעדן — ביי אַן אַרבעטער טרעפן אַזעלכע זאַכן... איך מיין, אַז דו ביסט אַ מזלדיקער האָז!... האָסט מיר אָנגעטראָפן אין דער ריכטיקער צייט...

מיכל האָט אים אַ ווילע אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט אין די אויגן און נישט געוווּסט צי יענער שפּאַסט, צי ער וויל זיך אַרויסשטעלן פאַר אַ רייכן, גוט־האַרציקן בעל־טובהניק, וואָס וועט פון גרויס רחמנות־וועגן באַלד אַרויסנעמען אַ פינפערל פונעם טייסטער און געבן אַ נדבה. פון וואָס מיכל האָט זיך באַצייטנס באַליידיקט און דערפאַר, ביי זיך אין געדאַנק, שוין געזוכט שאַרפע, בייסיקע ווערטער אויף אָפּצווידלען פאַר דער דאַזיקער העזה.

אָבער בעני איז נישט געווען פון יענע אָפענע הענט, וואָס וואַרפן זיך מיט פינפערלעך. נאָר טון עמעצן אַ טובה און איבערהויפּט אַן אַלטן פריינט, ווען אים אַליין זאָל די טובה גאָרנישט קאָסטן — דאָס יאָ!... האָט ער איצט קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט און געזאָגט:

— הער זיך איין, מיכל. איך האָב אַ רייכן פריינט, מיט וועמען איך שפּיל אָפט אין קאָרטן. ער איז כמעט אַ מיליאָנשטשיק! האָט אַ הויז פון זעכצן צימערן — ממש אַ פּאַלאַץ! ער וויל זיי אויספאַרבן. ער האָט אָנגעבאָטן מיר די אַרבעט, אָדער געבעטן, אַז איך זאָל אים עמעצן צושיקן. איך דאַרף די אַרבעט נישט האָבן, איז נאַ דיר דעם אַדרעס און גיי אַהין.

דער פריִערדיקער פאַרדאַכט איז אויסגערונען געוואָרן פון מיכל געדעכע־ניש. זיין פאַרכמורעט פּנים איז ליכטיקער, יונגער געוואָרן און אַ קוואַליקע פרייד האָט אָנגעהויבן אַרויסזינגען פון אַלע אברים:

— וואָס זאָגסטו? דו האָסט פאַר מיר אַרבעט? איז דאָס אמת, צי דו מאַכסט שפּאָס?

— אידיאָט! —האָט דער זאַטער בעני אַנגעשריִען אויפן הונגעריקן מיכלען, ווי אַ באַלעבאָס אויף אַ שיק־יינגל, און אין זיין גראָבן קול האָט זיך געהערט, אַז ער האָט אָנגעוואָרן דעם גאַנצן דרך־ארץ פאַר אַן אָרעמערן מענטשן— אַז איך, בעני הורוויץ, הייס דיך גיין צו מיסטער קאָרפּן און שטעלן זיך אַרבעטן — גלייבסטו מיר נישט?!...

— אַנטשולדיק מיין פריינט —האָט בעני אָנגעהויבן שטאַמלען מיט ציטער אין די ליפּן— דעם אמת געזאָגט, איך גיי אַרום אַזוי לאַנג אָן אַרבעט, אַז איך האָב שוין פאַרלאָרן אַלע האָפענונגען צו באַקומען עפּעס צום פאַרדינען, גלייבט זיך נישט, פאַרשטייסט?...

פון גרויס פרייד האָט זיך ביי מיכלען צעשפּילט די פאַנטאַזיע און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער שטייט שוין אויף אַן „אַכט־פוסיקן" לייטער און פאַרבט די הויכע ווענט פון אַ גרויסער קיך אויף אַ שניי־ווייסן קאָליר. ער אַרבעט גיך, זייער גיך, פירט מיט דער באַרשט אין דער ברייט, סקאָסנע; ער לייגט אויס דעם פאַרב מיט געניטער פאַרזיכטיקייט אין די הענט, דערנאָך אַרבעט ער דאָס אויס; „ציט־אַפּ" די פאַרב פון סופיט אויף אַראָפּ; די ווענט צעגלאַנצן זיך און שפּיגלען־אָפּ זיין הויכע פיגור, וואָס באַוועגט זיך מיטן זעלביקן ריטם, ווי די באַרשט ביי אים אין דער רעכטער האַנט. און אָט איז שוין צוגעפאַלן דער שבת־ביינאַג. ער און מלכה מיט די קינדער גייען איבער די קראָמען, פאַר זיין עלף־יעריק טעכטערל קויפט ער אַ קליידל מיט שיכעלעך, באַבין אַן אַנצוגל און אַ מאַנטעלע, דאָס ווייב האַנדלט־איין אַ סך שפּייז, אינדערהיים שטייט דער טיש אַ געגרייטער און אין שטוב שמעקט מיט וואַרעמער אכילה...

מיטאַמאָל האָט בעני אַ טרייסל־געטון מיטן קאָפּ, אויסגעטשוכעט זיך פונעם חלום און די בילדער זענען אַוועקגעשוועמען. די קאַלטע רעאַליטעט האָט אים אַרויפגעפירט אויפן רעיון פון זיינע פאַרלאַטעוועטע הויזן מיטן אַלטן רעקל, וואָס האָט אַראָפּגעווײנט פון זיין געזונטן גוף. פון זיך אַליין זענען די בליקן געפאַלן אויפן אייגענעם מאַנטל, מיט די אויסגעריבענע אַרבל, און אַ מורא איז אים באַפאַלן, אַז צוליב דעם הילוך וועט אים דער רייכער ייד נישט געבן די אַרבעט.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט און שווייגסט? — האָט אים בעני איבערגעשלאָגן די געדאַנקען און געאײַלט זיך אָוועקצוגיין.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? —האָט מיכל מיט אַ נאַקעטער האַנט צוזאַמענגענומען די שפּיצן־קאָלנער אַרום האַלדז, כדי דער שאַרפער ווינט זאָל אַהין נישט אַרײַנבלאָזן— מיר דאַכט זיך, אַז עס וועט זײַן אומזיסט מײַן גיין אַהין...

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? —האָט בעני נישט פאַרשטאַנען מיכלס מאָדנע רייד און מיטן ציל־פינגער ווידער אָנגעוויזן אויף זיך אַליין— ווען איך שיק דיך, מעגסטו זײַן זיכער, אַז קאַרפּ וועט אַנטקעגן מײַן וואָרט נישט גיין!...

— איך פאַרשטיי, אַז דו מיינסט צום גוטן —האָט מיכל געענטפערט און אין זײַנע רייד האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט די אַלטע האָפענונגסלאָזיקייט— דו זאָגסט אַליין, אַז דאָס איז זייער אַ רייך הויז, איז ווי קאָן מען אַרײַנגיין אַהין אין אַזעלכע טראַנטעס ווי מײַנע?... ווען דער נגיד וועט מיך דערזען וועט ער דאָך מיינען, אַז איך בין אַ „ניעכיי”, אַ „שמירער”, נישט קיין בעל־מלאכה און די אַרבעט נישט געבן. רייכע לייט האָבן ליב זייער גלייכן און פאַראַכטן קבצנים... פאַרשטייסט?... אַלטע און איבערהויפּט צעריסענע קליידער מאַכן אַ שלעכטן איינדרוק און פאַר אַן „אַלערייטניק” דאַרף מען מאַכן אָנשטעל...

מ'האָט זייער גרינג געקאָנט זען, אַז מיכלס רייד זענען בענין זייער געפעלן געוואָרן, מחמת ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אַוועקגיין און ביי זיך אין געדאַנק איבערגעטאַשט פאַרשידענע פּלענער ווי אַזוי אַרויסצוהעלפן זײַן פרײַנט, און צום סוף האָט ער אַ לאַך־געטון:

— איך מיין, אַז דו ביסט גערעכט!... מיסטער קאַרפּ האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז דער פאַרבער, וואָס איך וועל אים צושיקן, מוז קודם זײַן אַ ריינער מענטש און איך ווייס, אַז קליידער העלפן אויף יעדן געביט... אָבער אַפילו דערצו איז פאַראַן אַן עצה. איך האָב נאָך אַן אַנצוג, כמעט אַ נייער. אין אַלמער ביי מיר הענגט אַ גוטער ווינטער־מאַנטל. אויב דו ווילסט, וועל איך דאָס דיר אויסבאָרגן אויף אַ טאָג... איך וועל שוין שפּילן קאָרטן ביינאַכט. קום מיט מיר אַהיים, וועסטו אָנטאָן מײַנע קליידער און גיין צו מיין פרײַנט. ווי געפעלט דיר עפּעס דער אײַנפאַל?..

עס קאָן זײַן, אַז אַן אַנדערשמאָל וואָלט אים מיכל אָפּגעזאָגט דערפאַר. נאָר עס קאָן אויך זײַן, אַז צוליב דעם, וואָס כאָטש ער איז געווען אַ קבצן, אָבער אין אינטעליגענץ געשטאַנען מיט טויזנטער קעפּ העכער פון יענעם, האָט אים דער אינערלעכער שטאָלץ נישט דערלאָזט דערצו. האָט ער מיט אַ זעלטענער צוריקגעהאַלטנקייט אַ שמייכל־געטון:

אויף צעוואָרפענע וועגן

— דיין איינפאַל איז זייער אַ גוטער. איך האָף נאָר, אַז דיינע מלבושים וועלן מיר פאַסן און דער פורים־שפּיל וועט זיך איינגעבן...

אין אַ שעה אַרום האָט מען שוין מיכלען נישט געקאָנט דערקאָנען. די שטענדיקע זאָרג איז פון אים פאַרשוווּנדן. די פּאָר קנייטשן אויפן שטערן און אַרום די אויגן־ווינקלען האָבן זיך אויסגעגלייכט. אַן אָפּגעגאָלטער און אַן איבער־געטאָענער אין אַ טונקל־בלויען אַנצוג, אין אַ טייערן, שוואַרצן אויבער־מאַנטל און אין אַ גרויען, ווייכן הוט, וואָס איז חנעוודיק געזעסן אויף זיין שוואַרץ־האָריקן קאָפּ, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אמתער פראַנט.

אַז ער האָט נאָכאַמאָל אויסגעגלייכט דעם געבלימלטן שניפּס אויף דעם ווייסן, אויסגעפּרעסטן העמד, האָט ער זיך איינגעקוקט אין שפּיגל און צום ערשטן מאָל דערזען ווי פון דאָרטן האָט אַרויסגעשמייכלט אַ הויך־געוויקסיקער מאַן אין די פינף־און־דרייסיקער יאָרן, מיט אַן אָפענעם, גוטמוטיקן פּנים און ברייטע פּליי־צעס, ווי ביי אַן אַטלעט.

מיכל האָט קיינמאָל נישט גערויכערט. נאָר צוליב דער געלעגנהייט, האָט ער געקויפט אַ גראָבן, פינף־סענטיקן ציגאַר, מיט אַ פּאַפּירענעם, גילדענעם רינג־געלע אינדערמיטן און ווען ער איז, שפּעטער אַ ווײַלע, צוגעגאַנגען צום נגידס הויז, האָט ער דעם ציגאַר פאַררויכערט, דערפון אַ נישקשהדיקן הוסט־געטון און מיט אַ ווייטן ציטער אין די פינגער, אַנגעקלונגען אין גלעקל פון טיר.

אַ שוואַרץ־הויטיקע דינסט, מיט אַ ווייסן, אויסגעשפּיצטן שירצל און מיט אַ ווייס „קרוינדל" אויפן קאָפּ, האָט אים אַריינגעפירט אין אַ הויכן און טיפן זאַל.

מיכל האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ ווייכער, פּליושענער שטול און אַרומ־געקוקט זיך. די ווענט זענען געווען אויסגעקלעפּט מיט טייערע טאַפּעטן, אויף וועלכע עס האָבן זיך געמיניעט עטלעכע פאַרבן פאַראַמאָל. אויף איין וואַנט איז געהאַנגען אַן אויל־פּאָרטרעט אַריינגעפּאַסט אין אַ באַגילדעטער, שווערער ראַם און אַ שיינע, יונגע דאַמע, מיט אַ כישופדיקן שמייכל, האָט אַרויסגעשמייכלט פון דאָרט און אַנגעפילט דעם כמורנעם זאַל מיט צאַרטער ווייבלעכקייט. דער אומע־טיקער סופיט האָט, ווי פון דורות אָן, געדרעמלט אויף צוויי דעמבענע באַלקעס. אַ טיפער טעפּיך, פון ווייך־קאָליר, איז געלאָפן פון איין ברעג־דיל צום אַנדערן און זיין רייכער אויסזען האָט צו וויסן געגעבן, אַז ער קומט פון אַ געהויבענעם יחוס, פון אַ ווייטן צויבערלאַנד און מיט פּראָסטע טריט טאָר מען אויף אים נישט טרעטן...

דורך אַ זייטיקער טיר, וואָס האָט זיך געעפנט גרינג און שטיל, איז אַריינ־געקומען אַ מיטלוויקסיקער ייִד, מיט אַ ראָזעווען, אויסגעוואַשענעם פּנים און גרויסע

האָר, אַזוי אַז מען האָט אים געקאָנט אָננעמען, אי פֿאַר פֿערציק, אי פֿאַר זעכציק יאָר. מיט חשד אין זיינע טיף־בלויע אויגן, האָט ער אַ קוק־געטון אויף מיכלען:

— האַלאָ! ווער זענט איר? וואָס קאָן איך טון פֿון אייערטוועגן?...

מיכל האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעשטעלט און עס האָט זיך אים געוואָלט הערן פֿון דעם ייִדן די פּאָר גינסטיקע ווערטער: „די אַרבעט איז אייערע"... און דערנאָך וואָס גיכער לויפֿן אַהיים און אַנזאָגן מלכהן די גוטע בשורה. אָבער פֿון זיין שטייפֿער האַלטונג און פֿון דער קאַלטער מינע אויפֿן פּנים, איז נישט געווען צו מערקן די מינדסטע נייגעריקייט וועגן דעם. אדרבא, מיט אַן אָנגעשטעלטער ווירדע, האָט ער פּאַמעלעך אַראָפּגעטרייסלט דעם אַש פֿונעם ציגאַר אין אַ מע־שענעם אַש־טעצעלע און מיט אויבנאויפֿיקער רויִקייט אין קול, געמאָסטן און געוויגן יעדעס אַרויסגעזאָגטע וואָרט:

— איך בין אַ פֿאַרבער... מיין פֿריינט, בעני הורוויץ, האָט מיר געזאָגט, אַז איר ווילט פֿאַרבן אייער הויז... בין איך געקומען זען די אַרבעט...

דער מיסטער קאַרפּ איז געווען פֿון יענע פֿאַרשוינען, וואָס ווילן רק מאַכן דעם איינדרוק, אַז רייכקייט האָט אויף אים נישט קיין השפּעה און ער פֿירט זיך אויף ווי אַן עכטער אַמעריקאַנער דעמאָקראַט, איז „גוטער־ברודער" מיט גבירים און אַפֿילו מיט פּראָסטע, אָרעמע אַרבעטער. פֿונדעסטוועגן האָט ער נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם אורח, און נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס אַזאַ שיין־אָנגעטאָענער הער — איז געקומען צו אים וועגן אַרבעט:

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? וועגן געשעפֿט און, להבדיל, וועגן תורה קאָן מען נישט רעדן אויף איין פֿוס... אָט, זעצט זיך אַוועק, מאַכט זיך באַקוועם. אפֿשר וועט איר טרינקען אַ גלעזל טיי? און וועגן „ביזנעס" וועלן מיר רעדן אַביסעלע שפּעטער — האָט זיך דאָס וואָרט „תורה" צו אים געקלעפּט, ווי אַ פּאַטש צו אַ „גוט־שבת"...

— אַ דאַנק! ערשט געטרונקען — האָט זיך מיכל אַרויסגעדרייט דערפֿון און אַלץ געוואָלט הערן פֿונעם נגיד די פּאָר ווערטער, אַז ער וועט די אַרבעט באַקומען.
— אייגנטלעך דאַרף איך היינט זיין אין נאָך אַ פּלאַץ אָנקוקן אַרבעט, און האָב נישט קיין צופֿיל צייט...

— איך האָף, אַז איר וועט מיר אַנטשולדיקן וואָס איך רעד אַ סך —איז מיסטער קאַרפּ גראָד געוואָרן זייער באַרעדעוודיק— דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס זינט מיין פֿרוי איז אויף איבערן ווינטער אַוועקגעפֿאָרן קיין פֿלאָרידאַ, קומט זעלטן עמעצער אַריין אַהער און איך האָב ליב צו זען ביי זיך אין הויז אַ פֿריש פּנים... מעג איך האָבן אייער וויזיט־קאַרטע?...

פון דער אומדערוואַרטעטער פראַגע איז מיכלס פּנים רויט געוואָרן. ער האָט כלומרשט אָנגעהויבן זוכן ביי זיך אין די קעשענעס אַ וויזיט־קאַרטל און דערביי געמאַכט אַזעלכע גרימאַסן, ווי ער וואָלט פאַרלוירן אַ טייערן אוצר און איז דערפון געקרענקט:

— אַפּנים, אַז איך האָב פאַרגעסן מיטנעמען די וויזיט־קאַרטלעך... אָבער אַלץ איינס, מיין נאָמען איז מיכל גאַרדאָן...

— זייער אָנגענעם, מיסטער גאַרדאָן —האָט זיך דער ייִד אַריינגעזעצט אין אַ שטול אַנטקעגן מיכלען— ווי איך הער, ווייסט איר שוין ווי איך הייס. איז גוט אַזוי. וועלן מיר גלייך צוגיין צום ענין. די מעשה איז אַזאַ: ביז מיין פרוי וועט קומען, דאַרף איך טאַקע אויספאַרבן דאָס הויז. איך וויל מען זאָל אַראָפּנעמען די איצטיקע פאַרב פון די טירן מיט די פענצטער און בייטן אויף מאַהאָגענעם קאָליר, עס זאָל האַרמאָנירן מיט די מעבל און אַראָפּרייסן דאָס פּאַפּיר פון די ווענט און מאַכן גרעפּטעקס.

— דאָס איז זייער אַ גוטער פּלאַן —האָט אים מיכל איבערגעשלאָגן די רייד און טיף אין האַרצן אָנגעקוואָלן, וואָס ער וועט דאָ האָבן אַ סך אַרבעט— איך וועל אייך מאַכן די בעסטע גרעפּטעקס אין וואָס פאַראַ „דעזיין" איר וועט וועלן. דערויף וועל איך בלענדן אַ פּאָר קאָלירן און באַשפּרינקען מיט אַ גילדערנעם פּוידער. עס וועט זיין אַן אַנטיק!...

— אַנטשולדיקט מיר, מיסטער גאַרדאָן, איר האָט נישט געלאָזט ענדיקן. וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן... איז אָט־וואָס: ווען דאָס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן מיינע אַנדערע הייזער, וואָלט איך אייך די אַרבעט אפשר געגעבן. אָבער, ביי זיך אינדערהיים איז עפּעס אַנדערש!... איר פאַרשטייט? איך האָב, ווי איר זעט, אימ־פּאָרטירטע קאַוויאַרן, וואָס קאָסטן זייער אַ סך געלט און דערצו נאָך טייערע מעבל. איז דאַרף איך אַהער האָבן אַ פּשוטן בעל־מלאכה, וואָס זאָל שטיין אַליין און אַרבעטן. און ווי איך זע, זענט איר דאָך אַן אונטערנעמער, דאָס הייסט אַ קאָנטראַקטאָר. איר וועט געוויס אַריינשיקן אייערע אַרבעטער, וואָס וועלן פאַר־אומרייניקן די קאַוויאַרן און פאַרשפּריצן דאָס מעבל און דאָס טויג נישט!...

ביי מיכלען האָט זיך אַ שטיק־האַרץ אָפּגעריסן. אין די אויגן איז אים פינצ־טער געוואָרן. זיין לעצטער אָנשפּאַר, די לעצטע האָפענונג איז אויסגערונען. דער גרויסער זאַל, דער פּאַרטרעט אויפן וואַנט, אַלץ האָט זיך גענומען דרייען, יאָגן איינס נאָכן אַנדערן און אין דעם קאַראַהאַד האָבן זיך געהערט מיסטער קאַרפּס רייד, וואָס זענען, ווי קנאַקענדיקע בייטשן געפאַלן מיכלען אויפן קאָפּ:

— איר פֿאַרשטייט, מיסטער גאָרדאָן? איין מענטש קאָן זיך נעמען וויפֿל צייט ער וועט וועלן און זיין ציכטיק. מיר גייט דאָ נישט אין געלט. פֿון אַזעלכע זאַכן האָב איך פֿיינט צו שפּאָרן... דעם אַרבעטער וועל איך צאָלן וויפֿל ער וועט הייסן. נאָר איך וויל אַזאַ מענטש, וואָס איך זאָל זיך קאָנען פֿאַרלאָזן אויף אים און איך האָב דאָך געזאָגט בעניך, אַז די אַרבעט וועל איך אַ קאָנטראַקטאָר נישט געבן, בלויז צו אַ בעל־מלאכה.

מיכל האָט מער נישט געקאָנט אויפֿכאַפּן קיין וואָרט. זיין הויכע, שטאָלצע פּלייצע האָט זיך מיטאַמאָל איינגעהויקערט, דאָס פּנים — בלאַס, פּאָר די אויגן איז, ווי אויסגעוואָקסן די היים, די גוטע מלכה, וואָס האָט אים קיינמאָל נישט אויפֿגעוואָרפֿן, הלמאי ער אַרבעט נישט און דאָס האָט אים נאָך מער ווי־געטון ווי צען פּעטש. אין מוח האָבן זיך אים געבאָמבלט ברעקלעך געדאַנקען און פּיצ־לעך תּירוצים, וואָס צו זאָגן דעם וויב און אַפֿילו בעניך, — נאָר קיינע פֿון זיי האָבן נישט געטויגט. אויך זיין זון, באַבי, מיט זיין טעכטערל, מערעלע, זענען, דאַכט זיך, געשטאַנען קעגן אים אַזעלכע אויסגעבלייכטע, הונגעריקע און מיט זייערע גרויסע אייגעלעך, אין וועלכע עס איז געלעגן אַ ים מיט צער, געקוקט אויף אים און געמאָנט: „טאַטע, וואָס האָסטו געטון?״... און מיכל האָט נישט געוווסט וואָס צו זאָגן דעם רייכן ייִדן און ווי־אַזוי צוריקכאַפּן זיין נאַרישן אַנשטעל.

ווי אַ נאַקעטער איז מיכל געזעסן אין דער ווייכער שטול און זיינע הענט האָבן געבלאָנדזשעט פֿון די קעשענעס צו זיך אויף די קני און צוריק. ער איז שוין גרייט געווען אַראָפּצורעדן זיך פֿונעם האַרצן און דערציילן דעם אמת, דעם ריינעם אמת, אַז ער איז נישט קיין אונטערנעמער, נישט קיין קאָנטראַקטאָר, נאָר בלויז אַן אָרעמער אַרבעטסלאָזער אַרבעטער, וואָס האָט אַ וויב מיט צוויי הונגע־ריקע קינדער אינדערהיים. אָבער, אַ געהיימע האַנט, וואָס איז געווען שטאַרקער פֿון אַלע זיינע נויטן, האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפֿון.

איז מיכל ראַפּטום אויפֿגעשטאַנען און אַ פֿאַרשעמטער אַרויס אין דרויסן. דער פּריש־אָנגעפּאַלענער שניי האָט אַ בלענד געטון אין די אויגן. דער פֿראָסט האָט געביסן די נאָז, געשטשיפּעט די אויערן און געסקריפּעט אונטערן טראָט מיט מער בייזקייט ווי פֿריִער. נאָר אָנשטאָט קעלט האָט מיכל דערפֿילט, ווי דער פֿרעמדער אַנצוג מיטן רייכן אויבערמאַנטל האָבן געבריט דאָס לייב און אַ וויל־דער אימפּעט האָט אים געשטויסן אין קאַרק אַריין, וואָס גיכער פּטור צו ווערן פֿון די פֿרעמדע מלבושים און אַריינקריכן צוריק אין זיינע אַלטע, אָבער אייגענע קליידער.

הונגער

אין רעכטן ברען פונעם אַמעריקאַנער גרויסן קריזיס, ווען מיליאָנען אַר־בעטער זענען אַרומגעגאַנגען ליידיק, נישט געהאַט וואָס צו עסן און ווו צו שלאָפן, האָט זיך דער דרייסיק־יעריקער דייוו אויפגעכאַפּט, ווען דער זומערדיקער פרי־מאָרגן האָט שוין אַריינגעקוקט דורך די האַלב־פאַרהאָנגענע פענצטער, שטילער־הייט אַרויסגעשאַרט זיך פון בעט און געזען, ווי אַ שטרייף פון דער ערשט־אויפגייענדיקער זון האָט זיך פּאַמעלעך אַריינגעגנבעט אין שלאָף־צימער און אָפּ־געפאַרבט זיין קינדס, סעמקעלעס, שוואַרץ קעפּל האָר אויף גאָלד.

דייוו האָט זיך אָנגעטאָן אין דער שטיל, נישט געוואָלט אויפוועקן דאָס קינד, מורא געהאַט, אַז זיין ווייב, ציפּל, וועט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און ווידער אָנ־הייבן טענהן: „וואָס וועט זיין, דייוו? דו זעסט דאָך, אַז דאָס קינד איז איינגעדאַרט געוואָרן ווי אַ שפּאָן. ער וועט דאָך באַלד אָוועקפאַלן, די בייזע שעה זאָל נישט זיין און דיר אַרט דאָס נישט!"...

אַז ער האָט שוין גענומען דעם רענצל־געצייג אין די הענט און געקליבן זיך אַרויסגיין, האָט זיך ציפּל מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט, אַרויסגעשטעקט דעם צע־פּאַטלטן קאָפּ פון אונטערן ליילעך און אַ קאָסן קוק געגעבן אויף אים:

— ווען וועסטו קומען אַהיים, פאַרדינער מיינער?

דאָס האַרץ איז ביי דייוון איינגעפאַלן. ער האָט געמיינט, אַז אָט הייבט זיך אָן די זעלבע חתונה, וואָס אַלע טאָג, זינט ער איז געוואָרן אַרבעטסלאָז. נאָר צום גליק האָט זי אים מער גאָרנישט געפרעגט, — אַפּנים צוריק איינגעשלאָפן. איז דער מאַן צוגעגאַנגען צו זיין קונדס בעטל, אַ צאַרטן בליק געגעבן אויפן יינגל, וואָס איז געשלאָפן מיט צעשפּרייטע הענטלעך און קוים באַרירנדיק דעם רויטן, אָפּגעפאַרבטן דיל, איז ער דערנאָך אַרויס אין דרויסן.

נח גאָלדבערג

אין גאַס איז אָנגעלאָפן אַ פריש ווינטל און אויסגעקושט דעם שלאָף פון דייווס אויגן, אַ שפּיל־געטון מיט זיין שוואַרצער פּאַטלע. אָבער דער יונגערמאַן האָט אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט. מיט זיינע לאַנגע פיס איז ער צוגעגאַנגען צו אַ קיאָסק. פאַר די לעצטע דריי סענט געקויפט אַ מאָרגן־צייטונג. צווישן די אַנאָנסן איבערגעלייענט, אַז קאַמינסקי, זיין אַמאָליקער באַלעבאָס פאָדערט אַר־בעטער צו דער אַרבעט. האָט ער די צייטונג פאַרקוועטשט ביי זיך אין רעקל־קעשענע, אַן איילנדיקער אַוועק אַהין און די גאַנצע צייט האָט זיך אים אויסגע־דאַכט, אַז ס'איז שפּעט, אַז ער וועט די שטעלע זיכער אָנווערן.

כאָטש דער וועג איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער, וואָסערע פערציק קוואַרטאַלן פון דאַנען, דאָך איז דייוו געגאַנגען צו־פוס און פאַרגעשטעלט זיך: „ער וועט צוגיין צו קאַמינסקין, דערציילן דעם ריינעם אמת, אַז אין הויז איז נישטאָ וואָס צום עסן, אַז אים אַרט נישט פאַר זיך מיטן ווייב, נאָר בלויז פאַר סעמקעלען ,וואָס וועט חלילה אַוועקפאַלן פון הונגער... אפשר וועט דאָס העלפן צו באַקומען די שטעלע?... און אפשר נישט?...

פאַר דעם לעצטן געדאַנק האָט ער זיך דערשראָקן און פאַרגיכערט די טריט. איצט איז ער כמעט געלאָפן איבער די ניו־יאָרקער, אַספאַלטענע טראָטואַרן מיט אַ פאַרטיקן באַשלוס ביי זיך אין געדאַנק, אַז ער מוז קריגן די אַרבעט!...

שפּעטער אַביסל, ווען ער איז אַ פאַרסאָפּעטער צוגעגאַנגען צו קאַמינסקיס פאַרב־געשעפט, האָט ער שוין דאָרט געטראָפן אַ היפּש רעדל אַרבעטער, וואָס זענען אויך געווען אַרבעטסלאָז ווי ער און געקומען אַהער זוכן פרנסה. די בעלי־מלאכות האָבן געקאָנט איינער דעם אַנדערן, סיי פון דער אַרבעטער־בירזשע און סיי פון דער „יוניאָן". דעריבער, ווען איינער פון זיי האָט דערזען דייוון צוקומען, האָט ער אַ געשריי־געטון:

— חברה, זעט נאָר ווער עס גייט? האַלאָ, דייוועניו!... וואָס מאַכסטו? שוין לאַנג נישט געזען זיך!... מסתמא פון נעכטן אָן, אַ?!...

דייוו האָט אַוועקגעשטעלט זיין רענצל מיט געצייג אויף דער ערד און אַ פינצטערן בליק־געטון אויף דעם פאַרמאַכטן פאַרב־געשעפט:

— אברהמל, האָסט אפשר אַ סיגאַרעטל?

אין דער אמתן האָט מען אברהמלען גערופן „דער קאַרקן־ציִער" און געקו־מען איז דאָס דערפון, ווייל ווען ער פלעגט אַריינגיין אַרבעטן אין אַ באַוווינטער דירה, האָט ער אָפּריִער געזוכט אין אַלע שאַפעס פלעשלעך. זיי האָבן געמעגט

זיין גרויסע, אָדער קליינע. ער האָט זיי געמוזט אויפקאָרקעווען און אַ שמעק־געבן, צי אין זיי געפינט זיך בראָנפן. אָט דער אברהמל האָט זיך איצט האַסטיק אויס־געדרייט מיטן פנים צו די אַנדערע אַרבעטער און אַ פינטל־געטון מיט זיין בעל־מעדיקן אויג:

— איך וועל דיר געבן אַ סיגאַרעטל, אָבער אַפּריער זאָג מיר דייוועניו: זי האָט דיך טאַקע אַרויסגעוואָרפן פון בעט, וואָס דו ביסט געקומען אַזוי פרי?...

סאָול, דער „גאָנער", האָט אַרויסגעהויבן זיין לאַנגן האַלדז מיטן געשרייפלטן גאָרגל, וואָס איז, פון הינטער דער דינער הויט, אַרומגעלאָפן אַרויף און אַראָפּ, ווי עמעצער וואָלט דאָרטן דעם גאָרגל געצויגן מיט שטריקעלעך אַהין און אַהער:

— קום נאָר אַהער, יום־טוב מיינער! — איז ביים „גאָנער" טאַקע געווען אַ פרייד, ווען ער האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט דייוון און געהאַט פון וועמען צו חוזק. און דייוון האָט דאָס נישט געאַרט. אדרבא, ער אַליין פלעגט אויך מיטלאַכן מיט זיי און אַפילו אָפּלאַכן, סיי פון זיך גופא און סיי פון זיין ביטערן מזל.

אַמאָל איז געווען אַנדערש. אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, ווי אַ וואַנט פון אַ דעמבענעם אַלמער, איז דייוו געווען אַ שטאָלצער מענטש. אויב עמעצער וואָלט אים אַמאָל געוואָגט זאָגן אַ קרום וואָרט אַפילו, צי אָפּלאַכן, האָ, האָ! ער וואָלט יענעם אַזוי פאַרפאַרן אין מאָרדע, אַז דער אָפּלאַכער וואָלט די ציינער נישט געקאָנט צונויפקלייבן. אָבער היינט האָבן אים די צרות אַזוי דערשלאָגן, אַז ער איז ביי אַלעמען אין די אויגן געוואָרן אַזאַ נעבעכל איבער וועמען מען קאָן חוזק מאַכן.

ווען דער „גאָנער" האָט דערזען, אַז דייוו שוויגט, פינטלט אומבאַהאָלפן מיט די אויגן און בעט ביי אברהמלען אַ סיגאַרעטל, איז ער ביי זיך דרייסטער גע־וואָרן און אויך אָנגעהויבן אָפּלאַכן פון אים:

— דייוועניו, ווי איך זע, פעלסטו דאָ אויס צו אַ מנין... איז אפשר זאָלסטו רירן מיט אַ פיסל און אָנהייבן זאָגן קדיש נאָך דעם באַלעבאָס. זעסט דאָך, שוין אַזוי שפּעט און קאַמינסקי איז נאָך נישטאָ. אַפּנים, אַז ער איז געשטאָרבן... אסור אויב עס וואָלט געווען אַן עוולה, אַז דו זאָלסט ווערן זיין יורש. וואָלסט דעמאָלט אונדז אויך געגעבן אַ געלעגנהייט עפּעס צו טון... ווייל ביי דעם גנב וועט אַלץ איינס קיינער נישט קאָנען פאַרדינען מער ווי וואָסער אויף קאַשע...

דייוו האָט דערפון געשמייכלט, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען נישט קיין אַרומגעגאָלטער, האָט מען נישט געקאָנט וויסן צו זיין פנים לאַכט, אָדער ס׳וויינט. די ברוינע אויגן האָבן זיך צונויפגעצויגן און אויסגעזעהן, ווי לענגלעכע מאַנד־לען און דער גוטמוטיקער יונגערמאַן האָט געטראַכט, אַז מיט דער חברה איז אַ

סך בעסער איידער מיטן ווייב אין דערהיים. מען שפּאַסט, אַ „קיבעץ" אַהער, אַ „קיבעץ" אַהין — ס'איז פּאַרט פריילעך. ווי זאָגט שלום־עליכם: „הוליע קבצן!". און אינדערהיים וואָס?... ווי נאָר ער עפנט די טיר, צעעפנט ציפּל איר פייער־דיקן פּיסק:

— האָסט היינט עפּעס פאַרדינט?... פּוילסט זיך, אַ בראָך זאָל דיך לייגן!...

און טאָמער שווייגט זי —האָט דיוו ווייטער געטראַכט— דעמאָלט איז נאָך ערגער. פון דערפאַרונג האָט ער געוווסט, אַז פון ציפּלס שווייגן וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען, אַז סוף־כל־סוף וועט דער שטורעם אויסברעכן. אגב, איז אים אַלעמאָל געווען שווערער אַריבערצוטראָגן איר שווייגן און דאָס האָט אים געקאָסט מער געזונט און האַרצווייטיק איידער אירע גיפטיקע רייד, וואָס פלעגן שטעכן ביז דער זיבעטער ריפּ.

אָבער, אַז דער „גאַנער" האָט זיך שטאַרק צוגעטשעפּעט און אָנגעהויבן צופּן ביים אַרבל, מיט דער זעלבער ווולגאַרער פראַגע, וואָס אברהמל: „צי דאָס ווייב האָט אים טאַקע אַרויסגעוואָרפן פון בעט", איז דיוו געוואָרן אַזוי אויפגעקאָכט, אַז ער האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און פאַרמאַסטן זיך אויף סאָולן:

— פאַרשיווער גאַנער! אויב דו פאַרמאַכסט נישט דעם חזירישן פּיסק, האַק איך דיר אויס דיינע פערדישע ציין!... דו לאַכסט, אַז לאַכן זאָלסטו מיט יאַשטשער־קעס און ביי מיר אין שטוב איז נישטאָ קיין ביסן ברויט פאַרן ווייב און קינד!

אַ ביסל אַ דערשראָקענער פון דיווס פּלוצימדיקן כעס און פאַר זיינע גע־זונטע הענט, האָט זיך סאָול אָפּגעקערט אָן אַ זייט און פונוויטן גערעדט מיט דער זעלביקער לאַכעדיקייט אין קול, וואָס פריִער:

— זע נאָר, זע ווי די קליפּה האָט זיך דאָס צעשריִען אַביסל אויפן ניכטערן מאָגן?... מען טאָר שוין אַפילו נישט שפּאַסן מיט אים!... און ביי וועמען פון אונדז איז אין דערהיים יאָ פאַראַן וואָס צום עסן?... וואָס מיינסטו, אַז דו ביסט דער איינציקער סאָלדאַט אין ראָטע? מיר איז דען בעסער פון דיר? אידיאָט!...

אברהמל, דער „קאַרקן־ציִער", האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז צווישן די צוויי פריינט, וואָס זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, ווי צוויי הענער פאַרן גיין אין מלחמה, זאָל קומען צו אַן אמתער קריגעריי און אפשר — צו פעטש. האָט ער זיך אומבאַמערקט אַריינגעשטעלט צווישן די „הענער" און גערעדט מער צו די אַנדערע אַרבעטער אַרום דעם פאַרב־געשעפט, איידער צו דיוון מיט סאָולן:

— איר הערט, חברה? ביי די קומענדיקע יוניע־וואַלן וועלן מיר אויסוויילן אָט־די צוויי קלוגע קעפּ! עס איז בלויז אַ שאָד וואָס דיוו מיט סאָולן טראָגן די

קעפּ זייערע אינדערוואַכן: זיי האָבן זיי געדאַרפט טראָגן בלויז אין די שבתים און יום־טובים, ווי איך בין אַ ייִד!...

אַן אַרבעטער, מיט קראַנקע, פאַרויטלטע באַקן פון פאַרב־סם, האָט איבער־געשלאָגן אברהמלס חכמהנען זיך:

— קאָרקעלע גנב, אַ ניכפּה דיר אויף וועטשערע! מאַך אַ ווײַלע צו דעם אַפּטייק און לאָז דעם גאַנער רעדן, אַז רעדן זאָל ער פון פייער! אַפילו דייוועניו איז דאָך קליגער פון דיר און וואָס אַרט דיך, אַז די צוויי „העלדן" וועלן זיך צעבוצקען?...

אברהמעלע האָט אים געוואָלט ענטפערן ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. נאָר אין מיטן דרינען איז צום טראָטואַר צוגעפאָרן אַ נייער, שוואַרצער אויטאָמאָביל און אָפּ־געשטעלט זיך. פון דאָרטן איז אַרויס אַ קליין, דאַר פאַרשווינדל, מיט אַ פייגן־פּנימל און אַזאַ לאַנגן און פאַרשפּיצטן נאָז, ווי דער שנאָבל ביי אַ וואָראָנע. דער פּריִערדיקער טומל פון די אַרבעטסלאָזע איז גלייך אָפּגעשטאָרבן. זיי זענען גע־בליבן שטיין הכנעהדיקע און נישט געוווסט וואָס צו טון מיט זיך: צולויפן צום אויטאָמאָביל, אָדער נישט.

דאָס קליין־געוויקסיקע מענטשל האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט, ווי פאַר אים וואָלט דאָס קיין נייעס נישט געווען. בלויז זײַנע דינע ליפּן האָבן, פון געוווינהייט, אַרויסגעוואָרפן צוויי סקאַרבאָווע, אַמעריקאַנער ווערטער אין דער לופטן:

— האַלאָו, באָיעס!...

— גוד מאָרנינג, מיסטער קאַמינסקי! — האָבן אים די בעל־מלכות געענט־פערט מיטאַמאָל, ווי אַ גוט־איינגעשטודירטער כאָר און דערביי געוואָרפן אַזעלכע בעטנדיקע בליקן, אַז דער באַלעבאָס זאָל דאָס באַמערקן, רחמנות האָבן און געבן אַ טאָג אַרבעט.

אָבער קאַמינסקי האָט דאָס נישט באַמערקט. פון קעשענע האָט ער אַרויס־גענומען אַ בינטל מיט שליסלען, געלאָזן צוגעגאַנגען צו דער פאַרשלאָסענער טיר פון זײַן פאַרב־געשעפט. אין אַ פּאָר רגעס אַרום האָט ער זי אויפגעעפנט, אָנגע־צונדן די עלעקטרישע לאָמפּן, אַז דער געוועלב זאָל מאַכן אַ רייכערן איינדרוק און צוריק אַרויס צו די אַרבעטער אין דרויסן.

מיט אַ שפּיץ־אויג האָט ער יעדן איינעם באַטראַכט פון אַלע זייטן. מיט די בליקן באַטאַפּט זייער גבורה, ווי פערד אויפן מאַרק און אַלץ געוואָלט טרעפן ווער פון זיי וועט אים קאָנען געבן אַ בעסערן טאָג־אַרבעט... דערנאָך האָט ער

נח גאָלדבערג

אַ ווונק געגעבן צו עטלעכע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אַריין אין קראָם און צו די אַנדערע געזאָגט, אויף ענגליש, פאַרשטייט זיך:

— סאָרי, באָיעס. דאַטס אָלל פאָר טודעי!...

צווישן די גליקלעכע איז אויך געווען דייוו. אויף זיינע שפּיץ־באַקן האָט זיך צעגאָסן אַ רויטלעכע, פרײדיקע פאַרב. די אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט זיכערקייט און גלויבן, אַז נאָך נישט איז אַלץ פאַרלוירן. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן האַסטיקער, און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי פון יעדן אָבער האָט אַרויסגעזונגען אַ ציטערדיקער געזאַנג: „איך האָב אַ דזשאָב!"...

די קראָם איז געווען אַ שמאָלע און אַ טיפע. פאַרנט זענען, ביי ביידע זייטן ווענט, געשטאַנען אָנגעפיקעוועטע פּאַליצעס מיט כלערליי קאַנען און קענדלעך פאַרב, פאַרשידענע סאָרטן „שאַרלעק" און „וואַרניש". אויף דער ערד — גאַנצע בערג מיט פאַרמאַכטע עמער פאַרב, סיי ווייסע און סיי קאָלירטע. צום בלעכערנעם סופיט האָבן זיך געריסן צוויי סטויגן מיט „פּלאַסטער" און קאַלך. אין איין ריזיקן פאַס האָט זיך געפונען בוימוואָל און אין דער אַנדערער — בענזין. אין אַ לאַנ־גן גלעזערנעם שויקאַסטן זענען געלעגן „סטיפּל־באַרשטן", סופיט־באַרשטן, ווענט און „האָלץ" בערשטלעך; ברייטע און שמאָלע „פּודימעסערס", „טראַלן" מיט „האָלטערס" און אַלץ, וואָס אַ פאַרבער דאַרף האָבן צו דער אַרבעט.

ביים סאַמע עק־קראָם איז געווען דער „שאָפּ". דאָ זענען געשטאַנען און געוואָרט אַרום אַ צענדליק אָפענע עמערס מיט ווייסער פאַרב, וואָס קאַמינסקי האָט נעכטן אָנגעגרייט אי פאַר די אַלטע „הענט", וואָס האָבן שוין דאָ געאַרבעט פון לאַנג, אי פאַר די נייע בעל־מלאכות, וואָס ער האָט היינט געזאָלט דינגען. נעבן יעדן עמער: אַ ברייטע באַרשט צום פאַרבן ווענט און אַ שמאָל בערשטל צום „פלעטן" און „אַנעמלען" געהילץ. אַביסל אָן אַ זייט אַ שטויס מיט ברעזענטן און צוזאַמענגעלייגטע לייטערס.

אַז דער באַלעבאָס איז פאַרטיק געוואָרן מיטן רעדן צו די אַנדערע פיר אַרבעטער, וואָס זענען געווען פון די „גליקלעכע" צו גיין אַרבעטן, האָט ער צו־גערופן דייוון צו זיך און מיט אַ פאַרטיקן שמייכל אין זיינע שמאָלע אייגעלעך געזאָגט:

— זעץ זיך אַוועק אַ ווײַלע, דייוו; וואָס שטייסטו פונוויטן ווי אַ פרעמדער?

דייוו האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שלאָבערדיקן שטול ביים וואַנט. אים האָבן טאַקע ווײ־געטון די פיס פונעם לאַנגן וועג און פון דעם שטיין און וואַרטן מער ווי אַ האַלבע שעה נעבן פאַרב־געשעפט. קאַמינסקי האָט דערווייל אַרויס־

גענומען אַ פּעקל סיגאַרעטן פון דער הויזן־קעשענע, אים אויך געגעבן אַ סיגאַ־רעטל, פאַררויכערט און צוגעטראָגן צו דייוון אַן אָנגעצונדן שוועבעלע:

— דו ווייסט דאָך, דייוו, אַז איך בין אַן ערלעכער מענטש, אַ יאָ?

— נו, געוויס! — האָט דייוו פאַרצויגן אין זיך דעם רויך פונעם סיגאַרעטל, אַרויסגעלאָזט בלויע, קיילעכדיקע חופּה־רינגעלעך רויך אינדערלופטן און נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס קאַמינסקי האָט אים פּלוצים געפרעגט די דאָזיקע פראַגע, ווייל, וואָס עפּעס אינמיטן דרינען „ערלעכער"?... און וואָס פאַראַ ערלע־כער איז ער געווען?... דייוו האָט דאָך אים געקאָנט פון אַמאָל נאָך, ווען ער האָט דאָ געאַרבעט עטלעכע וואָכן. אָבער זאָגן קאַמינסקין דעם אמת אין פּנים אַריין, האָט ער איצט פאָרט נישט געקאָנט.

— נו, איז הער זיך איין, דייוו —איז קאַמינסקי געווען צופרידן פון יענעמס ענטפער און גלייך אָנגעהויבן רעדן וועגן תּכלית— איך האָב אַריינבאַקומען אַ סך אַרבעט, פון אַ גרויסער ריעל־עסטייט־קאָמפּאַניע. איז אויב דו וועסט זיין אַ „גוד־באָי", וועסטו ביי מיר קענען אַרבעטן אַפילו אַ גאַנץ יאָר און מאַכן אַ פיינעם לעבן...

דער אַרבעטסלאָזער האָט זיך מחיה געווען מיטן סיגאַרעטל. דער רויך האָט פאַרטושט זיין הונגער. דייוו האָט אים געזשאַלעוועט אַרויסלאָזן פון מויל און מיט שרעק און האַרצווייטיק געזען, ווי מיט יעדן גלי פון די טאַבאַק־פונקעלעך ווערט דער סיגאַרעטל אַלץ קלענער און קלענער. פונדעסטוועגן האָט ער אים אויף אַ ווײַלע אַרויסגענומען פון צווישן די ליפּן און דערפילט, ווי דער סיגאַרעטל האָט אַ ברי־געטון די פינגער:

— וואָס הייסט?... געוויס וועל איך זיין אַ „גוד־באָי". אָבער איך פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט, מיסטער קאַמינסקי...

קאַמינסקי האָט אַ דראָבנעם הוסטל־געטון און נערוועז דערשטיקט מער ווי אַ האַלב פון זיין נישט־דערויכערטן סיגאַרעטל אין אַ בלעכערנער אַש־טעצעלע:

— אויב דו פאַרשטייסט נישט, וועל איך דיר געבן צום פאַרשטיין. איך קאָן דאָך דיר און דו קאָנסט מיך אויך, וועל איך רעדן צו דיר אָפענע רייד: דו ביסט דאָך אַ יוניע־מאַן און ביי מיר איז אַ שטרענגער יוניע־שאָפּ. נאָר צאָלן דעם פולן יוניע־געהאַלט קאָן איך נישט. איך קריג אויך נישט קיין סך פון דער קאָמפּאַ־ניע... איז וויפל ווילסטן אַ וואָך?...

די רויטלעכע פאַרב איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן פון דייווס שפּיץ־באַקן און ער האָט דערפילט, אַז ער איז נישט געזעסן ביי קאַמינסקין אין פאַרב־געשעפט אויף אַ שטול, נאָר ערגעץ צווישן הימל און ערד, אויף אַ גרויסן שפּינגעוועב,

וואָס וועט באַלד צעקריכן אונטער אים און ער וועט אַראָפּפֿאַלן אין אַזאַ טיפֿן אָפּ־גרונט פֿונוואַנען ער וועט שוין קיינמאָל נישט קאָנען אַרויסקריכן.

אמת, דייוו האָט שוין איבער זעקס חדשים נישט געהאַלטן קיין באַרשט אין האַנט און מיטן ווייב און קינד געפּוכניעט פֿון הונגער. דאָך האָט ער די יוניע געזעצן קיינמאָל נישט איבערגעטראָטן און נישט געאַרבעט פֿאַר ווינציקער איי־דער די יוניע־פּרייז האָט געלויטעט. דעריבער האָט ער איצט אינסטינקטיוו דער־פֿילט, אַז די האָפֿענונג צו באַקומען אַרבעט ביי דעם מיסטער קאַמינסקי ווערט מיט יעדער רגע אויסגערונען פֿון צווישן די פֿינגער. אָבער דייוו האָט זיך אָנגענו־מען מיט מוט, פּרובירט מזל און מיט געבעט אין קול אָנגעהויבן רעדן:

— מיסטער קאַמינסקי, איך מוז קריגן די אַרבעט. אין הויז איז נישטאָ וואָס צו עסן און מיין קינד וועט חלילה אָוועקפֿאַלן פֿון הונגער און איר ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין „קאָלאָמבוסעס שמירער". איך וועל אייך מאַכן די בעסטע „גרעפּטעקס" אין וואָס פֿאַראַ „דעזיין" איר וועט ווילן. איך קאָן „גריי־נען", „גלעזן" און „דעקאָרירן". היינט פֿלאַסטערן גאַנצע ווענט און סופּיטן איז אַ הונט?... איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל אַרבעטן שנעלער ווי אַלעמאָל און געבן אַ גרויסן טאָג־אַרבעט! איר מעגט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן. פּליז, מיסטער קאַ־מינסקי, גיט מיר דעם דזשאַב"!...

דער באַלעבאָס האָט געקוקט אויף דייוון מיט אַן איראָנישן שמייכל אַרום זיינע דינע ליפּן. אים האָט הנאה געטון, וואָס אַט שטייט אַנטקעגן אים אַ הויכער, געזונטער מאַן, מיט הענט, ווי אמתע לאָפּעטעס און בעט זיך: „פּליז, מיסטער קאַמינסקי, גיט מיר אַ דזשאַב!". טיף אין האַרצן האָט ער אָפּגעלאַכט און אי־בערגעקרומט יעדעס וואָרט, וואָס דער אַרבעטסלאָזער האָט מיט וויטיק אַרויס־גערעדט. נאָר ביי זיך אויפֿן פּנימל האָט ער גאָר אַרויפֿגעצויגן אַן ערנסטע מינע:

— גוט, איך וועל דיר געבן דעם דזשאַב. אָבער וויפֿל ווילסטו אַ וואָך?...

אַ ווײַלע האָט זיך דייוו געשלאָגן מיט דער דעה. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן און אַלץ נישט באַנומען דעם גאַנצן זין פֿון קאַמינסקיס רייד:

— איר ווייסט דאָך, פֿון אַמאָל נאָך, אַז איך בין קיינמאָל נישט געגאַנגען אַנטקעגן די יוניע־באַשלוסן און נישט געאַרבעט פֿאַר ווינציקער ווי דעם יוניע־פּרייז. נאָר אַזוי ווי איר זאָגט, אַז איר קריגט אויך נישט גענוג באַצאָלט, וועל איך אייך בעסער געבן אַ גרעסערן טאָג־אַרבעט איידער אַראָפּלאָזן פֿון מקח...

דאָס מענטשעלע איז אויפֿגעקאָכט געוואָרן. אַ קליינינקער און אַ דאַרינקער, האָט ער אָנגעהויבן אַרומלויפֿן איבערן קראָם און צעלאַכט זיך מיט אַזאַ מין

פאַרגייענדיק געלעכטערל, ווי אַ היענע און אויף זיינע דינע ליפּן האָט זיך אַ ווייסער שוים באַוויזן:

— פאַר דעם געלט קאָן איך דאָך קריגן צוויי אַרבעטער און בעסערע איידער דו ביסט!... סיידן דו שפּאָסט, צי דו ווילסט נישט אַרבעטן?... איך וועל דיר געבן פינף און צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. נאָר אויב דו ווילסט נישט, וועל איך באַלד אַריינרופן אַן אַנדערן אויף דיין אָרט!...

ביי דייוון האָבן די בלוטן געגומען זידן, שלאָגן אין די שלייפן. איצט האָט ער שוין געוווּסט אויף קלאָר, אַז דער אינסטינקט האָט אים אָפּגענאַרט, אַז דאָ וועט ער נישט אַרבעטן און כאָטש דער הונגער האָט אַרויסגעשריִען פון יעדן אבר, האָט ער אים ווי מיט פויסטן דערשטיקן ביי זיך אין האַרצן און נישט אונטערגעגעבן זיך. אדרבא, אויף דער אויבערפלאַך פון זיינע געדאַנקען איז מיט־אַמאָל גאָר אַרויפגעשווומען דער אייגענער, מענטשלעכער „איך“, וואָס קיין שום הונגער האָט נישט געקאָנט גובר זיין. איצט איז דייוון נישט אַזוי געגאַנגען אין באַקומען אַ טאָג־אַרבעט, ווי אין וועלן אָנפירן די שפּיל ווייטער אַביסל און זען וואָס דערפון וועט אַרויסקומען:

— איז ווען קאָן איך גיין צו דער אַרבעט?...

קאַמינסקי האָט קיין זאַך נישט פאַרדעכטיקט. געמיינט, אַז ער האָט שוין דעם אַרבעטער איינגענומען, אַז דייוו איז איינגעגאַנגען אויף מער ווי אַ האַלבן שניט אין די שכירות און אַ צופרידענער געענטפערט:

— קאָנסט גלייך גיין צו דער אַרבעט. אָבער... דו דאַרפסט מיר אַפריִער געבן אַ משכון...

— וואָס? —האָט דייוו אויסגעשריִען אַ דערשיטערטער און אָנגעקוקט דעם באַלעבאָס ווי אַ משוגענעם. אויף אַזאַ ווילדן אָנבאָט האָט ער זיך נישט גערעכנט און געפרעגט — וואָס פאַר אַ משכון?... איך האָב נאָך אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט געהערט!...

אַ געלאַסענער, מיט קאַלטבלוטיקייט אין קול, האָט קאַמינסקי אַרויסגענו־מען אַ פרישן סיגאַרעטל און פאַרויכערט:

— דו האָסט אַ גראָבן קאָפּ! ביי מיר איז אַ „סטריקט יוניע שאָפּ“ און דו ביסט אַ יוניע־מאַן. דיינע שכירות זענען זיבן און פופציק דאָלאַר מיט פופציק סענט אַ וואָך. הייסט, אַז דו קריגסט בלויז פינף און צוואַנציק — בלייבט זיבן און צוואַנ־ציק דאָלאַר מיט אַ האַלב. איז גיב מיר איצט, אַפריִער, די זיבן און צוואַנציק דאָלאַר מיט פופציק סענט, וועסטו גלייך קאָנען גיין צו דער אַרבעט. אַלע פרייטיק וועל איך דיר אויסצאָלן דעם פולן געהאַלט, לויט די יוניע־סטאַטוטן. אָבער אין

די מאָנטיקס, אַז דו וועסט קומען צו דער אַרבעט, וועסטו דאַרפן צוריקברענגען די רעשט פונעם געלט, פאַרשטייסט ?...

דייוון האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אײנעם גרויסן דלות ביי זיך אין שטוב און נאָכאַמאָל אַפּעלירט צו קאַמינסקיס געוויסן:

— מיסטער קאַמינסקי, ווען איך וואָלט געהאַט נישט נאָר זיבן און צוואַנציק דאָלאַר, נאָר זיבן און צוואַנציק סענט, וואָלט איך אַריין אין אַ קאַפּע און אויסגעטרונקען אַ טעפּעלע קאַווע, צי געקויפט אַ ברויטל פאַרן ווייב און קינד צו דערהאַלטן זיי די נשמות. נאָר אויב איר ווילט דווקא אַ משכון — האָט ער פון קעשענע אַרויסגעצויגן זייער אַן אַלט זייגערל, וואָס האָט זיך נייערהייט פאַרקויפט אין די אַפּטייקן אַפילו צו דריי דאָלאַר אַ שטיק — איז נאַט אײַך... מער האָב איך גאָרנישט!...

קאַמינסקיס קוקערס האָבן געכאַפּט אַ גיכן בליק אויפן פאַרזשאַווערטן און אָפּגעריבענעם זייגערל און זיין פּייגן־פּנימל איז בלוי געוואָרן פון כעס. די גאַנצע פיזיאָנאָמיע זיינע האָט זיך אויסגעקרימט און אָנגענומען די פאָרעם פון אַן אָפּגעטראָגענער, צעקנייטשטער מאַסקע, וואָס וואַלגערט זיך ערגעץ אויפן מיסט און קיינער וויל דאָס נישט אויפהייבן:

— ווי וואַגסטו אָפּצולאַכן פון מיר, דו שנאָרער?! אַרויס פון דאַנען!...

אין דייווס אויגן האָבן זיך צוויי שטורקאַצן אָנגעצונדן. די הענט האָבן זיך פאַרביילט אין צוויי מעכטיקע פויסטן. אַ רגע האָט ער באַטראַכט דאָס מיאוסע נפשל, געוואָלט אויפהייבן אַן עמער פאַרב און אים איבערקערן קאַמינסקין אויפן קאָפּ, אַזוי, אַז יענער זאָל דערנאָך בלייבן שטיין, ווי אַ פאַרגליווערט שטיק ווייסער קאַלך. אָבער אַן אינערלעכער כוח, אַ כוח, וואָס איז געווען שטאַרקער פון הונגער און נקמה, האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון. האָט דייוו צוריק אויפגעהויבן דעם רענצל מיט געצייג פון דער ערד, אַ ביטערן לאַך־געטון דעם באַלעבאָס אין פּנים אַריין און מיט אַ צופרידענעם געפיל פון דערהויבונג און זעלבסטווירדע איז ער מיט גיכע טריט אַרויס פונדאַנען.

געפֿונען אַ טרייסט

אין סטודיאָ איז געווען הייס און וולאַדימיר שולמאַן, אָדער ווי מען פּלעגט אים רופֿן: „דער מאַעסטראָ", וואָס האָט איצט, אויף די עלטערע יאָרן געשפּילט „צווייטע פֿידל" אין סאַמע עק פֿון דער דריטער ריי, האָט אַלע ווײַלע געווישט זיך דעם הויכן, געדונצלטן שטערן.

צוליב דער היץ, האָט זיך די רעפּעטיציע געשלעפּט ווי אַ טרויער־מאַרש. דער אָרקעסטער איז שוין צום ווײַפֿלטן מאָל איבערגעגאַנגען אַ מאָטיוו פֿון בעטהאָווענס פֿינפֿטער סימפֿאָניע און עס איז אַלץ נישט אַרויסגעקומען ווי דאָס באַדאַרף צו זײַן, ווי דער דיריגענט סאָקאָלסקי האָט געוואָלט. מחמת פֿון דעם אָרט, ווו שולמאַן איז געזעסן און געשפּילט, זענען כסדר געקומען פֿאַלשע טענער.

די פֿאַרשוויצטע מוזיקער, זענען געווען אויסגעזעצט לויט זייערע אינסטרומענטן. די ערשטע פֿידלער — לינקס; די צווייטע — רעכטס; הינטער זיי — די וויאָלאַס, באַסן, טשעליסטן, קלאַרנעטיסטן, פֿלייטיסטן, און גאָר צום לעצט — די מחבלים, ווי זיי האָבן גערופֿן די פּויק און פּייקלעך, וואָס ביים שפּילן פֿריילעכע מוזיק — האָבן זיי זיך געוואָרפֿן פֿונעם גרויסן פּויק צו די קליינע פּייקלעך, צו די ליטאַוורעס און צו אַלערליי גלעקלעך און שרייערלעך.

אַנטקעגן זיי, אויף אַ נידעריקער פּלאַטפֿאָרמע, איז געשטאַנען דער דיריגענט סאָקאָלסקי און אָנגעפֿירט מיטן אָרקעסטער. ווען ער האָט דערהערט אַ פֿאַלשן טאָן, איז ער, אַ בייז־געוואָרענער, און צוגעגאַנגען צו שולמאַנען:

— איך בעט אײַך, נעמט דעם ריכטיקן טאָן!... איר וועט דאָך פּטרן דעם קאָנצערט!... צוליב אײַך וועט מען נישט קאָנען אויפֿטרעטן אין צײַט!...

דער אַלטער מאַעסטראָ האָט אים נישט געענטפֿערט און געפֿילט האָט ער, ווי די רעכטע האַנט האָט מאַכטלאָז געפֿירט דעם בויגן איבערן פֿידל, ווי די פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט האָבן געציטערט און קיין קלאָרן קלאַנג נישט

אַרויסגעבראַכט. ער האָט געוווּסט: שוין אַ לאַנגע צייט, אַז דער דיריגענט טשע־פּעט זיך: „איר זענט שוין אַלט, הער שולמאַן". אָבער מיט אַזאַ חוצפּה ווי איצט איז ער נאָך קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען צו אים...

דער אַלטער מאַעסטראָ האָט גענומען דרייען די שוואַרצע אויערלעך פון פידל, געוואָלט „אָנשטעלן", אַז זי זאָל אַרויסגעבן די זעלבע קלאַנגען, וואָס די אַנדערע „צווייטע פידלען" און נישט געקאָנט. די „שליסלען" האָבן זיך, ווי אור־מישנע, אַריינגעגעסן טיף אין קעפּל פון פידל און נישט גערירט זיך פון די ערטער.

סאָקאָלסקי האָט אַ קלאַפּ־געטון מיטן „בעטאָן" איבערן שטענדער, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַ העפט־נאָטן, אויפגעהויבן די הענט אין דער לופטן און דער אָרקעסטער האָט אַ שאַל־געגעבן:

— טראַ־טאַ טאַ טאַ! — — —

שולמאַנס פידל האָט ווידער גענומען מיט אַ טאָן נידעריקער, ווי עס האָט זיך געפאָדערט. האָט דער דיריגענט אָפּגעשטעלט דעם אָרקעסטער און נאָכאַמאָל צוגעלאָפן צו אים:

— איר זענט שוין ווידער אַראָפּ פון וועג?!... איר וועט דאָך מיך אומ־גליקלעך מאַכן!... וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר?!... איר האָט דאָ אָפּ־געשפּילט צוואַנציק יאָר, גענוג!... לאָזט אַ יונגערן...

די מוזיקער, כמעט אַלע יונגע, האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און מיט באַ־דויערן אין די אויגן געקוקט אויף דעם אַלטן, אויסגעשפּילטן מאַעסטראָ און געזען, ווי ער האָט דעם ווייסן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, געשעמט זיך צו באַגעגענען מיט זייערע בליקן. ער איז אויפגעשטאַנען פון בענקל, אַריינגעלייגט די פידל אין פוטליאַר, אָנגעטאָן דאָס רעקל, דעם הוט און איז שטילערהייט אַרויס פון סטודיאָ.

דעם גאַנצן וועג ביזן הויז, וווּ ער האָט געוווינט אין אַ קליין, אָבער ציכ־טיקן צימערל, איז שולמאַן געגאַנגען אַ שווייגעוודיקער, אַ דערשלאָגענער און געקלערט: איז דאָס טאַקע מעגלעך, אַז צוליב דער עלטער האָט אים סאָקאָלסקי כמעט אַרויסגעטריבן פון דער סטודיאָ?... אמת, קיין יונגערמאַנטשיק איז ער נישט געווען. אַ מענטש אין די הויכע פופציקער, כאָטש אַן אָפּגעראַזירטער, נאָך מיט אַ היבש ביסל ציינער אין מויל, האָט ער אויסגעזען אַ סך יונגער. נאָר די האָר, ווי פריש־געפאַלענער שניי האָבן אים אַרויסגעגעבן. נאָר צוריק־גערעדט, זענען דאָך פאַראַן גאַנץ יונגע מענטשן מיט גרויע און אַפילו מיט ווייסע קעפּ האָר...

טאָג און נאַכט האָט אים דער געדאַנק נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אַפילו געוואָלט נאָכאַמאָל אַריינגיין אין סטודיאָ צו אַ רעפּעטיציע און זען דעם יונגב־מאַן, וואָס האָט פאַרנומען זיין אָרט. אַן אינעוויייניקסטע שנאה צו אים האָט גע־ברענט דאָס האַרץ. נאָר דאָס געפיל איז באַלד אַוועק און שולמאַנען האָט אָנגע־נומען אַ רחמנות אויף דעם אומבאַקאַנטן פידל־שפּילער: ער וועט דאָך אויך ווערן אַלט און אָפּגענוצט... אַפילו אויף סאָקאָלסקין האָט ער מער קיין האַרץ נישט געטראָגן און אָפּט גערעדט צו זיך אַליין: — אַז איך בין פאַרט אַלט! די פינגער ציטערן און צוויבערן נישט אַרויס די זעלבע קלאַנגען וואָס אַמאָל און מיט אַזעלכע מוזיקער קאָן קיין אָרקעסטער נישט אויפטרעטן צו קאָנצערטן...

עס איז אַוועק דער זומער, דערנאָך דער ווינטער, אַ האַרטער, אַ קאַלטער און אַ פאַרביסענער, איז ענדלעך אויך פאַרביי און געלאָזן היבשע פאַלדן ביים מאָעסטראָ אויפן צעקאַרבטן פנים. דורך דער צייט איז שולמאַן אַרומגעגאַנגען מיטן פידל איבער די קאַפעען, איבער די נאַכט־קלובן און געבעטן זיך:

— דערלויבט מיר צו שפּילן פאַר אייער געערטן פּובליקום...

אַז די באַלעבאַטים, צי די אויבערקעלנער האָבן אים דערזען ביים טיר, ווי אַ בעטלער, האָבן זיי אים פּשוט אָנגענומען ביים קאַלנער און אַרויסגעשטויסן פון דאָרט:

— אַוועק פונדאַנען! קיין טרעמפּס דאַרף מען נישט!

יאָ, אַפילו אויף די מענטשן איז ער נישט געווען אין כעס און געטראַכט: אָנגעשטעלטע! זיי קאָנען אים דען? און פאַרוואָס זאָל מען אים נישט רופן „טרעמפּ", אַז זיינע בגדים זענען אין איינציקע ערטער פאַרלאַטעט. קויפן נייע איז נישט געווען מיט וואָס. די פאָר דאָלאַר וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט, זענען שוין פון לאַנג צערונען געוואָרן. איז וואָס זענען זיי נעבעך שולדיק?...

ס'האָט טאַקע נישט גענומען לאַנג און שולמאַן האָט אָנגעהויבן אונטער־הונגערן און דערציילן דאָס די פאָר איבערגעבליבענע פאַרערער פון אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען דער ערשטער פידלער אין אָרקעסטער, האָט ער זיך פּשוט געשעמט, נישט געוואָלט זיי זאָלן זיך דערוויסן פון זיין איצטיקער לאַגע און אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט זיי אַפילו.

דערצו נאָך האָט אים די איינזאַמקייט געדריקט דאָס געמיט און עס איז אים געווען פאַרדריסיק אויף זיין פאַרשטאָרבענער לאַליאַן, וואָס האָט אים קיין קינדער נישט געבוירן. איצט, אויף דער עלטער, וואָלט ער געהאַט אַ פריינט מיט וועמען צו פאַרבייטן אַ וואָרט און, אפשר, אַן אָרט ווו דעם אַלטן קאָפּ אַוועק־צולייגן. און אַזוי וואָס?... גאָרנישט!

די שמאָלע טיר פון זיין איצטיקן ווינונגל איז שטענדיק געשטאַנען אַ פאַר־מאַכטע. די ווענטלעך, שוין לאַנג, זייער לאַנג צוריק געפאַרבטע, האָבן אומע־טיקע געקוקט איינע אויף די אַנדערע. פונעם סופיטל האָבן זיך פּענעצלעך קאַלך געשיילט, ווי לאָקשן און געפאַלן אויפן בעטל, אויפן טישל און אַפילו דעם אַלטן פידל־שפּילער אויפן קאָפּ.

אין די לעצטע צייטן האָט שולמאַן מורא געהאַט איינצושלאָפן. פלעגט ליגן גאַנצע נעכט אויפן רוקן און איינהערן זיך, ווי די פאַרב פון די ווענטלעך שיילט זיך, ווי דער קאַלך פונעם סופיטל קרישלט זיך; אַפילו געהערט איטלעכן שאָרך אין גאַס און אין שטוב, וואָס איז געווען באַזעצט מיט נאָך אַזעלכע איינוווינער. און ווען ער וואָלט זיך נישט געשראָקן פאַר דער בייזער באַלעבאָסטע, וואָלט ער געלאָזט ברענען דאָס עלעקטרישע לעמפּל ביז אינדערפרי.

אין אַ דינסטיק אינדערפרי איז צו אים אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע פון הויז און בייז געקלונגען מיטן בינטל־שליסלען ביי זיך אין פאַרטוך:

— נו, מיסטער שולמאַן? (שוין נישט „מאַעסטראָ״, ווי זי פלעגט אים רופן ווען ער האָט באַשיינט איר גרעסטן, בעסטן צימער און געצאָלט דאָס דירה־געלט אין צייט) וואָס וועט זיין?... איר קומט שוין מיר פאַר דריי חדשים „רענט״! ווען וועט איר דאָס אָפּצאָלן? ביי מיר איז נישט קיין צדקה־אַנשטאַלט! אומזיסט קאָן איך אייך מער נישט האַלטן. אַן אַנדערע אויף מיין אָרט וואָלט אייך שוין פון לאַנג אַרויסגעשטעלט אין גאַס... וואָס איז? אַזאַ מאַן ווי איר קאָנט נישט פאַר־דינען? דאָס איז אַמעריקע! מען גייט שפּילן אין די הויפן!... נישקשה, עס מעג איך אַנשטיין!...

דערהערט דאָס וואָרט „הויפן״, האָט שולמאַנען דער מאַרך אַ ברען־געטון. אין האַרצן האָט זיך עפּעס אַ ריס געגעבן. דער געדאַנק, צו שפּילן ווי אַ בעטלער, איז אים אויסגעקומען ווילד און אָפּשטויסנדיק. ער, דער אַמאָליקער סאָליסט פון ווינער־גאַרטן, ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן אַזוי נידעריק?... ניין! שוין בע־סער — — —

אָבער, דער הונגער האָט איבערגעוועלטיקט דעם שטאָלץ. איז דער מאַ־עסטראָ אַוועק אין אַ ווייטער, ייִדישער געגנט, געשלייכט זיך פון גאַס צו גאַס מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער, מ׳זאָל אים נישט דערקאָנען און נישט געוואַגט אַריינגיין אין אַ הויף, כאָטש די הויפן זענען געשטאַנען אָפענע, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן ביי אים: „קום אַריין, מאַעסטראָ, קום אַריין? שעם זיך נישט. ס׳איז אַזאַ וועלט!... דו ביסט נישט דער איינציקער״...

טיף אַראָפּגערוקט דעם הוט איבער די אויגן, איז שולמאַן געגאַנגען מיט

ציטער אין די קני, געוואָרפן פאַרשעמטע בליקן אויף די מענטשן, וואָס זענען אים פאַרביי און נישט אַכטנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט זייערע פּנימער אַפילו נישט געזען, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע קוקן אים נאָך, זיי קאָנען אים און ווייסן, אַז ער, דער געוועזענער סאָליסט שפּילט אין די הויפן, כדי צו שנאָרן פעניס...

נאָך שעהן אַרומבלאָנקען אַ הונגעריקער און אַ דערשלאָגענער, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, ווי אַ שאָטן אַריינגעשאַרט זיך אין אַ הויף, געבליבן שטיין נעבן אַן אויסגעווייסטער וואַנט פון אַ הויז, נישט גערירט זיך פון אָרט און נישט געוווּסט וואָס צו טון.

אָבער, ווען ער האָט דערזען, אַז פון הויף האָט מען אים נישט אַרויסגע־טריבן, אַפילו נישט אומגעקוקט זיך אויפן אַלטן מאַן, איז ער געוואָרן ביי זיך תּקיפדיקער אַביסל. אַרויסגענומען די פידל פון פּוטליאַר, מיטן גראָבן פינגער אויסגעפּרובירט די סטרונעס, געדרייט די שוואַרצע אויערלעך און אָנגעהויבן שפּילן סאַראַסאַטעס עלעגיע:

טראַ־ראַ רי־ראַ, ראַ־ראַ־ראַ־רי־ראַ!

די פידל האָט דערפילט דעם מאַעסטראָס ווייַ און פאַרוואַנדלט זיך ווי אין אַ לעבעדיקן וועזן. זי האָט געקרעכצט און געוויינט און אויסגעשפּילט די ווייענישן, וואָס זענען געלעגן טיף ביים עלנטן מענטשן אין דער נשמה. דער מאַעסטראָ האָט צעוויגט די פינגער אויף די סטרונעס און אַרויסגעכישופט פון דאָרטן די דינסטע קלאַנגען, וואָס זענען פון רגע צו רגע און פון מינוט צו מינוט שטילערע און שטילערע געוואָרן. נאָר אָט האָט זיך די פידל אויפגעכאַפּט, די טענער האָבן זיך אַ הייב־געטון, אַ טראָג־געגעבן זיך, ווי שטורעם־ווינטן און אים, שולמאַנען, וואָס האָט לויט זיין טבע געשפּילט מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט דאָס אָוועקגע־טראָגן צוריק צו זיינע יונגע יאָרן, אינעם ווינער גאָרטן, וווּ ער איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן פאַר אַן עולם פון טויזנטער מענטשן.

דעמאָלט האָט שולמאַן געהאַט גרויסע פאַנטאַזיעס, געהאָפט צו ווערן באַ־רימט אויף דער וועלט, אויפטרעטן מיט קאָנצערטן ווי די גרויסע, ווי ער האָט גערופן פאַגאַניני, קרייזלערן און אפשר מיט דער צייט ווערן אַ דיריגענט פון אַ גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער, וואָס וועט טראָגן זיין נאָמען: „אָרקעסטרא דע שאַלמען“...

נאָר נאָך ליאָלאָס אָוועקגיין פון דער וועלט, איז ער געוואָרן אַ מרה־שחורה־ניק, אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן די פידל, איז אָפּט, שוין אַביסל צו אָפט געזעסן אין ווייַן־קעלערס, פאַרטרונקען די בענקעניש נאָכן ווייב און במילא אָנגעוואָרן

דעם שווונג אין די פינגער, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר יעדן קינסטלער. דעמאָלט האָט אים סאָקאָלסקי אַראָפּגעזעצט פון אַן ערשטן פידלער אויף אַ צווייט־ראַנגיקן און דערנאָך — פאַרשטופּט אַזש אין דעם סאַמע עק פון דער דריטער ריי.

אַז ער האָט איצט געעפנט די אויגן, האָט ער דערפילט, אַז דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט פון שאַנדע. דער הויף איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך איינגעהערט צו זיין שפּילן און געוואָרפן מטבעות אויף דער ערד. די טעמפּע קלאַנגען פון די פּאַלנדיקע „פּעניס" און „ניקלס" האָט געבריט דאָס לייב. דער מאַעסטראָ האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגערוקט דעם הוט, געוואָלט אַרויס־גנבענען זיך פונדאַנען, אַנטלויפן וווהין די אויגן וועלן אים טראָגן. נאָר, מיט־אַמאָל, איז אַ מיידעלע צוגעקומען:

— מיסטער, נאַט אייך דאָס געלט, וואָס איך האָב צוזאַמענגעקליבן.

פון יענעם טאָג אָן איז שולמאַן אַרומגעגאַנגען איבער די הויפן און גע־שפּילט פידל. אמת, אָפט האָט ער דאָס נישט געטון, בלויז דעמאָלט ווען די נויט איז אים באַפאַלן און קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געבליבן.

דורך דער צייט איז שולמאַן אינגאַנצן אָפּגעלאָזן געוואָרן ביי זיך. האָט זיך די עלטער לאַנג נישט געלאָזט בעטן און, ווי אַ האַרב, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיינע איינגעבויגענע פּלייצעס. די ווייסע האָר האָבן גיך אָנגעהויבן אויסקריכן. נאָר די אויגן זענען געבליבן ווי געווען: טיפע, בלויע און מילדע ווי ביי אַ קינד.

אויך דער פּוטליאַר זיינער האָט זיך פאַרעלטערט און אָנגעוואָרן די אַמאָ־ליקע שוואַרצקייט, באַוואַקסן מיט אַ גרינעם שימל, די ראַנדן — אָפּגעריבן. נאָר שולמאַנען האָט נישט אַזוי געאַרט דער פּוטליאַר, אַפילו נישט די טיפע קנייטשן ביי זיך אויפן פּנים, ווי אים האָט געקימערט די פידל. מיט אַ ריין טיכעלע האָט ער זי אַלע טאָג אַרומגעווישט, אַרומגעפּולעט, נישט געלאָזט קיין שטויבעלע פאַלן און געהיט זי, ווי די שוואַרצאַפּלען אין די אויגן.

צו זיין פידל־שפּילן, וואָס האָט, אין אָנהייב איטלעכן געצופּט ביים האַרצן, האָבן זיך די מענטשן פון די אַרומיקע קוואַרטאַלן גיך צוגעוויינט. און איצט, אַז ער איז אַריינגעקומען אין אַ הויף, האָבן זיי זיך אויף אים מער נישט אומ־געקוקט, מער נישט געוואָלט הערן די אומעטיקע ניגונים און עס איז אויסגע־קומען, ווי יעדער וואָלט געהאַט זיין פּעקל צרות און געזוכט אַ טרייסט אין פריילעכע מוזיק, אין „דזשעז", ווי מען האָט דאָס גערופן.

איז דער אַלטער ווידער אַרומגעגאַנגען אַ צעבראָכענער. שוין נישט אַזוי צוליב די עטלעכע סענט, וואָס וואָלטן אים צונוץ־געקומען, ווי צוליב דעם אַליין,

וואָס ער האָט איצט נישט געהאַט פאַר וועמען צו שפּילן פידל. און דאָס האָט אים מער ווי־געטון און געפּרעסן דאָס האַרץ, ווי דער גרעסטער הונגער.

האָט ער זיך מיישב־געווען און אַוועקגעבלאָנקעט אין אַן אַנדער געגנט, אין אַ גאַס, אָנגעפּיקעוועט מיט גרויסע „אַפּאַרטאַמענט־הייזער" פון ביידע זייטן, און שוין ווי אַ געניטער, אַריינגעקוקט אינעם ערשטן הויף, מיט זיינע קליינע, נישט זיכערע טריט אַריין אַהין און אָנגעהויבן שפּילן.

אַפּנים, אין דער געגנט זענען אַרומגעגאַנגען נאָך פידל־שפּילער, מחמת קיי־נער פון די דערוואַקסענע מענטשן, וואָס האָבן דאָ געוווינט, האָבן אַהער נישט אַריינגעשמעקט, אַפילו די קעפּ נישט אַרויסגעשטעקט פון די צעעפנטע פענצטער, ווי פאַר זיי וואָלט דאָס קיין נייעס נישט געווען.

דערפאַר אָבער איז דער הויף פאַרפּלייצט געוואָרן מיט קינדערלעך: בלאָנ־דינקע, שוואַרצינקע, יינגעלעך און מיידעלעך. דאָס קליינוואַרג האָט זיך אַרומ־געשטעלט אַרום דעם אַלטן, ווייס־קעפּיקן מאַעסטראָ און מיט געבעט אין די אייגעלעך געוואַרט, אַז ער זאָל עפּעס שפּילן פון זייערטוועגן.

ווען שולמאַן האָט דערזען אַזויפיל קינדערלעך און דערצו נאָך — אַזעלכע ליבינקע, איז אים וואַרעם געוואָרן אויפן האַרצן. האָט ער גלייך אַרויסגענומען די פידל און אָנגעהויבן שפּילן אַזעלכע פריילעכע ניגונים, אַז די חברה האָט זיך גע־נומען פאַר די הענטלעך און אַוועק טאַנצן אין אַ ראָד.

געשפּילט האָט ער אַ לאַנגע צייט און ווען ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן, האָט ער די פידל פּאַמעלעך אַריינגעלייגט אין פוטליאַר, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ הילצערן קעסטל אינמיטן הויף און צוגערופן זיי:

— נו, חברה, זינגען קאָנט איר?

— כ׳קאָן — האָט געענטפערט אַ מיידעלע מיט שוואַרצע אייגעלעך, צווי חן־גריבלעך אין ביידע בעקעלעך און מיט צוויי צעפּלעך, וואָס האָבן זיך איר געבאָמבלט אויף דער פּלייצקע.

— טאָ זינג מיר עפּעס! — האָט זיך דער אַלטער געבעטן ביי איר.

אַ דרייסטע און אַ צוגעלאָזטע, האָט זיך דאָס מיידעלע אַוועקגעשטעלט קעגן שולמאַנען, אַ ווײַלע געקוקט אויף אים און דערנאָך מיט נייגעריקייט אין קולכל געפרעגט:

— גרענדפּאַ (זיידע) ווי רופט מען די זאַך מיט וועלכע דו האָסט געשפּילט?

דערהערט דאָס וואָרט „זיידע", האָבן זיך ביים אַלטיטשקן אין די אויגן טרערן געשטעלט. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך, זי אַרומגענומען, ווי מען נעמט אַרום אַ ליבן אייניקל, וואָס מ׳האָט אַ לאַנגע צייט נישט געזען און געענטפערט:

נח גאָלדבערג

— אַ פידל, מיין קינד!

— וואָס איז אַ פידל?

— אַ פידל —האָט איר דער מאַעסטראָ פּאַרטייטשט— איז אַזאַ אינסטרו־מענט, וואָס זינגט ווי אַ פייגעלע און וויינט ווי אַ קינד, צי ווי אַ דערוואַקסענער מענטש...

דאָס מיידעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שויס. מיט אירע פּוכיקע הענטלעך אים אַרומגענומען:

— גרענדפּאַ! אַ פידל לעבט?

שולמאַן האָט אַרויסגענומען די פידל, צוגערופן אַלע קינדערלעך, וואָס האָבן געקוקט אויף יעדן ריר זיינעם:

— איר זעט, קינדערלעך, דעם אויסגעשניטענעם העלדזעלע אינעווייניק אינעם פידל? דאָס איז דאָס האַרץ, אָדער ווי מען זאָגט, „די נשמה" אירע, מיט וועלכער די פידל פילט מיט יעדן מענטשן. און ווען זי דערוויסט זיך, אַז דעם מוזיקער, וואָס שפּילט אויף איר, איז אומעטיק, ער האָט נישט וואָס צו עסן און ווו צום שלאָפן, גייט פון־אָט די צוויי געדרייטע עפענונגען אַרויס די נשמה אירע, פליט אַוועק אין הימל און טאַנצט דאָרטן מיט שיינע מלאכימלעך אַזוי לאַנג, ביז דעם פידל־שפּילער ווערט פריילעך אויפן האַרצן און ער פאַרגעסט אין אַלע זיינע צרות...

אויף אַ ווײַלע האָט זיך שולמאַן פאַרטראַכט. נאָר מיטאַמאָל איז ער געוואָרן אויפגעמונטערט. ער האָט פאַרהערט אַלע קינדערלעך, אָפּגעקליבן די וואָס מיט דינע קולכלעך, אויסגעשטעלט לינקס; גרעבערע שטימעלעך — רעכטס און די וואָס מיט נאָך גרעבערע — הינטער זיי און עס איז געוואָרן אַ גאַנצער „כאָר"...

איצט האָט דער מאַעסטראָ אויפגעהערט גיין אין אַנדערע הויפן, זיך נישט אינטערעסירט מיט די פּאָר סענט, וואָס ער פלעגט צוזאַמענקלייבן און אין אַ באַשטימטער שעה איז ער אַלע טאָג געקומען אין דעם זעלבן הויף, ווי אַמאָל אין סאַקאַלסקיס סטודיאָ, און מיט דער ערנסטקייט פון אַ דיריגענט, אויסגע־שטעלט די קינדערלעך אַרום זיך, זיי געלערנט זינגען און זייער געזאַנג באַגלייט אויפן פידל.

די קינדערלעך האָבן שוין געוווסט, ווען דער „זיידע" מיטן פידל דאַרף אָנ־קומען, זענען זיי אים אַנטקעגנגעלאָפן, ווער מיט אַ פּעני אין האַנט און ווער מיט אַ גאַנצן „ניקל" און פריידיקע געשרייען:

— גרענדפּאַ, איך האָב פאַר דיר אַ פּעני! און איך האָב אַ ניקל! — האָט דאָס צווייטע קינד איבערגעשריִען דאָס ערשטע.

שולמאַן האָט זיי באַגעגנט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל, אין די געדיכט־אַנגעוואָקסענע וואָנצעס, געבלאָזן זיך אויף זיי, ווי אַן אמתער זיידע. אין מיי־דעלע געגלעט איבערן קעפּל, אַ צווייטער — איבער די בעקעלעך; אויך די יינגלעך צוגעוואָרפן וואַרעמע בליקן און געפרעגט אַלעמען:

— נו, וואָס מאַכט איר קינדערלעך? שוין אויסגעלערנט זיך דעם נעכטיקן „לעסאָן״? אַנו, שטעלט זיך אויס אין אַ ראָד!...

געהאָרכזאַמע האָבן זיך די קינדערלעך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז אַרום אים און געוואַרט ביז דער „דיריגענט״ וועט אַרויסנעמען די פידל פון פוטליאַר און געבן זיי דעם ערשטן טאָן אויף אָנהייבן זינגען.

נאָך אַזאַ מין רעפּעטיציע פלעגט זיך דער אַלטער אַוועקזעצן אויפן קעסטל, קוקן אויף די טייערע קינדערלעך און טראַכטן: ליבע קינדערלעך! עס קאָן דאָך זיין, אַז צווישן זיי זאָל זיך געפינען איינער, צי איינע וואָס וועט שפּילן פידל, זיין אַ גרויסער מוזיקער, אַ דיריגענט פון אַ גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער און זיין חלום, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן וועט אפשר איינע פון זיי דורכפירן אין לעבן...

האָט אים שוין געפריט, וואָס זיין מי איז נישט אַרויסגעוואָרפן. די קינ־דערלעך האָבן אויפגענומען זיין פידל־שפּילן מיט ערלעכע הערצעלעך, מיט ריינע נשמהלעך און אָפּגעענטפערט מיט אַ פליאַסקען מיט די הענטלעך און אַנדערע טאַקע מיט אַ קוש, וואָס דאָס אַליין האָט פאַרגאַנצט זיין צעבראָכענעם לעבן. איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן דעם יונגוואַרג, ווי אַ ניי־געבוירענער אין אַ ווונ־דערלעכער, קינדישער וועלט.

נגידים

גליך ווי מען איז אַרויסגעגאַנגען פון דער הייב־מאַשין אויפן צוועלפטן שטאָק, האָט אין די אויערן אַ שלאָג־געטון דער גערויש פון ניי־ און פרעס־מאַשינען. די גרויסע פאַבריק האָט כמעט פאַרנומען דעם גאַנצן עטאַזש. דער לאַנגער קאָרידאָר איז געווען אויסגעבויגן ווי אַ דלד. אינעם לינקן פליגל איז יוסטנע געשטאַנען אַ הויכע, דעמבענע טיר מיט באַגילדעטע אותיות אויף איר גלאַנציקער באַק: „ראָטמאַן קלאַדינג מאַנופעקטשורער".

אַז מען האָט זי געעפנט און אַריין אין דער אויפנאַם־אָפיס, האָט אַ בלוי, שאַרף ליכט, פון די פיל אומזעבאַרע עלעקטרישע לאָמפּן פון אונטער דעם ווייס־געפאַרבטן סופיט, אַ בלענד־געטון אין די אויגן. דער טיפער דיל איז דאָ געווען אויסגעבעט מיט אַ ווייכן קאַוויאַר, וואָס האָט, ווי אַ שטילער, טערקישער גנב — אַריינגעגנבעט אין זיך די טריט פון דעם אַריינגעקומענעם.

האַרט ביי צוויי ווענט זענען געשטאַנען אַכט שטולן, איבערגעצויגענע און אויסגעבעטע מיט גרינעם זייד און דינע, איידל־אויסגעשניצטע פיס. נעבן יעדע פון זיי — אַ קופערן אַש־טעצעלע, אַז די געסט און געשעפטסלייט, וואָס קומען אַהער, זאָלן האָבן וווהין אַראָפּצוטרייסלען דעם אַש פון זייערע ציגאַרן און סיגאַרעטלעך. עטלעכע וואַקסענע מענער־פיגורן, אָנגעטאָענע אין טייערע אַנצוגן פון דער לעצ־טער מאָדע, האָבן מיט זייערע גלעזערנע קוקערס גלאָמפּעוואָטע אַריבערגעשמייכלט צו די יונגע מיידלעך קעגנאיבער.

ביי דריי שרייב־טישן זענען געזעסן דריי מיידלעך. איינע האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו שרייבן אויף אַ שרייב־מאַשינקע. די צווייטע האָט גערעדט אויפן טעלעפאָן: „האַלאָ! דאָס אַזי ראָטמאַן קלאַדינג קאָמפּאַני". די דריטע, פון אַרום דריי־פיר און צוואַנציק יאָר, וואָס איז דאָ געווען די הויפּט־סעקרעטאַרשע, האָט נישט אויפגעהויבן איר שיינעם קאָפּ פון דעם שטויס פּאַפּיר,

פונקט ווי די מענטשן, וואָס זענען דאָ איצט געווען, וואָלטן איר איינגאַנצן נישט אָנגעגאַנגען.

אַ דיקער מאַנספּאַרשוין, וואָס איז געזעסן אויף איינער פון די שטולן, האָט פון צווישן זיינע פליישיקע ליפּן אַרויסגענומען דעם „האַוואַנאַ"־ציגאַר און אַ דעליקאַטן הוסטעלע געטון. ס'הוסטעלע, אַ גריננגינקעס און אַן אָפּגעהאַקטס, האָט חלילה קיין שלעכטס ניט געמיינט, — נאָר בלויז געלאָזט וויסן דער הויפּט־סעקרעטאַרשע, אַז דער בעל־גוף זיינער איז געוואָרן אומגעדולדיק פון צו־לאַנג וואַרטן.

דאָס מיידל האָט זייער גוט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון אַזעלכע הוסטעלעך. דעריבער האָט זי גענומען אַ בלייפעדער מיט אַ ברייט־ווירענדיקן העפטל אין האַנט, אויפגעהויבן זיך פון שטול, פּאַמעלעך אָנגעקלאַפּט אין דער גלעזערנער, פאַרמאַכטער טיר, וואָס האָט געפירט צום קאַבינעט פון איר באַלעבאָס, געעפנט און מיט אַ פאַרשולדיקט פּנימל געזאָגט:

—מיסטער ראַטמאַן, מיסטער גליקסמאַן וואַרט שוין אַ לאַנגע צייט. עס איז אויך דאָרטן פאַראַן מיסטער גאַרפיעלד, דער אייגנטימער פון די זעקס גרויסע געוועלבער. ער וויל געבן אַ באַשטעלונג אויף צוויי טויזנט אנצוגן, אָבער ער וויל אָפּ־ער רעדן מיט אייך. אַפּנים וועגן רעדוצירן די פּרייזן...

זעליג ראַטמאַן, אַ ברייט־ביינערדיקער ייִד אין די זעכציקער יאָרן, מיט אַ גלאַטן, רונדן פּנים און בלוי קלוגע אויגן, מיט גרויע, שיטערע האָר אויפן קאָפּ, פון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען דער נאַקעטער שפּיץ־שאַרבן, איז געזעסן ביי זיין גרויסן, מאַהאָגענעם שרייבטיש און אַריינגעקוקט אין אַ לענגלעכן בוך מיט אַ סך דראָבנע ציפערן.

ביים מיידלס אַריינקומען איז זיין פּנים געוואָרן נאָך גלאַטער און רויטער ווי געווייִנטלעך. די דיקע נאָז, מיט די צעשפּרייטע נאָזלעכער, האָט זיך צעגלאַנצט מיט אַ בלישטשענדיקן פלעמל. דער פאַבריקאַנט האָט אָוועקגעלייגט די גאָלדענע פען אויפן מאַרמאָרנעם פען־האַלטער און אָנגעשטעלט אַ פּאָר קאַלטע בליקן אויף איר:

— זייט אַזוי גוט, מיס רעבעקאַ, און זאָגט זיי, אַז היינט וועל איך קיינעם נישט קאָנען זען. ס'איז דאָך פרייטיק. שוין באַלד דריי מיט דרייסיק. איך מוז נאָך איבערקאָנטראָלירן דעם געהאַלט, איידער מען צעטיילט אים די אַרבעטער. זאָלן זיי קומען נאָך שבת; נישקשה, זיי וועלן אין ערגעץ נישט אַנטלויפן... און דעם, מיסטער גאַרפיעלדן קאָנט איר זאָגן, אַז אויב ער וויל געבן די באַשטעלונג אויפן אַלטן מקח איז גוט, און אויב נישט — דאַרף מען נישט. איך האָב גענוג אַרבעט אָן אים אויך.

רעבעקאַ האָט דאָס אַלץ פאַרנאָטירט ביי זיך אין העפטל און אַרויס פונדאַנען מיט דער זעלביקער מיידלשער גראַציעזקייט, מיט וועלכער זי איז פריִער אַריינגעקומען. זעליג ראָטמאַן האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין די אָנגעשריבענע סומעס אויף די טשעקס, פאַרגליכן זיי מיט די ציפערן אין בוך און אַלץ געוואָלט זען צי דער בוכהאַלטער האָט אין ערגעץ נישט געמאַכט קיין טעות אין חשבון. נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, ווי די ציפערן האָבן אָנגעהויבן טאַנצן, שפּרינגען און שווינדלען פאַר די אויגן. אַ נישט־גוטקייט איז אים באַפאַלן. אין די הענט און פיס האָט זיך אַ מאַכטלאָזיקייט אַריינגעכאַפּט.

אָן כוחות איז ער געבליבן זיצן אינעם ווייכן דריישטול. דער מוח איז הויל געוואָרן און געדריקט דעם שאַרבן, ווי אַ שטיק בליי. אַ נס, וואָס דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. און ווען זעליג האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, איז אים אַ געדאַנק אָנגעלאָפן:

— צוליב וואָס דאַרף ער דאָס אַלץ האָבן?... וועמען וועט ער איבערלאָזן דעם גרויסן פאַרמעגן, אַז זיין איינציקער זון, דודל, איז נאָך יונגערהייט אַוועק פון דער היים. נישט געקאָנט פאַרליידן טאַטע־מאַמע. דורך דער צייט איז ער געוואָרן דער רייכסטער אַדוואָקאַט אויף „פּאַרק־ראוו״, דעם נאָמען אויסגעביטן אויף דניאל ראטה; חתונה געהאַט מיט אַ שיקסע אין אַ קאַטוילישן קלויסטער און קיינמאָל אַפילו נישט אָנגעקלונגען אויפן טעלעפאָן נאָכפרעגן זיך אויף אים מיט העניען, וואָס זענען פון עגמת־נפש גיך פאַרעלטערט געוואָרן און געבליבן ווי צוויי איינזאַמע ביימער אויף אַ גרויסן און ברייטן שליאַך, וואָס שטייען און וואַרטן. אויף וועמען?... אויף וואָס?... ניין, זעליג וועט דעם זונדל גאָרנישט איבערלאָזן. שוין בעסער אָפּגעבן דעם געשעפט צו זיין פריינט, ברוכן...

די איצטיקע שלאַפקייט האָט אים, מיט שאַרפע שטעכענישן אין די זייטן, אונטערגעזאָגט, אַז ער האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט אויפגעבן אַלצדינג און אַוועקפאָרן מיטן ווייב קיין פאַלם־ספּרינגס, צי קיין מיִאַמי־ביטש, אָדער גאָר באַזעצן זיך אין ישראל... מ׳זאָגט דאָך, אַז די שטאָט צפת איז זייער אַ שיינע און דער קלימאַט דאָרטן איז אַ גוטער...

אָבער באַלד האָט ער פאַרטריבן פון זיך דעם געדאַנק, ווי מען פאַרטרייבט אַ זלידנע פליג: „וואָס הייסט, ער וועט אַוועקוואַרפן מיט די אייגענע הענט דאָס, וואָס ער האָט דעם גאַנצן לעבן געבויט און אָפּגעהיט?... אמת, געלט האָט ער אָנגעקליבן אַ סך. נאָר ווי וועט ער אַרויסקראַכן זיך פון די „ביזנעס״, אַז דאָס איז אים אַזוי אַריין אין די בלוטן, אַז ער קאָן אָן דעם קיין טאָג נישט אויסקומען?... און בכלל — האָט ער ווייטער געשפּינט די געדאַנקען — וואָס אַ שטייגער וואָלט ער

געטון אין פּאַלם־ספּרינגס, צי אין מיאַמי־ביטש. אַז קיין קאָרטן־שפּילן קאָן ער נישט?... סיידן זיצן מיט העניען אונטער אַ פּאַלמע־בוים, קוקן אויפן אויסגעקלאָרטן הימל און וואַרטן ביז דער טויט וועט קומען...

אַהער אין קאַבינעט איז דער גערויש און געפּילדער פון דער גרויסער פאַבריק נישט דערגאַנגען. סיי דער דיל, אַ באַדעקטער מיט אַ רויטן, דיקן טעפּיך און סיי די גראַבע, מאַהאָגענע ווענט, האָבן קיין קלאַנג פון קאָרידאָר נישט דורכגעלאָזט. איז די שטילקייט געוואַקסן מיטן גאַנג פון די שעהן, וואָס האָבן גערעדט אויף זייער אייגענעם לשון און דערציילט, אַז אַ חוץ דער גוואַלדיקער רייכקייט האָט דאָ געפעלט די וואַרעמקייט פון וועלכע גליקלעכע מענטשן האָבן הנאה.

מעכאַניש האָט דער אַלטער ייִד אויסגעצויגן די רעכטע האַנט צום פּאַליטורטן קעסטעלע, פון דאָרטן אַרויסגענומען אַ דיקן ציגאַר, פאַרויכערט, אַרויסגעלאָזט אַ בלויען קנויל־רויך פון מויל: „עס איז נאָך גוט, וואָס מאָרגן איז שבת. בייטאָג וועט ער צופאָרן צו ברוכן אַהיים און פאַרגעסן זיך אויף אַ ווײַלע פון געשעפט, אָפּרוען זיך פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין פאַבריק און אין קאַנטאָר".

רעבעקאַ איז ווידער אַריינגעקומען און הכנעהדיק געפרעגט:

— מיסטער ראַטמאַן, דער פאַרמאַן איז ביי מיר אין אָפיס; באַלד האַלב נאָך פיר אַזייגער; צייט צו צעטיילן די טשעקס; איר האָט שוין זיי איבערגעקוקט?...

— האַ? וואָס? — האָט זיך דער באַלעבאָס אויפגעכאַפּט ווי פון אַ לאַנגן און שווערן שלאָף — וועלכע טשעקס? וועגן וואָס רעדט איר, מיס רעבעקאַ?

— די שכירות, מיסטער ראַטמאַן. די אַרבעטער דאַרפן גיין אַהיים און דער פאַרמאַן וואַרט, אַז איך זאָל אים אַרויסברענגען די טשעקס.

— אַך, די טשעקס, גאָט! נעמט זיי — האָט ער נאַכלעסיק אַ רוק־געגעבן פון זיך דעם שטויס געלט־אָנווייזונגען, ווי דאָס וואָלט ביי אים קיין ווערט נישט געהאַט — גאָר פאַרגעסן; אַנטשולדיקט; אָפּנים, אַז אויף דער עלטער אַרבעט שוין נישט דער מוח ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

דאָס יונגע מיידל האָט אויף אים אַ רחמנותדיקן קוק געגעבן. דער „רחמנות" איז אָבער גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווייטער, פאַרבאַהאַלטענער מורא פאַר זיך אַליין: „וועט זי אויך ווערן אַזוי אַלט און טעמפּ ווי ער און פאַרלירן די שיינ־קייט פונעם פּנים?... עס קאָן נישט זיין... זי וועט דאָס נישט דערלאָזן"... מיט אַן אַרויפגעצוווּנגענעם שמייכל האָט רעבעקאַ גענומען דעם פּאַק טשעק׳ס, חנעוודיק אויסגעדרייט זיך אויף אירע הויכע און דינע קנאַפּל און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

זעליג האָט נאָך אַלץ געזויגן דעם רויך פון ציגאַר, מיט קאַלאָמוטנע אויגן

נח גאָלדבערג

געקוקט אין דעם פיר־קאַנטיקן חלל פון קאַבינעט און צום ווימלטן מאָל שוין געשטעלט זיך אַליין די זעלביקע פראַגע: „וואָלטן ער דאָרטן, ביי זיך אין באַברויסק, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און יונגערהייט געבליבן אַ יתום אָן אַ טאַטן, אויך געהאַט אַזאַ גרויסע פאַבריק, הייזער, צוויי אויטאָמאָבילן און אַזויפיל געלט אין די בענק?"... ווי דורך אַ דינעם וואַל איז זיין גאַנץ לעבן מיטאַמאָל דורכגעשווומען פאַר די אויגן: די מאַמע, אַ נידעריק־געוויקסיקע פרוי, מיט איינגעפאַלענע באַקן און אויסגעדאַרטע הענט, פלעגט אין די ווינטערס פאַרקויפן געבאַקענע עפל אויפן מאַרק. פליקן פעדערן ביי רייכע באַלעבאַטעס. זומער, אין די גרעסטע היצן, האָט זי זיך געשלעפּט מיט אַ קאָשיק בייגל, קיכעלעך, געקאָכטן באָב און אַרבעס און אַלץ נישט געהאַט קיין שטיקל ברויט צו דער זעט פאַר אים מיט זיין שוועסטער גיטעלע, וואָס איז יונגער געווען אויף צוויי יאָר און שטענדיק געהאַלטן אין וויינען, אַז זי וויל עסן.

אַז ער איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר, האָט אים די מאַמע אָפּגעגעבן אין דער לער צו יונה, דעם אָפּיצערסקן שניידער. דאָרטן איז ער „אָפּגעקומען ס'גהינום אויף דער וועלט". פונדעסטוועגן האָט ער זיך פאָרט אויסגעלערנט די מלאכה און געוואָרן אַ געזעל מיט אַלע אַנדערע מענער־שניידער צוגלייך. דעמאָלט איז ער אַוועקגעגאַנגען צו אַן אַנדער באַלעבאָס, באַקומען פינף־און־צוואַנציק רובל אַ יאָר מיט „קאַרטש" און אַרויסגעהאָלפן דער מאַמען מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

ביי איטשע „די קישקע", ביי זיין נייעם באַלעבאָס, וואָס האָט האָלד געהאַט, אַז זיין ווייב „ציפּל די רויטע", זאָל אויף יעדן שבת אין טשאָלנט אַריינלייגן אַן אָנגעפּילטע קישקע מיט גריבנקע גרויפּן און טוקעווען שמאַלץ, האָט זיך זעליג צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיט ברוכן, שפּרינצע דער אלמנהס איינציקן זון, וואָס האָט געלערנט אין ר' שמואל־נחס ישיבה און געקומען אַהער אַלע דינסטיק „עסן אַ טאָג". די באַקאַנטשאַפט איז אין אָנהייב געווען אַן אויבנאויפיקע, אַ קאַלטע. געוווּנמען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס זעליג האָט נישט געוואָגט צו שטיין נאָענט צו אַ למדן, און ברוך האָט בכלל נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן צו אַ מענטשן, וואָס איז געווען ווייט פונעם יידישן אות.

אָבער שפּעטער האָט זייער קאַנטשאַפט אָנגענומען אַ וואַרעמערן כאַראַקטער. איבערהויפּט נאָך, אַז זעליג האָט מיט דער צייט אָנגעהויבן אַריינקומען אין דער ישיבה, אַמאָל מיט אַן עפּל, צי מיט אַ באַר, אָדער עטלעכע פּאַפּיראָסן אין קעשענע. וואָס ער האָט בשתיקה אָפּגעגעבן דעם ישיבה־בחור און טאַקע געבעטן זיך, אַז יענער זאָל אים אויסלערנען ווי צו דאַווענען כאָטש פון אַ סידור, איז ער שוין דערמיט אַליין געוואָרן ליב און טייער ביי ברוכן אין די אויגן.

אמת, לאַנג האָט דאָס נישט אָנגעהאַלטן, ווייל אין עטלעכע יאָר אַרום איז אונ־טערגעשפּרונגען די צייט צו שטעלן זיך צום „פּריזיוו״. דעמאָלט האָט זעליגס מאַמע אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו איר ברודער קיין ניו־יאָרק און געבעטן רחמים, אַז ער זאָל ראַטעווען איר זון פון „פּאַניעס הענט״. אין אַ פּאָר חדשים נאָכדעם, איז פון דאָרטן אָנגעקומען אַ שיפסקאַרטע. האָט זיך זעליג געלאָזט אין דער נייער וועלט אַריין און גאָר פאַרגעסן וועגן ברוכן.

און צוריק־גערעדט: ווי האָט ער גאָר געקאָנט געדענקען אַזעלכע זאַכן, אַז גלייך ווי ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, איז ער אַוועק אין אַ שאַפּ, געאַרבעט ביז שפּעט אין די אָוונטן און אָנגעהויבן פרײַער פאַר אַלע אַרבעטער?... דערנאָך האָט ער זיך באַגעגנט מיט העניען, פאַרליבט זיך אין איר ביז איבער די אויערן און חתונה געהאַט. און כאָטש ער האָט פאַרדינט נישט שלעכט, איז ער אָבער שטענ־דיק געווען אַזוי פאַרמאַטערט פון די לאַנגע שעהן שווערער האַרעוואַניע, אַז ער האָט פשוט קיין כוח נישט געהאַט צו טראַכטן פון עפּעס אַנדערש.

צו דעם מוז מען צוגעבן, אַז זעליג איז געווען אַ גוטער בעל־מלאכה און אַ פלייסיקער אַרבעטער. האָט אים טאַקע דער אַמעריקאַנער באַלעבאָס, מיט דער צייט, געמאַכט פאַר דעם אויפזעער איבער די אַנדערע בעל־מלאכות און אַפילו געהעכערט די שכירות אויך. אָבער זעליג האָט געהאַט גאַנץ אַנדערע אַמביציעס. עס האָט אים געצויגן צו ווערן אַ באַלעבאָס פאַר זיך. דעריבער האָט ער געשפּאָרט פון זיך, פונעם ווייב און געאַרבעט נאָך שווערער אײדער פרײַער.

און ווען דער „באָברויסקער פאַריין״ האָט איינגעאָרדנט זיין ערשטן יערלעכן „באַל״ אין סטייוועסענט־קאַסינאָ, איז שוין זעליג ראַטמאַן געווען פאַרעכנט פאַר אַ גאַנץ נישקשהדיקן פאַבריקאַנט פון מענער־קליידער, וואָס איז פאַמעלעך, אָבער מיט זיכערע טריט, געגאַנגען אַלץ נענטער און נענטער צו די „הויכע פענצטער״...

דער „באַל״ איז געווען אין אַ ווינטערדיקן שבת־צו־נאַכט. זעליג מיט העניען זענען געקומען אויסגעפּוצטע. ער, מיט אַ דיקער גאָלדענער קייט איבער דער גאַנצער ברייט פון זשילעט. דער שוואַרצער רעקל איז געווען ווי אויסגעגאָסן אויף זיינע ברייטע פלייצעס; די הויזן, גלייכע און אויך שוואַרצע, זענען פון פאַרנט געווען אויסגעפּרעסט מיט אַזעלכע שטייפע און שאַרפע קנייטשן, וואָס האָבן אויס־געזען, ווי צוויי שווערדן ביי קאַוואַלעריסטן און פון דערוווייטנס נאָכגעשרײַען, אַז צו זיי, צו די הויזן, זאָל קיינער נישט וואַגן צוקומען נאָענט... העניעס גרינע, זיידענע קלייד האָט אויסגעפּילט יעדן אבר פון איר בייגעוודיקן קערפּער און צו־זאַמען מיטן ווייסן שנירל קאַרעלן אַרום דעם ראָזעווען האַלדז, אַרויסגערופן צו זיך

דרך־ארץ און אין דער זעלבער־צייט געמאָניעט די בליקן פון די יונגע מענער אין זאַל.

די קאָסינאָ איז געווען אַזוי העל באַלויכטן, אַז דער גלאַנציקער דיל האָט אַזש אָפּגעשפּיגלט די זאָקן ביי די מענער פון אונטער זייערע קאָלאָשעס פון די הויזן, און ביי די דאַמען — די האַלב־נאַקעטע פּאלקעס. פון דער גרויסער בינע האָבן געשאַלט פּלייטן, באַסן, טראָמפּייטן, אַ פּאָר פידלען, אַ פּויק מיט פּייקלעך. די „מוזיק" האָט געדרינצלט אין די אויערן און הילכיק געדרופן דעם עולם צום טאַנצן. זעליג האָט אַנגענומען העניען ביי דער דינער טאַליע און געוואָלט אַוועק־לאָזן זיך מיט איר אין אַ „קאַדריל", ערשט אַ באַקאַנטער לאַנדסמאַן האָט אינמיטן דערינען אַ געשריי־געגעבן:

— זעליג! וואָס מאַכסטו? ווי גייט דאָס געשעפט ביי דיר?!

— אַ קעי! — האָט זעליג ראַפּטום געענטפערט מיט רוגזה אין קול, ווי אים וואָלט נישט אָנגעשטאַנען, וואָס עפּעס אַ קבצן האָט אים געשטערט דעם טאַנץ און נאָכגעפרעגט זיך אויף אַזעלכע אינטימע זאַכן.

ער האָט נאָכאַמאָל געוואָלט פאַרלייגן די האַנט אַרום העניעס טאַליע. אָבער אין דער רגע איז זיין בליק געפאַלן אויף אַ הויכן און מאָגערן יונגנמאַן אין די דרייסיקער יאָרן. זיין שוואַרצע פּאַטלע איז געווען פאַרקאָמט מיט אַ שרונט צו דער לינקער זייט קאָפּ. די נאָז, אַ לאַנגע, אַ ביסל אַן אויסגעבויגענע אין דערמיטן, איז חנעוודיק געזעסן אויפן איידעלן פּנים. די אויגן, גרויסע און אָנגעפילטע מיט אור־מעט, האָבן געקוקט אויף אים פאַרחידושטע און פרעגנדיקע. נעבן דעם יונגן מענטשן איז געשטאַנען אַ בלאָנד ווייבל מיט אַ ליכטיקן פּנים, שטראַלנדיקע, גרויע אויגן. פונווייטן האָט זי אויסגעזען, ווי אַ שטאָלצע פּאַווע, וואָס האָט אויך געקוקט אויף זעליגן, ווי דער מאַן נעבן איר.

דאָס קוקן האָט געדויערט אַ רגע, אַ מינוט, אַן אייביקייט! נאָר אָט האָט זיך דער יונגערמאַן דורכגעשניטן אַ וועג צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך און די דאַמע — נאָך אים. ווי אַן אָטעם זענען זיי באַלד שטיין־געבליבן נעבן זעליגן און אַ באַ־קאַנטע שטימע האָט אים ציטערדיק געפרעגט:

— זעליג?...

זעליגס האַרץ האָט אַ ציטער־געטון, אַ צאַפּל־געגעבן זיך. אין איין אויגנבליק האָט ער דערקאַנט דעם פרעגערס פּנים און אַ פּאַטש־געטון זיך אַ האַנט אין אַ האַנט:

— גאָט מיינער! דאָס ביסטו, ברוכקע?!...

ברוכן האָט עפּעס אַ וואָרג־געגעבן אין האַלדז און נישט געקאָנט רעדן, נישט

געקאָנט ענטפערן. זיינע ליפּן האָבן בלויז אַ צוק־געגעבן. אָן לשון איז ער אַרויפגעפאַלן זיין געפּוּנעטעם פריינט אויפן האַלדז.ביידע מענער האָבן זיך צעקושט און אין זייערע אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט. און כאָטש אַרום זיי האָט זיך פּלוצים אַרומגעקליבן אַ היבש רעדל נייגעריקע לאַנדסלייט, זענען די פרויען פון די צוויי חברים אַזוי געריהרט געוואָרן פון דער סצענע, אַז זיי האָבן זיך צעוויינט.

ווען אַלע פיר האָבן זיך באַרויִקט און ברוך האָט אויסגעווישט די אויגן, האָט ער אָנגענומען זיין ווייבל ביי דער האַנט און געפרעגט דעם פאַבריקאַנט:

— דו דערקאָנסט זי?

זעליג האָט שאַרף אָנגעשפּיזלט די בליקן אויף איר לענגלעכן פּנים, מיט די ראָזעווע באַקן און פייכטע, גרויע אויגן און געענטפערט:

— ניין.

— דאָס איז דאָך סאנקע!... יונה, דעם אָפּיצערסקען שניידערס עלטסטע טאָכטער. ביי איר טאַטן האָסטו זיך דאָך געלערנט דיין שניידעריי!...

— אָט די סאנקע, מיט די לאַנגע צעפּלעך, וואָס איז געווען נאָך ווילדער פון אַ ציג און פלעגט מיר דערגיין די יאָרן? — האָט איר זעליג אָנגעקוקט נאָכאַמאָל.

סאנקע האָט זיך צעלאַכט, ווי אַ דין קלינגענדיק גלעקל. איר פּנים האָט זיך נאָך העלער צעלויכטן. פון די אויגן האָבן אַרויסגעשטראַלט צוויי אָנגעצונדענע שטורקאַצן, וואָס האָבן איצט אויסגעזען, ווי צוויי אויפגייענדיקע זונען. אירע פולע, זאַפטיקע ליפּן האָבן זיך צענומען און אָפּגעדעקט צוויי שורות ווייסע, געזונטע ציין:

— יאָ, זעליג, דאָס בין איך. איר דערקאָנט מיך גאָרנישט?... איר האָט שוין פאַרגעסן, אַז ווען איר האָט געאַרבעט ביי מיין טאַטן און געהיט אונדזערע קינדער, האָט איר מיר נישט איינמאָל געקניפּט, פון כעס מסתמא...

— נו, אויב אַזוי — האָט זיך זעליג געוויצלט און אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי פון דער אַמאָליקער ווילדער ציג איז אויסגעוואַקסן אַזאַ שיינע פרוי — זענען מיר דאָך כמעט ווי אייגענע! געהערט אַ מעשה? זי געדענקט נאָך מיינע קניפּן... יאָ, גאָר פאַרגעסן —האָט ער זיך אַ קער געגעבן צו זיין פרוי— זייט באַקאַנט מיט העניען, דאָס איז מיין ווייב.

ביידע פרויען האָבן אַ לייכטן שאָקל־געגעבן מיט די קעפּ איינע צו דער אַנדערער. ברוך האָט העניען די האַנט געגעבן. נאָר וועגן טאַנצן איז שוין קיין רייד נישט געווען. האָבן זיי צוריק אָנגעטאָן די קאַלאָשן, די אויבערמאַנטלען מיט די היט און אַוועק אויף דער צווייטער עוועניו. דאָרטן זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ כשרן רעסטאָראַן, אַוועקגעזעצט זיך ביי אַ פיר־קאַנטיקן טישל און באַשטעלט עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין.

נאָכן עסן האָט זעליג אַ צאַרטן פּאַטש געגעבן ברוכן איבער דער פּלייצע:

— איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געחלומט, אַז מיר זאָלן זיך וועלן עס איז זען. זייער גוט, ווי איך בין אַ ייִד! אָבער, ווי ביסטו געקומען קיין אַמעריקע און מיט וואָס באַשעפטיקסטו זיך דאָ?

ברוך איז נישט געווען פון די מענטשן, וואָס דערציילן עפּעס פון זייער אייגן לעבן, און איבערהויפּט פון משפּחה־אָנגעלעגנהייט. דעריבער האָט ער זיך אַ היבשע ווײַלע געקווענקלט. נאָר די היינטיקע פרייד זײַנע האָט איבערגעוועלטיקט אַלע ספיקות:

— דאָס איז אַ גאַנץ פּשוטע מעשה. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב געדאַרפט גיין דינען „פּאָניען", און די מאַמע מײַנע —האָט ער דערביי געוואָרפן אַ בעטנדיקן בליק אויף סאנקען, אַז זי זאָל אים פאַרגעבן פאַר דעם וואָס ער וועט באַלד זאָגן— די מאַמע האָט זיך דערוווסט, אַז מײַן איצטיקע ווײַב, איז דעמאָלט געשטאַנען אין שידוכים. איז זי אַוועק צו ר' שמואל נח, דעם ראש־ישיבה און אַזוי לאַנג געוויינט, ביז דער הויכער און שיינער ייִד, מיט דער ווייסער לאַנגער באָרד, האָט זיך אַרײַנגעלייגט אין דעם ענין. דער שווער האָט אונדז אויסגעקליידט, געגעבן איבער פינף הונדערט רובל נדן, — האָבן מיר חתונה געהאַט און געקומען אַהער.

— זייער אינטערעסאַנט, כ'לעבן! — האָט זעליג געקייט דאָס רעשטל פונעם ציגאַר צווישן די ציין, אַריבערגעוואָרפן אים פון איין זייט מויל אין אַנדערן און געגאַפּט פון דעם, ווי דאָס לעבן דרייט זיך אַזוי ווי אַ פאַרכישופט רינגעלע.

— יאָ, אָבער וואָס איז דאָ דײַן אַרבעט, פונוואַנען „מאַכסטו אַ לעבן?"...

ברוך האָט אויסגעטרונקען אַ האַלב גלאָז קאַלט וואַסער, אָפּגעווישט זיך די ליפּן און געשמייכלט:

— פון דער רייזע איז איבערגעבליבן אַ ביסל געלט און אַזוי ווי קיין פאַך אין האַנט האָב איך נישט און אָן דעם איז מען אין קאָלאָמבוסעס מדינה אַ פאַר־פאַלענער, האָבן אַ פּאָר לאַנדסלייט אויסגעזוכט פאַר אונדז אַ „גראָסערי סטאָר", מיט דריי צימערן הינטער דעם קרעמל. איינער אַ ייִד, וואָס איז אַליין אויך אין אַזאַ מין געשעפט, האָט אונדז אויסגעלערנט ווי צו מעסטן און וועגן, ווי צו קויפן און פאַרקויפן. מײַן סאָנקע, זאָל געזונט זײַן, שטייט נישט אָפּ פון מיר. אמת, מען אַרבעט לאַנגע שעהן און שווער, אָבער גאָט צו דאַנקען, אַבי אויף דער אייגענער אויסקומעניש האָבן מיר גענוג...

פון דעם וואָס ברוך האָט אים דערציילט, האָט זעליגן טיף אין האַרצן געפרייט, וואָס אין אַמעריקע איז גראָד געלערנטקייט נישט קיין מעלה... אָבער געקרענקט

האָט אים וואָס אַזאַ למדן ווי ברוך האָט זיך געמוזט נעמען צו אַזאַ נידעריקער פּרנסה:

— ווי איך געדענק, ביסטו דאָך געווען אַ פרומער. היינט, ווי אַזוי קאָנסטו זיין אין אַזאַ מין געשעפט, ווו מען דאַרף האַלטן שבת אָפן די קראָם? ווי מיר דאַכט זיך, איז דאָך שבת די הויפּט־לייזונג פון דער וואָך, סיידן דו ביסט דאָ געוואָרן אַזוי ווי אַלע אַמעריקאַנער ייִדן?...

אַביסל אַ פאַרשעמטער, האָט ברוך אַראָפּגעלאָזט די בליקן צום טיש. אַ ווײַלע געקוקט אויף די אויסגעליידיקטע גלעזער טיי, אויפן ווייסן סערוועטל און פון דער אומבאַקוועמער לאַגע, אין וועלכער זעליג האָט אים אַזוי פּלוצים און גראָב אַריינגעוואָרפן, איז אים ענג געוואָרן צו זיצן ביים טיש:

— אַזוי פרום ווי דאָרט קאָן איך טאַקע דאָ נישט זיין, אָבער שבת היט איך אָפּ פּונקט ווי אינדערהיים און האַלט די קראָם אָפן אין די זונטיקס.

— באַלד אַזוי — איז זעליגן זייער געפעלן געוואָרן, וואָס ברוך איז אין אַמע־ריקע געבליבן דער זעלביקער ערלעכער און פרומער ייִד ווי אין באָברויסק — וועלן מיר זיך דאָך קאָנען טרעפן אַלע שבת. ווייל אויך מיין פאַבריק איז שבת פאַרמאַכט. ס'איז אַ יוניע, דו פאַרשטייסט?... זיי זענען די באַלעבאַטים און נישט איך...

פון דעם שבת־צו־נאַכט אָן האָבן זיך די יאָרן אַ יאָג־געטון אין גאַלאָפּ, גע־טראָגן זיך, געפלויגן איינער נאָכן אַנדערן, ווי די פליגלען פון אַ ווינט־מיל אין אַ גרויסן ווינט. דורך דער צייט האָט שוין זעליגס זונדל, דודל, פאַרענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט און געוואָרן אַ באַרימטער אַדוואָקאַט.

סאַנקעס צוויי קינדער, אַ מיידל פון אַרום זיבעצן יאָר און אַ בחורל פון ניינצן, האָבן זיך נאָך אַלץ געלערנט. זי אין קאָלעדזש און ער — אין אַ היגער ישיבה. די קינדער האָבן גערעדט צווישן זיך מער ייִדיש ווי ענגליש. אין די אָוונטן האָבן זיי אַרויסגעהאָלפן טאַטע־מאַמע אין קראָם. אין דער שטיל האָט ברוך אָנגעקוואָלן פון זיינע צוגעלאָזטע קינדער און אַלץ געהאָפט, אַז זיין פריינט, זעליג, וועט ווען עס איז אַראָפּנעמען די האַנט פון האַרצן און קומען צו אים מיט אַ וויזיט, ווי ער האָט אים צוגעזאָגט מיט יאָרן צוריק.

ברוכס וואַרטן איז טאַקע נישט געווען אומזיסט. איינמאָל, איז אַ פרייטיק אינ־דערפרי, האָט מען אים גערופן צום טעלעפאָן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער דערבייאיקער אַפּטייק. הענדום־פענדום איז ער כמעט אַריינגעלאָפן אין דער טעלע־פאָן־בודקע, צוגעלייגט ס'טרייבל צום לינקן אויער און אַ דערשראָקענער געפרעגט:

— האַלאָ! ווער רעדט דאָס?

— האלאָ! —האָט מען אים געענטפערט פון דעם אַנדערן עק דראָט, ערגעץ— דאָס בין איך, זעליג! איך מיט העניען ווילן היינט קומען צו דיר אויף וועטשערע. ס'האָט זיך אונדז פאַרבענקט צו זיין אין אַ יידישער שטוב...

— זייער פיין פון דיר. איר וועט זיין אָנגעלייגטע געסט! —איז ברוך צו־פרידן געווען וואָס זעליג האָט זיך אַליין איינגעלאַדן— אָבער קומט נישט שפּעט. ווייסט דאָך, יוגנט... די קינדער מיינע עסן אַלעמאָל אין צייט...

דורך דער צייט האָט סאָנקע אָנגענומען איר מאַמעס פיזיאָנאָמיע. זי האָט זיך אין אַמעריקע געפירט פשוט. איז זי אַוועקגעלאָפן אין אַ פיש־קראָם, געקויפט פיש אויף איינצוהאַקן, אַליין אָפּגעבאַקט חלות, צוגעשטעלט קאָכן הון מיט יויך און לאָקשן, אויך אַ בולבע צימעס מיט שוואַרצע פלוימען און צוגעגרייט אַ וועטשערע ווי אויף אַלע פרייטיק־צו־נאַכט פון אַ גאַנץ יאָר.

פאַרנאַכט, אַז זעליג מיט העניען זענען געקומען, זענען זיי שטיין־געבליבן פאַרחידושטע. דער גרויסער קאָנטראַסט פון זייער ריזיקער היים, מיט די צוועלף גרויסע צימערן, אימפּאָרטירטע מעבל, זיידענע גאַרדינען, טאַפּעטן, מיט די צופּע־ליקע שטיקלעך מעבל ביי ברוכן אין די קליינע צימערלעך, וואָס ער האָט אַפּנים געקויפט — געניצטע, איז געווען אַזוי הימלשרייענדיק, אַז אַ היבשע ווילע האָבן די געסט נישט געקאָנט עפענען די מיילער.

פונדעסטוועגן האָט פון יעדן ווינקעלע געשלאָגן מיט היימישקייט, מיט ערב־שבת. אינמיטן עס־צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, מיט אַ ווייסן סערוועט באַדעקט. אויף אים האָבן צוויי מעשענע לייכטער געפינקלט פון ריינקייט. אין זיי האָבן געברענט צוויי זעכצענער ליכט. אַרום אַ גראַפינקע רויטן ווין זענען „גע־זעסן" עטלעכע קורץ־געוויקסיקע קעלישעקלעך מיט פאַרבויגענע אויערלעך. אויבן־אָן, פון אונטער אַ געבלימלט סערוועטקעלע האָבן אַרויסגעבערגלט צוויי היבשע חלות.

אויף איין וואַנט איז געהאַנגען אַן אַלט בילד פון שפּרינצען, ברוכס מוטער. אַביסל אָפּגערוקט, אַ צווייטער פּאָרטרעט פון יונה דעם שניידער מיט זיין אישה. אונטער די בילדער — אַ ברייטער, גלעזערנער שראַנק מיט אַ סך ספרים און ביכער, סיי אויפן יידישן לשון און סיי אויף ענגליש. פון דעם נידעריקן סופיט איז אַראָפּגעהאַנגען אַן אומגעלומפּערטע קאַנדעליאַברע, מיט דורכזעעוודיקע, פאַר־צעלייענע מענטלעך אין וועלכע עס האָבן געזשיפּעט און געברענט קליינע גאַז־פלעמלעך:

— האלאָ, ברוך — האָט זעליג אַ זאָג־געטון אויף זיין באַסאָוון קול און אין קאָפּ האָט זיך אַ באַמבל־געטון: ער וואָלט אויך געוואָלט האָבן ביי זיך אינעם גרויסן

אויפנעם־זאָל, אַ בילד פון זיין מאַמען; אין אַ גאָלדענער ראָם וואָלט ער זי איינגע־ראָמט. אָבער ווי האָט די מאַמע אויסגעזען? — דאָס האָט ער ניט געדענקט אַקוראַט.

אויך העניע האָט עניוותדיק געזאָגט: „האלא" און פון אָנהויב אָן נישט געקאָנט אָנקוקן זיך צו דער זעט אויף דער שיינער, שוואַרץ־חנעוודיקער מיידל און דעם אײדעלן בחורל מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, וואָס זענען געזעסן ביים טיש און געדולדיקע געוואַרט, אַז דער טאַטע זייערער זאָל שוין מאַכן קידוש.

— אַ גוט־שבת, אַ גוט־יאָר אויף אייך —האָט ברוך מקבל־פּנים געווען די געסט— זייער פיין וואָס איר זענט געקומען. זעצט זיך צום טיש. דאָס איז —האָט ער אָנגעוויזן מיט פינגער— מיין זון חיים און מיין טאָכטער האָדל.

די קינדער האָבן זיך פאַראַמאָל אויפגעשטעלט, אָפּגעגעבן כבוד, הייסט דאָס, און פאַרשעמט געזאָגט:

— גוט־שבת.

זעליג מיט העניען האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די אָנגעגרייטע שטולן אַנט־קעגן די קינדער. סאָניע איז אַ פאַרפלאָמטע און אַ גליקלעכע אַרומגעלאָפן פון טיש צום אויוון און צוריק. זעליג האָט דערווייל געוואַשן די הענט, אָנגעגאָסן די קעלישקעלעך מיט בראָנפן, מיט וויין; אַוועקגעשטעלט זיך אויבנאָן ביי די צוויי גרויסע חלות; פאַרמאַכט די אויגן, ווי אַ האָן ביים קרייען אויף טאָג און אָנגעהויבן זאָגן:

— יום השישי!...

ביי זעליגן מיט העניען איז דאָס דאָ אין אַמעריקע געווען אַ נייעס. דער מאַן האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס ברוך האָט אַרויסגעזאָגט פון מויל און העניע האָט אַלץ געקוקט דאָ אויף סאָניען, דאָ אויף די קינדער, וואָס האָבן אויף דעם טאַטנס קידוש געענטפערט מיט אַ הילכיקן „אָמן" און אַ קיילעכדיקער טרער, ווי אַ פּערל, האָט זיך פאַרגנבעט ביי איר אין אַ ווינקל־אויג און עס איז העניען נישט געווען לאַווקע דאָס אויסווישן צי אַרויסווייַנען.

שפּעטער, אַז מען האָט שוין אָפּגעגעסן וועטשערע און די קינדער זענען אַוועק צו זייערע פריינט אין גאַס און דער שבת האָט זיך געניִדערט אַלץ נידעריי־קער און נידעריקער איבערן ליכט־געבענטשטן טיש און געשלעפּערט מיט זעטי־קער רו, איז ברוך צוגעגאַנגען צום שראַנק ספרים, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ סידור און צוגעטראָגן צו זעליגן:

— דו דערקענסט אים?

זעליג האָט אויפגעעפנט דעם רעכטן טאָוול און אָנגעהויבן מישן איין בלאַט נאָכן אַנדערן. די מאַטאָווע אותיות אויף די געל־געוואָרענע בלעטער, וואָס זענען

ערטערווייז געווען דורכגעוועבט מיט פּליאַמעס פון שמעק־טאַבעק און טרערן, האָבן אַ שעמעריר־געטון פאַר זיינע אויגן, אַ שלאַג־געטון מיטן גערוך פון בית־מדרש, מיט היימישער נאָענטקייט. אָבער זעליג האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און נישט געכאַפּט זיך צוליב וואָס ברוך האָט דאָס אים געוויזן:

— ניין.

— האָסט דאָך טאַקע אַ גראָבן קאָפּ. דערקלאַנסט גאָרנישט, אַז דאָס איז דער זעלבער סידור פון וועלכן איך האָב דיך געלערנט דאַווענען?...

זעליג האָט זיך פאַרשעמט, אי פאַר דער אייגענער ווייב, אי פאַר סאָנקען. פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט פאַרלוירן און מיט געמאַכטן קוראַזש געפרעגט:

— טאַקע דער זעלביקער סידור?... און דו האָסט אים אַזש געשלעפּט פון דאָרטן?... אין אַמעריקע פעלן דען אויס סידורים?...

ברוך האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער איז באַגאַנגען אַן עוולה אַנטקעגן זיין פריינט. נאָר צוריקגיין האָט ער שוין נישט געקאָנט און געמוזט פאַרענדיקן דאָס אומפאַרמיידלעכע:

— יאָ, נישט נאָר דעם סידור, אַפילו די ספרים האָב איך געבראַכט פון דער היים. פאַרשטייסט? דאָס איז אַ ירושה פון מיין זיידן ע״ה. שווער צו שיידן זיך מיט אַזעלכע הייליקע זאַכן...

— נו, און די לייכטער? ווו האָסטו געקויפט אַזעלכע שיינע לייכטער? דאָ אין לאַנד האָב איך נאָך אַזעלכע קיינמאָל נישט געזען — איז זעליג געוואָרן אַלץ טראַציקער אין זיין נאָכפרעגן זיך אויף יעדער קלייניקייט.

אינמיטן פון זעליגס פרעגן די קלאָץ־קשיות האָט סאָניע איבערגעשלאָגן זיינע רייד און אַ פאַרליבטן קוק־געגעבן אויף די צווי לייכטער, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך אויסגעקריצטע בלימעלעך און אָנזעעוודיקע מגן־דודלעך:

— די לייכטער האָט נאָך מיין מאַמע באַקומען דרשה־געשאַנק פון דער באָבען ע״ה. און ווען מיר זענען געפאָרן אַהער, האָט דאָס מיר די מאַמע געגעבן, אַז איך זאָל אין אַמעריקע אָפּהיטן שבת און נישט פאַרגעסן צו בענטשן ליכט...

— —

און איצט, אַז די בילדער פון דער „אַלטער היים״ און פון די יונגערע יאָרן דאָ אין אַמעריקע זענען אַוועקגעשוווּמען פון זעליגס אויגן, און די געדאַנקען האָבן זיך פאַמעלעך אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט, איז דער זעכציק־יעריקער ייִד אויפגעשטאַנען פון דער טיפער שטול, אַ דריק־געטון אַ קנאַפּקע אין וואַנט און אין קאַבינעט איז געוואָרן אַזוי ליכטיק, אַז דער שאַרפער שיין פון די גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן אים אַ שטיק צייט געשניטן אין די אויגן.

דער רעד־אַפּאַראַט ביי אים אויפן שרייבטיש האָט דערוויל אַ זשומע־געטון און פון דאָרטן האָט אַרויסגערעדט רעבעקאַס זינגעוודיקער קול:

— מיסטער ראַטמאַן. ס'איז שוין שפּעט; אַלע זענען אַוועק אַהיים; אייער שאָ־פער וואַרט אויף אייך אויפן גאַס, ביים אַריינגאַנג אין קאָרידאָר. איך גיי אויך אַוועק. אַ גוטע נאַכט.

אויף מאָרגן נאָך האַלבן טאָג האָט זעליג אָנגעטאָן זיין טייערסטן אָנצוג, אַרויס־געגאַנגען פון זיין רחבותדיקער היים. דערנאָך אַריינגעזעצט זיך אינעם שוואַרצן, גלאַנצעדיקן „קאַדילאַק" און געהייסן דעם שאָפער, אַז ער זאָל אים פירן צו ברוכן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער רייכער אויטאָמאָביל געשניטן די אָרעמע „איסט־סיידער" גאַסן פון ניו־יאָרק. די קוואַרטאַלן, מיט די פינף און זעקס־שטאָקיקע געביידעס, וואָס זענען ענלעך געווען איינע אויף דער אַנדערער און געהאַט אויף זיך כמעט די זעלבע אָפּגעקראַכענע, רויטלעכע פאַרב, האָבן זיך געיאָגט אַנטקעגן דעם גלאַף פון דעם „קאַדילאַק". נאָר אָט האָט זיך דער אויטאָמאָביל צוגעקערע־וועט האַרט צו אַ ברעג־טראָטואַר און שטיין־געבליבן. דער שאָפער איז באַלד אַרויסגעשפּרינגען פון זיין זיץ־פּלאַץ, ברייט צעעפנט די הינטערשטע טירל און געהאָלפן זיין באַלעבאָס אַרויסשטייגן.

אַז זעליג איז מיטביידע פיס געשטאַנען אויפן האַרטן אַספאַלט, האָט ער קורץ און שאַרף אָנגעזאָגט דעם אָנטרייבער פונעם אויטאָמאָביל:

— דו ווייסט דאָך שוין ווי לאַנג איך וועל דאָ זיין?... זאָלסט נישט פאַרשפּע־טיקן און קומען נעמען מיר אין צייט!...

— יעס, סער! — איז געקומען אַ צוויי־ווערטערדיקער ענטפער.

מיט שטילע טריט איז זעליג אַריינגעגאַנגען צו זיין פריינט אין שטוב. די טיר פון שלאָף־צימער איז געווען פאַרמאַכט, אָפנים, אַז דאָרטן איז סאָניע געלעגן און געשלאָפן. שוין אַ געעלטערטער, אָן איינגעהויקערטער, מיט היבשע קנייטשן אויפן פנים, איז ברוך געזעסן ביים טיש, ווי אַלע שבת בייטאָג און אַריינגעקוקט אין אַ ספר:

— האַלאָ ברוך!

ברוך האָט אויסגעדרייט דעם סיוון קאָפּ אין דער ריכטונג פונוואַנען דער „האַלאָ" איז געקומען און אַ דערפרייטער געענטפערט:

— גוט־שבת, זעליג! שוין אַ פּאָר וואָכן צייט נישט געזען זיך. איך האָב גע־מיינט, אַז דו ביסט חלילה נישט געזונט. נו, דאַנקען גאָט. וואָס מאַכט העניע?

דער נגיד האָט אָנגעקוואָלן פון ברוכס איבערגעגעבנקייט. ער האָט דאָס אָבער

נישט געוואָלט אַרויסווייזן און פאַרקערעוועט דעם געשפּרעך אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג:

— האָק נאָר נישט קיין טשייניק מיט דיינע שיינע ריידעלעך און זאָג נאָר מיר בעסער: ווי איז ביי דיר געגאַנגען דאָס געשעפט די לעצטע פּאָר וואָכן?

די פראַגע איז פאַר ברוכן נישט געווען קיין נייע. זינט זעליג האָט אָנגעהויבן אַריינקומען אָפטער אַהער, האָט ער אַלעמאָל געפרעגט די זעלבע זאַך. און ברוך האָט שוין געוווּסט וווהין די דאָזיקע רייד וועלן פירן. דעריבער האָט ער איצט וועגן דעם קיין סך נישט געוואָלט רעדן:

— עט! גאָט צו דאַנקען, אַבי איך קאָן נאָר שטיין אויף די פיס און פאַרדינען אויף דער הוצאה פאַר מיר מיט דער אַלטער...

זעליג האָט אַראָפּגענומען דעם פּאַנאַמאַ־הוט פון קאָפּ, אָפּגעווישט זיך דעם פאַרשוויצטן שטערן פון דער סוף־זומערדיקער היץ, וואָס האָט דאָס יאָר אַרומ־געכאַפּט די שטאָט. נאָכדעם פאַרויכערט אַ ציגאַר און א פאַרשנדיקן בליק געטון אויף זיין פריינטס פאַרוואָלקנטן פּנים:

— ווער איז דיר שולדיק, אַז דו ביסט אַ גרויסער נאַר?... צוליב וואָס אַ שטייגער דאַרפסטו אַרבעטן אַזוי שווער?... דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַ גרויסע פאַבריק, הייזער, מיט אַ סך געלט אין די בענק. וועמען זאָל איך דאָס איבערלאָזן, מיין תכשיטל?... ער מיט זיין גויִשע ווייב און קינדער וועלן נאָך מיר קיין קדיש נישט זאָגן און קיין גאָלדענע מצבה נישט שטעלן... איז פאַרוואָס זאָלסטו ביי מיר נישט לייען, אָדער נעמען עטלעכע טויזנט דאָלער?... וואָלט איך געוווּסט, אַז אויך איך האָב עפּעס אויפגעטון אויף דער וועלט. נאָר דו ביסט איינגעשפּאַרט, ווי אַן אייזל און ווילסט נישט!...

ברוך איז טאַקע געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. ער איז אָבער דערצו געווען אַ ייִד מיט אַ סך שטאָלץ אין זיך. האָט ער אַלעמאָל אָפּגעוואַרפן מיט דער האַנט זעליגס טענות. נאָר איצט האָט ער אים אַפּנים נישט געוואָלט מייאש־זיין און אַ טרויעריקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אין זיינע מידע אויגן:

— דעם גאַנצן לעבן האָב איך זיך אויסגעהיט פון אַ מענטשלעכער האַנט. זאָל איך איצט, אויף דער עלטער, אָנקומען צו קיצבה?... און וואָס וועל איך טון מיט אַזויפיל געלט?... די קינדער האָבן דאָך שוין חתונה געהאַט און דאַרפן, ברוך־השם נישט אָנקומען צו מיר. פאַר מיר מיט דער אַלטער וועט זיין גענוג וויפל דער אויבערשטער וועט צושיקן. אַבי, אַבי מיר האָבן נחת פון די קינדער...

אויף אַ ווײַלע איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און צוגעהערט זיך צום זשומען פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער פליג אויף דער שויב. דערנאָך האָט ער זיך פאַרקוקט

אויף דער גאָלדענער לענטע, וואָס די זון האָט אַריינגעוואָרפן דורכן פענצטער און אויסגעשפרייט אויף אַ שטיק דיל:

— אויב דו ווילסט טאַקע עפּעס אויפטון איז פאַראַן וואָס... דער רוצח, היטלער, האָט צענדליקער טויזנטער קינדער געמאַכט פאַר קיילעכדיקע יתומים, וואָס געפינען זיך איצט אין ישראל און דעם טייטש פון „כל ישראל ערבים זה בזה" ווייסטו מסתמא אַזוי גוט ווי איך...

גראָד האָט זעליג דעם טייטש נישט געוווסט, בלויז בחוש פאַרנומען דעם זין פון ברוכס צילן אין פינטל אַריין. האָט ער אַ ווײַלע געפּויקט מיטן מיטלסטן פינגער איבערן טיש און מיט אומזיכערקייט געענטפערט:

— איך האָב טאַקע אַ סך מאָל געטראַכט דערפון. נאָר איצט וויל איך נישט רעדן וועגן דעם. ס'איז מיר היינט אומעטיק אויפן האַרצן און דו געדענקסט דאָך בעסער פון מיר די שניידערשע שול, די מתנגדישע, די חסידישע, דעם מאַרק ביי אונדז אין שטאָט, די איזוואָשטשיקעס מיט די בעל־עגלות. איז זיי אַ גוטער און דערצייל עפּעס פון דאָרטן!...

פון אַ גרויסן טשייניק, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף אַ פּיצינקן גאַז־פּלעמל אויפן אויוון, האָט ברוך אָנגעגאָסן צוויי גלעזער טיי: איינע פאַר זיך און די אַנדערע פאַר זעליגן. אויפן טיש אַוועקגעשטעלט אַ טעלער מיט קיכלעך, וואָס סאָניע האָט נעכטן אָפּגעבאַקט, אַוועקגעזעצט זיך אַנטקעגן זיין פריינט און אַ קנייטש־געטון דעם הויכן שטערן:

— וועגן איזוואָשטשיקעס מיט בעל־עגלות ווייס איך גאַנץ ווינציק. איך קאָן דיר אָבער דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט געטראָפן מיטן פּאַהאָסטער רבין: דו געדענקסט דאָך מסתמא דעם גרויסן הונגער, וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטאָט?... דאָס איז געווען אין אַ קאַלטן פּורים ביינאַכט. איך האָב דריי טעג קיין ביסן ברויט נישט געהאַט אין מויל, און נישט נאָר איך אַליין: קינדער זענען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און אויסגעגאַנגען ווי די ליכטלעך. איך האָב גע־ווּוסט, אַז ביים פּאַהאָסטער רבין וועט מען היינט פּראַווען אַ גרויסע סעודה פאַר די רייכע חסידים. בין איך אין אָוונט אַוועק אַהין. דער קלויז איז געווען איבערגע־פּולט מיט מתפּללים. דער פּאַהאָסטער אַליין איז געשטאַנען מיטן פּנים צום פענצ־טער און געדאַוונט מעריב מיט אַלעמען צוזאַמען.

מיטאַמאָל האָט דער אַלטער רבי דערזען: צום הויף איז צוגעפאָרן אַ שליטן. פיר יידן, איינגעהילטע אין זעק, אין שמאַטעס, זענען אַריינגעגאַנגען, צוגעשלייכט זיך צום גרויסן קעלער פון דער רביצינס שטוב, אויפגעריסן די טירלעך און אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן אַ פּאָר זעקלעך קאַרטאָפל, מעל און צוויי סלאָיען מיט

אויסגעפּרעגלטן, טוקעווען שמאַלץ. אין הויף האָט געברענט דער פּאָנאַר. האָט דער רבי געזען ווער די „גנבים״ זענען געווען און קיינעם גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם. נאָר נאָכן דאַווענען האָט ער אָנגעטון די טיפע קאַלאָשן מיטן פוטער און אַוועקגע־גאַנגען קיין סלאָבאָדקע כדי צו פּראַווען דאָרטן די סעודה מיט די אָרעמע, הונגע־ריקע ייִדן, וואָס האָבן אים פריִער „באַגנבעט״ און פאַראיינס אויך טרייסטן זיי, אַז צוליב „פּקוח־נפש״ מעג מען אַפילו נעמען ביי אַ רבין...

בעתן דערציילן די מעשה מיטן פּאַהאַסטער רבין האָט זיך אַ מאָדנע ליכ־טיקייט צעגאָסן איבער ברוכס פּנים און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי דער רוח־הקודש וואָלט אויף אים גערוט. פון זיינע אויגן, וואָס זענען פריִער געווען מיד און מאַט, האָט איצט אַ חסידיש פּייערל אַרויסגעשטראַלט, אַ פּייערל, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט אַ טיפער בענקעניש נאָכן אַוועקגייענדיקן אַמאָל.

פּלוצים האָט זיך די טיר פון שטוב צעפּראַלט. אַפריִער האָבן זיך אַריינגע־קייקלט זאַרגלאָזע, הילכיקע געלעכטערס. נאָך זיי זענען אַריינגעקומען ברוכס טאָכטער, דער זון, די שנור מיטן איידעם. יונגע, געזונטע און פאַרברוינטע פון דער זון און ווינט, האָבן זיי אין אַ זאַפטיקן ייִדישן לשון אַ זאָג־געטון:

— האַלאָ, מיסטער ראַטמאַן! גוט־שבת טאַטע. ווו איז די מאַמע? זי שלאָפט, אַ? גוט, וועלן מיר אַליין נעמען עסן...

די יונגע ווייבלעך זענען צוגעלאָפן, איינע צום אויוון, די אַנדערע צום ברויט־קעסטל, ווו סאָניע האַלט אַלעמאָל איר געבעקס. אַרויסגענומען פון אויוון אַ טאָפּ מיט טשאָלנט, פון קעסטל — חלה, טאָרט. דאָס געקעכץ אַריינגעלייגט אין פיר פלאַטשיקע טעלער, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און די חברה האָט אָנגעהויבן רייבן אויף אַלע ציין. אין שטוב איז אויפגעגאַנגען אַ פריילעכער טומל און אָנגע־פילט געוואָרן מיט פרישע, יונגע, ייִדישע קולות. מיט אַ ווייטן און טיפן פאַר־דרוס אויף זיין זון, דודלען, וואָס האָט פון ייִדישקייט גאָרנישט געוואָלט הערן און זען, אַפילו נישט געוואָלט וויסן פון זיין טאַטע־מאַמען, איז זעליג געזעסן, ווי אַן אַריינגעזונקענער אין שטול. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם פריילעך־געוואָרענעם פריינט זיינעם און דער רייכער פאַבריקאַנט האָט נישט געקאָנט באַשליסן ביי זיך: ווער פון זיי ביידן איז דאָ דער אמתער נגיד, ער, צי ברוך...

אין איינעם אַ ביינאַכט

שבת ביינאַכט, איז אַ שניי געפאַלן און געקלעפּט די אויגן. די גאַסן און די טראַטואַרן — ווייס! אַפילו די מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען מיט אויפגעשטעלטע קאַלנערס און גיכע שפּאַנען, — האָבן אויסגעזען ווי אָנגעטאָנענע אין ווייסע קיטלען.

נאָר דעם אַכט־און־דרייסיק־יעריקן בענין האָט דאָס נישט געאַרט. אָן איינגעהילטער אין אַ וואַרעמען אויבערמאַנטל, מיט אַ וואָלענעם שאַליקל אַרום האַלדז און קאַלאָשן אויף די פיס — איז ער אַ פרייליכער געגאַנגען צום סאָבווי, נעמען אַ באַן און פאָרן אין די בראָנקס. אָבער דער געדאַנק, אַז אינדערהיים איז פאַראַן אַ וואַרעם צימערל, האָט אים אָפּגעהאַלטן פון אַריינגיין אינעם אונטערערדישן מויל פון סאָבווי. כאָטש נאָך אַ ווײַלע האָט ער געוואָלט אַריינטעמען די פרישע לופט און דערווייל האָבן זיך געבערגלט די שנייעלעך, וואָס זענען געפאַלן אויף זיין הוט, אויף די אַקסלען און אויף דער פּלייצע.

אָבער ווען די קעלט האָט אים סוף־כל־סוף דורכגענומען דורכן מאַנטל און פאַרקליבן זיך אַזש אונטערן העמד, האָט ער שוין קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און אַריין אין סאָבווי. דאָרט — אויפגעזוכט אַ ווינקל וווּ דער ווינט בלאָזט נישט, און געשטעלט זיך וואַרטן אויף אַ באַן, וואָס זאָל אים פירן אַהיים.

ווי אַ געיאָגטע חיה איז אָנגעלאָפן אַ באַן און מיט אַ שווערן זיפץ אָפּגעשטעלט זיך. בעני האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין וואַגאָן און פאַרנומען אַן אָרט צום זיצן. קיין סך פּאַסאַזשירן זענען איצט נישט געווען. איז יעדערער געזעסן באַקוועם, איינגענורעט אין וואַרעמע אויבערמאַנטלען און אַפילו נישט אומגעקוקט זיך איינער אויפן אַנדערן.

די ווייסע סלופּיקלעך, אינמיטן וואַגאָן, האָבן געיתומט. פון אונטער די שטרויענע זיץ־פּלעצער האָט קוים־קוים געשלאָגן מיט לעבלעכער וואַרעמקייט און אַביסל אָפּגעמינטערט די קאַלטע פיס. פון צייט צו צייט איז אַריינגעקומען

נח גאָלדבערג

אַ נייער פּאַסאַזשיר, מיט אַ רויט־אָנגעפרוירענער נאָז, און אַריינגעבראַכט דרויסנ־דיקע קעלט, וואָס איז באַלד אויפגעלייזט געוואָרן. אַ רגע האָט דער אַריינגעקו־מענער געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די מיטפאָרער. נאָכדעם האָבן זיי ווידער אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געוויגט זיך אינעם מאָנאָטאָנעם גאַנג פון דער ביינאַכטיקער באַן.

אַ שטראַלנדיקער איז בעני געזעסן און די געדאַנקען האָבן אים געטראָגן ווי אויף פליגלען צום מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך ערשט היינט באַקענט, און שוין געווען פאַרליבט אין איר ביז איבער די אויערן, און אים איז אויסגע־קומען מאָדנע, וואָס די מיטפאָרער זעען נישט די גליקלעכקייט, וואָס האָט פון זיין פּנים אַראָפּגעזונגען...

ביי דער צוויי־און־זיבעציקסטער גאַס־סטאַנציע האָט זיך די באַן אויף אַ ווײלע אָפּגעשטעלט. די האַלבע טירן האָבן זיך צערוקט אין די שטאָלענע צווישנ־ווענט, און עס איז אַריינגעקומען אַ בחור פון אַ יאָר איין־צוויי־און־צוואַנציק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און מיט נייגער געקוקט אויף די אַפּישן, וואָס זענען געווען אויסגעהאָנגען אינדערהויך איבער די ווענט.

אין אָנהייב האָט אים בעני נישט באַמערקט, נאָר דעם בחורס הילוך האָט אַ שעמעריר־געטון פאַר די אויגן. ווייל, כאָטש אינדרויסן האָט געברענט אַ פראָסט און עס איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי, — איז דער בחור געווען אָנ־געטאָן אין אַ זומערדיקן רעקל, אָן אַ הוט אויפן קאָפּ און אָן קאַלאָשן אויף די פיס. די קאַלאָשעס פון די הויזן — אויסגעקלאַפּט פון גיין, און עס איז קאָנטיק געווען, אַז דער יונגער מענטש איז אַ היימלאָזער, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער באַן כדי אָפּצופּטרן דאָ די נאַכט.

אַ ווײלע איז דער בחור געזעסן מיט דער פּלייצע צו בענין. אָבער גאָר גיך האָט ער דערפילט, אַז עמעצער קוקט אויף אים, און אויסגעדרייט זיך. זיין פּנים — אַן אויסגעבלייכט קינדיש פּנים, מיט קוים־באַוואָקסענע באַקן. אונטער זיין הויכן שטערן — אַ פּאָר אומעטיקע אויגן, אויגן אָנגעפילטע מיט הונגער און צער, האָבן געקוקט אַרום זיך פאַרשעמט און צעשראָקן.

דער בחור האָט אַ בליק געטון אויף בעניס וואַרעמען מאַנטל, אויף די קאַלאָשן און אַרום זיינע אויסגעטריקנטע מויל־ווינקלען האָט זיך אַ חוזקדיק שמייכעלע באַוויזן, וואָס איז צעגאַנגען ווי אַ פּוכעלע שניי אויף אַ וואַרעמער שויב. אין דעם אויגנבליק האָט זיך דער ערשטער דערפילט ווי אַ שולדיקער קעגן דעם אַנדערן. די קליידער אויפן לייב האָבן אים אַ ברי געטון, און עס האָט זיך אים

געוואָלט אויסטאָן דעם מאַנטל און אָפּגעבן אים דעם בחור. נאָר יענער האָט שוין מער נישט געקוקט צו אים און ווידער פאַרהויבן דעם קאָפּ צו די אַפּישן.

בעני האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן זיינע בליקן פון דעם בחורס כמעט קינ־דערשער אומבאַהאָלפנקייט און פון דעם גרויסן אומעט, וואָס איז געלעגן אין זיינע אויגן, און עס האָט אים פאַרדראָסן אויף זיך אַליין: הלמאי ער איז אַ זאַטער, האָט אַ „דזשאַב" מיט אַ וואַרעמען צימערל צום שלאָפן, און דער בחור האָט אַפילו נישט קיין מאַנטל אויף די פּלייצעס און ציטערט פון קעלט...

דערווייל האָבן די רעדער געקלאַפּט, געביסן די שטאָלענע רעלסן און גע־וויגט דעם וואַגאָן ווי אַ וויגעלע. די פּאַסאַזשירן האָבן געדרעמלט אין זייער איי־גענער וואַרעמקייט. בלויז בעני מיטן בחור זענען וואַך געווען. דער בחור האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ערשטער קוקט אויף אים אויס רחמנות, און נישט געקאָנט דאָס פאַרליידן. נאָר אויף אויסצוזידלען פאַר דער גראָבקייט, איז ער אָפּנים געווען צו איידל, — האָט ער אָנגעהויבן פּייפן און דורכן פּייפן געוואָלט אָוועק־טרייבן די אויפמערקזאַמקייט פון זיך.

און ווען ער האָט געזען, אַז דאָס שטילע פּייפן העלפט נישט, און בעני האַלט נאָך אַלץ אין איין קוקן אויף אים, האָט ער אָנגעהויבן פּייפן פאַרשייטער, ווויל־יונגערישער און כלומרשט באַטראַכטן די אַפּישן. זיין בליק האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף איין אַפּיש, וואָס האָט פאַרגעשטעלט פאַרברוינטע לאַטקעס, מיט רויטע מאַלינעס ביי די ברעגן.

דאָס פּייפן האָט בעניך נישט געשטערט ווייטער צו טראַכטן וועגן דעם בחור. זיין האַלטונג האָט אים שאָקירט און גלייכצייטיק וויי־געטון. דער מעטאַלענער קנעפּל אין לאַץ, וואָס האָט צו וויסן געגעבן, אַז דער בחור איז אַ געוועזענער סאָלדאַט, וואָס האָט ערלעך געקעמפט אויף די שלאַכטפעלדער — האָט בעניך באַזונדערס געצויגן צו זיך.

אין יענעמס קעגנוואָרט האָט זיך בעני געפילט געפאַלן און געטראַכט: ער וואָלט איצט וועלן איבערלעבן דעם זעלבן עלנט, הונגער און היימלאָזיקייט וואָס יענער. אפשר, האָט בעני ווייטער געשפּינען די געדאַנקען, וואָלט דורך דעם גרינגער געווער דעם בחור אַריבערצוטראָגן די צרות. און מעגלעך, אַז דורך די ליידן וואָלטן זיי פאַרברידערט געוואָרן... אָבער דער געדאַנק, אַז ער האָט אַ שטיקל „דזשאַב", אַ צימערל און אַ פּאָר דאָלער אין קעשענע — האָט אַריינ־געשטעלט אַ מין מחיצה צווישן זיי, און בעני האָט זיך דערפון פאַרשעמט...

און נישט נאָר האָט ער זיך פאַרשעמט. מיט יענעם צוזאַמען האָט ער איצט איבערגעלעבט די גרויסע עוולה און די באַליידיקונג, וואָס די, פאַר וועמען דער

בחור איז גרייט געווען אָוועקצוגעבן זיין לעבן אין דער מלחמה, ווײַנען אין גרויסע, וואַרעמע היימען, האָבן אָנגעפּראָפּטע באַנק־ביכלעך, און דער געוועזע־נער סאָלדאַט האָט אַפילו נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ און אין די נעכט גנבעט ער זיך אַריין אין סאָבווײ, כדי נישט צו דערפרוירן ווערן פון קעלט.

מיטאַמאָל האָט דער בחור ווידער אויסגעדרייט זיין פּנים צו בענין. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. בעני האָט געוואָלט אויפשטיין, אָפּגעבן שלום און פאַראייניגעס אויך — אַריינשטעקן אים אין האַנט די פּאָר דאָלער. ער האָט אָבער נישט געוואַגט דאָס צו טון: אפשר וועט ער דערמיט באַליידיקן יענעמס שטאָלץ. איז ער געבליבן זיצן אין גרויס פאַרלעגנהייט...

פונדעסטוועגן האָט בעני אַלץ געוואָרט: מען וועט פאָרן אַביסל ווייטער, די פּאַסאַזשירן וועלן אַרויסשטייגן, זיי וועלן בלייבן אויג אויף אויג. דעמאָלט, וועט ער האָבן מער מוט צוגיין, אָפּגעבן אים דעם מאַנטל מיט די פּאָר דאָלער. אָבער ווי אויף צו־להכעיס, וואָס ווייטער די באַן איז געגאַנגען — איז דער וואַגאָן געדיכטער געוואָרן מיט פאָרער.

אָבער אַלץ איינס, פון אויג האָט ער אים שוין נישט אָפּגעלאָזט און גע־האַלטן אין איין קוקן אויף יענעמס אויסגעצערטן פּנים. נאָר וואָס מער ער האָט געקוקט אויף אים, אַלץ הילכיקער האָט דער בחור געפּייפט. בעני האָט געוווּסט דעם באַטייט פון דעם דאָזיקן פייפן און דעם צעוויייטיקטן בליק פון אַ היימלאָזן מענטשן. ווייל ביז ער האָט באַקומען אַ שטיקל „דזשאָב״, האָט ער אַליין אויך נישט איינמאָל אונטערגעהונגערט און נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן...

אָפּנים, אַז דער בחור האָט נישט געקאָנט מער פאַרטראָגן יענעמס קוקן, איז ער אַוועק אין אַן אַנדער וואַגאָן. געמיינט: אַהין וועט בעני נישט טרעפן. ס'איז אָבער געווען אַ טעות. ווייל דער געדאַנק, אַז דער בחור וועט אַ גאַנצע נאַכט אַרומפאָרן איבער די באַנען און מאָרגן נישט האָבן וואָס צו עסן, האָט בענין פון אָרט אויפגעריסן. מיטן פעסטן באַשלוס, אַז ער דאַרף אים אַרויס־העלפן — איז ער אויך אַריין אינעם אַנדערן וואַגאָן. ער האָט גלייך געוואָלט צו־גיין צו אים און אָפּגעבן אים די פּאָר דאָלער כאַטש, ערשט די באַן האָט זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט. עס זענען אַריינגעקומען נייע פאָרער, און בעני האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ בענקל.

דערזען בענין, איז דעם בחורס פּנים כמורנער געוואָרן. ער האָט אָוועק־גענומען די בליקן פון אים און ווידער גענומען פייפן. איצט האָט ער געפּייפט אַזאַ אומעטיקע מעלאָדיע, אַז עס האָט זיך געגלוסט צו וויינען און עס איז אויס־געקומען, ווי נישט קיין פייפן וואָלט דאָס געווען — נאָר אַ דינער און טיף

שניידנדיקער געקלאָג פון אַ יונגער נשמה, וואָס וויינט אויפן אייגענעם אונ־טערגאַנג...

אַז ער האָט אויפגעהערט צו פייפן, איז ער אַרויס פון דעם וואַגאָן און אַוועק אין אַ דריטן, אין אַ פערטן, אַלץ געזוכט אַ וועג — אַנטרונען צו ווערן פון דעם „גוטן מענטשן". בעני איז אים ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען די טריט און אין קאָפּ האָט זיך אים געבאָמבלט איין געדאַנק: אָפּגעבן דעם בחור דעם מאַנטל מיט די פּאָר דאָלער און אַרויסהעלפן אַ מענטשן, וואָס איז אין אַ נויט...

די באַן האָט זיך שוין לאַנג אַרויסגעגנבעט פון אונטער דער ערד, איז אַרויף אינדערהויך און געשניטן די בראָנקסער גאַסן. זי האָט זיך לסוף אָפּגעשטעלט ביי דער סטאַנציע, ווו בעני האָט געזאָלט אַראָפּגיין. דערנאָך איז זי אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער. אָבער ער איז אַלץ מיטגעפאָרן מיטן בחור. ער האָט נישט „געהאַט קיין האַרץ" איבערצולאָזן אים אַ הונגעריקן און אַ היימלאָזן אינמיטן וועג...

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף טרימאָנט־עוועניו, איז דער בחור אַרויסגעלאָפן פון וואַגאָן און אַריינגעכאַפּט זיך אין אַן אַנדער באַן, וואָס האָט געדאַרפט גיין צוריק אין שטאָט. בעני האָט דאָס באַמערקט, זיך געלאָזט נאָך אים און האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט אַהין. ער איז גרייט געווען אַפילו אַ גאַנצע נאַכט נאָכצופאָרן דעם בחור און אַליין נישט באַגריפן צוליב וואָס. איין זאַך האָט ער יאָ געוווסט, אַז ס'האָט אים געצויגן צום געוועזענעם סאָלדאַט, אויף וועמען קיינער האָט זיך איצט נישט געוואָלט אומקוקן אַפילו...

דאָס מאָל איז דער בחור נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט און געשפּאַנט פון איין וואַגאָן אין דעם אַנדערן. אַלץ געוואָלט פּטור ווערן פון בענין, פאַרלירן אים פון די אויגן און — נישט געקאָנט. בעני איז אים איצט נאָכגעגאַנגען טאַקע ווי אַן אמתער שאָטן. ס'איז זיכער געווען גאָר נישט „דזשענטלמעניש" אַזוי נאָכגיין אַ פרעמדן מענטשן, אָבער העלפן זיך האָט ער שוין נישט געקאָנט. ער האָט געפילט צום בחור אַ נאָענטקייט, ווי צו אַ ברודער, וואָס מוז נעבעך אָנקומען צו אַ מענטשלעכער האַנט.

ווידער האָט זיך די באַן אַריינגעשניטן אין שוואַרצן פּיסק פון סאָבווײ, ווו עס הערשט אייביקע נאַכט. די עלעקטרישע לעמפּלעך אין די וואַגאָנען האָבן שוואַך געברענט און קוים באַלויכטן די ווענט. בעני האָט זיך אויף אַ ווײלע צוגעזעצט און געטראַכט וואָס צו טון מיטן בחור. אין זיין מוח איז אַ נייער פּלאַן אויפגעגאַנגען: ער וועט דעם בחור פאַרבעטן צו זיך. זיי וועלן עסן און טרינקען אינאיינעם...

דער נייער פּלאַן איז אים זייער געפעלן. ער איז אַזוי אַנטציקט געוואָרן פון אים, אַז ער איז צוגעגאַנגען צום בחור, אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע און אָנגעהויבן אַרויסנעמען די פּאָר דאָלער פון דאָרטן. אין דער רגע האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט אויף טאַימס־סקווער. די טירן האָבן זיך צעפּראַלט און איי־דער וואָס־ווען, איז דער בחור אַרויס און זיך געלאָזט צווישן שטראָמיקן עולם.

זייער גוט, האָט בעני אַ טראַכט־געטון, ערשט דאָ אויף טאַימס־סקווער, ווו טויזנטער מענטשן איילן הין־און־צוריק און קוקן זיך נישט אום איינער אויפן אַנדערן, וועט דאָך אים זיין גרינג צוגיין צום בחור! מיט אָט דעם געדאַנק איז ער אַרויס פון וואַגאָן. נאָר דער בחור איז אים פון די אויגן פאַרשוווּנדן.

איינגאַנצן די האָפענונג האָט אָבער בעני נישט פאַרלאָרן: אויב ער קאָן אים נישט געפינען דאָ — צווישן דעם געדיכטן עולם, — וועט ער אים געוויס אויפזוכן אין איינעם פון די פילע אַרויסגאַנגען. האָט בעני אָנגעהויבן גיין פון איין אַרויסגאַנג צום אַנדערן, ביז ער איז אַרויסגעקומען אין דרויסן. דער שניי איז איצט געפאַלן נאָך געדיכטער ווי פריִער, און פונעם בחור איז קיין זכר נישט געווען. איז בעני אַריינגעגאַנגען צוריק אין סאָבוויי און מיט אַ „צעווייטיקט האַרץ" — גענומען אַ באַן און אַוועקגעפאָרן אַהיים.

שפּעטער אַביסל האָט ער אָפּגעשלאָסן די טיר פון זיין ווינונגל, אָנגעצונדן דאָס לעמפּל, וואָס איז פון דערמיטן סטעליע אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ פאַרזשאַ־ווערט קייטל. דאָ איז געווען וואַרעם ווי אין אַ באָד. נאָר אַלץ — דאָס טישל מיט די עטלעכע ביכער, די איינצלנע שטול און אַפילו דאָס בעטל — איז אים פרעמד און איבעריק געוואָרן. ער האָט דערפילט, אַז דאָס וואַרעמע צימערל געהערט נישט אים, נאָר דעם הימלאָזן בחור, וואָס איז פאַרלאָרן געוואָרן אינמיטן וועג.

באַלד האָט ער אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל, אויסגעטאָן זיך, אַריין אין בעטל און צוגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע. נאָר דער שלאָף האָט אים נישט גענומען. ער איז געלעגן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, ווי ביי אַ חיה און איינגעהערט זיך צום ווינט, וואָס האָט דורך אַ שפּאַרונע אַריינגעוואָיעט אין צימערל, און בעניען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אינדרויסן, קעגנאיבער זיין פענצטערל — שטייט דער בחור און פייפט, פייפט און וויינט אויף זיין יונגן נע־ונד לעבן...

עלטערן

דינסטיק, סוף יולי, איז דער ניינצן־יעריקער הערשל אהיימגעקומען פון „אינדאקשאון סטיישאון“ (פריסוסטווע) און א פריילעכער, וואס מען האט אים נישט „אויסגעבראקירט“ פון מיליטער, האט ער מיט ברייטקייט אין קול א זאג־געטון צו זיינע עלטערן:

— גיט מיר אפ מזל־טוב! מ׳האט מיך צוגענומען. איך בין שוין א סאלדאט!

בענצע, דער טאטע זיינער, א ייד מיט א שטענדיקן טרויער אין די קלוגע אויגן, מיט א גלאט־געגאלט פנים און היפשלעך־פארוויסטן קאפ, איז אים אנט־קעגן־געגאנגען מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט:

— מיט מזל זאלסטו לעבן, מיין זון; זאלסט כאטש ווערן א גענעראל! איך בין דיך מקנא, ווי איך בין א ייד! הלוואי נעמט מען מיך... לכבוד דער געלעגנ־הייט האט ער געוואלט האלטן א גאנצע דרשה, געבן דעם זון צו פארשטיין, אז אין דער איצטיקער מלחמה איז פאר יעדן יידן א מצוה צו גיין אויפן פראנט און שלאגן די נאציס. אבער דער זון האט איבערגעשלאגן דעם טאטנס רייד:

— פא, דו ווילסט שוין מיר ווידער דערציילן, אז היטלער קוילעט אויס מיליאנען יידן און אז דער דזשעפ (יאפאן) איז באפאלן פוירל־הארבאר? איך ווייס דאס אליין אויך. איצט איז נישט די צייט צו רעדן. איך בין הונגעריק. א גאנצן טאג גארנישט געהאט אין מויל. דאס הארץ פאלט מיר ארויס.

פעסי, די מאמע זיינע, א מיטלוואקסיקע יידענע, מיט א פלאמיקער בראַ־דעווקע אויפן לינקן פליגל־נאז איז בלאס געווארן. הענט און פיס האבן איר געגומען ציטערן. זי האט זיך אבער געשטארקט, געמאכט אן אנשטעל, ארויפ־געצויגן א גלייכגילטיקע מינע אויפן פנים, ווי די גאנצע זאך וואלט איר נישט געארט און אנגעשריען אויפן מאן:

— וואס האסטו זיך אזוי צעדרשנט! ס׳טגעזען? א טאטע אויף דער וועלט!

מען האָט צוגענומען דאָס איינציקע קינד פאַר אַ סאָלדאַט! וואָלט דאָס אים אָנ־געהויבן צו אַרן? אַ שטיינערן האַרץ האָט ער! גיי מיין קינד און וואַש זיך צום עסן. איך וועל גרייטן צום טיש.

דעם זעלבן אָנשטעל האָט זי אויך געמאַכט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען הערשל האָט זיך געקליבן אין „קעמפּ", געזען ווי דער בחור פּאַקט אַריין זיינע נייטיקע קליידער אין וואַליזקע, איז זי צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ כלומרשטן שמייכל אויף די ליפּן און געפרעגט:

— זאָג מיר, הערשל, דער „קעמפּ" איז ווייט פונדאַנען? וועסט כאָטש נישט פאַרגעסן טאַטע־מאַמע און שרייבן אָפטע בריוו?

דער זון האָט פאַרקנאַקט די שלעסלעך פון דער וואַליזקע, זי אַרומגענומען מיט צוויי שוואַרצע רימענס, די עקן אַריינגערוקט אין די ספּראָנטשקעס, אין די רימען־לעכלעך אַריינגעכאַפּט די שטאָלענע צינגלעך פון די ספּראָנטשקעס און מיט אַ פאָרוואורף אין די בליקן אַ קוק־געגעבן אויף דער מאַמען:

— וואָס ציטערסטו איבער מיר? איך בין שוין נישט קיין ייִנגעלע. איך ווייס וווהין כ'גיי און וואָס איך טו!... דער „קעמפּ" איז נאָענט פונדאַנען. אַפילו דורכן טעלעפאָן וועל איך קאָנען רעדן מיט דיר אַלע טאָג, און וועגן אָפטע בריוו איז דאָך אַוודאי נישטאָ וואָס צו רעדן...

אויף דעם האָט די מאַמע נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און געטראַכט: ער איז גערעכט. צוליב וואָס שטעלט זי אַזעלכע קלאָץ־קשיות? אים איז דען ווינציק אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן?... נאָר פון באַגלייטן דעם זון צום באַן האָט זי זיך אָפּגעזאָגט און כאָטש זי האָט געוווסט, אַז דאָס נישט מיטגיין צום באַן וועט איר קאָסטן נאָך מער געזונט ווי דאָס יאָ באַגלייטן אים, האָט זי אָבער פאַרשטאַנען, אַז ווען הערשל וועט דאַרפן אַריין אין באַן, אָנהייבן געזעגענען זיך, וועט זי דאָס נישט אויסהאַלטן און אויספּלאַצן אין אַ היסטערישן געוויין.

אויך בענצען האָט געאַרט דעם זונס אַוועקגיין. נאָר ער האָט דאָס אויפגע־נומען ווי אַ מענטש וואָס ווייס, אַז אַזוי דאַרף דאָס מסתמא זיין. ער האָט גע־האָלפן דעם זון פאַרמאַכן די וואַליזקע. אינעם בחורס קעשענעס אַריינגעלייגט אַביסל געלט, עטלעכע פּעקלעך סיגאַרעטן, שוועבעלעך, אויך אַ מעסערל אַ מתנה מיטגעגעבן און דערנאָך אים אַוועקגעפירט צום באַן.

אויפן באַנהויף האָבן זיי געטראָפן אַ סך „רעקרוטן", וועלכע האָבן צוזאַמען מיט הערשלען געדאַרפט פאָרן אינעם זעלבן „קעמפּ". ווען חברה האָבן אים דער־זען, זענען אייניקע „רעקרוטן", וואָס האָבן אים געקאָנט פון פריִער נאָך, געלאָפן אים אַנטקעגן און געשריִען:

— הערשלד! פאָרסט אויך מיט אונדז! דאָס איז פיין! מירן זיין זייער אָנ־געלייגטע געסט ביים „אַנקל סעם", און דערצו נאָך אויף גוטע קעסט אויך...

ער האָט אָוועקגעשטעלט די וואַליזקע נעבן זיי, אַרויסגענומען אַ פּעקל סי־גאַרעטן פון קעשענע, מכבד געווען דעם, יענעם, אַליין אויך פאַרויכערט און דער טאַטע, אַ שטאָלצער, וואָס דער זון איז אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, איז גע־שטאַנען אינמיטן דער גרופּע יונגעלייט און געטראַכט: אויב ער, בענצע, איז שוין צו אַלט צו נעמען אַ ביקס אין האַנט און קאָן די נאַציס נישט צעברעכן די ביינער, זאָל דאָס כאָטש טון זיין קינד, זיין בלוט און פליש.

אויף דער באַן־סטאַנציע איז געווען טומלדיק. אַ חוץ די פיל פאַרשמייעטע ציווילע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אַרומגעלאָפן הין־און־צוריק, האָבן זיך אַלע ווײַלע באַוויזן נייע קאָמפּאַניעס „רעקרוטן", מיט טשעמאָדאַנעס, מיט קלומיקלעך און מיט וואַליזקעס אין די הענט און אויף די פּלייצעס. געגאַנגען זענען זיי פריי־לעכע, מונטערע ווי אויף אַ חתונה און נישט זעלטן האָט עמעצער פון זיי אַ געשריי־געטון אויף קאַטאָוועס צום עלטסטן וואָס האָט זיי געפירט:

— „העי, קאַרפּאָראַל, ווען וועלן מיר עסן? עס ווילט זיך קייען!".

עס האָבן דאָ אויך נישט געפעלט קיין משפחות, וואָס זענען געקומען באַ־גלייטן זיך, ברידער און חתנים. פּעקלעך סיגאַרעטן און שאָכטלעך שאָקאָלאַד זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און פאַרפאַלן געוואָרן אין „רעקרוטישע" קעשענעס. פון איטלעכער משפחה, פון יעדער גרופּקע און פון יעדן ווינקל האָבן זיך געטראָגן שטילע זיפצן, אָפּגעהאַקטע געוויינען, ווי אויך האַרציקע געלעכ־טערס. מיידלשע רויט־באַשמינקטע ליפּן האָבן אויף די באַקן פון די אָוועק־פאָרנדיקע חתנים אָפּגעשטעמפּלט „אייביקע ליבע" און דערביי פאַרזיכערט: „זאָרג זיך נישט, „האַני", איך וועל וואַרטן אויף דיר אַפילו דעם גאַנצן לעבן"...

בענצע האָט זיך צו־זעט נישט געקאָנט אָנקוקן אויף די פרישע פּנימער פון די „רעקרוטן". די ווילד־פרעמדע בחורימלעך זענען אים מיטאַמאָל ליב און נאָענט געוואָרן ווי אייגענע קינדער, וואָס מ'האָט אַ לאַנגע צייט נישט געזען און אָט זענען זיי. אַזעלכע ליכטיקע, פריילעכע און דערצו אַזויפיל אין צאָל קיין עין־הרע! אַ פרייד האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין האַרץ, אין דער נשמה און ער האָט געוואָלט אַרומנעמען, דריקן און קושן זיי.

מיטאַמאָל איז צו הערשלדס קאָמפּאַניע צוגעקומען אַ סאָלדאַט מיט צוויי שטרייפלעך אויפן אַרבל און אַ קאָמאַנדעווע־געטון:

— אויסשטעלן זיך אין צוויי רייען!

די „רעקרוטן" האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי־גראַדיקע שורות ווי אמתע

זעלנער. דער סאָלדאַט האָט אַ חוזקדיקן שמייכל געטון, ווי מ׳לאַכט אָפּ פון „גרינע״, פון אָנהייבער. דערנאָך אַריינגעקוקט אין אַן אָנגעשריבענעם פּאַפּיר, און אויסגערופן יעדן „רעקרוט״ ביים נאָמען און אַוועקגעפירט זיי צום באַן, וואָס איז געשטאַנען אויף גלאַנציק־שטאָלענע רעלסן און אומגעדולדיק געוואַרט אויף זיי. בענצע איז זיי נאָכגעגאַנגען.

די גאַנצע צייט האָבן טאַטע און זון צווישן זיך כמעט נישט גערעדט. אָפּנים, מיט ווערטער נישט געוואָלט אָנרירן די אָנגעלאָפענע געפילן בייביידן אין די הערצער, אַפילו אויסגעמיטן צו זיין גאָר נאָענט איינער נעבן אַנדערן. נאָר איצט, אַז הערשעלע האָט געדאַרפט אַריינשטייגן אין וואַגאָן, איז ער אין דער לעצטער מינוטן צוגעלאָפן צום טאַטן, איינגעקלאַמערט זיך אין אים און מיט יינגלשער פאַרשעמטקייט אין קול אַרויסגעשעפּטשעט דאָס איינציקע וואָרט:

— טאַטע!

פונעם וואָרט „טאַטע״ האָט זיך ביי בענצען אין האַרצן עפּעס ווי אַ ריס־געטון. די פאָטערלעכע געפילן זענען צעשרויפט געוואָרן. ער האָט דעם זון אַרומגענומען, געדריקט צום האַרצן און געוואָלט זאָגן: פאָר געזונט, מיין זון, און קום געזונט; גאָט וועט דיך מצליח־זיין, דו טוסט אַ הייליקע זאַך, — זענען אים אָבער די ווערטער שטיין־געבליבן אין האַלדז און קיין קלאַנג איז פון דאָרטן נישט אַרויסגעקומען. בלויז זיינע פינגער, ווייכע, וואַרעמע און בייגעוודיקע, האָבן געגלעט דעם זונס ריין־אָפּגעגאָלטן פנים.

אַרומגענומענערהייט האָבן זיי אויסגעזען ווי אַן אויסגעגאָסענע סטאַטוע. זיי זענען געשטאַנען אַ רגע, צוויי, צען און וואָלטן אַזוי געשטאַנען אַ גאַנצע אייביקייט. נאָר עמעצער האָט פון וואַגאָן אַרויסגעשריען: „הערשל, די באַן גייט אָפּ!״. ערשט דעמאָלט האָט זיך הערשעלע אָפּגעריסן פון בענצען, געכאַפּט די וואַליזקע אין האַנט, אַריינגעשפּרונגען אין וואַגאָן, פאַרנומען אַן אָרט האַרט ביים באַן־פענצטערל און מער נישט אומגעקוקט זיך אויפן טאַטן, וואָס איז געבליבן שטיין מיט צעוומענע פוסטע אָרעמס און געוואַרט אויפן זונס אַ בליק כאָטש.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעזאָדן, צעשיפּעט, מיט כעס געשפּיגן זודיקן דאַמף אין אַלע זייטן, געשאָסן מיט שוואַרץ־געדיכטן רויך אין קלאָרן הימל אַריין. צום סוף האָט ער אַ שטאַרקן ריס געגעבן און די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט, און בענצע איז, ווי אַ צוגעשמידטער, געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט וואָס פריִער, נאָר זיינע אויגן, אָנגעפילטע מיט ווייטן אומרו, האָבן זיך איינגעגעסן אין באַן־פענצטערל און געזען: הערשלס אַ האַלבע באַק, אַ שטיקל אויער, אַ פּאַסמע האָר, אַ שוואַרצן פלעק און גאָר!

די צייט איז דערווייל געלאָפן כמעט מיט דער זעלביקער גיכקייט, מיט וועלכער די באַן האָט העראַלדן אַוועקגעפירט אויף די פילצאָליקע אַמעריקאַנער וועגן. אין אָנהייב האָט העראַלד געהאַלטן וואָרט און אויב נישט אַלע טאָג, ווי ער האָט צוגעזאָגט, זענען אַלע פּאָר טעג אָנגעקומען בריוו פון אים אין וועלכע ער האָט אויף זיין פריילעכן שטייגער געשריבן:

— ליבע עלטערן, דער „קעמפּ" ווו איך געפין זיך איז אַרומגערינגלט מיט הויכע משופּעדיקע בערג. אַ שפּרודלדיקער טייך שלענגלט זיך אַרום זיי. אינעם טייך באָדן מיר זיך אָפּט. מיט די באַיעס האָב איך זיך צוזאַמענגעלעבט ווי מיט ברידער. מיר טיילן זיך מיט אונדזערע איבערלעבונגען, דערציילן מעשות איינער דעם אַנדערן. מיר איז דאָ גוט, לעבעדיק און פריילעך. זאָרגט זיך נישט. העראַלד.

יעדעס מאָל, ווען פון אים איז אָנגעקומען אַ בריוו, דאָס רוב בייטאָג, האָט פּעסי מיט ציטער אין די פינגער אויפגעריסן דעם קאָנווערט, פון דאָרט אַרויס־גענומען אַן אָנגעפּיקעוועטן בייגעלע פּאַפּיר און מיט פאַרטרערטע אויגן געלייענט וואָרט נאָך וואָרט, שורה נאָך שורה און פּינטעלע נאָך פּינטעלע. אַזוי איינמאָל, צוויי־דריי, — ביז זי האָט דעם בריוו געקאָנט אויף אויסנווייניק, און ווען בענצע פלעגט אַהיימקומען פון דער אַרבעט, האָט זי פאַרגעלייענט דעם בריוו מיט אַזאַ פייערלעכקייט אין קול, ווי מען לייענט אַ גוט ליד פאַר אַ גרויסן עולם צוהערער.

אַזוי האָט זיך דאָס „פּאַפּירענע לעבן" געצויגן, חודש נאָך חודש. מאַן און ווייב האָבן אָפּט געלייענט דעם זונס בריוו און טיף ביי זיך אין די הערצער האָבן זיי גאָט געדאַנקט, וואָס פון העראַלדן קומען אַן אַזעלכע גוטע בשורות. ווייל נישט איינמאָל איז זיי אויסגעקומען צו הערן, אַז דעמס און דעמס זון האָט מען אַוועקגעשיקט אין יוראָפּ, אין אַפריקע צי אין די האַוואַיער אינדז־לען. שוין פון דעם אַליין זענען די עלטערן אַרומגעגאַנגען צופרידענע און גליק־לעכע, וואָס זייער זון געפינט זיך נאָך אין דער געזיכערטער אַמעריקע...

נאָר דאָך איז פּעסי, מער ווי בענצע, געווען אין שטענדיקער מורא, אַז סוף־כל־סוף וועט קומען אַ בייזער טאָג און אויך העראַלדן וועט מען „איבערגעץ־אַוועקשיקן. אָבער יעדעס מאָל ווען אַזאַ געדאַנק האָט זי אַרומגענומען, האָט זי־אים פאַרטריבן פון זיך, ווי מען פאַרטרייבט אַ בייזן חלום און אַלץ געהאָפט, אַז מיט איר העראַלדן וועט אַ נס געשען און אים וועט מען אויפן „פראָנט" נישט שיקן.

אַ מענטש איז אָבער נישט מער ווי אַ מענטש און קאָן זיך אַליין נישט נאַרן. דער באַרימטער אויסדרוק, אַז „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט" איז ווי־

נח גאָלדבערג

אַ לעבעדיקער ווען אויפגעשוווּמען פֿאַר אירע אויגן און אין איינעם אַ טאָג איז פֿון הערשלדן אָנגעקומען אַ קורצע ידיעה:

— ליבע עלטערן. מיר פֿאָרן אַוועק. וווּהין — ווייסן מיר נישט. זאָרגט זיך נישט. זייט געזונט. אייער זון, הערשל.

ווי נאָר פּעסי האָט איבערגעלייענט די פּאָר ווערטער איז איר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. דאָס ידיעה־קאַרטל איז פֿון די הענט אַרויסגעפֿאַלן. אַרום האַרצן — אַ ניט־גוטקייט. דאָס מעבל אין שטוב, די פֿאַרהאָנגענע פֿענצטער, די קיילעכדיקע שפּיגל אויפֿן וואַנט, — אַלץ האָט זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד. זי האָט אַ פּאַטש־געטון מיט די הענט און אַ פֿאַל־געגעבן אויפֿן דיוואַן:

— זון מיינער!

עס איז געווען האַלבער טאָג אויף דער וועלט. אין שטוב איז געהאַנגען אַ נאַגנדיקע שטילקייט. אין הערשלדס ליידיקן שלאָף־צימער האָט דער וועקזייגער אויסגעריפּעט אומעטיקע טיק־טאַקן. די פֿענצטער, פֿאַרהאָנגענע מיט ווינטער־דיקע שווערע גאַרדינען, האָבן פֿון דרויסן קיין ברעקל לעבן נישט אַריינגעלאָזט.

די מאַמע איז געזעסן אויפֿן דיוואַן, געקוקט אין שטוביקן חלל און אומזיסט געזוכט דעם זונס בילד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער אַקעגנדיקער וואַנט. זי האָט דאָס אָנגענומען פֿאַר אַ שלעכטן סימן: מסתמא האָט מען אים אַוועקגעשיקט אויפֿן „פֿראָנט" און ער וועט שוין מער נישט צוריקקומען... פֿאַר דעם געדאַנק האָט זי זיך דערשראָקן און באַצייטנס געוויינט.

לאַנג האָט זי אָבער נישט געקאָנט איינזיצן. עס האָט איר געהויבן, געריסן פֿון אָרט. האָט זי צוזאַמענגענומען איר צעלאָפֿענע געדאַנקען — אויפֿגעשטאַנען, אַרויפֿגעוואָרפֿן דעם מאַנטל אויף די פּלייצעס, אַ כאַפּ־געטון דאָס ידיעה־קאַרטל אין האַנט, אַרויס אין גאַס און מיט פֿלאָנטערנדיקע טריט געלאָזט זיך גיין אין פֿאַבריק, ווו בענצע האָט געאַרבעט.

בעתן גיין האָט זי נישט געפֿילט דעם באָדן אונטער זיך. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי שוועבט אינדערלופֿטן די פֿאַרבייגייענדיקע מענטשן און די אָנגעשוווּמענע הייזער מיט די אַנלויפֿנדיקע אויטאָמאָבילן — האָט זי אויף קלאָר נישט געזען. זי האָט געשניטן אַ גאַס נאָך אַ גאַס. נאָר וואָס ווייטער זי איז געגאַנגען און וואָס נענטער עס איז געוואָרן די גאַס ווו בענצע האָט געאַרבעט, — אַלץ מער און מער זענען די טריט איינגעהאַלטענער געוואָרן די געדאַנקען לויטערע, האָבן ווי געמאָנט: וווּהין גייט זי דאָס? און צוליב וואָס דאַרף זי דאָס אים איצט אָנזאָגן די שלעכטע בשורה? אין אָוונט ווען זי דען פֿאַרשפּעטיקן? זי האָט זיך צוריקגעקערט.

אַריין אין שטוב, האָט זי זיך „געמאַכט הארץ" ווי אַלע טאָג צוגעשטעלט קאָכן וועטשערע און ווען דאָס עסן האָט זיך שוין געקאָכט אויפן פייער, איז זי אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען צום פענצטער, פאַרשאַרט די גאַרדינען אַן אַ זייט און אַרויסגעקוקט אינדרויסן, געריסן דעם קאָפּ צום הימל, געוואָלט דערקאָנען אויף אים דעם סימן, אַז דער אָוונט איז נאָענט. דער טאָג איז נאָך אָבער געשטאַנען אַ הויכער, אַ פולער. דער הימל — אַ ריינער און אַ טיפער, די זון — אַ צעכראַס־טעטע, אַ זודיקע, האָט זיך ווי פון אָרט נישט גערירט.

שפּעטער, ווען עס איז טונקעלער געוואָרן און בענצע איז פון דער אַרבעט געקומען, געזאָגט „גוט־אָוונט" און, ווי אַלעמאָל, אַראָפּגענומען דעם הוט פון קאָפּ, דאָס רעקל פון די פּלייצעס און געפרעגט, צי עס איז פאַראַן אַ בריוו פון הערשלען, — האָט פּעסי געמאַכט זיך נישט־וויסנדיק, נאָך האַסטיקער גענומען פאַרען זיך אַרום אויוון, אויפן טיש צעלייגט מעסער־גאָפּל און לעפל פאַר אים און פאַר איר; אין צוויי טיפע טעלער אַריינגעגאָסן די אָפּגעקאָכטע זופּ און געענטפערט מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע:

— גייסט עסן, צי נישט?

נאָכן עסן איז בענצע אַריינגעגאַנגען אין סאַלע, אַראָפּגעלאָזט זיך אין ווייכן שטול אַרויפגעזעצט די ברילן אויפן נאָז, פאַרויכערט אַ סיגאַרעט, גענומען די צייטונג אין האַנט און געמיטלעך געוואָלט איבערקוקן די מלחמה־נייעס, — ערשט פּעסי איז פלוצים צוגעקומען און אַן אַ וואָרט דאָס ידיעה־קאַרטל אַריינגעשטופּט אים אין האַנט און אויסגעשאָסן אין אַ געוויין.

איבערגעלייענט וואָס דאָרט איז געשטאַנען געשריבן, האָט ער דאָס קאַרטל לאַנג אין האַנט געהאַלטן, געדרייט אין אַלע זייטן, באַטראַכט די שטעמפּלען און דעם דאַטום אויף דעם און מיט אַ פאַרוואָלקנטן פּנים אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן טרייסטן דאָס ווייב:

— וואָס האָסטו זיך צעוויינט, וואָס? ס'קאָן דאָך זיין אַז מען האָט אים אַוועקגעשיקט אין אַן אַנדער „קעמפּ" און אויב חלילה „ערגעץ אַנדערש" איז אויך אָן סכנה. די היטלער־באַנדעס קוילענען אויס מיליאָנען ייִדן, באַגראָבן זיי לעבע־דיקערהייט, אַזש די ערד וויגט זיך און וואָרפט זיך איבער זיי. ווייסטו כאָטש, אַז אויב מיר זאָלן (גאָט זאָל אויסהיטן) פאַרלירן די מלחמה, וועט זיין מיט אונדז דאָ אין אַמעריקע דאָס זעלבע וואָס מיט אונדזערע ברידער און שוועסטער דאָרטן? מיר דאַרפן זיך פרייען, וואָס מיר קאָנען צולייגן אַ האַנט צום הייליקן קריג!... פאַרשטייסט?

זי האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. זיינע רייד האָבן געהאַט אַ פאַרקערטע

ווירקונג. דאָס ווייב האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט. פון דעם איז ער אויך אומרויִק געוואָרן, אויסגעטאָן די ברילן, אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער די צימערן, וואָס זענען נאָך פּוסטער געוואָרן ווי פריִער און האָבן מיט ווייכע עכאָס געציילט זיינע אומרעגלמעסיקע טריט.

פאַר זיך אַליין האָט אים אַזוי נישט געאַרט ווי פאַרן ווייב. אויף איר האָט אים אַ גרויס רחמנות אַרומגענומען. איז ער צוגעגאַנגען, איר געוואָלט טרייסטן, זאָגן עטלעכע גוטע ווערטער, געבן צו פאַרשטיין, אַז מיט העראָלדן האָט דאָך קיין בייז נישט געטראָפן און, אגב, טאָר מען נישט באַוויינען אַ לעבעדיקן מענטשן. נאָר ער האָט פאַרשטאַנען אַז זיינע רייד וועלן קיין גוטע ווירקונג נישט האָבן. האָט ער אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט און געזען, ווי פּעסיס שאָטן, אַ שוואַרצער, אַ ברייטער און אַן אומגעלומפּערטער, האָט האַמעטנע געצוקט מיט די אַקסלען און אויף דער וואַנט אויסגעטאַנצט אַ נישט־הימלעכן טאַנץ...

אויף מאָרגן איז פּעסי אויפגעשטאַנען פריִער ווי אַלעמאָל, „אַרויפגעוואָרפן" די קליידער אויף זיך און אַ האָפערדיקע צו טרעפן אַ בריוו פון איר זון, איז זי אַרויס אין קאָרידאָר, אַריינגעקוקט אין פּאָסטקעסטל. אַן אַנטוישטע איז זי געבליבן שטיין און דערפילט ווי דער באָדן אַנטלויפט איר פון אונטער די פיס.

עס זענען אָנגעקומען לאַנגע טעג, אָנגעזאַפּטע מיט מורא און אומרו. קרייַכנדיקע וואָכן זענען עגלעך געוואָרן איינע אויף דער אַנדערער. אַלע אינדערפריִ איז פּעסי אַרויס אין קאָרידאָר, אָפּגעטשאַטעוועט דעם בריווטרעגער און אַוועק מיט גאָרנישט. ביסלעכווייז האָט זיך אַ געדאַנק אריינגענאַדיעט אין איר מוח, אַז העראָלד איז שוין לאַנג נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, — אַ נישט, וואָלט ער דאָך געשריבן כאָטש אַ פּאָר ווערטער! דאָס איינציקע —האָט זי געטראַכט— וואָס זי קאָן דערוואַרטן, איז אַ „טעלעגראַמע", אַז ער איז געפאַלן אין שלאַכט...

נישט־קוקנדיק וואָס זי האָט געטראַכט פון אַזאַ מין „טעלעגראַמע", האָט זי דאָס אָבער נישט אַרויפגעבראַכט אויף די ליפּן, נישט געוואָלט, אַז בענצע זאָל זיך דערוויסן דערפון. אַלע בייטאָג איז זי אין געהיים געלאָפן אין „רעקרוטירונג־סטיישאָן" און געמאָנט איר זון אַ לעבעדיקן. אויך ביי די שכנים נאָכגעפרעגט זיך, צי זיי באַקומען בריוו פון זייערע זין און געהערט דערציילן, אַז דער און דערס פרוי איז אָנגעקומען אַ „טעלעגראַמע" וועגן איר אומגעקומענעם זון.

פאַרן וואָרט „טעלעגראַמע" האָט זי געציטערט ווי אַ בלאַט. נאָר ווי אויף להכעיס זענען די קלאַנגען פון אָנגעקומענע טעלעגראַמעס געוואָרן אָפטערע מיט יעדע שעה, מיט יעדן טאָג און די מאַמע האָט געפילט, אַז אויך איר וועט דאָס נישט אויסמיידן...

אינעם זעלבן אָוונט, ווען פעסי איז געווען פאַרנומען מיט באַקן „סעמען־לאַטקעס״ און בענצע איז אהיימגעקומען, צעוואַשן די הענט, געזעצט זיך צום טיש און געוואַרט, אַז דאָס ווייב זאָל אים געבן עסן, — האָט זיך דאָס גלעקל פון טיר צעקלונגען מיט אַ דינעם אומעטיקן קלאַנג. צעשראָקענע האָבן מאַן און ווייב פאַראַמאָל אויסגעשריען:

— אַריין!

די טיר האָט זיך געעפנט און עס האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ בחור אין אַ געלן רעקל, געלע הויזן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין שמאָלע שטיוואַליעטן. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ געל היטל מיט אַ ברייטער בלויער קאָקאַרדע. דאָס בחורל האָט אָנגעקוקט די צעשראָקענע צוויי מענטשן און געפרעגט:

— דאָס זייט איר, מיסעס און מיסטער קויפמאַן? אַ טעלעגראַמע. זייט אַזוי גוט און שרייבט זיך אונטער.

מיט ציטערדיקע פינגער האָט בענצע אונטערגעשריבן זיין נאָמען און דער־פילט, אַז הענט און פיס האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן. און כאָטש ער האָט זיך מיט פעסין נישט צוזאַמענגערעדט וועגן אַ „טעלעגראַמע״, האָט ער אָבער דער־פילט, אַז „קיין גוטע בשורה״ האָט די טעלעגראַמע נישט געבראַכט... ער האָט מורא געהאַט צו עפענען. די טעלעגראַמע, אַ וואָרף־געטון אויפן טיש אַ נישט־געעפנטע און אומבאַהאָלפן געקוקט אויף דער בלאַס־געוואָרענער ווייב.

זי האָט אַ בליק־געגעבן אויפן דינעם געלן קאָנווערטל פון דער טעלעגראַמע און דער ברייטער מעסער, מיט וועלכן זי האָט געזאָלט איבערקערן די לאַטקעס, איז איר פון די הענט אַרויסגעפאַלן מיט אַ מעטאַלענעם קלאַנג, וואָס האָט זיך צעזונגען איבער דער שטוב, ווי אַ הייזעריקער באַריטאָן.

אַז זי איז אַביסל צו זיך געקומען, איז זי צוגעגאַנגען צום מאַן, אַריינגע־קוקט אין זיינע צעשראָקענע אויגן און פונקט, ווי דעמאָלט, ווען העראַלד האָט געדאַרפט אָפּפאָרן, האָט פעסי איינגעהאַלטן די טרערן, פאַרשטיקט די געפילן, וואָס האָבן שיעור נישט צעריסן דאָס האַרץ און אויף אַזאַ אופן געשטאַרקט אים, צוגעגעבן מוט, אַז ער זאָל זיך נישט פאַרלירן...

אָן טרערן אין די אויגן און אָן ווערטער זענען זיי געשטאַנען פּנים־אל־פּנים און נישט גערירט זיך פון די ערטער. דערנאָך האָט זיך בענצע אָנגענומען מיט מוט, איז צוגעגאַנגען צום ווייב, אָנגענומען איר האַנט, אַ צאַרטן דריק־געטון, ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט זאָגן: „שטאַרק זיך, מיין ווייב, מען טאָר נישט וויי־נען, מסתמא דאַרף אַזוי זיין״...

זי האָט פאַרשטאַנען דעם מאַנס שטום־לשון, זיין ריידלאָזן טרייסטן און אין

דער טיפעניש פון איר צעווייטיקטער נשמה אים דאַנקבאַר געווען, וואָס אין דעם ערנסטן מאָמענט פון איר לעבן שטייט ער נעבן איר ווי אַ געטרייער חבר.

אין איין אויגנבליק איז פון דער שטוב אַ פּוסטקע געוואָרן. אַ שטילקייט האָט באַהערשט יעדעס ווינקעלע און געקלונגען אין די אויערן, געקראָכן אין די הער־צער, אין די נשמות; ס׳איז געווען אַזאַ שטילקייט, אַז מען האָט אַזש געקאָנט טויב ווערן! דאָס עלעקטרישע לעמפּל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען איבערן טיש, האָט העל באַלויכטן דעם געלן קאָנווערטל פון דער טעלעגראַמע, — נאָר סיי דער טאַטע און סיי די מאַמע, האָבן מורא געהאַט צו קוקן דערויף.

די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַריינגעקומען זייער שכן, מיסטער קאָהן. אַ דאַר מענטשל, מיט אַ גרויסער ליסענע אויפן פאַרשפּיציקטן קאָפּ. אויף זיינע קינבאַקן האָבן זיך געקרויטלט צווי פּלעמלעך. אַ גיך־רעדנדיקער און אַ פלינקער, כמעט אַ קוועקזילבערדיקער, איז ער מיט אַ צענומענער צייטונג אין האַנט צוגעלאָפן צו בענצען:

— וואָס זענט איר אַזוי פאַרומערט, מיסטער קויפמאַן? איר האָט גאָר נישט געזען, וואָס מ׳שרייבט דאָ וועגן אייער זון? ער איז דאָך אַ העלד! איך בין אייך מקנא, ווי איך בין אַ ייִד! איך וויל זיין דער ערשטער אייך צו גראַטולירן! אַזאַ העלד אַ בחור איז דאָך אַן אויסנאַם! מיין סאַנקע, מיין אַכצן־יעריקע מיידל, וועט דאָך אַנקוועלן פון אים...

בענצע האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם און נישט פאַרשטאַנען וואָס יענער וויל פון אים, הלמאי ער שטערט אים מיטן ווייב אין זייער געמיינשאַפט־לעכן „אומגליק" און מיט כעס געפרעגט:

— וואָס ווילט איר, מיסטער קאָהן? וואָס דרייט איר מיר אַ מוח? ווער שרייבט? צוליב וואָס דערציילט איר דאָס אונדז? איר זעט דען נישט, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ שוואַרצע טעלעגראַמע ?!

— וואָס איז היינט מיט אייך, מיסטער קויפמאַן? —איז שוין אויך מיסטער קאָהן געוואָרן אַן אָנגעצויגענער— איך רעד וועגן אייער העראָלדן; מ׳שרייבט דאָך וועגן אים אין צייטונג. ער איז אַ גרויסער העלד! נאַ, זעט אַליין, אַפילו זיין בילד איז דאָ געדרוקט.

בענצע האָט אַרויסגעכאַפּט די צייטונג פון קאָהענס הענט, אַ קוק־געטון אויפן אָרט וווּ יענער האָט אים אָנגעוויזן. אָבער מער ווי אַ פּאָר טונקעלע אותיותלעך און אַ שוואַרצן פלעק האָט ער נישט געזען:

— בענצע, —האָט פעסי געעפנט דאָס מויל— האָסט פאַרגעסן דיינע ברילן; טו זיי אָן; לייען איבער און זאָג מיר וואָס גיכער וואָס דאָס איז אַזוינס. נאָר צוריק־

גערעדט: צוליב וואָס? כ'ווייס דען נישט, אַז ער איז שוין... נו, וואָס קומט אַרויס: אַז אַך און ווי איז צו מיינע יאָרן! — — — אַ העלד געוועזן, אַ?...

איר מאַן האָט דערווייל אַרויפגעזעצט די אויגן־גלעזער אויף דער נאָז און דערזעען זיין זון אין אַ סאָלדאַטסקען מונדיר, מיט אַ צייכן אויפן אַרבל פון אַ „סאַרזשענט" און מיט אַ מעדאַל אויף דער ברוסט, האָט ער פון גרויס התפעלות אויסגעשריִען:

— פּעסי, פּעסי, קום אַהער! זע נאָר! אָט איז דאָך אונדזער העראָלד!

זי האָט בלויז אַ בליק־געטון אויפן זונס בילד און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין:

— זון מיינער!

בענצע האָט זיך נישט צוגעהערט צו איר וויינען און אויף אַ קול גענומען לייענען די ווערטער וואָס זענען געווען געדרוקט אונטערן בילד:

— „העראָלד קויפמאַן, אַ יִדישער „פּריוועט" (סאָלדאַט) אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, האָט בעת אַ נאַצישער אַטאַקע צעשטערט זעקס היטלעריסטישע טאַנקען און מיט דעם געראַטעוועט זיין קאָמפּאַניע פון אַ „פּאַסטקע" און מעגלעכן טויט. פאַר זיין העלדישקייט איז דער יונגער העראָלד דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַ „סאַרזשענט" און געקראָגן אַ מעדאַל דערצו".

ווען ער האָט איבערגעלייענט די נייעס אין צייטונג, איז דער טאַטע, ווי אַן איבערגעבוירענער, געוואָרן. די אויגן האָבן אויפגעלויכטן, אויף די באַקן איז אָנגעלאָפן אַ רויטלעכע פאַרב. גרינג ווי אַ יִונגל, איז ער צוגעלאָפן צום טיש, אַ כאַפּ געגעבן די טעלעגראַמע, אויפגעריסן דעם קאָנווערט, פון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ געל שטיקל פּאַפּיר מיט אַרויפגעקלעפּטע פּאַסיק־שורהלעך:

— ליבע עלטערן, אַנטשולדיקט פאַרן נישט־שרייבן, פּשוט נישט געווען קיין צייט. אונדזער רעגימענט איז דער בעסטער אין דער גאַנצער אַרמיי! מיר גיבן די נאַציס אַ סך פעפער צו שמעקן. מ'האָט מיך געמאַכט פאַר אַ „סאַרזשענט" און געגעבן אַ מעדאַל, כאָטש איך ווייס נישט פאַר וואָס. אין אַ בריוו, וואָס איך שיק אייך היינט אַרויס, וועל איך „אַלעס" שרייבן. עס איז דאָ גאַנץ פריילעך. זאָרגט זיך נישט. אייער זון, העראָלד.

דער פריִערדיקער טרויער איז פאַרשוווּנדן און אַ קוואַליקע פרייד האָט פאַרנומען דאָס אָרט. אין זייער פּלוצימדיקן גליק האָבן זיי געוואָלט צולויפן איינער צום אַנדערן, אַרומנעמען און קושן זיך. נאָר זיי האָבן דאָס נישט געטון און פאַרשעמטע פאַר די אייגענע געדאַנקען, אַלע ווײַלע געוואָרפן פאַרבאַהאַלטענע בליקן אויף דעם מיסטער קאָהן, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען צווישן זיי.

דעם זעלבן אָוונט נאָך האָבן זיך מאַן און ווייב אַנגעטאָן אין די שבתדיקע

בגדים און זענען אַוועק אין גערסט. אויפן וועג האָבן זיי איינגעהאַנדלט אַ טוץ עק־זעמפּליאַרן פון דער זעלבער צייטונג און ווען זיי האָבן אָנגעטראָפן אַ באַקאַנטן, צי אַ באַקאַנטע, האָבן זיי אים, אָדער איר, אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען אַ בלאַט און אָפּגעגעבן, אָנגעוויזן אויף דעם אָרט וווּ מ׳האָט געשריבן וועגן העראָלדן און דער־נאָך, גליקלעכע און שטאָלצע, האָבן זיי זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן ווי צוויי טייבעלעך.

ברוך־הבא

צוליב דעם, וואָס זיין פריינט, דער דיכטער פּערלמאַן, איז געקומען צו זע־ליגן אויף וועטשערע, איז ביי אים אין שטוב געווען שטוב יום־טובדיק. די עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן העל באַלויכטן די פּאָר בילדער אויף די ווענט און נאָך קאָנטיקער געמאַכט די רוקנס פון די ביכער אין דעם טירלאָזן ביכער־שראַנק. אין די פולע גלעזער טיי, וואָס דבורהלע, זעליגס ווייבל, האָט דערלאַנגט — האָבן זיך אָפּגע־שפּיגלט די עלעקטרישע לעמפּלעך, וועלכע זענען נידעריק אַראָפּגעהאנגען פון סופיט. אין יעדער גלאָז זענען אַרומגעשווומען צענדליקער גאָלדענע לבנהלעך און געפינקלט איבערן טיש.

אַ מיטלוווקסיקער, מיט אַ רונדן פּנים און דיקלעכער נאָז, וואָס האָט כסדר געשוויצט, האָט זעליג אויסגעטרונקען זיין גלאָז טיי, פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און אַ קוק געטון אויף זיין פריינט:

— מ׳זאָגט, אַז די וואַרשעווער געטאָ איז שוין...

דעם פריינטס פּנים איז תיכף פאַראומערט געוואָרן:

— יאָ... אויף מאָרגן האָבן די רבנים פאַראָרדנט אַ תענית און אין די שולן וועט מען מאַכן הזכרות נאָך די קדושים...

זעליג איז אויפגעשפּרונגען פון בענקל. זיין נאָז איז בלאַס געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן צימער. די טריט זענען פון מאָל צו מאָל געוואָרן עקשנותדיק: — פאַרוואָס שוויגן מיר? פאַרוואָס קאָנען מיר זיך נישט אָרגאַניזירן אין שלאָג־בריגאַדעס און צוריקגעבן אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ? איר פאַרשטייט? אויך דאָ קאָן, חלילה געשען דאָס זעלבע וואָס דאָרטן. מ׳דאַרף זיין גרייט אויף אַלץ... אָבער, אַנשטאָט דעם, הייסט מען גאָר פאַסטן, פּראַווען הזכרות! אידיאָטן, ווי איך בין אַ ייִד!

דערהערט, אַז די וואַרשעווער געטאָ איז געפאַלן, האָט זיך דבורהלע צעוויינט.

די מאַנסבילן האָבן איר נישט געשטערט. זיי האָבן געוווסט, אַז איר געוויין איז נישט קיין אומזיסטיקער, וואָרעם נישט נאָר זעליג מיט פּערלמאַנען, נאָר אויך זי, דבורהלע, האָט דאָרט איבערגעלאָזט די גאַנצע משפּחה, וואָס איז מסתמא אומגעקומען אונטער די צעפּאַלענע ווענט פון דער וואַרשעווער געטאָ...

פּערלמאַן האָט אַ זופּ-געגעבן דעם קאַלט-געוואָרענעם טיי:

— אַז אַ פאָלק גלויבט אין זיין גאָט, איז דאָס שוין גאָר נישט קיין אידיאָטס-טוועז! און אויב רבנים האָבן פּראָקלאַמירט אַ תענית — ווייסן זיי וואָס זיי טוען... בטחון איז דאָס שטאַרקסטע געווער...

זעליג האָט אַ לאַך-געטון. זיין רונד פּנים האָט זיך פאַרקרומט און מען האָט נישט געקאָנט וויסן צי ער לאַכט אָדער וויינט.

אַז דבורהלעס געוויין איז איבערגעגאַנגען אין אַ כליפּען, האָט זיך פּערלמאַן אויפגעשטעלט און געקליבן זיך צו גיין אַהיים:

— אַז אַ פאָלק גלייבט און האָט בטחון אין גאָט, וועט די פינצטערניש אַוועק און עס וועט אויפגיין אַ ליכטיקער טאָג...

פון זיין פריינטס רייד איז זעליג נשתומם געוואָרן, נישט געקאָנט פאַרשטיין די רויִקייט אין יענעמס קול און מיט אָפענעם חוזק געפרעגט:

— איר מיינט מיר צו זאָגן, אַז די היגע ייִדן וועלן טאָקע פאָלגן די רבנים, און קומען אין די שולן הערן הזכרות?

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט זיך זעליג אַריינגעכאַפּט אין אַ טראַמוויי און אַוועקגעפאָרן אין שאָפּ צו דער אַרבעט. קיין ייִדישע פּנימער זענען דאָ נישט געווען צו מערקן. האָט ער אַרויסגעקוקט דורך אַ פענצטערל און געזען: די ייִדישע רעסטאָראַנען, ווו אַרבעטער פלעגן אַלע אינדערפרי עסן אָנבייסן, זענען געווען פאַרמאַכטע. אַלעמאָל אין דער צייט זענען די גאַסן פול געווען מיט מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך געאיילט צו די ראָגן, כאַפּן אַ טראַמוויי. און איצט? אויף די טראָטואַרן איז געלעגן אַ סומנע פּוסטקייט.

די נייגעריקייט צו וויסן וואָס עס טוט זיך אין שאָפּ, איז ביי אים געוואָקסן מיט יעדן דריי פון די רעדער, מיט יעדן דורכגעפאָרענעם קוואַרטאַל, און כאָטש דער טראַמוויי איז געגאַנגען גאַנץ גיך, האָט זיך זעליגן אויסגעדאַכט, אַז ער שלעפּט זיך ווי אַ לאַסט-וואָגן אַרויף אַ באַרג, ער וועט פאַרשפּעטיקן און נישט אָנקומען אין צייט צו דער אַרבעט.

עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט, כמעט נעבן שאָפּ. זעליג איז האַסטיק אַרויס, באַלד געעפנט די טיר פון שאָפּ, אַריין אינעווייניק און די אייגענע אויגן נישט געגלויבט.

דער גרויסער שאָפּ איז געווען ליידיק. דורך די הויכע און ברייטע פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ כמורנער הימל. אויפן לאַנגן שנייד־טיש זענען געלעגן נישט קיין צוזאַמענגעבונדענע „באַנדלעך". אויף די ניי־מאַשינען האָבן זיך געוואַלגערט האַלב־אויפגענייטע פרויען־מאַנטלען. די פרעס־מאַשינען זענען געשטאַנען מיט ברייט־צעעפנטע מיילער ווי זיי וואָלטן וועלן שלינגען און פאַרשלינגען דעם גאַנצן אַרום. נאַקעטע מאַנעקינען האָבן געוואַרט מען זאָל זיי אָנטאָן מיט פאַרטיקע מאַנטלען און פאַרדעקן זייער נאַקעטקייט.

זעליג איז שטיין געבליבן אַ צעטומלטער און פאַרלאָרענער. די פוסטקייט אין שאָפּ האָט אים אין פּנים אַ פּאַטש געטון, ער האָט חרטה געהאַט וואָס ער איז אַהער געקומען. דאָס נעגערשע שיק־יינגל, וואָס האָט מיט אַ ברייטער באַרשט געקערט דעם דיל, איז צוגעגאַנגען, געבליבן שטיין מיטן שטעקן אין די הענט און זיינע גרויסע און גלאַנציקע אויגן האָבן געשמייכלט:

— כמעט אַלע אַרבעטער האָבן אָנגעקלונגען און געזאָגט, אַז היינט וועלן זיי נישט קומען צו דער אַרבעט. דער באָס איז דאָ געווען, געהייסן אויסקערן דעם שאָפּ און פאַרשליסן.

אויף אַזאַ זאַך האָט זיך זעליג נישט געריכט. איז ער געשטאַנען קעגן דעם נעגער און דערפילט זיך קליין און געפאַלן. די הענט זענען אים אַראָפּגעהאַנגען ווי קאַראַמעסלעך פון געזונטע פּלייצעס. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַרן שוואַרצן בחורל, אַרויס פון שאָפּ, אַרויסגעגנבעט זיך פון קאָרידאָר און אָנשטאָט נעמען אַ טראַמוויי און פאָרן אַהיים, איז ער אַהין אַוועק צופוס.

גייענדיק האָט ער זיך אַרומגעקוקט און געזען: דאָ, אינמיטן שטאָט, ווו עס האָבן זיך געפונען די גרויסע געשעפטן, וואָס האָבן מיינסטנס געהערט צו גויִים, האָבן די גאַסן געקישעט מיט מענטשן. די קראָמען זענען געשטאַנען אָפענע. פון זייערע שויַ־פענצטער און פון די שילדן האָבן אַרויסגעשריִען עלעקטרישע בוכשטאַבן און גערופן קונים צו זיך.

זעליג האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, געקויפט אַ ציַיטונג, אַריינגעקוקט אין איר און געזען: אויפן פאָדערבלאַט איז געווען אָפּגעדרוקט אַ בילד פון אַ באַרג מיט שיך, וואָס מען האָט געפונען אין אַ נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. אונטערן בילד איז געווען אָנגעשריבן: „דאָס זענען שיך פון פאַרברענטע ייִדן". ער האָט איבערגעלייענט די אונטערשריפט און פאַר די אויגן איז אים פינצטער געוואָרן. די גאַס, די אויטאָמאָבילן, מיט די טראַמווייען, — אַלץ האָט זיך אַ יאָג־געטון, אַ דריי־געגעבן זיך.

ער האָט אָנגעהויבן גיין, זענען אים די טריט וואַקלדיק געוואָרן. מיט אַמאָל

האָט ער דערפילט אַ שטורך אין זייט: גיי גלייך, דזשו בעסטערד!" און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערן שלאָף. נאָר דער מוח איז געווען פאַרנעפּלט. אין דער רגע האָט ער נישט געקאָנט באַנעמען: וואָס טוט זיך מיט אים? ווו איז ער דאָס איז דער וועלט? דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט, איינגעקוקט זיך אין די פאַרבייגייענדיקע און קיין מענטשן נישט געזען. בלויז זייערע סילועטן מיט רויטע קאַרקעס, מיט בלוי־אָנגעצויגענע אָדערן אַרום די העלדזער און גרינע אויגן אָנגעגאָסענע מיט בלוט און האַס, זענען פון ערגעץ אָנגעשוווּמען און פאַרשווּנדן.

דערהערט דאָס זשומען פון אַן עראָפּלאַן, האָט זעליג דעם קאָפּ אויפגעהויבן. דער עראָפּלאַן האָט זיך געדרייט אויף איין אָרט און אַרויסגעלאָזט אַ ווייסן רויך, פון דעם רויך זענען אין דער לופטן אויפגעגאַנגען בילדער און זעליג האָט געזען: זיין טאַטנס ביינערדיקער פּנים האָט אַרויסגעשוועבט ווי פון אַ וואָלקן אַרויס. די שוואַרצע באָרד האָט זיך פּאַמעלעך געוויגט אין ווינטל און אַנשטאָט אויגן — האָבן אַרויסגעשוואַרצט צוויי גריבער און אויסגעזען ווי אָפענע קברימלעך. דער־נאָך האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר ווייבערשע שיך מיט אָפענע מיילער און צעלאָזענע כאַליעוועס פון וועלכע די שוואַרצע צינגלעך זענען אַלע ווילע אַריינגעלאָפן אין די שיך און אַרויסגעשפּרונגען צוריק, ווי זיי וואָלטן זיך מיט עמעצן גערייצט. די שנירלעך זענען נאָכגעלאָפן, געהוידעט זיך און זייערע בלעכערנע עקעלעך האָבן זיך געקלאָפּט איינס אין אַנדערן און צו וויסן געגעבן דער וועלט, אַז עס פעלן די הענט, וואָס זאָלן זיי דורכציִען די לעכעלעך פון די כאַלעוועס און פאַרקניפּן...

אַ בלאָס־געוואָרענער האָט זעליג אַ טרייסל־געגעבן דעם קאָפּ און אַראָפּ־געלאָזט די בליקן צו דער ערד. די שיך זענען איצט געווען אויפן אַספאַלט, געשאַרט זיך צווישן די לעבעדיקע שיך פון די פאַרבייגייענדיקע מענטשן אַלץ נעענטער און נענטער, כאָטש נעם זיי אָן מיט דער האַנט. דאָך זענען זיי געווען ווייט, זייער ווייט פון זעליגן. פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעשטרענגט דעם בליק, שטאַרק איינגעקוקט זיך אין זיי און דערקאָנט דער מאַמעס שיך. האָט ער זיי אָנגעהויבן זוכן אויפן טראָטואַר, אין דער לופט און נישט געפונען. אַנשטאָט דער מאַמען האָט ער פּלוצים דערזען ווי אַ האַמעטנער שטיוול מיט פרישן בלוט אויף זיך, האָט אַ זעץ־געטון דער מאַמעס שיך אונטער די אָפּשטייענדיקע פּאָדעשוועס און אָוועקגעשליידערט צוריק צום באַרג ווו זיי האָבן זיך גלייך אויסגעמישט מיט די מיליאָנען אָן־פּיסיקע שיך...

זעליג האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען אַ סיגאַרעט פון קעשענע און פאַרויכערט. די בילדער פון דעם טאַטנס פּנים מיט דער מאַמעס שיך זענען

נעלם געוואָרן און אויפן טראָטואַר איז געגאַנגען דער פרי־ערדיקער עולם: פאַר־שווינען מיט דורכגעפרעסענעם האַס אין די אויגן. אַ רגע איז ער געשטאַנען און ווי דורך אַ דיקער וואַנט געהערט דעם אָפּהילך פון זייערע טריט און אַ נישט־זיכערקייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט און פיס.

זיינע טריט זענען געוואָרן זיכערער, בעת ער איז שפּעטער אַרויף אויף דער יידישער באַיל־עוועניו. אַ היפּשע ווײַלע האָט ער זיך געיישובט: אַריינגיין אין שול צי נישט? אַ טונקל־באַלויכטענע, אַ הויכע און אַ טיפע — איז די שול געווען אָן אָנגעפּאַקטע מיט יידן. מען איז געשטאַנען האַרט איינער נעבן אַנדערן און געטור־ליעט זיך, ווי שאָף אין פעלד, וואָס דערשפּירן אַ געפאַר... די אויגן, רויטע און פייכטע פון וויינען, זענען געווען אָנגעפילט מיט שרעק און רחמים.

זעליג האָט זיך אַרומגעקוקט. פון דאָ און פון דאָרט האָט זיך איבער דער שול געהערט אַ שטיל געוויין. אין דער לופטן האָט זיך געטראָגן אַ זשומען, וואָס איז אָנגעזאָפּט געוואָרן מיט נישט־דאַיקן פחד, עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס זענען אַהער געקומען די נשמות פון די קדושים און פרעגן פאַרוואָס מען האָט זיי פאַרשניטן פונעם לעבן...

ער האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט. אָבער אָט איז אין שול שטיל געוואָרן. אַלעמענס בליקן האָבן זיך אַ צי־געטון צום ארון־קודש. זעליג האָט זיך איינגעקוקט אַהין און דערזען: דער אַלטער רב איז צוגעגאַנגען צום ארון־קודש, האַסטיק פאַר־שאַרט דאָס פּרוכת אָן אַ זייט און צעפּראַלט די טירלעך. אַ ווײַלע האָט ער געקוקט אויף די ספר־תורה׳ס און עפּעס איינגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם — דערנאָך אָנגעשפּאַרט דעם גרויען קאָפּ אויפן געזימס און אָנגעהויבן וויינען אויף אַ קול. דער עולם האָט מיטגעוויינט. נאָר פּלוצים האָט זיך דער רב אָפּגעריסן פון דאָרט און אויסגעדרייט זיך. זיין פּנים איז געווען בלאַס, ווי אַ פאַרמעט און אין די אויגן האָבן טרערן געפינקלט. ער האָט אַ קרעכץ־געטון און אָנגעצונדן אַ שוואַרץ ליכט. צום סוף האָט ער גענומען אַ מעסערל, מיט ציטערדיקע הענט אים אויסגעקערעוועט מיטן שפּיץ, צו זיך, צום האַרצן, אַ זאָג־געטון: „ברוך דיין האמת״ און קריעה־געריסן.

איבער דער שול איז אַ ציטער דורכגעפלויגן. די ווענט זענען, דאַכט זיך, כמורנער געוואָרן, דער הויכער סופיט — נידעריקער. אין דער רגע איז געוואָרן אַ שרעקלעכע יללה. אין דער ווייבערשער שול האָט אימיצער געחלשט. אַ יונגער־מאַן האָט געקלאַפּט דעם שטערן אין אַ שטענדער און געשריען: „טאַטע״. אַן אַלטער ייד מיט אַ צעוויייטיקטן פּנים און מיט אַ גלאָזיקן קוק אין די אויגן האָט ערגעץ גע־קוקט אין דער ווייטקייט אַריין און איז דערנאָך אומגעפאַלן. אויף אַ ווײַלע איז

געוואָרן אַ גערודער. מ׳האָט דעם ייִדן אויפגעהויבן, אָפּגעמינטערט און אַרויסגעטראָגן אים אין דרויסן צו שעפּן פרישע לופט.

דער שמש האָט אַ פּאַטש־געטון אין אַ פאַרמאַכטן ספר און די יללה איז אויסגעגאַנגען. דעמאָלט איז דער רב מיט אַ מנין ייִדן אַרויף אויף דער בימה, אויסגעטאָן די שיך און אַוועקגעזעצט זיך שבעה.

ווען זעליג האָט געזען די סודותדיקע שוואַרצע ליכט פלעמלען, דאָס פּינקלען פון דעם רבס טרערן אויף זיין פאַרמעטענעם פּנים און דאָס קריעה רייסן, האָט ער מער נישט געקאָנט צאַמען אין זיך די געפילן, וואָס זענען גובר געווען אַלע באַגריפן פון דעם „פריידענקער״. פון זיך אַליין האָבן טרערן אַ פלייץ געטאָן פון די אויגן. און שפּעטער אַ ווײַלע, ווען דער רב איז אויפגעשטאַנען פון מיטה און דער עולם האָט אָנגעהויבן קדיש, איז זעליג פון זיי נישט אָפּגעשטאַנען און נאָכגעזאָגט וואָרט אין וואָרט:

— יתגדל ויתקדש שמה רבא!...

אויף דער עלטער

פאַרנאַכט, ווען מענדל ווילענטשיק האָט איבערגעלייענט די נייעס אין צייטונג, אַז אין דער שטאָט ב., ווו ער איז געבוירן געוואָרן, האָבן גויים געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף ייִדן און אויסגעקוילעט פינף־און־צוואַנציק משפחות, איז ער דערפון געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט אַ שמיץ־געטון די צייטונג אויף דער ערד און געשריִען:

— כוליגאַנעס! מערדער!

קיין ליכט האָט ער נישט אָנגעצונדן. אין דער פינצטער געפּרוווט פאָרשטעלן זיך די פּנימער פון די הרוגים. נאָר נישט דאָס אַליין האָט אים איצט געווייטיקט און געעקבערט דעם מוח. ער האָט הויפּטזעכלעך געוואָלט דערגרונטעווען זיך צום עיקר: פאַרוואָס? ווער איז שולדיק אין דער שרעקלעכער שחיטה?...

די פאַרענטפערונג איז באַלד אַרויפגעשווומען אויפן אויבערפלאַך: „די צאַ־רישע מאַכט"... אָבער דערמיט אַליין האָט ער זיך נישט באַנוגנט. ער האָט געוואָלט געפינען די טיפערע, אינערלעכע סיבה דערפון און געקומען צום אויספיר, אַז שולדיק זענען אייגנטלעך די קלויסטערס. און אויב אַזוי — איז ער, מענדל ווילענ־טשיק, דער הויפּט־שולדיקער!...

דער באַגריף האָט אים געמאַכט צו פילן זיך, ווי אַ פּאָגראָמשטשיק, און כאָטש ער האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך דעם שרעקלעכן געדאַנק, אַרויסרייסן אים פון זיין באַוווסטזיין, איז אָבער דער געדאַנק, ווי אויף להכעיס, געשטאַנען פאַר די אויגן ווי אַ לעבעדיקער ווען.

צוליב דעם איז מענדל אַ פּאָר וואָכן נישט אַרויס פון שטוב. ער האָט אויפ־געהערט צו ווייזן זיך פאַר מענטשן. ער האָט געמיינט, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט אַרויסשטעקן די נאָז אינדרויסן, וועט מען אויף זיין פּנים גלייך דערקאָנען די שול־

דיקייט און ייִדן וועלן אויף אים טייטלען מיט די פינגער און שרייען: „אָט גייט דער פּאָגראָמשטשיק!‟.

גאַנצע טעג האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן שטוב ווי אַן אבל. אין די שבתים און אין די יום־טובים איז ער שעהן נאָכאַנאַנד געזעסן ביים פענצטער, געזען ווי ייִדן איילן אינדערפרי צום דאַוונען; צוריק זענען זיי געגאַנגען, מיט געמאָסטענע טריט און אַזעלכע צעשטראַלטע און דערהויבענע, ווי דער רוח־הקודש וואָלט אויף זיי גערוט, און ער האָט באַוווּנדערט זייער רויִקייט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מענדל ווילענטשיק איז קיין פרומער נישט געווען און זייער זעלטן אַריינגעשמעקט אין אַ שול, האָט אים אָבער איצט אָנגעהויבן ציִען צו אַ מקום־קדוש און אַפילו צו ייִדן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען זיין פענצטער אַזעלכע ווייטע, שבתדיק־פאַרטראַגענע און דאָך — אַזעלכע נאָענטע!...

ער איז מקנא־געווען, וואָס זיי האָבן בטחון, אַ גלויבן, אַ פאַרוואָס און אַן עפּעס, וואָס האָט זיי געגעבן אַ זין און אַ תיקון, אַ זאַך, וואָס איז אים ביז איצט געווען פרעמד און די פרעמדקייט האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן בלויז אין זיין צעוויטיקטער נשמה.

גראָד איצט, אויף דער עלטער, האָט ער זיך געוואָלט אַרויסהויבן פון דער נידער און דערגיין צו „עפּעס העכערס‟. וואָס מער ער האָט געטראַכט דערפון, אַלץ מער האָט ער זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, דערפאַר וואָס ער האָט אין רוסלאַנד אויפגעבויט אַזויפיל קלויסטערס און, להבדיל, נישט קיין איין שול.

די איבערלעבונגען אין די לעצטע פּאָר וואָכן און דער טיפער גראַנגל מיט זיך אַליין, האָט אים אַזוי פאַרפינצטערט דאָס לעבן, אַז ער האָט באַשלאָסן אַריינגיין צו אַ היגן רב, אַראָפּרעדן זיך פונעם האַרצן און פאַריינוועגס אויך פרעגן צי ער, מענדל, איז יאָ אָדער נישט שולדיק אין דעם, וואָס עס האָט געטראָפן זיין געבורטשטאָט.

אין אַ זומערדיקן דינסטיק אינדערפרי איז ער אַריין צו אַ רב און שטיינגעבליבן אין פּאָדערהויז, ווי דאָס פלעגן טון אַרעמעלייט אין דער „אַלטער־היים‟, ווען זיי זענען געקומען צו אים, צום „קלויסטער פּאָדריאַטשיק‟ אין גרויסן און רייכן קאַנטאָר בעטן אַ נדבה.

אַז דער רב האָט דערזען אַן עלטערן ייִדן אַריינקומען, וואָס האָט אויסגעקוקט צו זיין זייער צעטראָגן און פאַראומערט, איז ער אים אַנטקעגן־געגאַנגען, אָפּגעגעבן „שלום‟, געבעטן זיצן. אַ ווײַלע האָט דער רב באַטראַכט מענדלס ציכטיקן הילוך, דאָס אַרומגעשווירענע סיווע בערדל און געפרעגט:

— וואָס קאָן איך טון פון אייערטוועגן?

מחמת דרך־ארץ איז מענדל געזעסן אויף אַ ברעג־שטול און די אומבאַקוועמע פּאָזיציע האָט אים געמאַכט אויסזען נעבעכדיק:

— רבי — האָט ער שטיל און מיט הכנעה אָנגעהויבן שטאַמלען און די ווער־טער זענען ביי אים אַרויסגעקומען ווי אָפּגערוקטע איינע פון די אַנדערע — רבי, איך, ווייס נישט, ווי אָנצוהייבן... איך האָב שווער געזינדיקט...

דער רב האָט אַראָפּגענומען די ברילן פון נאָז. מיט די הוילע אויגן איינ־געקוקט זיך אין מענדלס פּנים און געוואָלט זען מיט וועמען ער האָט דאָ צו טון. צי דער ייִד, וואָס איז געזעסן קעגן אים איז חלילה נישט מיט אַלעמען, און ער האָט אַ שמייכל־געטון:

— ווי איך זע, זענט איר, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, שוין נישט קיין יונגערמאַן, איז וואָס פאַראַ זינד קאָן דאָס זיין?...

— זייט מיר מוחל, הייליקער רבי —האָט זיך מענדל איינגעזעצט בעסער אַביסל אין שטול— איר פאַרשטייט מיך נישט... די זאַך איז אַזאַ: אין דער היים בין איך געווען אַ פּאַדריאַדטשיק פון קלויסטערס. כמעט אין האַלב רוסלאַנד האָב איך זיי געבויט. אַפילו געטשקעס אַריינגעשטעלט אַהין, כדי איינצוקויפן זיך אין לאַסקע ביים „סינאָד״ און ביים „ארכירייי״. איצט, אויף דער עלטער, לאָזט מיך דער געוויסן נישט אָפּ. איך פיל מיך שולדיק פאַר די פאָגראָמען. איך קאָן נישט שלאָפן דורך די נעכט. בין איך געקומען צו אייך, אַז איר זאָלט מיר העלפן. גיט מיר אַן עצה וואָס צו טון, אַז די זינד זאָל אַזוי נישט דריקן מיין נשמה...

אויף דעם רבס פּנים האָט זיך אַ פּחדימדיקע בלאַסקייט צעשפּרייט. נאָר אין די טיפע און קלוגע אויגן האָט געטליִעט די שיין, ווי פון אַ מנורה. ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכל, אָפּגעווישט זיך דעם שטערן און אַ פאַרטראַכטער אָנגע־הויבן אַרומשפּאַנען איבער זיין חדר, מיט די פיל ספרים אַרום די ווענט:

— קומט מאָרגן. אפשר וועל איך אייך קאָנען געבן אַ תשובה...

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען מענדל ווילענטשיק איז אַריינגעקומען, איז דער רב געזעסן אין אַ טיפער, ווייכער שטול און מער ווי די שפּיצן פון זיין לאַנגער, ווייסער באָרד, מיט אַ ברעקל פון זיין שפּיץ־נאָז האָבן זיך נישט אַרויס־געזען. די אויגן האָט ער געהאַלטן פאַרמאַכט. פונדעסטוועגן האָט דער רב גלייך אָנגעהויבן רעדן און דער אורח האָט געמיינט, אַז יענער רעדט פון שלאָף:

— ווי הייסט איר, ר׳ ייִד?

— מענדל ווילענטשיק.

— איז הערט זיך איין, ר׳ מענדל! איר פאַרשטייט דאָך, אַז איר האָט שווער געזינדיקט, סיי אַנטקעגן דעם רבונו־של־עולם און סיי אַנטקעגן אונדזער פאָלק.

איר דאַרפט אַ סך תשובה־טון. איז אויב איר ווילט און האָט פּונוואַנעץ, וועל איך אייך געבן אַן עצה: איך בין רב אין אַן אָרעמער, אַלטער שול, וואָס איז כמעט איינגאַנצן צעבראָכן און האַלט אין איינפאַלן. האָב איך געטראַכט: אפשר וועט איר זי קאָנען פאַרריכטן און דערפאַר, וועט אייך דער השם־יתברך מוחל־זיין...

מענדלען איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער איז אויפגעשפרונגען פונעם בענקל און געוואָלט אָפּדאַנקען. דער רב האָט דאָס אָפּנים פאַרשטאַנען און אַ מאַך־געגעבן מיט דער האַנט אינדערלופטן, אַז מען דאַרף נישט. נאָר מענדל האָט נישט געקאָנט צאַמען אין זיך די קוואַליקע פרייד און אַ באַגייסטערטער געזאָגט:

— רבי, איך וועל טון וואָס איר הייסט!... נישקשה, איך האָב נאָך, דאַנקען גאָט, פונוואַנעץ צו פאַריכטן צען שולן!...

פונדאַנען איז ער אַוועקגעגאַנגען צו דער האַלב־איינגעפאַלענער שול. דאָרטן האָט מענדל באַטראַכט די אויסגעקרימטע ווענט, דעם נידעריקן סופיט, מיטן צעבראָכענעם דיל. אויף אַ ווייסן פּאַפּיר האָט ער אָנגעצייכנט אַ פּלאַן. אויסגע־רעכנט וויפיל געהילץ מען דאַרף האָבן, און אין דעם זעלבן טאָג נאָך, האָט ער אויפגעזוכט אַ האָלץ־געשעפט. געקויפט פאַרטיקע טירן, פענצטער מיט אַ סך ברעטער, קראַקוועס; אויך איינגעהאַנדלט פּלאַטעס, טשוועקעס; אין אַ פּאָר טעג אַרום געדונגען בעל־מלאכות און אַ פריידיקער צוגעטראָטן צו דער אַרבעט פון איבערבויען די שול.

צוערשט האָבן אַרבעטער אַרונטערגעריסן דעם דאַך, אונטערגעהויבן דעם סופיט. די אַלטע שטוקאַטורקע אַרויסגעקלאַפּט פון די ווענט, אַפילו די טירן מיט די פענצטער אַרויסגענומען און אויף זייערע ערטער — אַריינגעזעצט נייע. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז דאָס איבערבויען אַוועק אין פולן שוווּנג. די ווענט האָבן זיך אויסגעגלייכט, און געטריקנט אויף זיך די פרישע, ווייסע טינקע. די אושאַקעס האָבן זיך חוצפּהדיק געקלאַמערט אין די נייע פענצטער, מיט די פיל־פאַרביקע שויבן און שייבעלעך. נאָר אָנשטאָט וואָס פריִער זענען מסתמא די ווענט געלאָפן גלייכע, האָבן זיי זיך איצט, אין דער הויך, — געערונדיקט און האַלב־קיי־לעכדיקע געלאָפן צום סופיט, ווו מענדל האָט געלאָזט אַריינבויען אַ גלעזערנעם קופּאָל מיט אַ סך קאָלירטע שייבעלעך.

שפּעטער, אַז דער בנין איז שוין געשטאַנען אַ פאַרטיקער און די בימה, מיט די דריי טרעפּלעך אויף אַרויפצוגיין, האָט אַרויסגעהנדלט פון דער מיטן, האָט מענדל צוזאַמענגערופן אַלע אַרבעטער, באַצאָלט, וואָס זיי איז געקומען און ביי זיך אין געדאַנק געטראַכט, וואָס פאַרא ארון־קודש ער זאָל אויפשטעלן.

דעם ארון־קודש האָט ער געבויט מיט די אייגענע הענט. נישט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל אים העלפן. פאַר דעם צוועק האָט ער צוגעשניטן ברעטער אויף אַ פּאַרנט, אויף זייטן און אויף אַ וואַנט, מיט צוויי דעקן. אין זייערע ברעגעס — אויסגעשיפּעט „מיילער" און „ציינער", אַז זיי זאָלן זיך אַריינפּאַסן איינע אין דער אַנדערער. נאָכדעם האָט ער די ברעטער און די ברעטלעך לאַנג געהובלעוועט, אַרויסגעכישופט פון זיי דינע, כמעט זיידענע סטרושקעס און געהערט, ווי מיט יעדן צי מיטן הובל איבער אַ ברעטל, צי איבער אַ קאַנט — האָט זיך דער הובל צעזונגען מיט אַן אומעטיקן ניגון און מענדלען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין דער פוסטער שול זיצט ערגעץ אַ ישיבה־בחור ביי אַ בלאַט גמרא און זינגט אַזאַ שטילן און טרויעריקן געזאַנג, וואָס האָט אַריינגעדרונגען צום אַלטן ייִדן אין דער נשמה און צעגאַנגען זיך אין אַלע אברים.

מיט דיקן סטאָליאַרסקן קליי האָט מענדל צוזאַמענגעקלייעט דעם ארון־קודש, אַרומגעכאַפּט אים מיט לאַנגע, אייזערנע, פּרעגטעס. אַזוי אַרום אים צוזאַמענגעקרעמפּעוועט און אויף עטלעכע טעג געלאָזט טריקענען.

ס'איז אמת, אַז די אַרבעט איז געווען אַ גוואַלדיק שווערע. אָבער מענדל האָט געפילט, אַז וואָס מער ער האָט געהאָרעוועט און אַרויסגעשלאָגן זיך פון די כוחות, אַלץ גרינגער איז אים געוואָרן צו טראָגן די זינד, און די שולדיקייט האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן אָראָפּגליטשן פון זיינע איינגעבויגענע פּלייצעס און עס איז אים געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה.

דערוויילע האָט ער ביים מזרח־וואַנט אויפגעבויט אַ פּלאַטפאָרמע און דע־רויף אַרויפגעשטעלט דעם ארון־קודש, אים גוט צוגעפּעסטיקט, סיי צום דיל און סיי צו דער וואַנט. דערנאָך האָט ער אויפגעמאַכט צוויי טירלעך, אַריינגע־פּאַסט אין דער עפענונג און אויף זיי אַרויפגעקלעפּט צוויי קעפּ פון „לייבן", וואָס האָבן געטראָגן שווערע רינגען אין די מיילער.

דעם אויבנאָן און דעם אונטן פון ארון־קודש האָט ער אַרומגענומען מיט גראָבע קאַרניזן. אין דער הויך און אַפילו ביי די זייטן — אַרויפגעקלייעט רויטע בלומען, מיט גרינע צווייגעלעך. אויך עטלעכע אומגעלומפּערטע פויגלען האָבן זיך דאָ געפונען און מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט טרעפן צו וואָסער מין זיי געהערן און צוליב וואָס מען האָט גאָר אינגאַנצן געדאַרפט האָבן די אַלע באַפּוּ־צעכצן.

אָבער, דער אַלטער „פּאָדריאַטשיק" האָט געאַרבעט מיט אַזאַ התלהבות און ציטער אין האַרצן, אַז ער האָט נישט באַמערקט, ווי דער ארון־קודש, וואָס ער האָט איצט געהאַלטן אין איין צאַצקען, שלייפן און פּאָליטורן, האָט אין דער אמתן

נישט געהאַט קיין ייִדישן חן, אַז אין עצם זענען נישט נאָר די פייגל נישט געווען קיין צוגעפּאַסטע, נאָר אַפילו די „לייבן" האָבן עפּעס אויסגעזען, ווי לעבעדיקע, בייזע חיות, וואָס אָט־אָט וועלן זיי אַראָפּשפּרינגען פון די טירלעך, און זענען נאָר נישט ענלעך געווען אויף די ייִדישן „לייבן", וואָס זיצן געוויינטלעך רויִקע און פאַרחלומטע אויף די אמתע ארון־קודשן.

דאָס איבערבויען די שול האָט מענדל אַזוי ליב באַקומען, אַז ער האָט געַ־ האַלטן יעדעס ברעטל אין האַנט מיט דעם זעלביקן ציטער און מורא, ווי אַ פרומער ייִד אַ הייליקן ספר און ביי דער אַרבעט האָט זיך זיין נשמה צוזאַמענגעגאָסן מיט דער אַרומיקער שטילקייט, וואָס האָט אים אַוועקגעטראָגן אין אַנדערע, ווייטע וועלטן און עס איז אים אַפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען, צי דער געבוי איז פּאַסיק פאַר אַ שול אָדער נישט.

עס קאָן זיין, אַז אין דעם האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דאָס, וואָס אין דער יוגנט איז ער געווען אַ שטיקל אַרכיטעקט, אי אַ פיינער סטאָליער. איז אים איצט בלויז אָנגעגאַנגען דער שיינער אויסזען און די אַרכיטעקטאָניק פונעם געבוי און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט געפעלט די געמיטלעכקייט פון אַ מקום־ קדוש.

נאָר בלויז מיטן איבערבויען די שול האָט ער זיך נישט באַנוגנט. און ווען אַלץ איז שוין פאַרטיק געווען, איז מענדל אַוועקגעגאַנגען אין אַ טלית־געשעפט, געקויפט אַ סאַמעטענעם פּרוכת פון ווייַן־קאָליר, מיט אַ גילדערנער קרוין און צוויי „לייבן" אינדערמיטן, וואָס האָט מיט זייערע לאַפּעס צוגעהאַלטן די צע־ שפרייטע „עשרת־הדברות" און ער האָט דאָס דערנאָך אויפגעהאָנגען איבער די צוויי טירלעך. נאָר צוליב דער האַמעטענער ברייטקייט און דער אומגעלומפּערטער הויכקייט פונעם ארון־קודש — איז דער פּרוכת געהאָנגען, ווי אַ קינדערשער אַרבע־כנפֿתל אויף אַ מאַסיווער ברוסט פון אַ ריז. און פרומע ייִדן, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל דערזען די פילע צאַצקעס, מיטן בלאַנקעדיקן פּאַליטור פונוואַנען עס האָט אַרויסגעשלאָגן אַ פרעמדע קאַלטקייט, האָבן צעשראָקענע געזאָגט, אַז „ס'איז געוואָרן אויס שול"...

גראַד איז מענדל ווילענטשיק געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן צום חנוכת־ הבית. אויף די צוויי לאַנגע טישן אַרויפגעשטעלט פלעשער בראַנפן מיט ווייַן און נישט געהערט וואָס די ייִדן האָבן געזאָגט. זיין ווייב, אַ געעלטערטע פרוי מיט ווייסע, שייך־פאַרקאַמטע האָר און מיט שטריכן אויפן פּנים פון אַ געוועזענער „באַרינע", האָט געבראַכט טאָרט, לעקאַך, ראָזשינקעס און געמאַרענירטן הערינג

מיט ברויט. זי האָט אַ קוק-געגעבן אויף איר מאַנס אַרבעט און אַ באַגייסטערטע געזאָגט:

— אַך סאַראַ שיינקייט! אַ פּראַכטפולע סינאַגאָגע! דאָס קוקט אויס ווי דער ערשטער קלויסטער וואָס דו האָסט אויפגעבויט ביי אונדז אין שטאָט!...

ביי מענדל ווילענטשיקן האָט זיך אַ שטיק האַרץ אָפּגעריסן. איבערן רוקנביין איז אַ שוידער דורכגעלאָפן און אין די אויגן איז אים פינצטער געוואָרן:

— ווי, וואָס, זאָגסטו? ווי דער קלויסטער?...

— אַוודאי ווי דער שיינער קלויסטער! — האָט זי געענטפערט מיט שטאָלץ און קיין אַנונג נישט געהאַט ווי טיף אירע רייד האָבן אים געטראָפן.

נאָר מענדל ווילענטשיק האָט שוין אירע לעצטע פּאָר ווערטער נישט דער־הערט. דער מוח איז אים פאַרטונקלט געוואָרן. ווי אַן ערשט־אויפגעשטאַנענער פון אַ לאַנגן שלאָף, האָט זיך דער געוועזענער „פּאָדריאַטשיק״ אַרומגעקוקט. ער האָט געזען דעם סופיט, די ווענט, דעם דיל, דעם ארון־קודש און געכאַפּט זיך, אַז אַפילו אַהער אין שול האָט ער אַריינגעבראַכט די קלויסטערדיקייט, וואָס איז נאָך אַלץ געווען איינגעוואָרצלט אין זיינע בלוטן.

דער שטאָלצער טאַטע

ביי בערל פישמאַנען אין טיפּן און הויכן עס־צימער האָבן די שטייענדיקע בליץ־לאָמפּן פֿאַרשפּרייט אַזאַ העלקייט אויף די נייע מעבל, מיטן וויין־קאָלירטן טעפּיך, ווי די זון וואָלט היינט גאָרנישט אונטערגעגאַנגען און מיט איר גאַנצער צעפלאַמטקייט אַריינגעשיינט אין די ציכטיקע פֿענצטער.

אַרום דעם צעפליגלטן טיש, פֿון אמת מאַהאגענעם האָלץ, זענען געשטאַנען זעקס ווייכע שטולן, מיט הויכע, אויסגעבויגענע ווענטלעך און דינע, געשניצטע פיסלעך, אויסגעטאַפּעטירטע מיט גרינעם זייד, האָבן זיי געוואַרט אויף בערלס יינגערן ברודער, אפרים, מיט זיין ווייבל, מאַשע, וואָס האָבן נאָך מיט אַ שעה צוריק געדאַרפט קומען און מיטברענגען זייערע אַלטע טאַטע־מאַמע — ישראל מיט גיטעלען.

אַ פֿאַרפּוצטע אין אַ ווייסן שירצל, האָט די טונקלהויטיקע דינסט דערווייל געגרייט צום טיש. אַוועקגעשטעלט פּלאַטשיקע טעלער און טעלערלעך מיט באַגילדעטע ברעגעס, צעלייגט זילבערנע גאָפּל, מעסער, לעפל מיט טיי־לעפּעלעך און האָלענדישע, לייוונטענע סערוועטקעס, וואָס זענען געווען אויסגעפּרעסט און צוזאַמענגעלייגט אין דריי שפּיצן. פֿון קיל־קאַסטן געבראַכט אַ גלאַנציקע גראַפינקע מיט וויין און אַ פֿלאַש אימפּאָרטירטן קאָניאַק.

בערל האָט באַוווּנדערט ווי די דינסט האָט דאָס אַלץ צעלייגט און צעשטעלט אַזוי קונציק, ווי אין דעם עלעגאַנטסטן רעסטאָראַן. דערפֿאַר אָבער, איז סעלמע געווען ערנסטער און באַזאָרגטער וועגן דעם איידער איר בערל. מיטן היינטיקן מאָלצייט האָט זי געוואָלט אויסנעמען. דעריבער האָט זי באַטראַכט יעדע קלייניקייט באַזונדער און געקומען צום אויספיר: דאָס מאָל וועט שוין איר שוויגערן, מאַשע, נישט קאָנען זאָגן, אַז „מען פּירעט זיך דאָ נאָך אַלץ אויף ווי ביי „גרינע" און נישט ווי ביי אַמעריקאַנער נגידים"...

איבערן שטוב האָט זיך מיטאַמאָל צעהוידעט אַ דינער און דערנאָך — אַ דיקער גלאָקן־קלאַנג, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ קלויסטער און שיר נישט אויפגעוועקט די צוויי קינדער אינעם ווייטן שלאָפצימער. אַ געלאַסענע איז די דינסט צוגעגאַנגען צו דער טיר, ברייט צעעפנט און סעלמע האָט מיט אַ פּאָר־טיקן שמייכל אויף די ליפּן מקבל־פּנים געווען די געסט:

— האַלאָ, מאַשע, אפרים! און וואָס מאַכט איר? — האָט זי זיך צעקושט מיט דער שוויגער און אויך דעם שווער געגעבן אַ קוש, וואָס האָט קוים באַרירט זיין ווייס־האָריקע באַק — קומט אַריין! שטייט נישט אויפן שוועל!...

פון דעם וואָס ער האָט דערזען אפרימען מיט מאַשען און איבערהויפּט, וואָס זיינע עלטערן זענען, נאָך אַ פּאָר חדשים אָפּוועזנהייט, ענדלעך געקומען צו אים, האָט בערל געריבן זיך די הענט פון פרייד און אויפגעוואָרפן טאַטע־מאַמע:

— וואָס זענט איר נישט געקומען אַזאַ לאַנגע צייט? די קינדער בענקען דאָך שוין נאָך אייך?!

אין דער אמתן איז דאָס געווען אַן אומזיסטיקער מוסרן. בערל האָט זייער גוט געוווסט, אַז כל־זמן דער טאַטע האָט געאַרבעט און פאַרדינט אויף דער הוצאה פאַר זיך מיט דער מאַמען, זענען זיי כמעט אַלע וואָך אַראָפּגעפאָרן פון די בראָנקס און געשפּילט זיך מיט די אייניקלעך. אָבער זינט ישראל האָט אויפ־געהערט אַרבעטן און אָנגעהויבן לעבן פון די אָפּגעשפּאָרטע פאַר דאָלער — זענען זייערע וויזיטן געוואָרן זעלטענערע און אויב די עלטערן זענען אַ שטיק צייט נישט געקומען — איז דאָס נישט געווען מחמת שלעכטקייט, אָדער די ליבע צו די אייניקלעך איז קלענער געוואָרן, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס סיי ישראל און סיי גיטעלע האָבן נישט געוואָלט מ׳זאָל אויף זיי רחמנות האָבן און די בייזע שעה זאָל נישט זיין — שענקען אַ נדבה...

זענען טאַקע ישראל מיט גיטעלען, דורך די טעג און אָוונטן, געזעסן ביי זיך אינדערהיים, אינעם צוויי־צימערדיקן אַפּאַרטאַמענטל, וואָס איז געווען אויס־געשטאַט פון צופעליקע שטיקלעך מעבל, פאַר קיינעם גאָרנישט דערציילט, גע־לעבט ווי עס האָט זיך געמאַכט, אַבי נישט אָנקומען צו אַ מענטשלעכער האַנט.

אַז אפרים האָט זיך דערוווסט פון זייער אמתער לאַגע, האָט ער אָנגעקלונגען צו בערלען אויפן טעלעפאָן:

— די אַלטע דאַרף מען מיט עפּעס אַרויסהעלפן. אָבער מען מוז דאָס טון זייער פאָרזיכטיק, פאַרשטייסט?

— ביסט גערעכט —איז בערל איינשטימיק געווען מיט אפרימען— איך דענק, אַז מען האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט עפּעס טון. איז אַזוי ווי דו ווינסט

נח גאָלדבערג

דאָך אויך אין די בראָנקס און איך אין ברוקלין, וואָלט זייער גוט געווען, אַז דעם קומענדיקן שבת־צו־נאַכט זאָלסטו זיי ברענגען צו מיר אויף וועטשערע און וועגן פאַרזיכטיקייט, מעגסטו זיך פאַרלאָזן אויף מיר.

אויך סעלמע איז געווען צופרידן. אָבער נישט דערפון, וואָס בערל וועט אַלע וואָך דאַרפן געבן אַ באַשטימטע סומע געלט זיינע עלטערן, נאָר פון דעם, וואָס זי וועט זיך דערווײַלע קאָנען אַרויסשטעלן פאַר מאַשען מיט די נייע מעבל און ריזיקן טעלעוויזיע־אַפּאַראַט, וואָס האָט מיט זיין הויכן און ברייטן געשטעל, נאָך רייכער געמאַכט דאָס גאַנצע הויז.

בערל האָט נישט געוווסט פון סעלמעס פאַרבאָרגענע געדאַנקען און גע־האַלפן דער מאַמען אויסטאָן דעם אויבערמאַנטל, אים אַריינגעהאָנגען אין אַלמער, פאַרשטייט זיך, אַביסעלע אָפּגערוקט פון זיין ווייבס קליידער דאָרטן... אויך דעם טאַטן אָנגעבאָטן דאָס זעלבע. אָבער דער אַלטער האָט זיך נישט געלאָזט באַדינען:

— איך קאָן נאָך אַליין אויסטאָן מיין פּאַלטאָ און אַריינהענגען...

די געסט זענען אַריין אינעם גרויסן זאַל. סעלמע האָט זיי געוויזן די נייע מעבל, די טעלעוויזיע און די לאָמפּן, געגעבן צו פאַרשטיין פון וואָס פאַרא גע־הילץ און מאַטעריאַלן יעדע זאַך איז געמאַכט און פון וועלכע געהויבענע פאַבריקן זיי קומען. זי האָט גערעדט וועגן דעם מיט אַזויפיל גענויקייט, ווי אַן אמתע קרעמערקע און אַלץ געוואָלט הערן פון מאַשען כאָטש איין גוט וואָרט.

עס קאָן זייער זיין, אַז מאַשע וואָלט סוף־כל־סוף געזאָגט איר מיינונג, אַז אַזעלכענע רייכע מעבל זענען ווי ציטערדיקע קינדער ביי אַ מאַמען: מ׳דאַרף דאָס כסדר פּילעווען און פּילעווען... אויף די שטולן טאָר מען זיך נישט אַוועק־זעצן און ס׳האָט גיכער געדאַרפט שטיין אין אַ מוזעאום איידער אין אַ געוויינט־לעכער שטוב... נאָר בערל האָט אינמיטן דערינען געבעטן די אורחים צום טיש:

— דו, טאַטע, זעץ זיך נעבן מיר. די מאַמע — אַנטקעגן; אפרים מיט מאַשען וועלן זיצן ווו זיי ווילן; אַפריער וועלן מיר אָפּעסן און דערנאָך... אגב, וויל איך איך אויסזאָגן אַ סוד, אַז צוליב דעם טאַטן מיט דער מאַמען, האָט סעלמע, אויף היינט, געעדונגען אַ יידישע קעכן, וואָס האָט אַלץ אָפּגעקאָכט לויטן דין, — אַפילו דער פּרומסטער ייִד מעג דאָ איצט עסן!...

מיט אָפּשיי פאַר די טייערע מעבל האָט זיך ישראל אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג שטול און מורא געהאַט צו בלייבן זיצן מיטן גאַנצן געוויכט. אויך די אַלטע גיטעלע האָט זיך נישט געפילט אַ סך בעסער פון איר מאַן. און כאָטש זיי האָבן איצט צווישן זיך נישט גערעדט און אַפילו אויסגעמיטן צו קוקן איינער אויפן

אַנדערן, איז אָבער געווען צו זען, אַזביידן האָט פאַרדראָסן, הלמאי אַ ברייטער טיש האָט זיי צעשיידט און לאָזט נישט זיצן צוזאַמען...

די דינסט האָט דערלאַנגט דעם פאַרשפּייז, וואָס איז באַשטאַנען פון איינגעהאַקטע, הינערשע לעבערלעך מיט ציבעלע, באַדעקט מיט לוזשעס געגנדזענעם שמאַלץ. אַרום און אַרום זענען קליינינקע רעטעכלעך געווען אַרומגעשטעלט ווי זעלנערלעך. זייערע רויטע פּעלערינקעס זענען געווען צעשפּילעטע און אַנטבלויזט ווייסע בייכעלעך. אין מיטן דער לוזשע איז יוסטנע געזעסן אַביסל אַ גרעסערער רעטעכל. זיין פּעלערינקע איז געווען צוגעקנעפּלט ביזן האַלדז. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ גרינע קרוין און מיט ווירדע געקיניגט סיי איבער דעם רינג־סאַלדאַטן און סיי איבער דער אכילה.

מען מוז צוגעבן, אַז עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף דעם. נאָר נישט ישראל און נישט גיטעלע האָבן זיך צוגערירט דערצו:

— עסט דאָס אַליין געזונטערהייט — האָט דער אַלטער געזאָגט — איר ווייסט דאָך, קינדער, אַז אַחוץ דער מאַמעס געקעכץ עס איך אין ערגעץ נישט... סיידן אַמאָל אַביסל בראָנפן אָדער אַ גלאָז טיי...

סעלמען האָט דאָס פאַרדראָסן, נאָר זי האָט גאָרנישט געזאָגט און ביידע ברידער מיט זייערע יונגע ווייבלעך האָבן זיך אַ נעם־געטון צום יעדער פּאָטראַווע מיט אַזאַ זשעדנעקייט, ווי זיי וואָלטן פאַרזוכט די יידישע מאכלים צום ערשטן מאָל.

נאָך וועטשערע האָבן די ווייבלעך פאַרפירט אַ רייד וועגן די הויכע פרייזן אויף מעבל און די מענער וועגן געשעפט און פּאָליטיק. אַביסל שפּעטער, אַז סעלמע מיט מאַשען זענען אַוועק צוריק אינעם גרויסן זאַל צו קוקן אויף די בילדער אין דער טעלעוויזיע, האָט בערל אויסגענוצט די געלעגנהייט און אָנגערופן זיך צו ישראלן:

— הער זיך איין, טאַטע! מיר ווייסן, אַז די פּאָר דאָלער וואָס דו האָסט אָפּגעשפּאָרט פון דיין פיינטערי זענען שוין לאַנג אַוועק. אַלעמאָל האָסטו שווער געאַרבעט, געטון אַלץ פון אונדזערטוועגן. מעגן מיר איצט עפּעס טון פון דיינעטוועגן. איז זאָג מיר, וויפל געלט ווילסטו האָבן אַלע וואָך?

ישראלס לענגלעכער פּנים איז נאָך לענגער געוואָרן. אויף דער געלבלעכער הויט האָט זיך אַ פּלוצימדיקע רויטקייט באַוויזן. אין האַלדז האָט אים עפּעס אַ ווערג־געטון. די הענט מיט די פיס האָבן אָנגעהויבן ציטערן. די לאַנגע, אַראָפּהענגענדיקע ברעמען האָבן זיך אויסגעקרומט און צווויסן געגעבן, אַז דער מענטש איז אין כעס. אויך גיטעלע איז בלאַס געוואָרן און געוואָלט אַ געשריי־

טון: „טוט נישט ווי דעם טאַטן!". זי האָט אָבער קיין איינציק וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אויף די צוקנדיקע ליפּן און טיף אין האַרצן מיטגעליטן מיטן מאַנס אינעווייניקסטן ווייטיק.

געכאַפּט זיך צוליב וואָס מען האָט אים געבראַכט אַהער, האָט זיך ישראל אויפגעהויבן פון דער גבירישער שטול און אין זיינע גרויע אויגן האָט זיך באַוויזן אַזאַ אומעט, וואָס האָט געריסן די נשמה און געשניטן דאָס האַרץ:

— קינדער, איך דאַנק אייך פאַר אייער גוטסקייט; אונדז פעלט גאָרנישט; מיר דאַרפן קיין זאַך נישט האָבן... דעם גאַנצן לעבן האָב איך ערלעך געאַרבעט, צו קיינעם נישט אָנגעקומען און איך האָף, אַז אַזוי וועל איך מיט דער מאַמען שוין דערציִען די לעצטע פּאָר יאָר, וואָס דער אויבערשטער האָט געשענקט... איז אויב איר האָט אונדז געבראַכט אויף צום באַליידיקן, ווען מיר גלייך אַוועקגיין פונדאַנען...

— טאַטע —האָט בערל נישט געקאָנט באַנעמען דעם פּאָטערס שטאָלץ— מיר זענען דאָך נישט קיין פרעמדע! מיר האָבן פונוואַנען צו העלפן. ביי אונדז מעגסטו נעמען, פונקט ווי מיר האָבן גענומען ביי דיר; ביסט שוין נישט קיין יונגערמאַן; קיינער וועט דיר צו דער אַרבעט מער נישט נעמען; ווו וועסטו פאַרדינען אויף דער הוצאה? דו באַגייסט אַן עוולה אַנטקעגן דער מאַמען!...

דאָ האָט שוין גיטעלע מער נישט געקאָנט איינזיצן אין דער זיידענער שטול און באַהערשן דאָס געשריי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר דינעם האַלדז:

— פאַר מיר זאָלט איר זיך נישט זאָרגן!... כל־זמן דער טאַטע וועט לעבן, געזונט זיין און האָבן אַפילו נישט מער ווי איין שטיקל ברויט, וועט פאַר מיר אויך זיין גענוג!...

ווי אַ שולדיקער האָט ישראל אַראָפּגעלאָזט דעם גרויען קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן און צופרידן געווען מיט גיטעלעס פיינעם ענטפער. שטומערהייט האָט ער איר געדאַנקט, וואָס זי פאַרשטייט אים און טיילט זיך מיט זיין גורל. אָבער ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען ביי איר אין די אויגן אַ פּאָר קייַלעכדיקע טרערן, וואָס זענען שוין גרייט געווען אַ קייקל־צו־טון זיך איבער אירע בלאַסן באַקן, האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דערמיט האָט זי אַרויסגעוויזן שוואַכקייט פאַר די קינדער:

— קום אַהיים, גיטעלע, עס איז שוין שפּעט!...

אפרים, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שווייגעוודיקער און מיט די קלוגע, דורכדרינגענדיקע אויגן געקוקט אויף ישראלן מיט גיטעלען, איז געווען אַ פעסט־געבויטער יונגערמאַן איז די פריִע דרייסיקער יאָרן. ער האָט פאַרמאָגט

אַ הורטאָוונעם געשעפט פון פאַרשיידענע געצייג פאַר סטאָליאַרעס, בויער, בלע־כער און אייזן־אַרבעטער. ביי אים אויף די פּילע פּאָליצעס און ברייטע סטאָיקעס, האָט מען געקאָנט זען פאַרשיידענע רערן. קראַנען, הובלען, זעגן, דלאָטעס, אַלערליי האַמערס און שלעסער מיט שליסלעך, ווי אויך שרויפן און טשוועקעס, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן „אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער״, צו געדענקען זייערע נעמען און ווו זיי ליגן.

ביז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק פלעגט ישראל אָפט קומען אַהער. ער האָט ליב געהאַט שעהן אַרומצוּוואַנדלען איבערן גרויסן געשעפט און אָנקוקן פון זונס דערפאָלג. ווען ער האָט באַמערקט, אַז עפּעס איז אַראָפּגעפאַלן און וואַלגערט זיך אויף דער ערד, האָט ער דאָס אויפגעהויבן, אָפּגעווישט, פּאָרזיכטיק אויפגע־האַנגען, צי אַרויפגעלייגט אויפן געהעריקן אָרט און גליקלעך געווען, וואָס דער־מיט האָט ער עפּעס אויפגעטון פאַר אפרימען.

דערפאַר אָבער האָט ער בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרליידן די אָנגע־שטעלטע, נישט געקאָנט פאַרטראָגן וואָס זיי באַוועגן זיך אַזוי פּאַמעלעך. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן געטון, איז עפּעס נישט גענוג, אַז ער וואָלט די זעלבע זאַך געמאַכט אַ סך טיכטיקער און געשיקטער פון זיי. דעריבער איז ער שטענדיק אַוועק פונדאַנען מיט אַ פאַרדרוס און ערגעץ אין האַרצן מורא געהאַט, אַז די אָנגעשטעלטע וועלן אפרימען דערפירן צו דער טאָרבע...

דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט, ביז אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען אפרים האָט דעם טאַטן אָפּגעפירט אַהיים אין זיין שוואַרצן, גלאַנציקן אויטאָמאָביל און אויפן וועג געפרעגט:

— טאַטע, דו אַרבעטסט דאָך נישט, איז אפשר דאַרפסטו האָבן אַביסל געלט ?

פון דער אומדערוואַרטעטער פראַגע האָט זיך דעמאָלט ישראל אַזוי באַ־ליידיקט, אַז נאָכדעם איז ער אַ פּאָר חדשים נאָכאַנאַנד נישט געגאַנגען צוביידע זין, — כאָטש גיטעלע האָט אים נישט איינמאָל אויסגערעדט דערפאַר :

— אַ טאַטע דאַרף זיך נישט ברוגזן אויף אייגענע קינדער !

אמת, דער כעס איז שוין לאַנג אויסגערונען פון ישראלס געדעכעניש און אויך אים האָט זיך געוואָלט זען די קינדער און שפּילן זיך מיט די אייניקלעך, פּונקט ווי גיטעלען. דאָך האָט ער דאָס נישט געוואָלט אַרויסווייזן און אויפגע־הויבן דעם אייגענעם „איך״ העכער פון אַלע געפילן:

— קינדער דאַרפן וויסן, אַז אַ טאַטע איז אויך אַ מענטש...

איצט איז דער שטענדיקער שמייכל פאַרשוווּנדן פון אפרימס רונדן פּנים. נאָר די וואָרעמע, ברוינע אויגן האָבן געקוקט אויף ישראלן מיט דער זעלבער ליבע ווי אַלעמאָל:

— טאַטע, זעץ זיך אַוועק און הער זיך נישט איין אין דעם, וואָס בערל האָט פריִער געזאָגט, כאָטש קיין שלעכטס האָט ער נישט געמיינט. איך וויל דיך פרעגן: צוליב וואָס, אַ שטייגער, טויגן די רייד וועגן „העלפן־שמעלפן", אַז דו קאָנסט אַליין אויך פאַרדינען אויף דער הוצאה? דו ביסט נאָך נישט אַזוי אַלט און קיין קאַליקע, חלילה, אַוודאי נישט! ביסט נישט איין מאָל געווען ביי מיר אין געשעפט און געזען, אַז מען דאַרף דאָרטן האָבן הונדערטער אויגן!... אַליין קאָן איך זיך נישט איינקערן, כ׳מוז האָבן עמעצן וואָס זאָל מיר העלפן אָנפירן מיט די ביזנעס... וואָלט אפשר געווען אַ סברה זאָלסט קומען צו מיר אַרבעטן אַ פיר שעה אַ טאָג און איך וועל דיר צאָלן וועכנטלעכן געהאַלט ווי אַלע אַרבעטער?...

בערל האָט צעעפנט דאָס מויל, נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם זין פון אפרימס רייד און ישראל האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, — דאָסמאָל שוין מיטן גאַנצן געוויכט. דערהערט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַרבעט, זענען די איינגעפאַלענע באַקן פולער געוואָרן; אין די אויגן האָבן זיך זשעדנע פלעמעלעך באַוויזן; די אויערן האָבן זיך אָנגעשפּיצט און גרייט געווען אויפצוכאַפּן יעדעס וואָרט וואָס אפרים וועט אַרויסזאָגן. פון אונטער די ברעמען האָט ער אַ בליק געטון אויף גיטעלען, געזען ווי איר ווייסער, צאַרטער פּנים האָט אַרויסגעשיינט פון אונטער דעם שוואַרצן, געשטריקטן שאַל און דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויף דעם איז זי מסכּים:

— דו שפּאַסט פון מיר אפרים? אפשר דענקסטו, אַז דערמיט וועסטו מיך אַרייננאַרן אין זאַק און אַזוי אַרום ביייִלפיק זיין, מאַכסטו אַ טעות. פאַר געלט קאָנסטו דאָך קריגן אַ יונגערן פון מיר...

— הער זיך איין, טאַטע — איז אפרים צופרידן געווען וואָס אים איז איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק און סוף־כּל־סוף צוגעטראָפן ישראלן — פרעמדע מענטשן האָב איך גענוג!... אָבער, אויף דיר וועל איך זיך קאָנען פאַרלאָזן ווי אויף זיך אַליין... און דעם אמת געזאָגט, נייטיק איך זיך אין דיין הילף מער איידער דו אין מיינער...

פון גרויס פרייד האָט זיך ישראל אָנגעגאָסן אַ גלעזעלע בראָנפן. מיט איין קער עס אַריינגעגאָרגלט און געוואָרן אַביסל צוגעלאָזענער. פונעם שטאַרקן געטראַנק איז זיין לאַנג, האַרבוואַטע נאָז אַזוי רויט געוואָרן, ווי עמעצער וואָלט

אינעווייניק אָנגעצונדן אַ פּאָר לעמפּלעך און געזעסן איז ישראל אויפן שטול מיט אַ פּנים, מיט אַזאַ באַלעבאַטישער זיכערקייט ווי ביי זיך אין דער היים:

— זעסטו, מיין זון, אַרבעטן און פאַרדינען — איז עפּעס אַנדערש! באַלד אַזוי, דאַרפסטו בלויז זאָגן ווען איך זאָל קומען צו דער אַרבעט...

— וואָס איז דאָס פאַרא רייד, טאַטע? — איז אפרים כלומרשט בייז געוואָרן, וואָס דער אַלטער גלייבט נאָך אַלץ נישט און פרעגט איבער די זעלבע זאַך. אין דער אמתן אָבער, האָט ער גאָר אַ פאַרגנבעטן בליק געגעבן אויף בערלען, גע־וואָלט טרעפן וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף אים געמאַכט דער דאָזיקער פּלאַן און צי ער פאַרשטייט בכלל דעם איינפאַל זיינעם. — איך האָב דאָך שוין דיר געזאָגט, אַז אין געשעפט דאַרף איך דיך האָבן פון אָרום צען איינדערפרי, ביז צוויי, אָדער דריי ביי־טאָג, ווען עס ווערט שטאַרק בּיזי...

אַהיים זענען זיי געפאָרן גאַנץ שפּעטלעך. אפרים האָט אָנגעטריבן דעם אוי־טאָמאָביל. מאַשע איז געזעסן נעבן אים און דער טאַטע מיט דער מאַמען — אויף די הינטערשטע זיץ־פּלעצער. ווען די גומענע רעדער האָבן אַ לעק־געגעבן דעם וויליאַמסבורגער בריק, וואָס האָט געפירט פון ברוקלין קיין ניו־יאָרק, האָט ישראל בגנבה אויפגעזוכט גיטעלעס האַנט און מיט צאַרטקייט אין זיינע ביינערדיקע פינגער אַ גלעט געגעבן:

— נו, וואָס זאָגסטו, גיטעלע? קינדער! אַ?...

זי האָט נישט געוואָלט, אַז דער זון מיט דער שנור זאָלן דערהערן וואָס זי וויל זאָגן. האָט זי אַ רגע אָפּגעוואַרט. דערנאָך אַביסל צוגעבויגן זיך צום מאַן אין מיט ליבלעכקייט אין קול געענטפערט:

— וואַרט, וועסט נאָך זען, אַז מיט „זיין" הילף וועט זיך נאָך אָנהייבן אַ ניי לעבן פאַר אונדז. דו ווייסט דאָך בעסער פון מיר, אַז אַ מענטש טאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג...

מאָנטיק איז אפרים געקומען אין געשעפט פריִער פון אַלעמען. ער איז גלייך אַריין צו זיך אין קאַבינעט, פאַררויכערט אַ ציגאַר, אָפּגעוואַרט ביז די אָנ־געשטעלטע האָבן זיך באַוויזן, אַריינגערופן זיי און שטרענג אָנגעזאָגט:

— היינט וועט מיין פאָטער קומען אַהער אַרבעטן. וויל איך, אַז איר זאָלט אים אָפּגעבן דעם גרעסטן דרך־ארץ! איר קאָנט טאָקע אָנגיין מיט אייער אַרבעט ווי ביז אַהער. נאָר יעדע זאַך, וואָס איר וועט פון היינט אָן דאַרפן טאָן, זאָלט איר זיך אַפריִער באַראַטן מיט אים, פּונקט ווי ער וואָלט געוווּסט די אַרבעט בעסער פון אייך, איר פאַרשטייט?... איבערהויפּט מוזט איר זען, אַז אים זאָל דאָ זיין אָנגענעם!

יעדער אָנגעשטעלטער איז דאָ געווען פּינקטלעך און דערפֿאַרן אין זיין אַרבעט. פֿונדעסטוועגן איז אין עטלעכע טעג אַרום צוגעקומען צו ישׂראלן דער הויפּט-פֿאַרקויפֿער מיט אַ זעג אין האַנט און הכנעהדיק געפֿרעגט:

— מיסטער פֿישמאַן, איך האָב געוואָלט פֿרעגן ביי אייך אַן עצה וואָס צו טון. אָט די „סטעלני" זעגן זענען היינט שווער צו באַקומען. איז פֿאַראַן אַ ייִד, וואָס וויל קויפֿן פֿופֿצן שטיק. זאָל איך דאָס אים געבן, אָדער וואַרטן ביז מען וועט קאָנען נעמען אַ העכערן פּרייז פֿאַר זיי?

נישט אַכטנדיק, וואָס ישׂראל איז אַוודאי הונדערטער מאָל געווען דאָ אין געשעפֿט און געזען ווי מען קויפֿט און פֿאַרקויפֿט פֿאַרשידענע אַרטיקלען, דאָך האָט ער פֿון מסחר קיין אַנונג נישט געהאַט. אָבער אַראָפּפֿאַלן ביי אַ מענטש אין די אויגן איז אויך נישט געווען אָנגענעם, האָט ער זיך אינגאַנצן פֿאַרלאָזן אויף זיין אייגענעם יושר:

— מסתמא איז דאָך דער ייִד נישט קיין נגיד און וואַרטן אויף העכערע פּרייזן, איז דאַכט זיך, בכלל נישט קיין שיינע זאַך. דעריבער וואָלט איך געזאָגט, אַז איר זאָלט דאָס אים געבן אויפֿן אַלטן מקח.

פּונקט צו דער וואָך האָט אים אפֿרים דערלאַנגט דעם ערשטן קאָנווערטל מיט געהאַלט און אַפֿילו מיט אַן אויג נישט אַ פּינטל-געטון. דער טאַטע האָט דעם בויכיקן קאָנווערטל אַ ווײַלע געהאַלטן אין די אויסגעאַרבעטע הענט, דערנאָך פֿאַרזיכטיק אַריינגעלייגט אין אַ הויזן-קעשענע און דערפֿילט, אַז דאָ ווו דאָס קאָנווערטל האָט זיך איצט געפֿונען, איז אַ וואַרעמער שטראָם דורכגעלאָפֿן.

פֿאַרנאַכט האָט זיך דער אַלטער ישׂראל געאיילט צום סאָבוויי. ער האָט גע־וואָלט וואָס גיכער קומען אַהיים און אָפּגעבן גיטעלען דאָס געלט. איז ער גע־גאַנגען מיט אַזאַ גיכן און גרינגן טראָט, ווי ער וואָלט צוריק יונג געוואָרן. און ווען ער איז שוין געזעסן אין באַן, האָט מיטאַמאָל אַ שטילע תּפֿילה אָנגעהויבן אַרויסזינגען ביי אים פֿון האַרצן און דער שטאָלצער טאַטע האָט גאָט געדאַנקט, וואָס ער קאָן נאָך אויף דער עלטער נוצלעך זיין און פֿאַרדינען זיין שטיקל ברויט דורך אייגענער, ערלעכער מי...

מלחמה

ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט קיינער נישט געגלייבט, אַז פון ראָזיטן וועט ווען עס איז ווערן אַ שטיקל־מענטש, מחמת געווען איז זי אינגאַנצן אַרום פיר פוס די הויך, מיט צוויי אויסגעשטאַרצטע ציין, איינער אָפּגערוקט פונעם אַנדערן אויף אַ היפּשן מהלך. אַפּנים, אַז צוליב דעם זענען ביי איר די ווערטער שטענדיק אַרויסגעקומען מיט אַ פּייפּנדיקן סין.

געהאַט האָט זי אַ קליין, דרייקאַנטיק פּנימל, אויף וועלכן עס איז קיינמאָל קיין פריידיקע מינע ניט געווען. די גראָבלעכע ליפּן האָבן אויף זיך קיין שמייכל נישט אַרויפגעצויגן, ווי דאָס האָבן געטון אַנדערע מיידלעך פון איר עלטער. אין אירע ברוינע שמאָלינקע אייגעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי האַלב־צייטיקע קאַשטאַנען, איז שטענדיק געלעגן אַ מורא פאַרן האַלב־שיכורן טאַטן, פאַר דער דיקער און בייזער מאַמען, וואָס איז אַלעמאָל אַרומגעגאַנגען אין אַ פאַרשמאַלצעווער קלייד און שוין אַביסל צו־אָפּט און צו פיל געצלמט זיך, געקניט פאַר די אָפּגעטער אויפן וואַנט און אויסגעלאָזט איר פאַרביטערט האַרץ אויף ראָזיטאַן:

— פאַרזעעניש! קער אויס די שטוב! —אָדער— פּעטיסאַ (קאַרליק) וואַש אויס די פענצטער! אַ מויד פון צוואַנציק יאָר, זאָל דאָס זיצן אין שטוב און פרעסן אומזיסטיק ברויט!...

נישט בלויז טאַטע־מאַמע, נאָר אַפילו אירע עלטערע צוויי שוועסטערס, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט נייען אויף מאַשינען, געאַרבעט אין שעפער און אַלע סוף וואָך אַהיימגעבראַכט פאַרמאַכטע קאָנווערטלעך מיט געהאַלט, אַפילו זיי האָבן אָפּגעלאַכט פון זייער נישט־געראָטענער שוועסטער. איז דאָך שוין קיין וווּנדער נישט, וואָס די מיידלעך פון די אַרומיקע גאַסן האָבן זיך נישט געוואָלט חברן מיט איר און וועגן בחורימלעך איז שוין געווען אָפּגערעדט.

אין איר דערשלאָגנקייט האָט ראָזיטאַ אַלעמען געפאָלגט, געטון וואָס מען

נח גאָלדבערג

האָט איר געהייסן און אויף אַלע באַליידיקונגען אַפילו מיט אַ פּיפּס נישט געענטפערט. ווען דער טאַטע, צי די מאַמע, פלעגן אויף איר אָנפאַלן, אָדער דער לאַנגען אַ פּאַטש, איז ראָזיטאַ געשטאַנען אַ הילפלאָזע און מיט געבעט אין די אייגעלעך געקוקט אויף דער „הייליקער מוטער", אונטער וועלכער עס האָט כסדר געברענט אַן אויל־לעמפּל אין אַ רויטן גלעזל און אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז דאָס מיידל האָט געזוכט הילף ביי דער דאָזיקער געטין...

נאָר ווען אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה און די שיינע, ברייט־פּאַנאַנדערגעוואַקסענע שטאָט לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך מיט אימפּעט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און אויף די פאַבריקן־ווענט האָבן זיך שילדן באַוויזן, אַז „מען פאָדערט הענט", — דעמאָלט איז ראָזיטאַ אַוועק זוכן מזל.

לאַנג האָט זי נישט געדאַרפט זוכן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ גרויסער געביידע און דערזעענדיק אַ קאַרטאָנענעם שילדל, וואָס איז פון אַ טשוואָק אַראָפּגעהאַנגען אויף צוויי שטריקלעך און פּאַמעלעך באַוועגט זיך אינעם ווינטל, האָט ראָזיטאַ צעלופּעט די קליינע קוקערס און קוים איבערגעלייענט: „אַ שיק־מיידל צו פּרויען־מאַנטלען זאָל זיך מעלדן אויפן זעקסטן שטאָק".

ראָזיטאַ איז קיינמאָל אין אַ שאָפּ נישט געווען. פונדעסטוועגן האָט זי נישט אַזוי מורא געהאַט פאַר דער שווערער אַרבעט, ווי פאַר די מענטשן דאָרטן, וואָס ביים ערשטן קוק אויף איר וועלן זיי געוויס אויסשיסן אין אַ שפּאָטישן געלעכטער און איינער וועט שרייען צום אַנדערן: „זע נאָר ווער עס וויל דאָ ווערן אַן אַרבעטאָרין!"....

יאָ, ראָזיטאַ האָט דאָס געוווּסט און געפילט, אַז אַזוי וועט דאָס זיין. דאָך איז זי אַריינגעגאַנגען אין דער געביידע און אַריינגעשטעלט זיך אין דער הייבמאַשין, וואָס האָט איר אַרויפגעפירט אויפן זעקסטן שטאָק. דאָ האָט זי חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק. נאָר דער מאַשין־אָנטרייבער האָט באַמערקט, אַז דאָס מיידל ווייס נישט וווהין צו גיין, האָט ער, ווי אַ דזשענטלמאַן, געעפנט פאַר איר די טיר פון פאַבריק:

— אָט דאָס איז דאָס, מיס...

אין קאָפּ, אין די אויערן און אין איר קליין פנימל האָט אַ שלאָג־געטון דער גערויש פון מאָטאָרן, דאָס טראַסקען און זינגען פון פרעס־ און ניי־מאַשינען. אייבערהויפט האָט דאָ געהילכט דאָס זידן און שיפען פון פּאַרע. לענגאויס איין וואַנט איז געלאָפן אַ לאַנגער טיש מיט שטויסן געוואַנט אויף אים. צוויי מענער, איינער מיט אַ לאַנגן עלעקטרישן חלף און דער צווייטער — מיט אַ רונדן עלעקטרישן

מעסער, זענען אַרומגעגאַנגען הין און צוריק און מיט געניטקייט אין די פינגער — געפּאַלמעסט דעם געוואַנט לויט אָנגעצייכנטע ווירעס פון פריַער.

אַ צעשראָקענע האָט זיך ראָזיטאַ אַרומגעקוקט און געזען: ביי צוויי לאַנגע רייען ניי־מאַשינען, זענען מיט געבויגענע פּלייצעס געזעסן מענער און פרויען און געשטעפּט אַ נאָט נאָך אַ נאָט און אַלע ווילע אַרויסגעוואָרפן פּאַרטיקע בגדים. נעבן פינף „ביגל־באָקס" און דריי פּרעס־מאַשינען, האָבן אַכט פּאַרשוויצטע, אָבער געזונטע מענער, אין בלויזע אונטערהעמדער — געפּרעסט, גיך געיאָגט די הייסע פּרעס־אייזנס איבער די אויסגעלייגטע מאַנטלען. אַביסל אָן אַ זייט האָבן עטלעכע מיידלעך געאַרבעט אַרום וואַקסענע מאַנעקינען, אָנגעטאָן אויף זיי פּאַרטיקע קליידער, פון די נעט אַרויסגעצופּט די אַרויסשטאַרצנדיקע שטיקלעך באַוול. דערנאָך, מיט שטרויענע האַנט־בעזימלעך, זיי אָפּגערייניקט. צום סוף — די מאַנטלען אָנגעטאָן אויף הילצערנע הענגערס און אויפגעהאַנגען אויף לאַנגע שטאַנגען.

פונעם געראַוש און געפּילדער האָט ראָזיטאַ אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. די אויערן זענען ווי פּאַרטויבט געוואָרן. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער טרוכלעוואַטער פּלייצקע צום שאַפּ, געוואָלט אָננעמען דאָס הענטל פון טיר און אַרויסלויפן צוריק אין קאָרידאָר. ערשט אַ מענטש מיט אַ צעראַטעגעם אַרשין אַרום האַלדז און אומרו אין די גרויע, אָנגעכמורעטע אויגן, איז צוגעגאַנגען צו איר:

— וואָס ווילסטו, מיס?

ער איז געווען אַ הויכער, האָט ראָזיטאַ נישט געזען זיין פּנים. בלויז באַמערקט די צוויי עקן פונעם אַרשין, וואָס זענען אַרונטערגעהאַנגען, ווי צוויי לייצעס ביי אַ פויער פון נאַקן ביים אָפּשטעלן די פערד, וואָס האָבן ביז אַהער געשלעפּט אַן אַקער־אייזן איבער אַ צעכוואַלעטן פעלד, און ראָזיטאַ האָט אויפגעציטערט. פון צווישן אירע שיטערע ציין האָט זיך אומגערן אַרויסגעגנבעט אַן איין־און־איינציק וואָרט און גראַד איז דאָס וואָרט אַרויסגעקומען גלאַט און גאַנץ:

— אַרבעט...

דער „פאָרמאַן" איז שטיין־געבליבן ווי אַ געפּלעפּטער. אים איז שוין אויסגעקומען צו זען פאַרשידענע אַרבעטער, אָבער אַזאַ פאַרשוין, וואָס איז געווען „די גרויס ווי אַן אַרבעס", זאָל קומען בעטן אַרבעט — אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט. מיטאַמאָל האָט זיך אים פאַרוואָלט לאַכן, אַזוי הויך לאַכן, אַז דער גאַנצער שאָפּ זאָל צעטרייסלט ווערן. נאָר ער האָט זיך תיכף געכאַפּט, אַז עס איז מלחמה־צייט, דער סעזאָן האָט געברענט און קיין צופיל „הענט" זענען נישט געווען, האָט

נח גאָלדבערג

דער „פּאַרמאַן״ כלומרשט אָנגענומען אַן ערנסטע מינע אויפֿן פּנים און געפֿרעגט.

— וואָס קאָנסטו טון, מיס?

— כ׳וויס נישט.

— האָסט שוין אַמאָל געאַרבעט אין אַ שאַפּ?

— ניין.

אַ ווײַלע האָט דער אויפֿזעער געטראַכט, געשושקעט זיך וואָס צו טון מיט איר. דערנאָך האָט ער הייב־געגעבן מיט די פּלייצעס און מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן אויף די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אַרום די וואַקסענע מאַנעקינען:

— גיי אַהין, וועסט זײַן אַ פּלאָר־גוירל. די מיידלעך דאָרטן וועלן דיר שוין ווײַזן וואָס צו טון.

די ערשטע פּאָר וואָכן זענען געפֿאַלן זייער שווער אויף ראָזיטאַס קליינע און ביינערדיקע פּלייצעס. דערצו נאָך האָבן די אַרבעטער נישט אָפּגעלאָזט זי פֿון די אויגן. כמעט אַלע האָבן פֿון איר אָפּגעלאַכט. געלאַכט האָט מען פֿון איר אויסזען, פֿון איר גיין און שטיין. אין זייער אָפּלאַכערײַ האָבן זיי צוגעטראַכט פֿאַרשיידענע צונעמעניש אויף איר קאַנטע און איינער האָט אַפֿילו איינמאָל איר אונטערגעשטעלט אַ „קאַזשלקע״ פֿון וועלכער ראָזיטאַ האָט זיך אויסגעצייגן אויפֿן צעמענטענעם דיל.

דאָס מיידל האָט דאָס אַלץ אַרונטערגעשלונגען מיט אַ מאָדנעם, פֿאַרביסענעם שווײַגן און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס דאָזיקע שווײַגן איז פֿון אַ מענטשן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, אָדער — ווי פֿון אַ קראַנקער, וואָס וויל דורכן שווײַגן אָנקלייבן וואָס מער ענערגיע, כדי צו באַזיגן אַ לאַנגע און פֿאַרצוויגטע קרענק...

אייגנטלעך וואָלט ראָזיטאַ שוין פֿון לאַנג אַנטלאָפֿן פֿונדאַנען. נאָר פֿון דעם טאָג אָן, וואָס זי האָט אַהיימגעבראַכט דעם ערשטן, מאַגערן קאָנווערטל מיט גע־האַלט, צוליב וועלכן טאַטע־מאַמע און אַפֿילו די שוועסטערס, זענען ווייכער גע־וואָרן און אָנגעהויבן קוקן אויף איר מיט גאָר אַנדערע בליקן — האָט זיך אין ראָזיטאַס הערצל אײַנגעקוואַרטירט אַ מאָנענדיקער באַגער: אַרבעטן נישט נאָר אַכט שעה אַ טאָג, אַפֿילו ניין און צען, פֿאַרדינען וואָס מער געלט, אויסקליידן זיך ווי געהעריק און ווײַזן דער וועלט, אַז ראָזיטאַ איז גאָרנישט אַזאַ שלימזל ווי מען האָט אין איר אַרײַנגעקלאַפּט, אַרײַנגעשריִען און אײַנגערעדט.

איין וואָך האָט געיאָגט אַ צווייטע, איין חודש אַן אַנדערן. ראָזיטאַ האָט גיך איבערגענומען די מלאכה און געפּלייסט זיך צו געפֿעלן ווערן ביים אויפֿזעער אין די אויגן. אַ רירעוודיקע און גרינגע אויף די דינע, קורצע פֿיסלעך — איז זי פֿון אינדערפֿרי אָן ביז אין די אָוונטן אַרומגעלאָפֿן איבערן שאַפּ ווי אַ ווינטל. אומ־

באַמערקט איז זי ווי אויסגעוואַקסן נעבן די „אפּרייטאָרס״, ביי די שניידערס און איבערהויפּט ביי די פּרעסערס, ווען זי פלעגט אָפט ברענגען מלבושים צו פאַריכטן.

ביסלעכווייז האָט דאָס אָפּלאַכן אויפגעהערט. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געקו־מען דערפון, וואָס דורך דער צייט האָט מען זיך צוגעוווינט צו איר און ס׳קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז די נייע דערשיינונג האָט געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַק־טער. טאַקע דערפאַר, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו געפינען חסרונות אין אַ מאַנטל, צי אין אַ רעקל און געבן דאָס איבערצואַרבעטן, איז גאָר גיך דער־גאַנגען צו דעם, אַז אָנשטאָט אָפּצולאַכן, האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן חנפהנען זיך צו איר!...

אין אָנהייב האָט ראָזיטאַ געמיינט, אַז ביי די אַרבעטער איז דאָס נישט מער ווי אַ שפּיצל אַזאַ, אַז דאָס האָבן זיי אויסגעטראַכט, כדי אַזוי אַרום נאָכמער אָפּצו־לאַכן פון איר. אָבער באַלד האָט זי זיך דערוווּסט, אַז סיי די „אָפּרייטאָרס״ מיט די שניידערס און סיי די פּרעסערס — האָבן געאַרבעט פון שטיק, האָט זי שוין פאַרשטאַנען זייער חניפה און אָנגענומען דאָס פאַר „גוט־געלט״.

פון דעם באַגריף, אַז סוף־כל־סוף דאַרפן די אַרבעטער אָנקומען צו איר, איז ראָזיטאַ געוואָרן ביי זיך שטייפער, טראָציקער און חוצפהדיקער. איצט איז זי שוין נישט געווען די זעלבע צעקראָכענע און הכנעהדיקע באַשעפעניש וואָס פריער. אין די אייגעלעך האָט זיך אַ נייַ פייערל באַוויזן, אַ פייערל וואָס האָט געוואָרפן אַרום זיך פאַסמעס כיטרעקייט און שלאַנגעוועדיקייט, און נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז זי האָט שאַרף אויסגערעדט אַ שניידערן, הלמאי יענע האָט נישט גוט אַריינגענייט אַ קנעפּל, אָדער נישט ריכטיק אַריינגעלייגט אַ „קישעלע״ אין אַן אַקסל פון אַ מאַנטל.

געוויינטלעך האָט זי זיך געבייזערט אויף אַן אַרבעטער בלויז דעמאָלט, ווען דער אויפזעער איז געווען דערביי. אין אַזאַ פאַל איז איר צונג אין מויל אַוועקגע־שווומען אין פליסיקע רייד, ווי אַ פלאַטקע אין אַ פליטקן, מוטנעם וואַסערל, און צוגעשפּילט האָט נאָך דאָס, וואָס דער באַלעבאָס גופא איז איינמאָל צוגעקומען צו איר און געפרעגט, צי זי האָט האָלד צו אַרבעטן דאָ. איז שוין ראָזיטאַ פון דעם אַליין וויכטיקער געוואָרן ביי זיך פון אַלעמען אין שאָפּ און דאָס מיידל האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס זי האָט ביז איצט אַראָפּגעשלונגען אַזויפיל באַליידיקונגען פון אייגענע און פון פרעמדע...

פאַמעלעך האָט ראָזיטאַ איינגענומען כמעט אַלע אַרבעטער אין פאַבריק. בלויז מיט איין מענטשן האָט זי נישט געקאָנט אויסקומען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

נח גאָלדבערג

דאָס איז געווען, מיסטער קויפמאַן, דער הויפּט־פּרעסער. אַ הויכער, געזונטער יונג, אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, וואָס האָט זיך געהאַלטן גרויס מיט זיינע פעטע פאַרדינסטן און כאָטש ער איז געווען אַ פּראָסטער, נישט געקאָנט לייענען אָדער שרייבן, זענען אים אָבער אַלע מיידלעך פון פאַבריק נאָכגעגאַנגען די טריט.

עס איז מעגלעך, אַז צוליב דעם, וואָס אַנטקעגן אים איז ראַזיטאַ געווען אַ פּיצל און געוואָלט, אַז טאַקע דערפאַר זאָל איר אַ הויכער, שיינער מאַן שענקען כאָטש אַ פינגערהוט מיט אויפמערקזאַמקייט, און ס'קאָן אָבער אויך געמאָלט זיין, אַז דאָס איז נישט געווען די סיבה פון דעם. נאָר אַלץ איינס: פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט אים ראַזיטאַ פיינט באַקומען. פון אויבן־אויף האָט זיך די פיינט־שאַפט גענומען דערפון, וואָס ביים צוטראָגן אים אַ מאַנטל צום פאַרריכטן, האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף איר און דאָס האָט איר נאָכמער וויי־געטון און באַליידיקט ווי אַלע ביז־איצטיקע פאַרדרוסן. נאָר אין עצם האָט די פיינט־שאַפט געשלאָגן טיפערע, און באַהאַלטענע וואָרצלען.

עס איז טאַקע אמת, אַז אַ חוץ זיין גבורהדיקן שטעל, איז קויפמאַן געווען אַ גוטער בעל-מלאכה, וואָס האָט אַרום אַכט יאָר געאַרבעט דאָ אין פאַבריק און פאַרדינט אַ סך געלט. איז פון אים, פון אָט־דעם שטאָלצן מאַן האָט דאָס ראַזיטאַ געוואָלט באַמערקט ווערן, און אַ רעכענונג האָט זי דערביי געהאַט, אַז קוים וועט קויפמאַן אַ קוק־געבן אויף איר, צי כאָטש זאָגן איין גוט וואָרט — וועט דאָס זיין דער בעסטער סימן, אַז זי איז שוין אַן אַרבעטאָרין, אַ מענטש הייסט עס, מיט אַלע מיידלעך צוגלייך.

אָבער קויפמאַן איז געשטאַנען ביים פּרעס־מאַשין, אויסגעדרייט מיט דער ברייטער פּלייצע צו איר, ווי נישט אים מיינט מען. פון דעם איז ראַזיטאַ אין כעס געווען און מיט אַ כיוון אָנגעהויבן אויסזוכן וואָס מער צעקנייטשטע בגדים, געבראַכט דאָס צו אים און מיט גאַליקייט אין איר דינעם, גרילצנדיקן קולכל כמעט אַרויסגעפּייפט:

— פּ־פּיקס פּ־פּליז! (ביטע, פאַריכט).

ווען קויפמאַן האָט דערזען, אַז זי האַלט אין איין צוריקברענגען פאַרטיקע מלבושים צום איבערפּרעסן און פּטרט אים אַוועק אַ סך צייט, האָט ער ענדלעך, פון אַ זייט, אַ קוקעלע-געגעבן אויף איר און מיט געמאַכטער איבעראַשונג — אַ פּאַטש־געטון זיך אַ האַנט אין אַ האַנט:

— זע נאָר, דו ביסט דאָך זייער אַ שיינינקע!... איז זאָג מיר, קראַסאַוויצע מיינע: אַ חתן האָסטו שוין?...

זי האָט גראָד קיין חתן נישט געהאַט און פון דעם, וואָס זי האָט געזען, ווי די מעקסיקאַנער מענער באַנעמען זיך און באַהאַנדלען זייערע פרויען, האָט זיי ראַזיטאַ אַפילו פאַראַכט. נאָר איצט האָט זי דאָס נישט געוואָלט אַרויסווייזן און מעגלעך, אַז זי האָט זיך געשעמט צו זאָגן דעם אמת און דערפאַר געענטפערט:

— יאָ...

— באַלד אַזוי — האָט ער ווייטער געצויגן דאָס נישט־רײנע שטריקל — טאָ זאָג מיר, דו שיינקייט מיינע, וואָס טוט ער דיר, דער חתן דיינער? נעמט ער דיר אָן די... קושט ער דיר כאַטש?...

ראַזיטאַ האָט זיך פאַררויטלט. דאָס איז געווען די ערשטע, רויטע פאַרב, וואָס אַ מאַן האָט ווען עס איז אַרויסגערופן ביי איר אויפן קליינעם, מאַטאָוון פנימל. אַ ווײַלע האָט זי נאַיִוו און נאַריש געקוקט אויף אים, געפינטלט מיט די שמאַלינקע אייגעלעך. נאָכדעם צוגענומען דעם פאַריכטן מאַנטל, מיט אירע גיכע טריטלעך אַוועקגעלאָפן און מער שוין נישט געוואָלט אומקערן זיך צוריק.

אָבער אַן אַרבעטער איז דאָך נישט שטענדיק ביי זיך אין די הענט, און ראַזיטאַ האָט געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז יעדער בגד וואָס איז אַרויס ביי די פרעסער פון דער אַרבעט, זאָל זיין פּערפעקט. האָט זי טאַקע באַלד ווידער צוגע־בראַכט אַ מאַנטל און קויפמאַן האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן זיינע אָפּלאַכנדיקע שטיק:

— ביסט שוין ווידער דאָ? זאָג מיר נאָר, שיינער מלאך מיינער, דו ביסט שוין געשלאָפן מיט דיין חתן?...

אין אירע אייגעלעך האָבן זיך טרערן געשטעלט. די אונטערשטע ליפּ, צוזאַ־מען מיט דער שפּיציקער מאָרדעטשקע, האָבן אַ צוק־געגעבן. דאָס האָט געדויערט נישט מער ווי אַ רגע. באַלד איז פון די טרערן קיין זכר נישט געבליבן. אויף זייער אָרט האָבן זיך צווײ פייערלעך אָנגעצונדן, פייערלעך פון שנאה און האַס. אַנשטאָט צו ענטפערן אים, האָט זיך פלוצים אַ חוזקדיקער שמייכעלע אויסגע־לייגט אַרום אירע מויל־ווינקלען. דאָס שמייכעלע: אַ דינס און אַן אויסגעקריצטס, ווי מיט אַ שאַרף מעסערל, איז שוין מער נישט אַראָפּ פון אירע ליפּן. און, אַלע־מאָל, ווען ראַזיטאַ איז אויסגעקומען צו זיין נעבן קויפמאַנען, האָט דער דאָזיקער ביטערער שמייכעלע אַריינגעלאַכט אים אין פּנים אַריין.

אין די נעכט איז ראַזיטאַ אַ סך מאָל געזעסן ביי זיך איינדערהיים אַ פאַר־קלערטע, אַ פאַרדאגהטע און אַלץ נישט געקאָנט דערטראַכטן זיך ווי צו צאַמען דעם נישט־געהובלטן קויפמאַנען. ווי די מערסטע מעקסיקאַנער מיידלעך, וואָס זענען געבוירן אין דער זוניקער קאַליפאָרניע, איז אויך ראַזיטאַ נישט געווען קיין צו־גרויסע טראַכטערקע, און מיט איר „ווייבערישן כח", מ'שטיינס־געזאָגט, וואָלט

זי דאַך אים נישט געקאָנט „איינגעמען”. איז זי סוף־כל־סוף געקומען צום אַלטן אויספיר, אַז דער בעסטער מיטל איז — צו דערגיין אים די יאָרן!

אויף דעם האָט זי געהאַט אַ פּאַרטיקן פּאַטענט, וואָס זי האָט נאָך גערירשנט פון איר עלטער־עלטער באַבען. אויף דעם דאָזיקן געביט איז דאָס קליינע באַ־שעפעניש געווען גאָר אַ גרויסע בריה און ביי קיינעם נישט געדאַרפט לערנען זיך די מלאכה...

אין איינעם אַ טאָג איז זי געקומען צו דער אַרבעט מיט אַ פּאַרטיקן פּלאַן און אַזוי גיך ווי די ניי־ און פּרעס־מאַשינען האָבן זיך צעטראַסקעט, צעזשיפּעט און צעזונגען, האָט ראָזיטאַ מיט פליים אין די הענטלעך, אָנגעהויבן איבערקוקן די אויסגעפּרעסטע מאַנטלען, זיי געדרייט אין אַלע זייטן און קוים באַמערקט ערגעץ אַ גלאַנצעלע, אַ קנייטשעלע, האָט זי דעם בגד צוגעטראָגן צו קויפמאַנען און מיט צוגעגרייטע דריי ווערטער אַרויסגעפּייפט פון צווישן אירע שיטערע ציין:

— דאָס נישט געפּ־פּרעס־סט!

די דריי ווערטער האָבן קויפמאַנען אַ גרילץ־געטון אין די אויערן: וואָס הייסט עפּעס נישט געפּרעסט? שוין אַרום אַכצן יאָר ווי ער איז אַ פּרעסער און אין פאַך פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גוטע בעל־מלאכות. איז אים זאָל גאָר אַזאַ פאַרזעעניש וואָגן צו זאָגן, אַז זיין אַרבעט טויג נישט? אפשר —איז אים דורכ־געלאָפן אַ געדאַנק— האָט איר דער פאָרמאַן (אויפזעער) אָדער דער באַלעבאָס אַליין אונטערגעשטעלט, אַז זי זאָל אַזוי רעדן צו אים?...

פון דעם געדאַנק איז ער נערוועז געוואָרן. אַ כאַפּ־געטון דעם צוגעבראַכטן מאַנטל, אים אויסגעשפּרייט אויפן ליידיקן „ביגל־באָק” און גלייך געוואָלט אַ געשריי געבן: „מאַלפּע, אַ בראַנד דיר אין דער גראָבער קישקע!”. אָבער ווען ער האָט באַמערקט, אַז איינער פון די נעט איז טאַקע געווען נישט גלייך אויסגע־פּרעסט, איז ער ווייכער געוואָרן און גאָרנישט געזאָגט.

נאָר איידער ער האָט צייט געהאַט אויסצוגלייכן דעם קרומען נאָט, איז שוין ראָזיטאַ ווידער געקומען און דאָס מאָל אַרויפגעוואָרפן אויפן טיש צוויי מאַנט־לען מיט צוגעשפּילעטע צעטעלעך אויף די לאַצן, וואָס האָבן צו וויסן געגעבן, אַז דאָ ווו די שטיקלעך פּאַפּיר געפינען זיך — זענען פאַראַן חסרונות:

— דאָס־ס נים געפּ־פּרעס־סט!

דאָס האָט שוין קויפמאַן מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. מער נישט געקאָנט צאַמען אין זיך דעם כעס. אַ רויטער ווי אַ בוראַק, האָט ער פאַר מאַנטלען אַראָפּ־געוואָרפן אויף דער ערד און מיט צאָרן אין קול אָנגעהויבן שרייען:

— מאַלפּע! פּלאַצן זאָלסטו ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער! מער זאָלסטו אַהער קיין אַרבעט נישט צוריקברענגען, דו הערסט!

אויף זיין געשריי איז דער אויפזעער געקומען צו לויפן. אויך דער באַלעבאָס איז דאָ אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד און אָ פאַרחידושטער געפרעגט דעם אויפגערעגטן הויפּט־פּרעסער:

— וואָס איז דאָ געשען, מיסטער קויפמאַן? וואָס שרייט איר אַזוי?

— וואָס איך שריי? —האָט קויפמאַן גלייך אָנגעוואָרן דעם פריִערדיקן קוראַזש און דער כעס זיינער האָט זיך אָנגעהויבן אויסוועפן— איך נעם איינגנאַצן פינף־און־ניינציק סענט פאַר אַ מאַנטל, וואָס האָט די ווערט אַ דאָלער מיט אַ פערטל און די מאַלפּע האַלט אין איין צוריקברענגען פאַרטיקע אַרבעט! וואָס מיינט איר, אַז איך וועל דאָ שטיין און אַרבעטן אומזיסט?...

— וואָס הייסט עפּעס „זי ברענגט אייך צוריק אַרבעט"? —האָט דער באַלעבאָס נישט געלאָזט, אַז דער אויפזעער זאָל זיך איצט אַריינמישן אין דעם ענין— ווייזט מיר נאָר די מאַנטלען, וואָס דאָס מיידל האָט אייך געבראַכט!

דער אויפזעער האָט אויפגעהויבן די בגדים, אַוועקגעלייגט אויפן פּרעסערטיש. דער באַלעבאָס האָט זיי איבערגעקוקט און זיין הויכער, דאַרער האַלדז, מיטן טרעפּלדיקן קנאָפּ, וואָס איז ווי אַ פייג אַרומגעלאָפן איבערן גאָרגל הין און צוריק איז נאָך לענגער און מאָגערער געוואָרן. ביי די זייטן האָבן זיך באַוויזן צוויי בלויע, אָנגעצויגענע אָדערן:

— פאַר דער „גוטער" אַרבעט צאָל איך פינף און ניינציק סענט? אָט דאָס הייסט ביי אייך געפּרעסט? און אַ ניקל (פינף סענט) האָט דאָס די ווערט? קוקט זיך איין: די קאָלנערס זענען אויסגעדרייט און די פראָנטן זענען אַזוי קרום, ווי אַ שיכורער וואָלט! — — —

ביי קויפמאַנען האָבן די בלוטן אַ לויף געגעבן פון קאָפּ ביז צו די שפּיצן פינגער פון די פיס. ער האָט געוואָלט דעם באַלעבאָס פּלעטן דעם קאָפּ, אָדער, לכל־הפחות צונעמען די געצייג און אַוועק פונדאַנען. נאָר אין דער לעצטער רגע האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די אַרבעט איז דאָ נישט קיין צו־שווערע און ער פאַרדינט אַרום צוויי הונדערט דאָלער אַ וואָך, האָט ער איצט פאַרבויגן דעם כעס און צוריק געשטעלט זיך אַרבעטן.

דערפאַר אָבער, האָט זיך ראָזיטאַ נישט צופרידנגעשטעלט בלויז מיט דעם, וואָס דער באַלעבאָס האָט אָנגעשריִען אויף קויפמאַנען און אַ נייער פאַרביסענער געפיל האָט זיך אויפגעוועקט אין איר, — אַ געפיל פון נקמה־נעמען און גראָד נישט פאַר היינט און נישט פאַר נעכטן, נאָר פאַר אַלע צרות און באַליידיקונגען

וואָס זי איז אויסגעשטאַנען ביז איצט. אין איר צעווילדעוועטער פאַנטאַזיע, האָט זי געטראַכט, אַז זי וועט אים אָנטון אַזויפיל להכעיסן, אַז קויפמאַנען זאָל זיין אוממעגלעך צו שטיין דאָ און אַרבעטן רו׳קערהייט.

אין עצם איז זי נישט געווען אַזאַ מרשעת און נישט געוואָלט, אַז קויפמאַן זאָל זיין געצווונגען צו פאַרלאָזן די פאַבריק, ווייל אין דער אמתן האָט איר פאָרט עפּעס געצויגן צו דעם שייגעם און געזונטן מאַן, וואָס איז דאָ געווען דער שטאָלץ פון אַלע אַרבעטער. זי האָט בלויז געוואָלט, אַז ער זאָל נישט קוקן אויף איר פון אויבן־אַראָפּ, נישט וויצלען זיך מיט אַזעלכע עקלדיקע וויצן אויף איר חשבון און רעדן צו איר, ווי צו די אַנדערע מיידלעך. דעמאָלט, דעמאָלט וואָלט זי אַפילו זיין ערגסטע אַרבעט פאַרזען און נישט געבראַכט אויף צוריק.

ער איז אָבער געווען איינגעשפּאַרט ווי אַן איזל און קיין אָנצוהערענישן וועגן דעם נישט געגעבן. איז די שנאה צווישן זיי נאָך שאַרפער און אָנגעצויגענער געוואָרן ווי פריִער. אין איר היזשער פאַרביסנקייט האָט ראָזיטאַ אויסגעזוכט ווו נאָר אַ חסרון אויף אַ בגד, און טאָמער זענען קיין קנייטשן נישט געווען, האָט זי בגנבה אַליין צעקנייטשט אַ מאַנטל צי אַ רעקל, צעדרייט די קאָלנערס, מיט די שאַרפע נעגל צעקראַצט אַ לאַץ, אַבי קויפמאַן זאָל האָבן פון וואָס צו ערגערן זיך.

דורך דעם כסדרדיקן ברענגען מאַנטלען צום פאַריכטן האָט קויפמאַן ביס־לעכווייז אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין זיך, אַז ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה. אַ סימן: זי האַלט דאָך אין איין צוריקברענגען אַרבעט און נישט אומזיסט: יעדער בגד האָט געהאַט אויף זיך אַ פּגימה — אַ קנייטש, אַ גלאַנץ, צעדרייטע קאָלנערס און נישט קיין צו־גוט אויסגערונדיקטע אָרעם־לעכער (אַקסלען).

דאָס האָט אים אַזוי צעטרייסלט, אַז איצט איז ער געשטאַנען ביים פּרעס־מאַשין מיט מורא אין האַרצן: טאָמער וועט דער מאַנטל נישט טויגן?... ער איז געוואָרן זייער פּאָרזיכטיק, געפּרעסט און צען מאָל איבערגעקוקט יעדן בגד באַזונדער, איידער ער האָט אים אַראָפּגענומען פון מאַשין. אָבער, וואָס מער ער האָט זיך געהיט, אַלץ מער פעלערן זענען אַרויסגעקומען. די אַרבעט איז אים ממש פון די הענט געפאַלן, און דערצו נאָך האָבן זיינע אָנגעשפּיצטע אויערן כסדר אויפגעכאַפּט דאָס שאַרן זיך פון ראָזיטאַס פיסלעך איבערן דיל: אָט גייט זי! אָט קומט זי און ברענגט שוין ווידער אַרבעט צום איבעראַרבעטן!...

יעדעס מאָל, וואָס ראָזיטאַ האָט זיך פאַרבייגעשלייכט און אַפילו אומזיסט, האָט זי אַזוי אויסגעמאַנעווירט, אַז זייערע שפּיזלדיקע בליקן האָבן זיך באַ־געגנט און די שטומע מלחמה האָט אַ פלאַקער־געטון אין דער לופטן. און קויפמאַן האָט דערפילט, אַז נישט נאָר אירע שטעכיקע קוקערס האָבן געשניטן דאָס האַרץ,

נאָר איר פֿאַסקודנער שמייכעלע האָט געביסן און געבריט דאָס לייב ווי יונגע, בייסנדיקע קראָפּעווע.

אין אַזאַ אָנגעשטרענגטקייט איז געלאָפֿן אַ חודש נאָך אַ חודש און אַוועקגייִן פֿונדאַנען האָט קויפֿמאַן נישט געוואָלט. האָט ער באַשלאָסן, אַז עפּעס דאַרף ער טון, כּדי צו לינדערן די בלייִיִקע לופֿט. און איינמאָל, אין אַן אינדערפֿרי, ווען ער איז געקומען אין פֿאַבריק צו דער אַרבעט און געזען, ווי ראָזיטאַ האָט געוואָלט אָפּשטעמפּלען איר אַרבעטס־קאַרטל אינעם הויכן מאַשין־זייגער — האָט ער גענומען דאָס קאַרטל פֿון אירע הענטלעך, אָפּגעשטעמפּלט די צייט און אָנגעהויבן רעדן צו איר מיט ערנסטקייט, ווי צו זיינס אַ גלייכן:

— דו הערסט, ראָזיטאַ, היינט וועט זיין אַ הייסער טאָג. אין אַזעלכע היצן איז נישט גוט צו אַרבעטן ביי אַ פּרעס־מאַשין. די פֿאַרע קריכט אין האַלדז, אין די אויגן. גלייב מיר, מיין פֿריינט, אַז עס קומט אָן מיט בלוט ביז מען פּרעסט אויס אַ מאַנטל. יאָ, עס איז שווער, זייער שווער צו זיין אַ פּרעסער היינטיקע צייטן...

אַ פֿאַרוווּנדעטע איז ראָזיטאַ נאָך געשטאַנען נעבן אים און די אייגענע אויערן נישט געגלייבט. און כאָטש עס האָט איר אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דעם הויכן און געזונטן מאַנספּאַרשוין און דערפֿילט האָט זי, אַז עפּעס האָט זיך אויפֿגעלייזט אַ פֿאַרהאַרטעוועטער קנופּ אין האַרצן און זי האָט געוואָלט אַרויפֿפֿאַלן צו אים אויפֿן ברוסט און בעטן פֿאַרגעבונג פֿאַר אַלע צרות וואָס זי האָט אים פֿאַרשאַפֿט. דאָך האָט די אַלטע שנאה נישט דערלאָזט דערצו. איז זי נאָך אַ רגע געשטאַנען, געקוקט אים גלייך אין די אויגן, געזוכט אַ סיבה פֿאַר די רעספּעקטאַבלע רייד און נישט געפֿונען.

ערשט אַרום האַלבן טאָג, ווען קויפֿמאַן האָט איר צוגערופֿן צום פּרעס־מאַשין און אין דער שטיל געפֿרעגט, צי עס געפֿעלט איר דער ערשט־אויסגעפּרעסטער מאַנטל, ערשט איצט האָט ראָזיטאַ איינגעזען, בעסער געזאָגט, דערפֿילט, אַז ער איז ערנסט, אַז ער רעכנט זיך שוין מיט איר, ווי מיט אַלע אַנדערע מיידלעך אין פֿאַבריק. פֿון זיין וואַרעמען אָטעם, פֿון זיינע ווייכע רייד און פֿון דעם באַגריף, אַז זי איז געוואָרן אַ מענטש, אַ פֿולשטענדיקע אַרבעטאַרין, האָבן זיך ביי איר אין די אייגעלעך טרערן געשטעלט. און ענטפֿערנדיק אים, אַז דער בגד געפֿעלט איר — איז זי מיט אַ געזאַנג פֿון נצחון אין האַרצן אַוועקגעגאַנגען אַ שמייכלענדיקע, אַ צופֿרידענע און אַ יום־טובדיקע...

דער רעדנער

ערב יום־כּיפּור פֿאַרנאַכט האָט זיך דער פינף און פופציק יעריקער שלמה הורוויץ אָפּגעראַזירט, געגומען אַ לעבלעכן טוש, אָנגעטאָן דעם בלויען אַנצוג מיט די ווייסע, דורכגעוועבטע שטרייפֿן, אַ ווייסע, אויסגעפּרעסטע אויבערהעמד און אַ געבלימלטן שניפּס. דערנאָך מיט שוך־פּאָמאַדע אָנגעשמירט די שיך, מיט אַ באַרשט און מיט אַ שמאַטקע זיי געריבן אַזוי לאַנג, ביז די שיך האָבן זיך צע־גלאַנצט ווי שפּיגלען און אָפּגעשפּיגלט זיין בידעריקע, אָבער פעסט־געבויטע פי־גור, מיטן קאַרפּאַטן נאָז, פולן רונדיקן פּנים און די גוטמוטיקע ברוינע אויגן.

נאָכן צעוואַשן די הענט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים יום־טובדיקן טיש. אויף גיך אָפּגעגעסן וועטשערע און ווינטשנדיק דעם ווייב מיטן זון „אַ געזונטן און פריילעכן יאָר" — איז ער אַן איילנדיקער אַוועק נעמען אַ טראַמוויי און גע־פאָרן אין בית־מדרש הגדול האַלטן אַ רעדע פאַר דעם הילפס־פאַרבאַנד, ווו ער איז שוין אַ פּאָר יאָר געוועזן אַן אָנגעשטעלטער אַלס איינער פון די בעסטע יידישע רעדנער.

דאָס רעדן פאַר אַן עולם איז געווען אַ גאַרנישט מיט אַ נישט! עס האָט זיך ביי אים גערעדט אַזוי גרינג, ווי ביי אַ קינד אויפעסן אַ צוקערל און, איבער־הויפּט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אַז די צוהערער זאָלן העלפן די געליטענע יידן אין אייראָפּע, צי אין די אַראַבישע לענדער אָדער אין ישראל. דעמאָלט זענען די ווערטער געפלויגן פון מויל ווי פייגעלעך איבער דעם פיל־קעפּיקן עולם און נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז פון זיין שילדערן דעם טרויע־ריקן מצב פון „אונדזערע ברידער און שוועסטער", האָט מען געוויינט און גע־האָלפן מיט וויפיל ווער עס האָט נאָר געקאָנט.

דערפאַר, ווען זיין באַלעבאָס, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די יידישע רעדנער אין דער גרויסער „הילפס־אינסטיטוציע", האָט אים נעכטן געזאָגט, אַז שלמה

וועט היינט דאַרפֿן גיין אין בית־מדרש הגדול און רעדן פֿאַר די דאָרטיקע ייִדן, האָט דער רעדנער קיין גרויסן וועזן דערפֿון נישט געמאַכט, און איז איצט, מיט זעלבסט-זיכערקייט אין די אייגענע כּוחות, אַרויס פֿון טראַמוויי און געלאָזט זיך גיין אַליין נענטער און נענטער צום שול.

סך־הכּל האָט ער געדאַרפֿט גיין צו־פֿוס וואָסערע פֿיר לאַנגע קוואַרטאַלן. האָט ער אויפֿן וועג געטראַכט: וואָס פֿאַרא רעדע ער דאַרף היינט האַלטן?... זאָל ער אָנהייבן פֿון בתּי־מדרשים אָדער רעדן אין אַלגעמיין?... נאָר באַלד האָט ער דערויף אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט אינדערלופֿטן: „דאָס איז דאָך אַלץ איינס — ישׂראל!... וואָס איז אַ טעמע פֿאַר זיך אַליין". וועגן דעם ייִדישן לאַנד האָבן זיך ביי אים קיינמאָל קיין רייד נישט אויסגענומען, און די זעלבע רעדע, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט בעת דער גרינדונג פֿון דער מדינה און אויסגעפּרובירט זי פֿאַר טויזנטער צוהערער אין פֿאַרשיידענע שולן — וועט אויך זיין גוט פֿאַר די מתפּללים פֿון בית־מדרש הגדול, וועלכע זענען געוויס אַזעלכע גרויסע קענער אין די „שוואַרצע פֿינטעלעך" ווי ער אַליין... און דאַוונען מסתּמא אין אַזעלכע שמאַלינקע, זיידענע שאַליקלעך אויף די אַקסלען אָנשטאָט טליתים, וואָס האָט שטענדיק אַרויסגערופֿן אַ שמייכל אויף זיינע גראָבע, פֿליישיקע ליפּן.

אַז שלמה פֿלעגט אַריינפֿאַלן צו אַזעלכע מיני דאַוונער, האָט ער זיך אַלע־מאָל דערמאָנט אין דער גרויסער, סטאַראָשעליער שול אויפֿן נעפּסק, צי אין דער פֿרומער, מתנגדישער שול, מיט וועלכער די שטאָט באָברויסק האָט שטאָלצירט, און שלמה האָט זיך פֿאָרגעשטעלט: וואָס אַן ערך וואָלט פּאַסירט, ווען אין אַ שבת אָדער גאָר אין אַ יום־כּיפּור וואָלט זיך אין איינער פֿון די שולן אַריינגע־שטעלט אַ ייִד מיט אַזאַ שאַליקל אָנשטאָט אַ טלית, פֿון וועלכן עס וואָלטן אַראָפּ־געהאַנגען פֿיר דעליקאַטנע ציצית, מיט קונציק אויסגעבונדענע „קניפּלעך"? און דערצו נאָך מיט אַ סידור, צי מיט אַ מחזור, וואָס איז געדרוקט אויף לשון-קודש און האַלב אויף גוייש?... מ'וואָלט זיך דאָך אָנגעלאָפֿן פֿון אַלע זייטן אָנצוקוקן דעם דאָזיקן בייזן וווּנדער!...

ווען שלמה איז איצט אַריינגעגאַנגען אין בית־מדרש האָט מען שוין דאָרט געהאַלטן ווייט אין מנחה. מיט זיינע פֿלינקע טריטלעך, איז ער דורכגעלאָפֿן צווישן די לאַנגע רייען בענק, אויף קיינעם זיך נישט אומגעקוקט, צוגעקומען צו דער בימה און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַריינגעשושקעט דעם שמש אין אַן אויער:

— איך בין שלמה הורוויץ, דער רעדנער פֿון „הילפֿס־פֿאַרבאַנד".

אַ רגע האָט אים דער שמש אָנגעקוקט שאַרף, קאַלט, גאַרנישט געזאָגט און אַ שווייגנדיקער דערלאַנגט אַן אַלטן, לאַנגן און ברייטן טלית, מיט גראָבע, פֿאַר־

געלטע ציצית. דערנאָך האָט אים דער שמש צוגעפירט צום מזרח־וואַנט און אַ שטיל אַ זאָג־געטון צום רב:

— דאָס איז דער רעדנער...

אַן איינגעהילטער אין טלית, איז דער רב געשטאַנען, געדאַוונט מיט ברען און, דאַכט זיך, גאָרנישט געהערט וואָס דער שמש האָט אים געזאָגט. פונדעסט־וועגן האָט ער צענומען די טלית־ברעגן, אַרויסגעשטרעקט פון דאָרט אַ דאַרע, בלאַסע האַנט, געגעבן שלום, און שלמה האָט באַמערקט, ווי דעם רבס טיפע און קלוגע אויגן האָבן אים דורכגענומען דורך און דורך. פונקט ווי זיי וואָלטן גע־פרעגט: „ווי קומט דאָס אַ ייִד און דערצו נאָך אַ רעדנער אַזוי שפּעט אין שול?"...

דער רעדנער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן פונעם רבס בליק און ווען דער שמש האָט אים אין אַ ווײַלע אַרום געבראַכט אַ מחזור, האָט שלמה געזאָגט מיט שטאָלץ:

— זייט אייך נישט מטריח. איך קאָן דאַווענען אויף אויסנווייניק!...

געזאָגט האָט ער דאָס אַזוי הויך, אַז סיי דער רב מיטן „פּרעזידענט" פון שול און סיי די אַרומיקע ייִדן זאָלן דאָס הערן, און אים ניט חושד זיין אין קיין זאַך... אָבער פון שלמהס רייד איז קאָנטיק געווען: ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל זיך דערוויסן פון דעם, אַז ער איז נעבעך „געכאַפּט אין דער מעשה" און נישט געקאָנט קיין עברי. אמת, אַ רעדנער איז ער טאַקע געווען אַ גוטער, געהאַט, ווי מ'האָט געזאָגט אויף אים „אַן איינגעבוירענעם טאַלאַנט", נאָר דאַוו־נען — דאָס נישט!

און אויף צוריק־גערעדט: פון וואַנען זאָל ער קאָנען אַזעלכע זאַכן, אַז צו אַכט יאָר איז ער שוין אַנגעקומען אין דער לערע צו אַ סטאָליער?... דאָרטן גע־טראָגן דער באַלעבאָסטעס פּאַמויניצע. אין די ווינטערס, דורך די גרעסטע פרעסט — געשלאָפן אין „מייסטערסקייע" אויף די סטרושקעס. פון די געזעלן אַריינגע־באַפּט קלעפּ. נישט געהאַט קיין ביסן צו דער זעט. און דאָס ביסל עברי, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פאַרן זמן מיט אַ האַלב אין דער באַברויסקער תלמוד־תורה — איז נאָך מיט יאָרן צוריק אויסגערונען פון זיין געדעכעניש...

אָבער וואָס איז שייך?... דעם אמת דאַרף מען זאָגן, אַז שלמה האָט געהאַט אַן אײדעלן, גוטמוטיקן כאַראַקטער, מיט אַ טיף, ייִדיש האַרץ און אָפענע, ברייטע הענט און איז אַלעמאָל געווען גרייט צו העלפן נאָך אַן אָרעמערן פון זיך. און וואָלט ער מיט אַ דריי יאָר צוריק נישט קראַנק געוואָרן און צוליב דעם מער נישט געקאָנט גיין אין שאַפּ אַרבעטן, — וואָלט ער בכלל קיין רעדנער נישט געוואָרן, וואָלט נישט אַנגעקומען צו די „גרינגע", קהלשע פּרנסות, נישט גע־

דאַרפֿט מאַכן „אָנשטעל״, זאָגן ליגנס און שטעלן אין פֿאַרלעגנהייט סיי זיך און סיי אַנדערע...

שלמה האָט נישט געוווּסט פֿון דעם, אַז אַן „עם־הארץ טאָר זיך נישט צו־דעקן דעם קאָפּ מיטן טלית בעתן דאַווענען״. האָט ער זיך איצט איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיטן טלית, פֿרום צעשאָקלט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס און אָפּ־געענטפֿערט איטלעכן „אמן״ העכער פֿון אַלעמען אין שול.

דער חזן איז דאָ נישט געווען קיין גוואַלדיקער בעל־מנגן. ער האָט אַפֿילו נישט פֿאַרמאָגט יענע קאָלאָראַטורנע דריידלעך, וואָס אַ גרויסשטאָטישער חזן דאַרף האָבן, כּדי צו געפֿעלן וועררן זיין עדה. דאָס איז געווען אַ ייִד אין די הויכע זעכציקער יאָרן, מיט אַ ברייטער, רויטער באָרד. דערפֿאַר אָבער איז זיין קול אַרויסגעקומען פֿון דער טיפֿעניש פֿון האַרצן און געדאַוונט האָט ער מיט אַזוי פֿיל געוויין און געבעט, אַז עס האָט געקאָנט „רירן אַ שטיין״, און די שול איז אָנגעפֿילט געוואָרן מיט יום־כּפּורדיקן פּחד.

שלמהן איז שוין אויסגעקומען צו הערן פֿאַרשידענע חזנים אין אַלערליי שולן. נאָר דעם דאָזיקן חזנס „זאָגן״ איז גיך אַריין צו אים אין האַרצן. האָט ער פֿאַרבויגן אַ ברעג־טלית און געזען; אַרום אים זענען געשטאַנען בחורימלעך, ייִנג־לעך און געדאַוונט פֿון מחזורים. זיי האָבן אַרויסגעזאָגט יעדן וואָרט אַזוי גרינג און גלאַט, אַז ער איז זיי מקנא געווען. אַ פֿאַרשעמטער האָט ער צוריק אַראָפּ־געלאָזט דעם ברעג־טלית און אַ צעוויטיקטער אָנגעהויבן רעדן אין דער שטיל:

— זע, רבונו־של־עולם: אַפֿילו קינדער קאָנען עברי און איך בין אַן עם־הארץ! איז פֿאַרוואָס האָסטו אַזוי מיך געשטראָפֿט, פֿאַרוואָס?...

פֿון צייט צו צייט האָט זיך דער רב אויסגעדרייט מיטן פּנים צום רעדנער און באַמערקט ווי פֿון אונטערן טלית האָט דער אורח געפֿירט די רעכטע האַנט איבער די אויגן, מסתּמא געוויינט און ביים רב אין האַרצן איז אויפֿגעגאַנגען אַ גרויס רחמנות אויף אים.

קיין סך עלעקטרישע לאָמפּן האָבן דאָ נישט געברענט. לענגאויס די וויטע ווענט זענען געשטאַנען לאַנגע טישן מיט קעסטלעך געלן זאַמד. אין זיי האָבן געשטעקט הונדערטער גרויסע ליכט. זייערע פֿאַרשוואַרצטע קנויטן האָבן גאָלדיק געברענט, געטרעשטשעט, געקנאַקט און אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך מיט די גליִענ־דיקע פֿונקען, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי פֿייער־פֿליגעלעך אין אַ פֿינצטערער נאַכט.

אַז שלמהן איז הייס געוואָרן, האָט ער פֿאַרזיכטיק אַראָפּגעשאָרט דעם טלית פֿון קאָפּ. אין דער רגע איז דער רב צוגעקומען נאָענט און אַ זאָג געטון: „פּתיחה״. דער רעדנער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער רב וויל ער זאָל עפּעס טון. שלמה האָט

אָבער נישט געוווּסט וואָס. דעריבער האָט ער אויסגעזוכט ביי זיך דעם אַלטן, פּאַרטיקן תירוץ, וואָס ער פּלעגט זאָגן אין אַנדערע שולן:

— איך דאַנק אייך פאַרן כבוד, רבי, אָבער... אַן אָנגעשטעלטער אין אונדזער אָרגאַניזאַציע טאָר נישט אָוועקנעמען די מצוה פון עמעצן אַנדערש...

דער רב האָט דאָס אים געגלייבט, און אַ ווינק געטון צו אַן אַנדערן ייִדן. יענער איז באַלד צוגעגאַנגען צום ארון־קודש און צעעפנט די צווייענדיקע טירלעך, וואָס מען האָט פריִער מיט אַ פּאָר מינוט געהאַט פאַרמאַכט. דעמאָלט איז דאָס דאַוונען אויף אַ רגע אויסגעגאַנגען און שלמהן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער חזן מיט אַלע מתפללים זענען פּלוצים אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ מידן און שווערן שלאָף. נאָר אָט האָט זיך ביים חזן פון האַרץ אַרויסגעריסן אַ טיפער קרעכץ, וואָס האָט צעוויגט און אויפגעציטערט די מוראדיקע שטילקייט:

— כל נדרי ואסרי! — — —

איבער אַלעמעס לייבער איז דורכגעלאָפן אַ דינער פראָסט. די אָטעמס זענען איינגעהאַלטן געוואָרן. די ליכט האָבן אויפגעהערט צו טרעשטשען און קנאַקן, נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך. די פונקען האָבן געפינטלט, געלאָשן זיך און צוריק אויפגעפלעמלט. די ווענט האָבן זיך אָנגעכמורעט און אָנגענומען אַ סומנעם אויסזען. דער נידעריקער סופיט איז נאָך נידעריקער געוואָרן און דער חזן, אַן אַרומגענומענער מיט אַ לאַנגן, אַלטן טלית פון קאָפּ ביז צו די פיס, האָט ווייטער געצויגן און געדרייט זיינע כריפּלע טרעלן:

— וחרמי, וקונמי, וכינויי! — — —

די עטלעכע ווערטער האָט שלמה גראָד געקאָנט נאָך פון די קינדער־יאָרן. האָט ער זיי איצט געזאָגט אויף אַ קול, מיט אַ פּאָר אָקטאַוועס העכער פון אַלעמען און געפילט, אַז עפּעס זענען אים די ווערטער געווען, ווי נאָענטע, האַרציקע רייד פון אַ ליבן טאַטן. כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען זייער טייטש, איז ער אָבער געווען זיכער ביי זיך, אַז זיי דריקן אויס דעם גאַנצן צער פון זיין צעבראָכענעם לעבן. נאָר מער ווי די פּאָר ווערטער האָט ער נישט געוואָגט צו זאָגן אין דער הויך. ווען מען איז אַריבערגעגאַנגען פון כל־נדרי און אַוועק אויף די ברייטע שליאַכן פון דעם יום־כּפּורדיקן דאַוונען, האָט שלמה ווידער איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיטן טלית, איז שטיין געבליבן אַ צעקלעמטער און פאַרדראָסלעכער, וואָס ער האָט נישט געקאָנט מיטציִען מיט די אַנדערע מתפללים.

די נאָכטיקע שעהן זענען דערווייל געקראָכן שווערע, אָנגעלאָדענע מיט תפילה און געבעט. נאָר אַביסל שפּעטער, ווען דער חזן איז מיט געציילטע, אויסגעצויגענע ווערטער צוגעקומען צו „יעלה", זענען אַלע מיטאַמאָל אַנטשוויגן גע־

וואָרן. די לופט אין שול איז שטיין־געבליבן אַ רירלאָזע, אַ פּאַרטייעטע און אַן אָנגעזאָפּטע מיט געשפּאַנטער דערוואַרטונג.

דעמאָלט איז דער רב אַרויפגעגאַנגען די פּאָר טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צום ארון־קודש. דאָס איז געווען אַ הויכער ייִד, מיט אַ שוואַרצער באָרד, וואָס האָט אַרומגעצוימט אַ בלאַסן, איידעלן פּנים. ער האָט אין קורצע, אָבער האַפטיקע ווערטער געלויבט דעם „הילפס־פאַרבאַנד“, געזאָגט: „איידער די הימלען צע־עפענען זיך, זאָל יעדערער געדענקען די גרויסע מצוה פון צדקה, העלפן ישראל מיט אַלע מעגלעכקייטן“, און דערנאָך האָט ער מיט חשיבות פאַרגעשטעלט דעם אָפּיציעלן רעדנער.

דער רב איז אַראָפּ, אַוועק אויף זיין „שטאָט“. דאָן איז שלמה, מיט אומרו אין די טריט ארויף אויף דעם זעלביקן אָרט, אַ קוש־געטון דאָס פּרוכת, מיט די גילדערנע אותיות און צום ערשטן מאָל אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צום עולם. ער האָט היינט געדאַרפט רעדן וועגן דעם, אַז די ייִדן פון בית־מדרש הגדול זאָלן העלפן בויען נייע בתי־מדרשים אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, וואָס איז דאָרטן, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געווען. נאָר ווען ער האָט דערזען פאַר וואָס פאַראַ עולם ער איז געשטאַנען — האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן הענט און פיס. באַלד האָט ער נאָכאַמאָל אַ לויף־געגעבן מיט די בליקן איבערן שול. די בלוטן פון זיין פּנים זענען אַנטלאָפן געוואָרן און דער רעדנער האָט נישט געוווסט צי ער געפינט זיך צווישן לעבעדיקע מענטשן, אָדער צווישן מתים...

אויף די לאַנגע, נידעריקע בענק זענען געזעסן גרייז־גרויע זקנים. אַ וואַלד מיט ווייסע בערד — לאַנגע, קורצע, דינע, דיקע און שיטערע. ברייט־פאַנאַנ־דערגעוואַקסענע און קאָלטענעוואַטע. די ביסטרע, אָנגעשפּיצטע ברעמען זענען געפאַלן אויף אַראָפּ און פאַרשטעלט די אויגן. די פאַרמעטענע פּנימער האָבן אַרויסגעבלייכט פון די ווייסע קיטלען, מיט די אַלטע, קאַלירלאָזע טליתים און זיי צוגעגעבן נישט קיין דאָיִקן אויסזען.

באַוועגלאָזע, מיט פאַריסענע בערד־שפּיצן אויף אַרויף, זענען די אַלטיטשקע געזעסן, ווי חדר־ייִנגלעך פאַר זייער אַ שטרענגן רבין און כאָטש זיי האָבן גע־וואַרט מיט אַ מאָדנער, נישט קיין ערדישער געדולדיקייט אויף דעם, וואָס דער רעדנער וועט זיי זאָגן, איז אָבער גלייך קאָנטיק געווען, אַז די צוהערער וועלן פון קיין זאַך נישט נתפּעל ווערן, אַז די זקנים האָבן שוין אַלץ געהערט און אַלץ געזען וואָס אויף דער זינדיקער ערד האָט זיך געטון.

גראָד איצט האָט זיך שלמה דערמאָנט, אַז אַזעלכע ייִדן האָבן געלעבט מיט הונדערטער, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, און ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז

יעדער איינער פון זיי — איז געווים אַ גרויסער צדיק, אַ גוואַלדיקער למדן, וואָס איז צוליב יום־כיפור געקומען אין בית־מדרש הגדול דאַוונען, כדי נישט צו פאַר־שעמען אַ פרומע שול אינעם פאַרגוייִשטן ניו־יאָרק. האָט ער געקנייטשט דעם שטערן: „וואָס אַ שטייגער קאָן ער זאָגן אַזעלכע תלמידי־חכמים און צי האָט ער גאָר בכלל אַ רעכט צו רעדן פאַר צדיקים?...

אַ היבשע צייט איז ער געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און אַן אינעווייניקסטער קול, וואָס איז געווען שטאַרקער פון אַ שופר־בלאָז, האָט אַרויסגעשריִען פון אַלע זיינע אברים: „דו טאָרסט נישט רעדן, דו טאָרסט נישט!"... דאָס האָט אים אַזוי לאַנג געעקבערט דעם מוח, ביז דער מוט און כוח צו רעדן איז אויסגערונען פון אים. איז דאָס וואָרטן אויף זיינעם אַ וואָרט געוואָרן שווער, פיינלעך אויף יעדערנס געמיט און אַריינגעוואָרפן די שול אין אַן אימהדיקער שטילקייט. נאָר סוף־כל־סוף האָט זיך שלמה אָנגענומען מיט מוט און מיט אַ ווייטן ציטער אין די הענט אויסגעטאָן דעם טלית, מיט האַרץ־קלאַפּעניש אים אָוועקגעלייגט אויף אַ דערבייִיקן שטענדער, אויסגעווישט די פאַרטרערטע אויגן און מיט געבראָכנ־קייט אין קול געזאָגט:

— מיר איז שוין אויסגעקומען צו רעדן אין פאַרשידענע שולן, אַפילו אין אַזעלכע, ווו מען דאַוונט אין שאַליקלעך אָנשטאָט טליתים און מיך האָט קיינמאָל נישט געאַרט, וואָס איך האָב יענע יידן געזאָגט און ווי איך האָב גערעדט. נאָר דאָ, אין שול, ווערט מיר דאָס האַרץ צעריסן אויף פיצלעך און... איך קאָן פאַר אייך נישט רעדן!...

אַ פּאָר יידן, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צום ארון־קודש, האָבן זיך אי־בערגעוואָרפן מיט פרעגנדיקע בליקן:

— וואָס זאָגט ער? וואָס רעדט ער?...

אויף אַ רגע האָט זיך שלמה אָפּגעשטעלט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אַראָפּ־געלאָזט די אויגן און אַ פאַרשעמטער ווייטער גערעדט:

— איך קוק אויף אייך און איך זע דאָך, אַז איר זענט אַלע גרויסע צדיקים און למדנים... מוז איך זיך מודה־זיין פאַר אייך, רבותי, אַז איך בין נישט מער ווי אַן עם־הארץ!... און איך ווייס, אַז אַזאַ איינער ווי איך, טאָר פאַר תלמידי־חכמים נישט רעדן!... בעט איך ביי אייך אַלעמען מחילה...

איבערן שול האָט זיך צעטראָגן אַ שרעקלעכער ברומען פון אַלטע הייזעריקע שטימען און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס ברומען מתים פון די קברים אַרויס. הונדערטער ווייסע בערד האָבן זיך בייז און שאַרף צעוויגט אַהין און

אַהער. פון אַלע ווינקעלעך האָט אויפגעפלאַטערט אַן איין און איינציק וואָרט, אַ וואָרט אַזאַ, וואָס איז געווען שניידנדיק, האַרב, האַרט און נאָך בייסנדיקער ווי יונגע קראָפּעווע:

— „חוצפה"!!...

נאָר שלמה האָט שוין דאָס וואָרט נישט דערהערט. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און איינגעאַנצן אַ צעבראָכענער, איז ער ווי אַראָפּגעפלויגן פון די פּאָר טרעפּלעך און אַפילו נישט געפילט און נישט געזען ווי גיך ער איז צוגעקומען צו דער דרויסנדיקער טיר און איז איינגעשלונגען געוואָרן פון דער פינצטערער נאַכט, וואָס האָט געוואַרט אויף אים אַ פאַריתומטע און אַ שטילע.

דער איבערברוך פון עזרא פינקלשטיין

די יולי־זון איז אויפגעגאַנגען ווי אַן אָנגעגליטער טשוהון, געברענט די ניו־יאָרקער גאַסן און אין פאַבריק, ווו עזרא פינקעלשטיין האָט געאַרבעט אַכצן יאָר און היינט געקליבן זיך אָוועקצוגיין פונדאַנען, האָט זי אַריינגעשאָסן אַזאַ היץ, אַז פון זיינע פייכטע הענט איז דער געוואַנט נאַס געוואָרן און ניט געוואָלט גיין אונטערן נאָדל.

דורך די קליינע און פאַרשטויבטע פענצטער איז אַהער קיין לופט נישט אַריינגעקומען. דערצו נאָך האָט די פאַרע פון די דערביי׳קע זעקס פרעס־מאַשינען איינגעהילט די גרויסע פאַבריק אין אַ געדיכטן נעפל, באַדעקט די פנימער פון די אַרבעטער מיט אַ דיקן שוויס. און כאָטש עזרא אָדער ווי מען האָט אים גערופן אינעם שניידער־פאַך: „די פאַסטריגע״, איז געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די שנעלסטע און בעסטע שטעפּער, איז ביי אים היינט די אַרבעט נישט געגאַנגען פון די הענט.

פון אינדערפרי אָן האָט ער זיך דאָ דערפילט, ווי אַ פרעמדער, אַן איבעריקער און געוואָלט, אַז דער טאָג זאָל שוין וואָס גיכער אַריבערלויפן. אַן אומרויקער, האָט ער אַלע ווײַלע אויסגעדרייט דעם פאַרשוויצטן פנים צו זיין פריינט, וואָס האָט געאַרבעט ביי דער צווייטער ניי־מאַשין:

— הערסט, בעני? עס איז נאָך גוט, וואָס מאָרגן וועל איך שוין דאָ מער נישט זיין... מען קאָן דאָך דאָ דערשטיקט ווערן!... וועסט זען פאַראַ שאָפּ איך וועל עפענען!... ביי מיר וועט אַזאַ היץ נישט זיין. איך וועל איינריכטן אַ „קילונג־סיסטעם״ פאַר די אַרבעטער...

— העי, דו, פאַסטריגע! —האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט דעם אויפזעערס צעבייזערט קול — פאַרוואָס לאָזטו בענין נישט אַרבעטן?! און וואָס האָסטו זיך

דאָרט צעדרשנט?... פּאַרטיק אַרויס דיין „באַנדל" און גיי אַהיים!... אויף דיין אייגענער צייט װעסטו קאָנען האַקן אַ טשייניק װיפיל סט'װעלן!...

װען דער אויפזעער איז אַװעק, האָט זיך בעני אַרומגעקוקט, צי מען באַ־מערקט אים נישט און אַ סאַרקאַסטישן לאַך־געטון. אין דעם געלעכטער איז גע־לעגן אַ ים מיט חוזק און נישט פאַרגינעריי:

— װילסט טאַקע װערן אַ באַלעבאָס?... װוּ װעסטו נעמען אַזױפיל געלט צו עפענען אַ שאַפּ?.. אַ פּריץ האָט פאַרלוירן, צי דו האָסט באַגנבעט אַ קלויסטער?...

עזרא האָט זיך נישט באַליידיקט פון זיין פריינטס אָפּלאַכן. טיף אין האַרצן האָט אים געפּרייט אַ באַהאַלטענע פרייד, װאָס ער האָט דווקא יאָ געהאַט פּונ־װאַנען צו עפענען אַן אייגן פאַבריקל. האָט ער זיך אָפּגעװישט דעם שװייס פון הויכן שטערן און געענטפערט מיט אַן אומשולדיקן שטעכעלע:

— װען דו װאָלסט אַלע יאָרן געלעבט װי אַ מענטש און געשפּאָרט — װאָלסטו אויך געהאַט! נישט נאָר װעל איך עפענען אַ שאַפּ, נאָר ער װעט זיין דער בעסטער אין ניו־יאָרק!... װעסט זען...

דער באַגער צו װערן אַ באַלעבאָס פאַר זיך איז ביי עזראַן געבוירן געװאָרן נאָך מיט יאָרן צוריק, װען ער האָט חתונה געהאַט מיט באַשקען. צוליב דעם האָט ער אָפּט געאַרבעט שפּעט אין די אָװנטן, געהאַרכזאַם אַרונטערגעשלונגען אַלע באַליידיקונגען פון פאַרשידענע באַלעבאַטים און זייערע ענגהאַרציקע אויפזעער. ער האָט געקאַרגט פון זיך, פונעם װייב און קינדער, און שטילערהייט געקליבן אַ פּעני צו אַ פּעני.

טאַקע דערפאַר, װאָס עזרא פינקעלשטיין האָט זיך אַזױפיל אַנגעליטן, האָט ער באַשלאָסן ביי זיך, אַז ער װעט זיין אַ גוטער באַלעבאָס... אויף זיינע אַרבעטער װעט ער נישט שרייען, זיי נישט טרייבן און באַליידיקן. װיפיל זיי װעלן פאַ־דערן — װעט ער צאָלן און אַפילו נישט נאָכקוקן װי־לאַנג עס װעט נעמען ביי אַ בעל־מלאכה אויפניייען אַ בגד...

ער האָט שטאַרקער אַנגעטראָטן אויפן טרעטער פון דער ניי־מאַשין, גע־צװוּנגען זי זאָל נייען גיך און צוזאַמען מיט איר גאַלאָפּ, האָט זיך אויך אַ טראַג־געטון זיין פאַנטאַזיע: „קיין אויפזעער װעט ער נישט אָנשטעלן, נאָר אַליין אָכ־טונג־געבן, מיט גוטן, מיט מענטשלעכע טאָטן קאָן מען אויפטון אַ סך מער... פונעם ערשטן טאָג אָן װעט ער איינפירן אַזאַ פריינטלעכע אַטמאָספערע אין פאַבריק, אַז די אַרבעטער װעלן איינלייגן װעלטן, אַבי צו אַרבעטן ביי אים"...

די אַלע געדאַנקען האָט ער שטענדיק פאַרבאַהאַלטן בחדרי־חדרים ביי זיך אין דעם הינטערבאַװוּסטזיין. נאָר איצט, װען אַמעריקע איז שוין לאַנג אַרייך אין

דער צווייטער וועלט־מלחמה און ביי עזראן האָט זיך אָנגעקליבן אַ היבשע אפּותיקא אויפן באַנק־ביכל, האָט ער אָנגעהויבן רעדן דערפון אָפן און מיט מער זיכערקייט.

די זעלבע נאַכט, ווען זיינע צוויי קינדער, חיימל מיט מערעלען, זענען איינ־געשלאָפן, איז עזרא צוגעגאַנגען צום דעמבענעם בופעט, פונעם אונטערשטן שופלאַד אַרויסגענומען אַ בלוי באַנק־ביכעלע, וואָס האָט שוין געהאַט אויף זיך אָפּגעריבענע ברעגעס, דערנאָך אַריינגעקומען צוריק אין קיך און אַוועקגע־זעצט זיך צום טיש, ווו באַשקע האָט געהאַלטן אין טרינקען אַ גלאָז טיי.

זיין לאַנגער, דריי־קאַנטיקער פנים, מיט דער לויזער, בלאַסער הויט אויף די באַקן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי שטיקלעך ראַשטשינע אויף די ווענטלעך פון אַ דייזשע, איז איצט געווען פאַרכמורעט און פאַרזאָרגט. אין די ברוינע אויגן איז געלעגן אַ ווייטע מורא. אַ ווײַלע האָט ער געהאַלטן דאָס באַנק־ביכעלע אין די אויסגעהאָרעוועטע הענט. נאָכדעם, מיט ציטער אין די פינגער אויפגעמישט דאָס ניינטע זייטל און פון דאָרטן האָבן אַרויסגעבליאַסקעט פינף שוואַרצע און פעטע ציפערן:

— באַשקע, איך בין היינט אַוועק פון שאָפּ... מער וועל איך אַהין נישט גיין... איצט איז געקומען די צייט אָנצוהייבן טון עפּעס פאַר זיך אַליין...

דאָס ווייב האָט אויפגעהערט זופּן דעם טיי און אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז אַזוי פאַרזיכטיק, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דער קלאַנג פונעם באַריר צווישן גלאָז און שפּאַרקע, זאָל נישט אויפוועקן די קינדער:

— וואָס עפּעס גראָד איצט, ווען „אפּרייטאָרס" מאַכן גאָלד?...

— דו רעדסט נאַרישקייטן —האָט ער איבערגעשלאָגן אירע רייד— טאַקע איצט, אין דער מלחמה, קאָן מען פאַנאַנדערנעמען די הענט!... אַפילו קאַליקעס ווערן היינט רייך!... גלייב מיר, אַז איך טו דאָס נישט צוליב זיך. פונמיינעטוועגן האָב איך געקאָנט בלייבן אַן אַרבעטער ביזן טויט... איך וויל בלויז, אַז די קינדער זאָלן האָבן אַ גרינגער לעבן אײדער מיר האָבן געהאַט...

באַשקע איז קיין נאַר נישט געווען און פאַרשטאַנען, אַז פּרובירן אים איבער־רעדן וועט זיין אַרויסגעוואָרפענע מי. האָט זי דעריבער קאַלט געענטפערט:

— אויב דו האָסט אַזוי באַשלאָסן, איז גוט... אָבער דאָס האַרץ שרעקט מיר. אַזויפיל יאָרן נישט פאַרגונען זיך קיין לייטיש קליידל אויפן לייב. צי פאַר די קינדער אַ ריכטיקן בגדל... און טאָמער, די בייזע שעה זאָל נישט זיין, און די „ביזנעס" וועט נישט גיין — דעמאָלט זענען מיר דאָך אומגליקלעך אויפן גאַנצן לעבן...

עזרא האָט איר מער נישט געהערט. זיין פאַנטאַזיע האָט אים אַוועקגעטראָגן אין ווייטע און פרעמדע וועלטן. זיין באַשלוס איז שוין געווען אַ געפאַסטער, אַ פאַרזיגלטער אונטער טויזנטער שלעסער, און ער האָט גאָר איצט געטראַכט פון דער זיבן־און־דרייסיקסטער גאַס און אַכטער עוועניו, ווו מ'האָט ערשט געהאַט פאַרענדיקט בויען אַ גרויסע פאַבריק־געביידע און געקלערט, אַז מאָרגן אינדער־פרי וועט ער פאָרן אַהין און זען אויב מ'קאָן דאָרטן דינגען אַ פלאַץ פאַר אַ פאַבריקל.

ווען ער איז נאָך געווען אַן אַרבעטער ביי יענעם, פלעגט עזרא געוויינטלעך אויפשטיין אַרום אַ פערטל צו זיבן. אָבער היינטיקע נאַכט האָט ער מיט אַן אויג ניט געקאָנט צומאַכן. איז ער פאַרטאָג אַרויס פון בעט, אָנגעטאָן דעם שבתדיקן אַנצוג, אַוועקגעפאָרן צו דער פאַבריק־געביידע און אַוועקגעשטעלט זיך וואַרטן ביז מען האָט דאָרט געעפנט די פאַרדינג־אָפיס.

ערשט אַרום ניין אַזייגער האָט אים אַ לייביקער פאַרשוין אַרויפגעפירט אויפן זעכצנטן שטאָק. דער לאָקאַל איז עזראן געפעלן געוואָרן. און ווען זיי זע־נען דורכגעקומען מיטן פרייז, האָט ער, מיט מורא אין האַרצן, אָנגעשריבן דעם ערשטן „טשעק" אויף דריי הונדערט מיט פינף און אַכציק דאָלאַר פאַר אַ חודש דירה־געלט, און דערפילט, ביי זיך אויף דער האַנט, אַז דאָס באַנק־ביכעלע איז גרינגער געוואָרן אויף דער וואָג...

אין דעם לאָקאַל, אָדער, ווי מ'רופט דאָס אין אַמעריקע: „לאָפט", וואָס עזרא פינקלשטיין האָט געדונגען אויף איינצואָרדענען זיך אַ פאַבריקל פון פרויען־קליידער, איז אַרום צוויי וואָכן צייט געשטאַנען אַזאַ בראַזגעריי, אַז מ'האָט גע־קאָנט פאַרטויבט ווערן. און ווייל די געביידע איז נאָך כמעט געווען אַ ליידיקע, האָט זיך יעדער האַמער־קלאַפ צעטראָגן איבער די פוסטע קאָרידאָרן און אָפגעג־ענטפערט מיט האַמעטנע עכאָס.

נעבן דער וואַנט מיט די הויכע און ברייטע פענצטער, וואָס האָבן אַרויס־געקוקט צום ניו־יאָרקער פאַררויכערטן חלל, האָבן פאַרזשמורעטע מאַשיניסטן אויסגעשטעלט צוועלף ניי־מאַשינען, מיט באַגילדעטע קעפלעך: איינע אַנטקעגן די אַנדערע, זיי צוגעשרויפט צו די דיקע ברעטער אויף דער ערד. צווישן ביידע רייען האָבן בלעכער אַריינגעזעצט אַ לאַנגע, בלעכערנע קאָרעטע. די רעדער פון די מאַשינען און די קליינע רעדלעך אויף דער שטאָלענער אַקס פון מאָטאָר — אַרומגעכאַפּט מיט שטאַרקע, קיילעכדיקע רימענס און דערביי אַוועקגעשטעלט קאַסטנס צו האַלטן דאָרטן די „בינטלעך־אַרבעט"...

אַנטקעגן האָבן סטאָליערעס אויפגעבויט אַ לאַנגן און ברייטן צושנייד־טיש,

מיט גראָבע פּיס. צוויי יונגען האָבן אים געהובלעוועט, לאַנג געשליפֿן זיין אױ־בערפֿלאַך. נאָכדעם אָפּגעשמירט מיט אַ געלן לאַקיר. אױף מאָרגן האָבן זיי אים ווידער געשליפֿן. נאָר דאָס מאָל, מיט אַ זייער דינעם גלאָז־פּאַפּיר און צום סוף — אַזוי האַרט געריבן מיט וואַקס, ביז דער דעמבענער טיש האָט זיך צעגלאַנצט, ווי אַן אויסגעריבענער „קאַטאָק" אַנטקעגן אַ פולער לבנה.

ביים סאַמע סוף פון לאָקאַל האָבן שמידן אױוועקגעשטעלט אַ גרויסן פּאַרע־קעסל, מיט אַ פּאַרע־ווייזער פון פאָרנט. פון זיין בייכיקן אינגעווייד איז, אונטער דער סטעליע, געלאָפֿן אַ דיקע רער אױף צום פאַנאַנדערפירן דים אָנגעקליבענעם דאַמף צו די פּרעסן און צו די צוויי פּרעס־מאַשינען, וואָס זענען שוין געשטאַנען מיט געלע, צעעפנטע פּיסקעס, גרייט אַריינצושלינגען די מאַנטלען, וואָס די פּרעסער וועלן זיי דערלאַנגען.

ווען די פאַבריק־איינריכטונג איז ענדלעך פאַרטיק געוואָרן און עזרא פינקל־שטיין האָט קוים מיט צרות באַוויזן צו עטאַבלירן זיך אַ שטיקל קאָנטע אין די הורטאָוונע שניט־געשעפטן, האָט מען פון דאָרט געבראַכט פאַרשיידענע סאָרטן סחורות: שוואַרצע, בלויע, גרינע, גרויע און ברוינע. געגרייפּלטע, געוועבטע מיט שעמערירנדיקע שטרייפעלעך און גלאַטע, גאַרבאַרדינען, וואָל, געוואַנט, פּליוש, סאַטין און זייד אױף אונטערשלאַק. צוויי קיילעכער געוואַנט האָט עזרא אַרויפגע־נומען אויפן צושנייד־טיש און פון דעם צוגעשניטן די ערשטע מוסטערן.

איבער אַ וואָך האָט ער די מאָדעלן, מאַנטלען און רעקלעך, גענייט און געצאַצקעט. זיי אַלע ווײלע געפּרעסט און איבערגעפּרעסט. אָפּט אַרויפגענומען אויף די וואַקסענע מאַנעקינען, באַטראַכט די אַרבעט, מיט אַ שטיקל קרייד אָנ־געצייכנט ווו אַריינצונעמען און ווו אַרויסצולאָזן, מיט קליינע שפּילקעלעך צוגע־שפּילעט אַ פאַרנט צו אַ פאַרנט, געמאָסטן זייער לענג. געטון האָט ער דאָס טיכ־טיק און געלאַסן, ווי פון די מוסטערן וואָלט געוועזן אָפּהענגיק זיין גאַנצע צוקונפט.

אַז די ערשטע מאָדעלן האָבן ענדלעך אַראָפּגעקוקט פון די מאַנעקינען מיט אַלע ווייבערשע חנען און אויסגעזען, ווי לעבעדיקע פרויען־געשטאַלטן, איז באַשקע צום ערשטן מאָל געקומען אין פאַבריקל און מ׳האָט גלייך געקאָנט זען, אַז זי איז אַביסל צעשראָקן. נאָר ווען זי האָט באַמערקט ווי די מאַנטלען מיט די רעקלעך האָבן אַראָפּגעוווּנקען פון די פיגורן, איז איר מורא אויסגערונען געוואָרן:

— איך האָב אַלעמאָל געוווּסט, אַז דו האָסט גילדערנע הענט!... די בייערס (קויפּערס) וועלן דאָס ביי דיר צעצוקערן!...

אין עזראס אויגן האָט זיך אַ גרינגער פּייערל אַנגעצונדן, אַ פּייערל, וואָס האָט זיך שיעור נישט צעפלאַקערט אין אַ פלאַם:

— וואַרט, וועסט נאָך זען!... זאָל זיך נאָר דער שאַפּ איינשטעלן ווי געהער־ריק!... מ׳דאַרף קריגן גוטע בעל־מלאכות. כ׳האָב געלאָזט וויסן אין דער יוניע, אַז זיי זאָלן צושיקן אַרבעטער, אַפילו שוין געדונגען אַן „אָפּיס־מיידל”. אָבער היינט וויל איך זיך איינקויפן אַ גוטן אנצוג, מיט עטלעכע אויבערהעמדער. מען דאַרף אויסקוקן לייטיש... פּאָר רייכע בגדים האָט מען אַפּשיי...

כאָטש עזרא האָט גערעדט וועגן אַן אַנצוג, האָט אים אָבער דער מוח גע־דאַרט וועגן „בייערס” (קויפערס). ער האָט גראָדע געקאָנט אייניקע פון זיי און געטראַכט: „וועט זיי געפעלן ווערן זיינע מאָדעלן, צי נישט?”... אין באַשקעס אַנוועזנהייט האָט ער וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן. איז ער אַ ווײַלע אַרומ־געגאַנגען איבערן פאַבריקל, דערנאָך אַריין צו זיך אין קאַבינעטל, אויפגעהויבן דאָס טרייבל פון טעלעפאָן, אָנגעקלונגען צו די „ליטל גאַרמענט קאָמפּאַניע”, צו די „בראָדווייַ סטיילס” און געבעטן, אַז זיי זאָלן קומען זען זיינע מוסטערן.

שפּעט נאָך האַלבן טאָג זענען געקומען די באַלעבאָטים פוןביידע גרויסע פירמעס. זיי האָבן גוט באַטראַכט יעדן בגד, געטאַפּט די סחורות, געזען דעם געניי און נאָכן אָמפּערן זיך וועגן מקח, האָט דער אייגנטימער פון דער „ליטל גאַרמענט קאָמפּאַניע” געזאָגט מיט שטרענגקייט אין קול:

— גוט. איך וועל אייך געבן אַ גרויסע באַשטעלונג, נאָר די אַרבעט מוז זיין גוט און צוגעשטעלט ווערן אין צייט. אויב נישט איז דער קאָנטראַקט קיין קאָנ־טראַקט נישט!...

אויף דעם אַנדערן טאָג האָט זיך עזרא אָפּגעגאָלט, גענומען אַ לעבלעכן טוש, אָנגעטאָן דעם נייעם אַנצוג, וואָס איז געווען פון טאַבאַק־קאָליר; אַ ווייס, זיידן אויבערהעמד מיט פּערלמוטערנע קנעפּלעך און אַ געבלימלטן שניפּס. די שוואַרצע פּאָטלע אָנגעשמירט מיט אַ פעטער פליסיקייט און פאַרקאָמט די האָר מיט אַ שרונט אינמיטן קאָפּ, ווי אַן עכטער, אַמעריקאַנער יענקי. אויף גיך אָפּגעגעסן פרישטיק און אַוועקגעפאָרן אין פאַבריקל.

נישט ווייט פונדאַנען איז ער אַריין צו אַ שוסטער און געלאָזט אָפּפּוצן זיך די שיך, מיט אַ טיפּן, שוואַרצן גלאַנץ, געקויפט עטלעכע גוטע ציגאַרן, מיט באַ־גילדעטע פּאַפּירלעך אינדערמיט, צוגעשפּאַנט צו דער נייער געביידע. מיט דער הייב־מאַשין אַרויפגעפאָרן אויפן זעכצנטן שטאָק, מיט גדלות אויפגעשלאָסן די טיר פון זיין פאַבריקל, אַריין צו זיך אין קאַבינעטל און אַן אומגעדולדיקער אַוועקגעזעצט זיך וואַרטן אויף די צוקונפטיקע אַרבעטער.

אין עטלכע מינוט אַרום האָט זיך אַריינגעשטעלט דאָס „אָפּיס־מיידל״. שפּע־טער אַביסל האָבן אָנגעהויבן צו באַווייזן זיך פּרעסער, שטעפּער און פּרויען־שניידערינס. געקומען זענען זיי איינציקווייז און אין פּאַרלעך און מיט פאַר־בלענדטע אויגן פון דער זון, וואָס האָט אַהער אַריינגעוואָרפן גאַנצע גאַרבן־ליכט, זענען זיי שטיין געבליבן אין איין גרופּע.

באַלד האָט אים דאָס מיידל אָנגעזאָגט, אַז אַרבעטער זענען געקומען און וואַרטן. ביי עזרא פינקלשטיינען האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער: „די ערשטע אַרבעטער!... ווי וועט ער רעדן מיט זיי?... וועלן זיי אים דערקאָ־נען?״... ער האָט זיי געוואָלט מקבל־פּנים־זיין מיט אַ ברייטן „ברוך־הבא״. נאָר דער באַגריף, אַז איצט איז ער שוין מער נישט קיין „אַפּרייטערוק״, נישט די „פּאַסטריגע״ וואָס געווען, נאָר אַ פּאַלנער באַלעבאָס מיט אַ שיין און גוט־איינ־געפונדעוועט פאַבריקל, האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון: „זאָלן זיי וואַרטן אַביסל!... מ׳טאָר נישט אַרויסווייזן קיין איילקייט״...

ער האָט געוווּסט פון דער אייגענער דערפאַרונג, אַז דער דראַנג צו אַרבעטן אין אַזאַ פאַבריק ווו מ׳קאָן זען דעם ניו־יאָרקער הימל, די זון און אין די הייסע טעג נישט צעשמאָלצן ווערן פון היץ, — איז ביי יעדן אַרבעטער געווען זייער גרויס. דאָס האָט ער איצט אויסגענוצט אין דער פולסטער מאָס. אָבער צו־לאַנג איינזיצן האָט ער פאָרט נישט געקאָנט. עס האָט אים געגרופּעט, געריסן און גע־הויבן פון אָרט. עזרא האָט קיינמאָל קיין ציגאַרן נישט גערויכערט. פונדעסטוועגן האָט ער איצט אַריינגעזעצט אין מויל אַ ציגאַר, אים אָנגעצונדן און איז מעשה „גרויסער באַלעבאָס״ אַרויסגעגאַנגען צו די בעלי־מלאכות.

מיט דרך־ארץ האָבן אים די אַרבעטער געזאָגט „גוט־מאָרגן״ און געוואָלט דערקונדיקן זיך: וואָס פאַראַ מענטש ער איז. נאָר דער מאָדנער קאָנטראַסט פון זיין אויסגעבלייכט פּנים, די אָדערדיקע הענט און די רייכע קליידער, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט זיי קיין קלאָרן באַגריף נישט געגעבן. און עזרא, אַ צופרי־דענער, וואָס די אַרבעטער האָבן אים נישט דערקענט, איז געשטאַנען מיטן ציגאַר אין מויל און כלומרשט אַ געלאַסענער געפרעגט:

— ביי וועמען האָט איר געאַרבעט?

— ביי די פּלאָטקין בראָדערס — האָט געענטפערט זעליג דער שטעפּער.

— און ווי הייסט איר און ביי וועמען האָט איר געאַרבעט — האָט זיך עזרא געווענדט צו אַ צווייטן, וואָס האָט געענטפערט מיט שטאָלץ:

— איך הייס סעם און בין צוועלף יאָר געווען דער הויפּט־פּרעסער ביי די „קאַרנעגי קאָרט קאָמפּאַניע״!...

נאָכן דערקונדיקן זיך מער, אָדער ווינציקער, וואָס יעדער פון זיי קאָן און ביי וועמען זיי האָבן געאַרבעט, האָט דער נייער באַלעבאָס אַרויסגעלאָזט אַ גע־דיכטן קנויל־רויך פון מויל און אָנגעהויבן רעדן וועגן שכירות. דאָס איז אים אָנגעקומען אַביסל שווער און פריקרע:

— איז וויפלווילט איר אַ וואָך ?

— וואָס עפּעס פון דער וואָך ? —האָבן אייניקע אַרבעטער נישט געקאָנט פאַרשטיין די מאָדנע פראַגע און זעליג, וואָס איז געוואָרן אַ מין אויטאָמאַטישער „פיר־שפּרעכער" פאַר אַלעמען— האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר קאַלאַמוטנע אויגן אויף עזראן : — מיר אַרבעטן נישט פון דער וואָך, נאָר פון שטיק!...

ביי עזראן אין האַרצן איז אויפגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן דעם געוועזענעם אַרבעטער און דעם איצטיקן באַלעבאָס: „וואָס עפּעס גייט ער זיך גאָר דינגען מיט אַרבעטער?... ווי טוט מען דאָס אַזאַ זאַך?... ניין, ער וועט זיך וועגן פּרייז נישט דינגען; זאָלן זיי וויסן, אַז ער איז אַ גוטער באַלעבאָס. אָבער „פון שטיק?" — דאָס וועלן זיי ביי אים קיינמאָל נישט אויספירן!"...

— ביי מיר אַרבעט מען נישט פון שטיק, בלויז פון דער וואָך!...

די בעל־מלאכות האָבן זיך שווייגנדיקע איבערגעקוקט איינער מיטן אַנ־דערן און אײנגאַנצן געוואָלט אַוועקגיין. נאָר דאָס ליכטיקע און לופטיקע פאַבריקל האָט זיי, ווי מיט שטריק צוגעהאַלטן. האָט מאָריס, דער פּרעסער, געענטפערט מיט אַנטשלאָסנקייט:

— אויב פון דער וואָך, וויל איך הונדערט מיט צען דאָלער, און די „אונ־טערפּרעסער" וועלן מסתמא אַרבעטן מיט פינף דאָלאַר ווינציקער.

דערוויל האָט זעליג עפּעס איינגעטענהט מיט די אַנדערע שטעפּער. לאַנג געקאָכט זיך, גערעדט מיט ביידע הענט און דערנאָך, אַ צעהיצטער, אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו עזראן:

— איך קאָן דאָ אַלע „אָפּרייטערס". זיי זענען גוטע בעל־מלאכות. וועל איך אייך זאָגן וואָס מיר האָבן באַשלאָסן: דאָס איז דאָך אַ „יוניע־שאָפּ" און מיר זענען „יוניע־לייט", ווילן מיר האָבן די פולע יוניע־געהאַלט און אַ סענט נישט ווינ־ציקער!...

אויף דעם האָט שוין עזרא פינקלשטיין נישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן און גיין אַנטקעגן דער „יוניע" האָט אים אַלץ איינס קיין מוט נישט געקלעקט:

— מילא, דער פּרייז וועט זיין, ווי איר ווילט. אָבער די אַרבעט דאַרף אַרויסקומען גוט! — ער האָט נאָך געוואָלט צוגעבן, אַז אַ חוץ „גוט", מוזן זיי אים געבן אַ „גרויסן טאָג־אַרבעט". אָבער אָנשטאָט דעם האָט זיך גאָר ביי אים פון

מויל אַרויסגעבאָלעבעטשעט: — די אַרבעט איז נאָך נישט צוגעשניטן; עס וועט נעמען אַ פּאָר טעג איידער מען וועט קאָנען אָנהייבן אַרבעטן...

אַז די אַרבעטער זענען אַוועק, איז אַריינגעקומען אַ דאַר פּאַרשוינדל, מיט אַ לאַנגער נאָז, וואָס איז טראָציק געזעסן אינדערמיט פון אַ רונד פּנימל און אַזש געגלאַנצט פון רויטקייט. די בעקעלעך האָבן אים געפּלעמלט, ווי ביי אַ יונג מיידל און מ׳האָט נישט געקאָנט טרעפן ווי אַלט ער איז. די עטלעכע רויטע הערעלעך אויפן נאַקעטן שאַרבן זענען געווען אַזוי קונציק אויסגעלייגט, אויס־געדרייט און צוגעקלעפּט, פּונקט ווי דאָס מענטשל וואָלט לכתחילה געבוירן גע־וואָרן אַזוי:

— איר דאַרפט אַ קאַטער? (אַ צושניידער). די יוניע האָט מיך געשיקט צו אייך.

— יאָ.

— אַ שיינער שאָפּ ביי אייך. וואָס וועט איר דאָ פּראָדוצירן: מאַנטלען, צי רעקלעך?

— ביידע זאַכן —האָט עזרא געענטפערט מעכאַניש— אַ חוץ קליידלעך. דאָס רעכן איך אָפּגעבן צו אַ קאָנטראַקטאָר. ביי וועמען האָט איר געאַרבעט ביז איצט?

דער צושניידער האָט אַ דראָבנעם לאַכעלע געטון. דערביי אויפגעדעקט זיינע שוואַרצע, האַלב-פּאַרפוילטע ציינער און עזראן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט קיין מענטש האָט דאָס געלאַכט, נאָר עפּעס אַ באָק האָט אַ מעקע־געגעבן:

— די איגל קאָוט קאָמפּאַני קאָנט איר? ביי זיי האָבן איך געאַרבעט צוואַנ־ציק יאָר. איך בין אויך אַ גוטער דעזיינער.

— ווי רופט מען אייך?

— עפּשטײן.

— איז וויפל ווילט איר אַ וואָך, מיסטער עפּשטיין? — האָט עזרא מיט אַ כיוון אויסגעצויגן דאָס וואָרט „מיסטער״, כדי דאָס מענטשל זאָל נישט פאַר־רייסן די פּרייז צו-הויך.

עפּשטיין האָט ווידער אַ ציגענעם לאַכעלע געטון. אין דער זעלבער צייט באַקוקט עזראס מוסטערן און לויט די גרימאַסן ביי אים אויפן פּנימל איז געווען צו זען, אַז די אַרבעט געפעלט אים:

— מיט צוואַנציק דאָלער מער אויף דער וואָך ווי די יוניע לויטעט.

— דאָס מיינט דאָך הונדערט מיט זעקס דאָלער! פאַר וועלכע זינד קומט דאָס אייך? — איז עזרא געוואָרן אויפגעלייגט פון עפּשטיינס קאָמישן אויסזען.

דעם צושניידערס געלעכטערל איז איצט איבערגעגאַנגען אין אַ הוסט. עפּעס אַ מאָדנער הוסט איז דאָס געווען, וואָס האָט זיך ביים סוף פאַרענדיקט מיט אַ סאָפּראַנענעם קוויטשל:

— מען צאָלט מיר מער דערפאַר, וואָס איך קאָן אַליין „אויסלייגן" און „אָפּצייען" שטאָף. איך דאַרף נישט קיין אַרויסהעלפער. און, אַז מען דאַרף — אַרבעט איך אַביסל שפּעטער אויך און נעם דערפאַר נישט קיין געצאָלט. אגב, ווייס איך ווי איינצושפּאָרן סחורה...

אַביסל איז עזראַן געווען נישט אָנגענעם צו הערן אַזעלכע רייד און אָנצו־הערענישן. אַמאָל וואָלט ער אַזאַ פאַרשווינדל געכומען אין דער „יוניע", אָדער אויסגעפּאַטשט גלייך אויפן אָרט. אָבער איצט איז בלויז אַן איראָניש שמייכעלע אַנגעשוווּמען אַרום זיינע מויל־ווינקלען און אַ געדאַנק איז אים אַנגעלאָפן, אַז אַ גוטער צושניידער, וואָס איז נאָך דערצו אויך אַ שטיקל מאָדעליסט, קאָן אים טאַקע איינשפּאָרן אַ סך געלט און העלפן שטעלן זיך אויף די פיס.

עפּשטיין איז אַוועק הינטערן צושנייד־טיש. מיט אַ האַמער אַריינגעקלאַפּט אַ גרויסן טשוואָק אין וואַנט, אויף דעם — אויפגעהאָנגען זיין רעקל. דערנאָך אַרויפגענומען עטלעכע קיילעכער סחורות אויפן טיש, דאָס אויסגעשפּרייט, פלינק „אָפּגעצויגן" און שפּעטער, אויף דעם אויבערשטן שיכט־געוואַנט, גענוי אויס־געמאַרקירט די מוסטערן און איידער ער האָט דאָס אָנגעצייכנט מיט קרייד, האָט ער צוגערופן דעם באַלעבאָס און געוויזן וויפל מאַטעריאַל ער האָט אים שוין איינגעשפּאָרט.

דאָנערשטיק אינדערפרי זענען שוין אַלע ביי־מאַשינען געווען באַזעצט מיט שטעפּער. אַרום די צוויי נידעריקע שניידער־טישלעך זענען געזעסן אַכט פּרויען שניידערינס. נעבן דעם פּרעס־טיש און ביי די צוויי פּרעס־מאַשינען זענען גע־שטאַנען פינף געזונטע יונגען אין בלויזע אויבערהעמדער און געוואַרט, אַז די שטעפּער זאָלן אָנהייבן נייען און צוברענגען די ערשטע, צוזאַמענגענייטע נעט אויף צום פּאַנאַנדערפּרעסן.

און זעליג, וואָס איז פון די אַרבעטער אויסגעקליבן געוואָרן פאַר זייער צייטווייליקן „יוניע־פּאָרזיצער", איז אַ פריילעכער צוגעגאַנגען צום עלעקטרישן אַפּאַראַט, אַ דריק־געטון אַ קנאַפּקע און געלאָזט אין גאַנג דעם מאָטאָר. אין דער רגע האָט זיך צעהעלף ביי־מאַשינען צעזונגען מיט אַ שטילן, מעטאַלענעם געזאַנג. זענען אַוועק אין נישט קיין געאיילטן גאַנג, ווי יונגע פערדלעך, מיט טאַנצנדיקע, דראָבנע טריטלעך אויף אַ גלייכן און אויסגעטראָטענעם וועג.

דער לאַנגזאַמער גאַנג פון די מאַשינען איז געקומען צוליב דעם, וואָס די

שטעפּער האָבן נישט אָנגעטראָטן צו שטאַרק אויף די טרעטערס און געטראַכט: „אַ נייע פֿאַבריק און דערצו נאָך ביי אַזאַ באַלעבאָס, וואָס וויל האָבן „גוטע אַרבעט", מוז מען זיין פּאַרזיכטיק, און אַלץ איינס אַרבעט מען דאָך פֿון דער וואָך. איז נישטאָ וואָס צום איילן זיך"...

נאָר ווי מען האָט זיך נישט געהיט, האָט זיך ביי איין שטעפּער כסדר געריסן דער פֿאָדים אין נאָדל און ביי אַן אַנדערן איז דער אַרבל נישט געזעסן גלייך אין אַקסל. האָט ער אים צוריק אַרויסגעטרענט, פּאַרזיכטיק אַרויסגעציפּט דעם באַוול פֿון די שטעך און אָנגעהויבן נייען אויפֿדאָסניי.

ביי עזרא פֿינקלשטיינען האָט דאָס האַרץ אַ טאַנץ־געטון פֿון פֿרייד. ענדלעך איז זיין לאַנג־יאָריקער חלום פֿאַרווירקלעכט געוואָרן!... גלייך פֿון אָנהייב אָן, האָט ער זיך געקלאָמערט אין זיין אויסגעטראַכטן פּלאַן: „האַלטן זיך מיט שטאַט און ווירדע. צופֿיל נישט ווערן צוגעלאָזט צו די אַרבעטער. אָבער אויך נישט אַרויסווייזן קיין סימן פֿון שלעכטיקייט. אדרבא, זאָל די גאַנצע וועלט זען, אַז ער איז אַ גוטער באַלעבאָס; אַ מענטש, וואָס האָט איינזעעניש מיטן אַנדערן" — איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן פֿאַבריקל אַ געדולדיקער און בלויז פֿונווייטן געהיט יעדן ריר פֿון די בעל־מלאכות. מיט גענויקייט אין די אויגן אָפּגעשאַצט ביי זיך ווער פֿון זיי איז אַ גוטער אַרבעטער און ווער — נישט.

אָבער נישט בלויז אויף זיי אַליין האָט ער געקוקט, נאָר אויך אויפֿן גרויסן וואַנט־זייגער, וואָס האָט אים זייער גיך אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס נייען אַ מאַנטל נעמט ביי זיינע אַרבעטער צו־לאַנג, אַז יעדער טיק־טאַק פֿונעם זייגער קאָסט אים אַ פֿאַרמעגן און ווישט אָפּ אַ פּיסל פֿון אַ ציפֿער ביי אים אין באַנק־ביכעלע, וואָס איז אַזוי אויך געוואָרן אַ סך מאָגערער. דאָס האָט עזראן אי גע־שראָקן, אי וויי־געטון. פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך געפּרוּווט באַהערשן און נישט אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אַרט אים צו־שטאַרק.

די ערשטע עטלעכע טעג איז נאָך געווען ווי עס איז. עזרא האָט זיך גע־האַלטן אין די ראַמען פֿון אָנשטענדיקייט און קיינער וואָלט גאָר נישט געגלייבט, אַז דער זעלביקער גוטער, שטילער און געלאַסענער מענטש — קאָן ווערן איבער־געאַנדערש. נאָר ביים סוף פֿון דער צווייטער וואָך איז דער איבערברוך געקומען אומדערוואַרט. פּאַסירט האָט דאָס, ווען דער טעלעפֿאָן האָט זיך פּלוצים צעקלונ־גען מיט אַ מאָנענדיקן קלאַנג און דאָס „אָפֿיס־מיידל" איז צוגעגאַנגען צום באַלע־באָס און אַ צעשראָקענע דערציילט:

— מיסטער פֿינקלשטיין, פּריַער האָט געקלונגען די „ליטל גאַרמענט קאָמ־פּאַניע" און איצט די „בראָדווי סטיילס". זיי האָבן געוואָרנט, אַז אויב איר שיקט

נישט אַרויס די באַשטעלונגען — וועלן זיי בטל מאַכן די קאָנטראַקטן... און איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן זיי אויף דעם...

עזרא פינקלשטיינען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מער פעלט אים שוין נישט! ער וועט אומגליקלעך ווערן!... געדאַרפט איינהערן זיך צו באַשקעס רייד און נישט צעפטרן דאָס געלט... וואָס, צום טייוול, האָט זיך אים פאַרוואָלט צו ווערן אַ באַלעבאָס, אַז ער ווייסט נישט ווי צו באַנעמען זיך מיט אַרבעטער און אַרויסקריגן פון זיי די אַרבעט אין צייט?...

דער באַשלוס צו זיין „אַ גוטער באַלעבאָס" איז אין איין רגע אויסגערונען געוואָרן פון זיין געדעכעניש. ווי דורך אַ טומאַן האָט ער מיטאַמאָל דערזען, אַז דאָס באַנק-ביכעלע איז שוין אויסגעליידיקט און ער, עזרא פינקלשטיין, גליטשט זיך באַרג־אַראָפּ אין אַ טיפן טאָל און צוזאַמען מיט אים — גליטשן זיך אויך, באַשקע, חיימל, מיט מערעלען. הונגעריקע און אָפּגעריסענע ווי אַמאָל, זענען זיי, דאַכט זיך, געשטאַנען פאַר זיינע אויגן און געוויינט: „וואָס האָסטו געטון? וואָס האָסטו געהאָט צו אונדז?"...

מיט יעדער רגע האָט זיך דאָס בילד אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן אין זיין מוח אַלץ שאַרפער און שאַרפער און שוין מער נישט אַוועק פון דאָרטן. פון דעם האָבן אים די בלוטן געשלאָגן אין די שליפן און געעקבערט, ווי אַ וואָרעם דאָס האַרץ. איבערן רוקן איז אַ דינער פראָסט דורכגעלאָפן. אַ פאַרצוויפלטער, כמעט אַ ווילדער, האָט עזרא אָנגעהויבן אַרומגיין פון איין שטעפער צום אַנדערן און געשריִען:

— גזלנים!... קאַליקעס!... אַ רעקל, וואָס דאַרף נעמען אויפנייען אַ דרייסיק, צי פערציק מינוט, נעמט ביי אייך אַן אייביקייט!... איר וועט דאָך מיך אומ־גליקלעך מאַכן!...

דאָס איז בלויז געווען דער ערשטער אַרויספאַר, דער ערשטער אָנזאָג אויף אַ שטורעם, וואָס האָט געהאַלטן אין אויסברעכן. אויף דעם האָט מען לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. איין שטעפער, מיט אַ פאַרשולדיקט פנים, האָט זיך אונטער־געהויבן פון שטול און, מיט הכנעהדיקייט אין די בליקן אַ קוק־געטון אויפן באַלעבאָס. אַפּנים געוואָלט פאַרענטפערן זיך, הלמאי די אַרבעט גייט ביי אים נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין. נאָר עזרא האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר גזלנישע קוקערס און אַ דונער־געטון, נאָך איידער יענער האָט באַוויזן צו עפע־נען דאָס מויל:

— שאַראַפּ! גאַדעם־איט!

די אַרבעטער זענען געבליבן זיצן ביי די מאַשינען ווי פאַרשטאַליעטע.

זיי האָבן, פונעם נייעם באַלעבאָס, אַזאַ באַנעמונג נישט דערוואַרט, און דער גוטער אײַנדרוק, וואָס סיי ער און וואָס סיי דאָס שיינע פאַבריקל האָבן געמאַכט ביז איצט — איז מאָמענטאַל פאַרביטן געוואָרן אויף קאַלטער, אָנגעשטרענגטער אכזריותדיקייט, וואָס איז געקומען פון איין מענטשן, פון איין פּאָר דורכדריני־גענדיקע אויגן און פון איין צעהיצטן מוח.

פאַר די בעל־מלאכות איז קלאָר געוואָרן, אַז דער באַלעבאָס האָט אין זיך די ווילדקייט פון אַ קאָזאַק און די טרייבקראַפט פון דעם קאָזאַקס „נאַגייקע". די לופט אין פאַבריקל איז מיט יעדן טאָג שווערער געוואָרן. די פריערדיקע שפּאַסן און די פרייַלעכע מינעס ביי די אַרבעטער אויף די פּנימער זענען פאַר־שווונדן געוואָרן. מיט האַרץ־קלאַפּעניש איז יעדער געזעסן ביי זיין מאַשין און איינגעהערט זיך צו עזראס אַרומלויפן הין און צוריק און קאָמאַנדעווען:

— גיט זיך אַ יאָג אַ ביסל! עס וועט פון אייך גאָרנישט אָפּפאַלן!... מאַכט פאַרטיק די „באַנדלעך"!... איך דאַרף אַרויסשיקן די אַרבעט!...

אַז ער האָט האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שעמעוודיקייט און מיט דעם אויך אַריבערגעשפּאַנט די גרענעץ פון לאָגיק, האָט ער זיך שוין אויך נישט אָפּ־געשטעלט פון צו באַנוצן אַ גראָב וואָרט. נאָר געהאָלפן האָט דאָס אים אַלץ איינס נישט. די אַרבעט איז פאָרט נישט געגאַנגען פון די הענט. און אַזוי ווי יעדער הערשער, האָט עזרא אויך געמוזט האָבן אַ קרבן. איז ער מיט זיין גאַנצער האַמעטנעקייט אָנגעפאַלן אויף דעם פריערדיקן שטעפּער. יענער האָט דאָס מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. האָט אַריינגעלייגט די שער צו זיך אין קעשענע פון רעקל און נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט איז ער מיט שטילע טריט אַוועק.

דער שטילער פּראָטעסט האָט עזראן איינגאַנצן צעטומלט און צערייצט. אָבער אַלץ איינס איז פאַר אים געשטאַנען אָפן בלויז איין וועג און אויף אים האָט ער געוואָלט גיין פאָרויס דורך אַלע שטרויכלונגען און שוועריקייטן: „אין דעם קורצן קלאָוק־סיזאָן" אויסאַרבעטן אַזויפיל באַשטעלונגען, פאַרקויפן אַזויפיל קליידער וויפל עס וועט זיך נאָר לאָזן און אויב נישט — איז ער אַ פאַרפאַ־לענער"...

כאָטש דאָס שטילע אַוועקגיין פון יענעם אַרבעטער איז געווען, ווי אַ פּאַטש אין פּנים, האָט דאָס אָבער עזראן געדינט ווי אַן אַרויסרוף נישט צו לאָזן זיך „שפּייען אין דער קאַשע". אין זיין איצטיקער צערייצטקייט האָט זיך דער באַלעבאָס פאַרנומען אויף זעליגן:

— איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ שנעלער בעל־מלאכה... איז

פאַרוואָס שלעפּט זיך ביי אייך אַ בגד, ווי אַ פּגר?... וואָס מיינט איר, אַז איך האָב מיליאָנען צו דערלייגן?

נאָך ערגער האָבן ביי אים אָפּגעשניטן די פּרויען־שניידערינס. ביי זיי האָט ער געהיט יעדן שטאָך מיט די נאָדלען; געריסן די מאַנטלען פון די הענט; אַרויפגעכאַפּט אויף די מאַנעקינען; גיט באַטראַכט דעם בגד און דערנאָך אים אַ שליידער־געטון דער אַרבעטערין אין פּנים:

— אַזוי נייט מען דאָס אַריין „קישעלעך״?... אייער אַרבעט טויג אויף כּפּרות!...

די איינציקע וואָס זענען אָפּגעקומען מיט אַ „לייכטן״ אויסרייד זענען געווען די פּרעסער און דער צושניידער. פאַר די ערשטע, האָט ער געהאַט אַ ווייטן, פאַרבאַהאַלטענעם „אָפּשיי״ צוליב דער גבורה, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון זייערע מוסקולירטע הענט, און דער צווייטער איז דאָך גלאַט געווען אַ פאַלגער, וואָס האָט אים געדינט אַזוי געטריי און איבערגעגעבן, ווי אַ הונט.

קוים דערפילט אין זיך דעם כּוח פון זיין אַ באַלעבאָס, איז אין עזרא פינקלשטיינען אָפּגעטעמפּט געוואָרן דער אַמאָליקער געפיל און די סימפּאַטיע צום מענטשן. איצט האָט ער בכלל מער נישט פאַרעכנט זיינע אַרבעטער פאַר מענטשן. נאָר בלויז פאַר „הענט״, וואָס האָבן געדאַרפט זיין פאָלגנדיקע. פּראָדוצירן אַזויפיל און אַזויפיל מאַנטלען אַ טאָג. אין די אָוונטן — גיין־אַהיים. דורך די נעכט — אָנשעפּן פרישע כּוחות, כּדי אויף מאָרגן ווידער קומען אין פאַבריקל און אַרבעטן אָן אָפּשטעל אַפילו פאַר די נייטיקסטע באַדערפעניש פון אַ בשר־ודם.

דעם גאַנצן צאָרן, וואָס עזרא האָט געטראָגן ביי זיך אין האַרצן, פון דער פּריִעסטער יוגנט אָן, ווען ער איז נאָך געווען אין דער לער ביי „חיים דעם רויטן״, דעם „דאַמסקע״ שניידער אין באַברויסק, און פון די געזעלן זיינע אַריינגעכאַפּט געגנוג פּעטש, און נישט געהאַט קיין שטיקל ברויט צו דער זעט, — האָט ער איצט אויסגעלאָזט צו זעליגן. פּונקט ווי דער פאַרזיצער פון די אַרבעטער אין פאַבריקל וואָלט געווען שולדיק, הלמאי די איבעריקע בעלי־מלאכות גיבן נישט אַרויס גענוג אַרבעט. און צוגעשפּילט האָט נאָך דאָס, וואָס זעליג איז נישט געווען גענוג פאַרזיכטיק און פאַרויכערט אַ סיגאַרעטל ווען דער באַלעבאָס האָט דאָס דערזען און צעשריִען זיך:

— דאָ רויכערט מען נישט! איך צאָל געלט פאַר אַרבעט, נישט פאַר רויכערן!

אַ טראַציקער איז זעליג אויפגעשפּרונגען פונעם בענקל און שאַרף געענטפערט:

— מיסטער פינקלשטיין! אויף מיר שרייט מען נישט! איך בין איך נישט קיין ייִנגעלע! דאָ איז אַ יוניע־שאַפּ, פאַרגעסט דאָס נישט!...

אויף א ווײַלע האָט זיך עזרא פאַרגעסן, אַז צו אַ פאָרשטייער פון די אַר־בעטער דאַרף מען אַזוי נישט רעדן. דאָס איז געקומען געוויס דערפון, וואָס זעליגס שטאָלצער ענטפער האָט נאָך מער צעיושעט זײַנע געפילן און ער האָט מער נישט געקאָנט צאַמען אין זיך דעם כעס:

— מיך סטראַשעסטו, דו הונט! קאָנסט נישט נאָר ברענגען די יוניע, קאָנסט אַפילו ברענגען דעם פרעזידענט פון אַמעריקע, וועט דאָס דיר אויך נישט העלפן!... איך צאָל נישט קיין געלט פאַר רויכערן!... וואָס מיינסטו, אַז איך בין אַ יאָלד?!...

דאָס טשיקאַווסטע איז אָבער געווען, וואָס כאָטש ער האָט כסדר געגוואַל־דעוועט אויף די שטעפּער מיט די שנײַדערינס, נישט אָפּגעלאָזט זיי פון אויג אויף אַ רגע אַפילו, האָט ער דאָך קיינעם נישט אַוועקגעשיקט. מחמת אין דער טיף, בײַ זיך אין האַרצן, האָט ער געוווּסט, אַז צו נײַע מאָדעלן און צו אַ נײַער פאַ־בריק — דאַרף מען זיך אָפּריִער צוגעוווינען איידער די אַרבעט גייט אַוועק אין פולן גאַנג. נאָר אויסערלעך האָט ער וועגן דעם קיין סימן נישט אַרויסגעוויזן.

וויבאַלד זײַן געדאַנקען גאַנג האָט אים בלויז געטריבן אין איין ריכטונג, איז אים שוין אויך געקומען אויפן זינען: אפשר זאָל ער זיך אַליין אַוועקזעצן בײַ דער לײַדיקער ניי־מאַשין?... ער וועט נעמען אַ „בינטל־אַרבעט". מיט זײַנע פלינקע פינגער אויפנייען דאָס אין אַ פּאָר שעה און ווײַזן די „קאָליקעס" ווי גיך מען דאַרף אַרבעטן?... עס איז דאָך מעגלעך, אַז זיי וועלן זיך פאַרשעמען און נישט קריכן, ווי די טשערעפּאַכעס!...

אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער דאָס זיכער געטון. נאָר איצט איז עזרא פינ־קעלשטיין געווען אַ באַלעבאָס פון זעקס און צוואַנציק אַרבעטער, וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט מורא און דרך ארץ. האָט שוין אים נישט געפּאַסט זעצן זיך צום מאַשין און ער איז, קעגן זײַן אייגענעם ווילן, געצוווּנגען געווען צו האַלטן זיך סטאַטעטשנע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאַבריקאַנט...

נאָר אַזוי ווי ער האָט די אַרבעט פאָרט געמוזט האָבן אין צײַט און דאָס אויסהאַלטן אַ לײַדיקע ניי־מאַשין האָט אים געקאָסט אַ סך געלט, האָט ער באַ־פוילן דעם שיק־יונג, וואָס האָט דאָ געאַרבעט די צווייטע וואָך, אַז יענער זאָל אַרויסהענגען אַ שילד, אונטן אין גאָס, אויף דער וואַנט פון דער געבײַדע, אַז „עס פאָדערט זיך אַ שטעפּער צו פרויען־קליידער"...

פּונקט ווי אַלץ אויף דער וועלט איז נישט געווען סטאַביל, אַזוי איז אויך נישט געווען עזרא פינקלשטיינס באַשלוס, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַנטוויק־לען און בײַטן. און אין אים האָט זיך ווידער דערוועקט די איינגערעדטקייט ווי פון

אָנהויב אָן: „צו זיין אַ גוטער באַלעבאָס". מיט דעם געדאַנק איז ער איינמאָל גע־קומען אין פאַבריקל אינגאַנצן אַן איבערגעאַנדערשטער. ער איז געוואָרן ווייך, ווי אַ מאַלינע און אַפּילו געפּרובירט שמייכלען, רעדן האַרציקע רייד און געהאַט טענות צו זיך אַליין: „וואָס האָב איך געשר:יען אויף זיי?... איך האָב דאָך באַ־שלאָסן צו זיין אַן אידעאַלער באַלעבאָס. איז מיט וואָס בין איך דאָס בעסער פון די באַלעבאָטים ביי וועמען איך האָב געאַרבעט?"...

דעם אמת געזאָגט, האָט עזרא פינקלשטיין גלייך דערפילט די סתירה פון זיינע אייגענע האַנדלונגען און, דוכט זיך, געשעמט צו קוקן די אַרבעטער אין די אויגן. זיי האָבן טאַקע געוואָרפן פאַרדעכטיקע בליקן אויף אים און עס איז געווען צו מערקן, אַז די בעל־מלאכות גלויבן אים נישט. זיי האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, אַז דער זעלבער מענטש, וואָס האָט ערשט נעכטן אַזוי געליאַרעמט, זאָל איבערנאַכט ווערן אַ מענטש מיט מענטשן צו גלייך.

אומגערעכט אין חשבון זענען זיי נישט געווען. עזרא האָט די נייע שטאַט־נעקייט טאַקע לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די מורא „צו זיין אַ דורכפאַל" און אויסגע־שטעלט ווערן צו דער טאַרבע, און די זשעדנעקייט צו זען וואָס מער אויסגעפּאַר־טיקטע בגדים אויפן לאַנגן שטאַנג, און מער ציפערן ביי זיך אין באַנק־ביכל — האָט גיך איבערגעוועלטיקט אַלע אַנשטעלן. איז ער ווידער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ראָל פון אַ שטרענגן באַלעבאָס:

— אַרבעט גיכער אַביסל! דאָ איז נישט קיין מושב־זקנים!... אַזעלכע „טייערע בעל־מלאכות" ווי איר האָבן גאָר געדאַרפט נייע תכריכים און נישט קיין „קלאָוקס"!...

עס קען זיין, אַז אין אַ רו:קערער צייט וואָלט זיך עזרא פינקלשטיין באַגאַנגען מיט זיינע אַרבעטער אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געוואָלט, אַז די באַלעבאָטים ביי וועלכע ער פלעגט אַרבעטן זאָלן זיך באַגיין מיט אים. אָבער איצט איז געווען אַ גרויסע מלחמה אויף דער וועלט. מיט איין קנאַק האָט ער געוואָלט ווערן רייך און נישט געוווסט ווי צו טון דאָס. נאָר נאָך ערגער דערפון איז געווען זיין שטענדיקע מורא פאַר באַנקראָט און עס האָט אים געקרענקט דאָס, וואָס ער האָט אַלע וואָך געמוזט אויסצאָלן ריזיקע סומעס געהאַלט און צו דעם איז ער נאָך נישט געווען צוגעוווינט.

און נישט אַכטנדיק אויף דעם וואָס אויף די לאַנגע שטאַנגען אַרום די ווענט און אַפּילו ביי זיך אין קאַבינעטל, זענען שוין געהאַנגען עטלעכע הונדערט פאַר־טיקע בגדים און בלויז געוואַרט, אַז מען זאָל זיי איינפּאַקן אין גרויסע, קאַרטאָנענע קאַסטנס און אַוועקשיקן, האָט זיך עזרא מיט דעם נישט באַנוגנט און נישט אויפגעהערט צו שרייען, איבערהויפּט אויף די שטעפּער:

— אין דער ערד זאָל דאָס אַריין!... אַרבעט!

אין מיטן די אומגעלומפּערטע געשרייען האָט זיך די טיר צעפּראַלט. אַפּריער האָבן זיך באַוויזן צוויי צעפּודעטע אויגן. נאָך זיי — אַ בלייך פּנים מיט דינע, בלויע ליפּן, אַ שפּיציקע נאָז און צום סוף — נישט קיין הויכער און נישט קיין דיקער גוף. פונעם ערשטן בליק האָט מען גלייך געקענט זען, אַז דאָס איז אַ שטעפּער אַרויפגעקומען וועגן אַרבעט.

אַ ביסל אַ פאַרלוירענער, האָט זיך דער אַריינגעקומענער אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, נאָר ווען ער האָט דערזען עזראַן, איז דער מענטש געוואָרן רירעוודיק, ווי אַ שטיק קוועקזילבער. אַן אויפגעהייטערטער איז ער כמעט צוגעלאָפן צום באַלעבאָס, אים אַרומגענומען מיט זיינע דאַרע הענט און אָן קיין שום צערעמאָניעס אָנגעהויבן רעדן אויף אַ קול, גוט־ברודעריש:

— פאַסטריגע! דאָס ביסטו? אַ בראָך דיר אין די זייטן! טאַקע געוואָרן אַ באַלעבאָס? אַ? נו, גוט! זאָל זיין מיט מזל! אַ שיינער שאַפ ביי דיר! שוין איבער אַ וואָך ווי איך זיך דיך אַרום און דו — ביסט ווי אין וואַסער אַריין!...

פון דעם מענטשנס הויכן און היימישן טאָן האָט עזראַן אָנגעהויבן ציטערן הענט און פיס. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען מיט פינטלענדיקע אויגן און אויף שטום־לשון געבעטן זיך, אַז יענער זאָל נישט רעדן אַזוי הויך, נישט דערציילן ווער ער איז. אָבער ער האָט גיך איינגעזען, אַז יענעמס פלאַמיקע רייד וועט ער אַזוי גיך נישט קענען אויסלעשן און ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט:

— ווי קומסטו אַהער, בעני?

בעני איז געווען אַ פשוטער מענטש. ער האָט נישט פאַרשטאַנען עזראס פינטלען מיט די אויגן און נישט באַנומען די מאָדנע פראַגע:

— אַ שיינע מעשה כ׳לעבן! וואָס הייסט „ווי קום איך אַהער?"... פון „דאָרטן" בין איך אַוועק. פאַרבייגעגאַנגען די געביידע און געזען אַ שילדל, אַז „עס פאָדערט זיך אַן אפּרייטער צו פרויען־קליידער" — בין איך דאָ!... היינט גיי און טרעף, אַז דאָס איז גאָר דיין שאַפּ?...

עזרא מיט בענין האָבן אַ סך יאָר געאַרבעט צוזאַמען ביי פאַרשידענע באַלע־באַטים. דער ערשטער האָט געוווסט, אַז יענער איז טאַקע אַ גוטער און גיכער שטעפּער. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַ ווײַלע געקווענקלט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז דורך בענין זאָלן זיך די אַנדערע בעל־מלאכות דערוויסן דעם אמת. נאָר די ליידיקע ניי־מאַשין איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרוואָרלאָזטע, און די אַרבעט האָט „געברענט" אונטער די הענט. האָט פינקלשטיין פאַרטריבן פון זיך אַלע ספקות און געזאָגט:

— הער זיך איין, בעני. איך דאַרף טאַקע האָבן אַן „אפּרייטער“. איך צאָל די פולע פּרייז. אָבער — פון דער וואָך. איז אויב דו וועסט אַרבעטן אַזוי שנעל ווי „דאָרטן“ און האַלטן דאָס מויל, וועל איך דיר געבן מיט פינף דאָלאַר מער פון די אַנדערע, פאַרשטייסט?...

אַ ווײַלע איז בעני געשטאַנען אַ צעטומלטער און אַ פאַרשעמטער. אים איז געווען נישט אַנגענעם צו קוקן אויף זיין געוועזענעם פריינט. און כאָטש ער איז געווען אַ באַרעדעוודיקער, פאַרמאָגט אַ שלל מיט בייסיקע פאָלקס־ווערטער און ווערטלעך און אין אַן אַנדער צייט וואָלט ער אים זיכער אַ זאָג געטון: „דו אויך? האָסט זיך דאָך באַרימט פאַר מיר, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער באַלעבאָס“, האָט ער אָבער איצט דערפילט אַזאַ אומעט אַרום זיך, אַז ער האָט קיין איינציקע זילבע נישט געקענט אַרויסברענגען אויף די ליפּן. האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, צוגעגאַנגען צו דער ליידיקער ביי־מאַשין און אַוועקגעזעצט זיך אַרבעטן מיט אַן איראָנישן שמייכל אין די אויגן.

גראָד האָט עזרא דעם סאַרקאַסטישן שמייכל נישט באַמערקט און געווען זיכער ביי זיך, אַז מיט די עקסטראַ פאַר דאָלאַר אויף דער וואָך האָט ער שוין בעני׳ן איינגענומען, געהאַט ביי זיך אין קעשענע און טאַקע צוליב דעם פון אָנהויב אָן גערעכנט זיך מיט אים נאָך ווינציקער ווי מיט די אַנדערע אַרבעטער אין פאַבריקל.

מיט זיין גאַנצער כיטרעקייט האָט עזרא נישט געוווּסט, אַז ער האָט איצט געמאַכט דעם גרעסטן טעות. ווייל בעני איז געווען פון די פאַרשוינען, וואָס מען קען נישט אונטערקויפן. אַ שטרענגער יוניע־מאַן און דערצו נאָך — אַ שטאָלצער בעל־מלאכה, האָט עזראס אָנבאָט בלויז אַרויסגערופן אַן עקל און ווידערווילן. דאָך האָט ער, אַרום צוויי וואָכן נאָכדעם, בלויז איינגעהערט זיך צו דער אַרומיקער נישט צופרידנקייט און גאָרנישט געזאָגט, פונקט ווי מיט אים גופא וואָלט דאָס גאָרנישט געהאַט צו טון.

דערפאַר אָבער אויף דער דריטער וואָך, ווען עזרא פינקלשטיינס אַרבעטער זענען אין אַן אָוונט געקומען אין דער „יוניע“ און דאָרטן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג, ביי וועלכער בעני איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דער שטענדיקער פאָרשטייער, האָט ער אָנגעהויבן פירן דאָס פאַבריקל אינגאַנצן אַנדערש ווי ביז אַהער.

אמת, דעם ערשטן האַלבן טאָג נאָך זיין דערוויילט ווערן, איז בעני געזעסן ביי דער אַרבעט אַזאַ שווייגנדיקער ווי אַלע מאָל, און די בעלי־מלאכות האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרדריסן אויף אים. זיי האָבן נישט געוווּסט פון זיין פּלאַן, אַז ער האָט געוואָלט נאָך אַביסל שטודירן דעם טיפן איבערבראָך, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין פריינט. נאָר עזראס געשרייען האָבן נישט אויפגעהערט און בעני האָט

בעזזן, אַז מיט גוטן וועט ער דאָ גאָרנישט קענען אויפטון, איז ער אַריינגעגאַנגען צו דעם באַלעבאָס אין קאַבינעטל און אים קורץ געזאָגט:

— הער זיך איין, עזרא. צוליב דעם וואָס דו ביסט געווען מיינער אַ פריינט, בין איך דיך געקומען וואָרענען, אַז אויב דו וועסט זיך ווייטער אַזוי באַנעמען צו די אַרבעטער, וועט די יוניע אַרונטערנעמען דעם שאַפּ אין שטרייק...

פונעם וואָרט „שטרייק" האָט זיך ביי עזראן אַ שטיק האַרץ אָפּגעריסן. ער איז בלאַס געוואָרן. ער האָט אַרויסגענומען אַ גראָבן ציגאַר, אים פאַררויכערט און מיט פראַסטיקער קאַלטקייט אין קול געענטפערט:

— פון ווען אָן ביסטו דאָס געוואָרן אַזאַ שישקע?... איך צאָל דאָך דיר מיט פינף דאָלאַר מער פון אַלעמען, איז וואָס האָסטו צו מיר?... און וואָס סטראַשעסטו מיך מיט שטרייק?... איך האָב פאַר דיר קיין מורא נישט! ס'וועט אייך גאָרנישט העלפן. די „אָרדערס" וועלן מוזן אַרויסקומען אין צייט און אומזיסט וועל איך קיין געלט נישט צאָלן...

בעני האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון עזראס קאַלטקייט:

— ערשטנס וויל איך דיר זאָגן, אַז איך בין נעכטן אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער שטענדיקער פאַרשטייער פון שאַפּ און צווייטנס: די פינף דאָלאַר נעם איך פאַר מיין שנעלער אַרבעט און נישט פאַר עפּעס אַנדערש... אגב וויל איך דיך פרעגן: וואָס איז מיט דיר געשען? ביסט דאָך אינגאַנצן אַן אַנדערער געוואָרן!... איך דערקען דיך נישט! ווו איז אַהינגעקומען דיין אידעאַליזם? דו אַליין פלעגסט דאָך שרייען אין דער יוניע, אַז די באַלעבאַטים זאָלן געבן בעסערע באַדינגונגען! איז דאָס בלויז געווען אַזאַ אַנשטעל, אַזאַ שפּיל ביי דיר?...

— דו ביסט אַן אידיאָט! — האָט זיך עזרא פינקלשטיין צעשריִען אויף אים, ווי אויף אַ שיק־יינגל. — ווייסט וויפל עס קאָסט מיך אָפּ אויסצוהאַלטן דעם שאַפּ. כ'האָב אַלעמאָל שווער געאַרבעט. געשפּאָרט יעדע פּעני. געקאַרגט פונעם וייב, פון די קינדער. דעם גאַנצן פאַרמעגן אַהער אַריינגעלייגט. איר ווילט מיך רויִנירן, און דאָס וועל איך נישט דערלאָזן!...

עזרא האָט געוווסט וואָס אַ שטרייק מיינט. דעריבער האָט ער זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע. ביי זיך אין געדאַנק געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט צו לינדערן די אַנגעצויגענע לאַגע און געוואָלט באַוויזן, אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער מענטש ווי עס דוכט זיך אויס.

— האָסטו כאָטש אַ שטיקל באַגריף וואָס עס מיינט צו זיין אַ באַלעבאָס?

בעני האָט אויף אים אַ לאַנגן, פאַרשנדיקן בליק געטון און דער בליק האָט

דערציילט, אַז איצט האָט ער געזען עזראַן צום ערשטן מאָל אין זיין אמתן געשטאַלט און מיט באַדויערן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— יאָ, איך ווייס טאַקע נישט „וואָס עס מיינט צו זיין אַ באַלעבאָס“. אָבער... דו האָסט שוין פאַרגעסן וואָס עס מיינט צו זיין אַן אַרבעטער און אַרבעטן ביי אַ אַזאַ סאָרט באַלעבאָס ווי דו ביסט געוואָרן, מיין פריינט...

אויף עזרא פינקלשטיינס פנים האָבן זיך די פאַרבן אַלע וויילע געביטן. בעניס אָפּענע און „חוצפּהדיקע“ רייד האָבן אים אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון די האַלאַבלעס. אַנשטאָט צו באַהערשן זיך און אָנעמען בעניס קריטיק ווי אַ מענטש, האָט ער גאָר פאַרלוירן דעם גאַנצן גלייכגעוויכט און ווי אַ צערייצטער אָקס אַ רעווע געטון:

— איך דאַרף דיין פריינטשאַפט אויף טויזנטער כפּרות! דאָ איז אַ שאַפּ! ביי מיר דאַרף מען אַרבעטן! און אויב דו האָסט באַשלאָסן אַרונטערצונעמען די אַרבעטער אין שטרייק, קאָנסטו גיין אין דער ערד מיט זיי אינאיינעם!...

אין דער רגע האָבן זיך צוויי פּאָר פיינטלעכע אויגן צוזאַמענגעטראָפן, און אין זיי איז געלעגן אַ ים מיט האַס פון איינעם צום אַנדערן. צווישן די אַמאָליקע פריינט איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אַ הויכע און דיקע מחיצה. די לופט האָט אַ ציטער געטון מיטן פאַרמעסט פון צוויי באַזונדערע כוחות. דערנאָך איז זי געבליבן שטיין אַ געדיכטע און אַ שטייפע. דאָס ליכטיקע פאַבריקל איז כמורנע געוואָרן און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז סיי די ניי־מאַשינען און סיי די פּרעס־מאַשינען, וואָס זענען נאָך געווען שפּאָגל נייע, זענען פּלוצים שטיין געבליבן פאַריתומטע און האָבן גענומען אויסזען זייער אַלט...

דער אַלמער

אין אַ ווינטערדיקן שבת־צו־נאַכט איז ר׳ בערע, דער סטאָלער, אַ הויכער און דאַרער ייִד, מיט אַ גערונצלט פּנים און לאַנגער, ווייסער באָרד, געקומען פון שול אַ דורכגענומענער פון פראָסט און הונגער. פּאַמעלעך האָט ער געעפנט די טיר פון זיין שטיבל און דערפילט ווי די אַרומיקע פוסטקייט האָט אים ווידער אַרומגענומען און אַ קלעם געגעבן ביים האַרצן.

נאָר באַלד האָט ער אויפגעזוכט אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן דאָס לעמפּל מיטן פאַרקאָפּטשעטן גלעזל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דערמיטן סטעלע אויף אַ געפלאָכטענעם דראָט. דער געלבלעכער שיין האָט אים אַ שניט געטון אין די וואַסערדיקע אויגן. דער שאָטן פון ר׳ בערעס הויכער פיגור איז מיטאַמאָל אויס־געוואַקסן צען מאָל אַזוי די לענג ווי אין דער אמתן. אַ האַלבער גוף האָט זיך אַ וואַלגער געטון אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. דער אַנדער האַלבער — אויפן נידעריקן סופיט, אַנגעשלאָגן זיך מיט קאָפּ אַזש אין דער צווייטער וואַנט און איז דאָרטן געבליבן הענגען אַזאַ באַוועגלאָזער, אומעטיקער און שטילער, ווי דער באַלעבאָס זיינער.

נאָכן אָפּמאַכן הבדלה האָט ר׳ בערע אַריינגעלייגט אין אויוון אַ פּאָר שייטלעך האָלץ, צו זיי — צוגערוקט אַ ביסל טרוקענע שפּענדלעך און אָנגעצונדן. ביז דאָס האָלץ האָט זיך צעברענט, דערווײלע אָפּגעשיילט עטלעכע קאַרטאָפל, זיי אָפּגע־וואַשן, צעשניטן אויף דינע רעדעלעך, אַריינגעלייגט אין אַ ליימענעם טעפּל, אָנגעגאָסן וואַסער און צוגעשטעלט קאָכן אַ בולבע־יויך, מיט אַ שטיקל טוקעווען שמאַלץ.

ווען דאָס געקעכץ איז פאַרטיק געוואָרן און איבערן שטיבל האָט פאַרשמעקט מיט וואַרעמער אכילה, האָט דאָס ר׳ בערע אַריינגעטון אין אַ טיפער, הילצערנער שיסל, געוואַשן זיך די הענט און גענומען זיך צו דער סעודה.

אָבער דאָס עסן איז אים פּאַרט נישט איינגעגאַנגען. צווישן איין שלונג און דעם אַנדערן האָבן אים אין די אויערן אָנגעהויבן קלינגען דעם רבס רייד, וואָס האָט באַלד נאָך מעריב געזאָגט, אַז „היינט וועט די שטאָט אויסגעבן באַשקע די יתומה פאַר איטשקע דעם לאָמען אונטערשמייסער", וואָס איז אינדערפרי צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויפגערופן געוואָרן צו דער הפטורה.

און ר' בערע האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז דער רב פון שול האָט זיך נישט גערעכנט דערמיט וואָס איטשקע דער לאָמער האָט אַפילו נישט געקענט מאַכן די ברכות ווי ס'געהער צו זיין. דער רב אַליין איז אַרויף אויף דער בימה באַלד נאָך מעריב און געזאָגט צום עולם:

— אויב אין אַ שטאָט געפינען זיך צוויי קיילעכדיקע יתומים, דאַרפן זיי זיין פאַררעכנט ביי אַלעמען ווי אייגענע קינדער. איז אַזוי ווי מיר גיבן זיי היינט אויס, איז אַ גרויסע מצוה אַז יעדער ייִד זאָל זיי קומען צו הילף מיט וואָס איינער קען.

אַ היפּשע ווײַלע איז ר' בערע דער סטאָלער געזעסן איבער דער שיסל בולבע־יויך און דער קאָפּ האָט זיך אים געשפּאָלטן אויף שטיקער. אויך ער האָט געוואָלט באַהילפיק זיין די אָרעמע חתן־כלה, ברענגען כאָטש עפּעס אַ שטיקל דרשה־געשאַנק און נישט געהאַט וואָס.

דער לעצטער געדאַנק האָט אָפּגעטויט זיין אַפּעטיט צום עסן. האָט ער אַוועקגעלייגט דעם לעפל, מיט זיינע שטאַרע אויגן אַרומגעקוקט זיך איבערן שטיבל און געטראַכט: אפשר אַוועקפירן אַהין די האַרטע קאַנאַפּע, צי דאָס טישל, אָדער טובאַרעטקע? און באַלד געכאַפּט זיך, אַז ס'טויג נישט. מחמת ער אַליין וועט דאַך נישט האָבן אויף וואָס צו שלאָפן, אויף וואָס צו זיצן כדי צו קענען אַריינקוקן כאָטש אין אַ קאַפּיטל תהילים.

אָבער מיטאַמאָל איז זיין בליק געפאַלן אויפן אַלמער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געפּוסטעוועט. אין ר' בערעס מוטנע אויגן האָבן זיך פּלוצים צוויי פייערלעך צעפלעמלט. די בלאַסע באַקן, וואָס האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פון דער ברייט און לענג צעוואַקסענער ווייסער באָרד, זענען, דוכט זיך, באַפאַרבט געוואָרן מיט אַ רויטלעכער פאַרב.

איז ער ראַפּטום אויפגעשטאַנען פון טובאַרעטקע, צוגעגאַנגען צום אַלמער, מיט ציטער אין די פינגער געגלעט דעם אַלטן פּאַליטור אויף אים. ר' בערע האָט זיך געוואָלט איבערצייגן צי דער אַלמער שטייט נאָך אויף אַלע פיר פיסלעך — האָט ער אים אַ טרייסל געטון. דערנאָך אַ צופרידענער צעפּראַלט די צווייענדיקע

טערלעך און אין פּנים האָבן אים אַ שפּאַר געטון די הענגערס, וואָס האָבן אויס־געזען ווי אויסגעבויגענע פינגער מיט די נעגל אויף אַרויף.

אין אַ ווינקל אַלמער איז אויף איין „פינגער" נאָך געהאַנגען זיין ווייבס אַן אַלטער, אָפּגעקראָכענער מאַנטל און דערביי — אַ וואַרעמע פאַטשיילקע, וואָס איז פאַרבליבן ווי אַ זכר פון די אַמאָליקע יאָרן, ווען דער אַלמער איז געווען אָנגעפילט מיט רייזעלעס בלוזקעס, קליידלעך און מאַנטלען. אויך זיין אַטלעסענער סורטוק, וואָס זי האָט אים געלאָזט אויפנייען צו דער חתונה, מיטן שוואַרצן פּאַלטאָ, זענען אַלעמאָל געהאַנגען נעבן אירע קליידער אַזעלכע ריינע, אָפּגעפּו־לעטע, און דערציילט פון אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן.

פון דער דערינערונג האָבן זיך ביי ר׳ בערען אין די אויגן געשטעלט טרערן. האָט ער אַרויסגענומען רייזעלעס קליידל, אויפגעהאָנגען אויף אַ טשוואָק אין וואַנט אַנטקעגן זיין קאַנאַפּע, אַז ער זאָל אָפּט קענען קוקן אויף דעם. מיט דער פאַטשיילקע אַרומגעבונדן זיך דעם האַלדז, האָט ער צוריק פאַרמאַכט די טירלעך פון אַלמער און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן.

פונעם שטעלכל האָט ער דערנאָך אַרויסגעפירט דעם שליטל, אים צוגעשלעפּט צום גאַניק פון שטיבל, אַריין אין אינעווייניק, קוים מיט צרות אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן דעם אַלמער, פאָרזיכטיק אַוועקגעלייגט אויפן שליטל, אים איינגעבונדן מיט שטריק. נאָכדעם אָנגעטאָן דעם פאַרלאַטעטן פּאַלטאָ, אַראָפּגעצויגן די קוטשמע ביז איבער די אויערן, פאַרוואָרפן די שטריק פון שליטל צו זיך אויף די אַקסלען, אַ שטאַרקן צי געגעבן, און דער אַלמער האָט זיך גערירט פון אָרט, ווי דער אָרון ביי אַ שטילער לוויה.

פון ר׳ בערעס שטיבל ביז דעם רבס הויז, ווו מען האָט איצט געפּראַוועט די חתונה, איז דער וועג געלאָפן אַ באַרג־אַרויפיקער, אַ שווערער. איז דער אַלטער ייִד געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט די לעצטע כוחות געשלעפּט דעם שליטל, און מיט־אַמאָל האָט זיך זיין גאַנצער לעבן אַדורכגעטראָגן פאַר די אויגן.

אָט איז ער נאָך גאָר אַ יונגערמאַן פון קאַרגע דריי און צוואַנציק יאָר, וואָס איז ערשט געוואָרן אַ חתן און געאַרבעט ביי ר׳ חנן די באָרד אין מאַסטערסקאַיאַ. נאָך די לעצטע עטלעכע חדשים האָט ער ביז שפּעט אין די נעכט געמייסטרעוועט פאַר זיך אַליין דאָ אַ טיש, דאָ צוויי בעטן, אַ בופעט, פיר שטולן און אַ דעמבענע קאַנאַפּע.

ביז צו דער חתונה האָט ער דערווייל די פאַרטיקע שטיקער מעבל אַריינ־געשטעלט צו זיין כלהס עלטערן אין גרויסן אַלקער, און יעדעס מאָל ווען ער האָט אַהין געבראַכט אַ נייע זאַך, האָט ער זי געפרעגט:

— נו, רייזעלע? ווי געפעלט דאָס דיר?

אַ שיין געוויקסיק מיידל, מיט אַן אַליווער הויט אויף איר איידל שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים, לאַנגע שוואַרצע צעפּ, מיט געדיכטע וויעס אַרום די טיפע, ברוינע אויגן, פלעגט רייזעלע שטענדיק שטיין בלייבן אַ פאַרשעמטע און מיט אַראָפּגע־לאָזטע בליקן צום דיל ענטפערן:

— ס'איז זייער שיין... דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָגן, אַז דו האָסט גאָלדענע הענט...

פון איר וואַרעמען אָטעם און איבערהויפּט — פון דעם רייצנדיקן שמייכל, וואָס האָט זיך צעוויגט אויף אירע פולע, רויטע ליפּלעך, איז בערע דעמאָלסט אַ פריילעכער אַרומגעגאַנגען אַרום די שטיקער מעבל, און אַרום רייזעלען, ווי אַ גאַלאַגאַנסקער האָן אַרום אַ „באַוואַטנער" הון פאַרן פּאָקן זי, און מיט זיינע געזונטע הענט, וואָס האָבן אַלעמאָל אויסגעזען ווי צוויי דעמבענע לאָפּעטעס, האָט זי דער חתן געוואָלט אַרומנעמען און געבן אַזאַ מין דריק צו צו זיך, אַז ער זאָל דערפילן ווי אירעביינדלעך טרעשטשען אונטער איר צאַרטער, מיידלשער הויט, אָבער גראָד איז פון אונטער דער ערד אַלעמאָל אויסגעוואָקסן איר מאַמע דערנעבן און כלומרשט אַ שטרענגע אַנגעשריגן אויף אים:

— וואָס איז, בערע? גייסט גאָרנישט צו דער אַרבעט?... וואָס פּאַטערסטו צייט אויף גאָרנישט אַ? דו ביסט דאָך שוין אַ חתן... און פירסט זיך נאָך אויף ווי אַ יינגל!...

פאַרן וואָרט „חתן" האָט זיך בערע פאַרשעמט. די שפּיצן אויערן האָבן זיך אים אָנגעצונדן ווי אַ העליש פייער. איז שוין זיין רעכטע האַנט צוריקגעפאַלן פון רייזעלעס דינער טאַליע. אַ זודיקע האָט זי אָנגעכאַפּט די קאַלטע קליאַמקע פון דער דרויסנדיקער טיר. אויף אַ רגע האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, מיט דער צעפּאַטלטער טשופּרינע צו זיין כלה, און געזאָגט:

— וואַרט, רייזעלע, וועסט נאָך זען וואָס פאַר אַן אַלמער איך וועל דיר מאַכן!...

אויף דעם האָט זי אים נישט געענטפערט. אויך זי איז נישט צופרידן געווען וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו אַרומנעמען זי אין צייט, איידער די מאַמע איז אַנגעקומען אין סאַלע. דעריבער האָט זי אים איצט בלויז צוגעוואָרפן אַזאַ צוזאָגנ־דיקן בליק, אַז דעם גאַנצן וועג צו דער מאַסטערסקאַיאַ — איז ער געגאַנגען ווי אויף אויסגעבעטע פערענעס און אַפילו נישט געפילט דעם באָדן אונטער די פּאָדעשוועס.

בערע האָט געהאַלטן וואָרט. אין איינעם אַ דאָנערשטיק אינדערפרי האָט ער פון דער נאָענטער „ליעסאָפּילנע" געבראַכט ליפּאָווע ברעטער, וואָס האָבן מיט

זייער ליפּע־אַראָמאַט צעווינגט און פאַרכישופט די שווערע לופט אין „מאַסטערס־קאַיאַ״. דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן דעם פאַרטוך, צעשניטן די ברעטער אויף זייטלעך, טירן, פּראָנטן, דעקן, אַ וואַנט און קאַרניזן, און ער האָט אָנגעהויבן אָפּהובלעווען די שאַרסקע הויט פון זיי.

איינע נאָך דער אַנדערער האָט ער אַרויפגעלייגט אַ ברעט נאָך אַ ברעט אויפן ברייטן ווערקשטאַט, און פונעם הובל האָבן זיך אַרויסגעשלענגלט לאַנגע, געקרייזלטע סטרושקעס, וואָס האָבן נאָך אַ היפּשע צייט געשמעקט מיט כלה־פרישקייט, מיט יונגע ליפּע, און הכנעהדיקע געפאַלן צום סטאָלערס פיס.

אַז די אויבערשטע הויט איז שוין געווען גאַנץ גלאַטיק, האָט דער יונגער סטאָלער „אָנגעשאַרפט און אָנגעשטעלט דעם „דובולט״ און דערמיט אַרויסגעבישופט פונעם האָלץ גלייכע, „זיידענע לענטעס״, וואָס האָבן זיך קוים־קוים געשרויפלט צו דער ערד, ווי די זיידענע סטרוזשקעס וואָלטן זיך נישט געוואָלט שיידן, נישט מיט די ברעטער און נישט מיטן זינגענדיקן „דובולט״, וועלכער האָט זיי אָפּגעשיילט פונעם האָלץ.

אין די ברעטער, וואָס בערע האָט באַשטימט אויף זייטלעך און דעקן, האָט ער מיט אַ שמאָל און דין־ציינעוודיק זעגעלע אויסגעשיפּעט „ציינער״ מיט „מיילער״. נאָכדעם אויסגעפּרובירט צי זיי פּאַסן זיך אַריין איינס אין אַנדערן, און אַ צופרידענער אָוועקגעשטעלט זיך אויפקאָכן אַ געדיכטן סטאָליאַרסקן קלעי.

דערווייל האָט זיין פריינט, הערשל „די דלאָטע״, וואָס האָט געאַרבעט ביים צווייטן ווערקשטאַט, ממזריש פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג, בגנבה געקוקט אויף בערעס פאַרשוויצט פּנים, אויף די פריש אָפּגעהובלעוועטע ברעטער, און אַ פריי־לעכער אָנגעהויבן זינגען:

אין דיינע אויגן, רייזעלע,
ברענט אַ פרומער פייער!
ברענט אַ פרומער פייער!
גיב זשע מיר דיין הענטעלע,
וואָס איז מיר אַזוי טייער!
גיב זשע מיר דיין הענטעלע,
וואָס איז מיר אַזוי טייער!

אָפּריער האָט בערע געשמייכלט. עס האָט אים הנאה געטון וואָס זיין פריינט איז אים מקנא הלמאי ער איז שוין געוואָרן אַ חתן און יענער נאָך נישט. אָבער ווען הערשל האָט דאָס לידל איבערגעחזרט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, האָט זיך בערע

דערפון אָנגעברוגזט. נאָר זאָגן עפּעס האָט אים איצט נישט געפּאַסט, נישט גע־וואָלט אַרויסווייזן אַז דאָס אַרט אים צו שטאַרק, און נאָך עקשנותדיקער געפּירט דעם „פּוגאַנעק" איבער די קאַנטן. דערנאָך אַרויפגעשטעלט אַ קאַנט אויף אַ קאַנט, פאַרזשמורעט אַן אויג, געוואָלט זען צי די קאַנטן זענען אַרויסגעקומען גלייכע, צי עס איז נישטאָ קיין בערגעלעך, מיט גריבער אין זיי, און אָנגעהויבן צוזאַמענ־קלייען דעם אַלמער, וואָס ער האָט צוגעזאָגט רייזעלען אַ מתנה.

ווען דער סקעלעט פונעם אַלמער איז שוין געשטאַנען אַן אַרומגעכאַפּטער מיט אייזערנע פּרענטעס, האָט בערע דערוויל אויפגעמאַכט צוויי קליינע שופלאָדן און אַריינגעפּאַסט זיי אין די אונטערשטע עפענונגען. אין דער מיט פון די טירן — אַרויפגעקלייעט צוויי אויסגעשניצטע, קיילעכדיקע „קנעפּ", וואָס האָבן אויסגע־זען ווי צוויי פורימדיקע קוילישן, און צוגעגעבן דעם אַלמער מער מאַסיווקייט און ייִדישן חן.

אַ פּאָר טעג האָט ער דעם אַלמער געשלייפט מיט גראָבן און נאָכדעם מיט גאָר דינעם גלאָז־פּאַפּיר. און ווען בערע האָט אונטער די פינגער דערפילט די סאַמעטענע גלאַטקייט פונעם האָלץ, וואָס האָט געגלעט דאָס האַרץ, האָט ער דעם אַלמער „אָפּגעבייצט" אויף אַ ברוינלעכן קאָליר, מיט שטיקער זעק און שמאַטעס דאָס גוט אויסגעווישט און גענומען זיך צום פּאָליטורן.

פאַרשטייט זיך, אַז רייזעלען אַ מתנה, האָט דער סטאָליאַרסקער חתן נישט געשפּאָרט קיין מי, און דעם אַלמער פּאָליטורט אַזוי לאַנג ביז דער פּאָרנט מיט די זייטלעך האָבן זיך צעגלאַנצט ווי אויסגעשליפענע שפּיגלען, און אָפּגעשפּיגלט בערעס לענגלעכן פּנים, די שאַרפע נאָז און די פינקלדיקע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן איצט אויסגעזען ווי די אויגן ביי אַ יונגן, געזונטן בוהיי, ווען ער דערזעט פונווייטן די ערשטע בהמה פון זיין טשערעדע.

אויף מאָרגן נאָך דער חתונה האָט רייזעלע גענומען זיין נייעם סורטוק, וואָס זי האָט געלאָזט אויפנייען פאַר אים, דעם שוואַרצן פּאַלטאָ, און אַרויפגעהאַנגען אויף די אויסגעבויגענע „פינגער" אין אַלמער. זי האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער באַמערקט נישט און אַפּריער לאַנג געגלעט די לאַנגע אַרבל פון סורטוק. דערנאָך זיי אַרומגעוויקלט אַרום איר שמאָלער טאַליע און, דוכט זיך, דערפילט דעם זעלביקן ציטער און וואַרעמקייט איבערן גאַנצן לייב, ווי די אַרבל וואָלטן איצט נישט געווען קיין פּוסטע, נאָר בערעס קרעפטיקע און דאָך איידעלע הענט.

אַ פאַרשעמטע האָט זי זיך באַלד אָפּגעריסן פונעם סורטוק, אויף גיך אָנגע־הויבן אַריינהענגען אירע אייגענע קליידער, און איז געווען צופרידן וואָס דער אַלמער איז אַזאַ שיינער און גראַמער.

די צייט איז דערווייל נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. איין פסח האָט געיאָגט דעם אַנדערן. איין ראש־השנה דעם צווייטן. די ערשטע עטלעכע יאָר האָט בערען מיט רייזעלען כמעט נישט געאַרט וואָס זיי האָבן קיין קינדער נישט געהאַט. יונגע, געזונטע, זאָרגלאָזע און פריילעכע, זענען זיי געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין און נישט געטראַכט דערפון וואָס וועט זיין.

נאָר מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער, ווען בערען האָט מען שוין פון לאַנג גערופן „ר׳ בערע" און די לאַנגע באָרד זיינע איז דורכגעוועבט געוואָרן מיט אומצאָליקע ווייסע פעדים, און אויף רייזעלעס אַמאָליקן שיין פּנימל האָט זיך אויסגעלייגט אַ קאָרב נאָך אַ קאָרב און אויסגעזען ווי אַ צעאַקערט פעלד, זענען די געעלטערטע מאַן און ווייב אָפט געבליבן זיצן ביים טיש — אומעטיקע, דערשלאָגענע, און נישט געהאַט שוין דאָס האַרץ צו ריידן וועגן דעם, אָדער חלילה אויפוואָרפן איינער דעם אַנדערן הלמאי זיי האָבן נישט באַוויזן צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט.

מיט זייער עלטערן זיך האָט זיך אויך דער אַלמער געעלטערט. ער איז געוואָרן געזעצטער אויף די קורצע פיסלעך. די לייסטלעך און קאַרניזן — אָפּגע־שפּרונגען אין אייניקע ערטער. אָבער דער פּאָליטור אויף אים איז געבליבן כמעט ווי געווען: לויטער און טיף, און נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז קוקנדיק אינעם גלאַנציקן פּאָליטור, האָט ר׳ בערע אַרומגעצופּט זיך אַ ביסל די באָרד מיטן שערל.

אין מאַסטערסקאַיאַ איז שוין ר׳ בערע לאַנג נישט געגאַנגען. צוליב זיין עלטער און שוואַכן געזונט, האָט אים קיינער מער נישט געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט. און ווען אין שטיבל האָט אָנגעהויבן אויספּעלן אַ שטיקל ברויט, האָט ער ביי זיך אין שטעלכל צונויפגעשלאָגן אַ „װערקשטאַט" און פון צייט צו צייט גע־מאַכט אַ טישל, אַ טובאַרעטקע, און איבערהויפּט האָט ער זיך פיל אָפּגעגעבן מיט מאַכן קינדערשע וויגעלעך, וואָס ער פלעגט אָװעקטראָגן אויפן מאַרק צום פאַרקויפן.

מעגלעך, אַז אַזוי וואָלט ער אפשר מיטן ווייב ווי עס איז דערשלעפּט די לעצטע עטלעכע יאָר. נאָר אין איינעם אַ ביינאַכט האָט זיך רייזל אַריינגעלייגט אין בעט, אַ ווײלע געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, דערנאָך צוגערופן איר מאַן און מיט פרומער שולדיקייט אין כריפּלען קול געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, בערע, וואָס איך האָב דיר קיין קדיש נישט געגעבן — און איז אין דער זעלבער נאַכט אַוועק פון דער וועלט אַזאַ צאַרטע, איידעלע און שטילע ווי ביים לעבן.

ר׳ בערע האָט דעמאָלסט געוואָלט וויינען און שרייען: „רייזל! אויף וועמען לאָזסטו מיך איבער?!" נאָר אַלץ איז אים מיטאַמאָל פאַרגליווערט געוואָרן און

ער האָט אַפילו נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איינצלנע זילבע אויף די ציטערדיקע ליפּן.

פון דעמאָלסט אָן איז ר׳ בערע געבליבן איינער אַליין אין דעם פּוסט־געוואָרענעם שטיבל און האָט שוין מער קיין חשק נישט געהאַט אַרייגגיין אין שטעלכל צו מאַכן אַ שטיקל מעבל. און ווען דער הונגער האָט אים אַ פּאַק געטון, האָט ער אַפּריער פאַרקויפט דעם בופעט, די צוויי בעטן, און צולעצט: ביי אַ וואָכערניק פאַרזעצט רייזעלעס לייכטער, און ער האָט דערפילט, אַז מיטן אַוועקגיין פון רייזעלעס לייכטער איז אין ערגעץ אַוועקגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן און וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן אויף צוריק.

און איצט? דער ווינטערדיקער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד, אַראָפּגעוואָרפן פון דאָרטן דינע, יונגע פּוכעלעך שניי, וואָס האָבן זיך אויף אַ רגע אַוועקגעזעצט אָפּרוען ביים אַלטן יידן אויף די צעשויבערטע ברעמען, אויף גיך צעשמאָלצן זיך, און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיילעכדיקע, מענטשלעכע טרערן, וואָס האָבן אַראָפּגערונען אין די וואָנצעס, אין באָרד, און דאָרט איינגעפרוירן.

די פינצטערע גאַסן, די דעכער פון די הייזער און די פאַרקאַנעס, די ביימער פאַר יעדן שטוב און שטיבל — אַלץ איז איינגעדעקט געוואָרן מיט אַ שנייאיקן ליילעך. און דער אַלטער און הויכער ר׳ בערע האָט זיך מיטאַמאָל ווי אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, פּונקט ווי ער וואָלט איצט אויף זיין שליטל גאָר נישט געפירט רייזעלעס אַלמער צו אַ נייער כלה, וואָס דאַרף ערשט אָנהייבן דעם וועג פון אַ בשר־ודם, נאָר ווי ער וואָלט גאָר געגאַנגען ערב יום־כיפור אין שול דאַווענען.

אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) **י. ל. פרץ** — דריי חסידישע דערציילונגען
אַלבום־פאָרמאַט, געצייכנט פון קינסטלער משה פייגענבלום.

2) **ה. ש. קאַזדאַן** — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור **(אויספאַרקויפט)**

3) **י. י. טרונק** — כעלעמער חכמים **(אויספאַרקויפט)**

4) **שלמה סיימאָן** — אַמאָליקע יידן **(אויספאַרקויפט)**

5) **פּראָפ. ליבמאַן הערש** — אויף דער גרעניץ פון צייטן

6) **יצחק פערלאָוו** — אין אייגענעם לאַנד

7) **י. י. טרונק** — דער פרייליכסטער ייד אין דער וועלט **(אויספאַרקויפט)**

8) **ש. סיימאָן** — תוך־יידישקייט

9) **נ. ב. מינקאָוו** — זעקס יידישע קריטיקער
פּרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

10) **אברהם זאַק** — אין אומרו פון יאָרן
פּרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פּרעמיע
פון „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס.

11) **יוסף רייך** — וואַלד אין פלאַמען

12) **מ. וו. בערנשטיין** — אין לאַבירינטן פון תקופות **(אויספאַרקויפט)**

13) **לעאָן קאָברין** — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע **(2 טיילן)**

14) **יצחק פערלאָוו** — דזשעבעליאַ **(ראָמאַן)** **(אויספאַרקויפט)**

15) **ברוך ריווקין** — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

16) **מלכה לי** — דורך קינדערשע אויגן.

17) **יעקב פאַט** — די לערערין אסתר **(אויספאַרקויפט)**

18) **שלמה סיימאָן** — וואָרצלען

19) **משה דלוזשנאָווסקי** — „האַרבסט אין ווינגאָרטן"
(דערציילונגען און דראַמעס)

20) **מנחם באָריישאָ** — עסייען.

21) **לעאָן בערנשטיין** — ערשטע שפּראָצונגען
22) **משה אייזענבוד** — געלעבט הינטער קראַטן
23) **פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער)** — ייִדישער אומקום און ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך.
24) **דוד איגנאַטאָוו** — „אָפּגעריסענע בלעטער״
25 **דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)** — פּאַמפּאַדור
26) **נח גאָלדבערג** — אויף צעוואָרפענע וועגן.

אין דרוק:

י. ה. פישמאַן — פריער און שפּעטער

אין צוגרייטונג:

מ. וו. בערנשטיין — ביים סוף פון טויזנט יאָר אשכנז
אברהם זאַק — אויף שליאַכן פון הפקר
ב. שעפנער — רייזע־בריוו פון ישראל.
מ. דלוזשנאָווסקי — ווי אַ בוים אין פעלד

ווענן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

EDITORIAL "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 62-9566 — BUENOS AIRES

NOAH GOLDBERG

ALONG SCATTERED ROADS

★

"IDBUJ"
BUENOS AIRES
1957